שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

ג

מאָטעל פּייסי דעם חזנ׳ס

2 טיילן

„טאָג־מאָרגען זשורנאל״ אויסגאבע
לכבוד דער 100־יאָריגער פייערונג
1859־1959 • ניו־יאָרק

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/peacebeuponyouse0000vari

שלום עליכם

מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס

כתבים פון אַ יונגעל אַ יתום

ערשטעס טייל:

פון דער היים קיין אַמעריקע

געשריבען אין יאָהר 1907

Copyright, 1920, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

אינהאלט

היינט איז יום־טוב — מע טאר נישט וויינען!	9
מיר איז גוט — איך בין א יתום!	31
וואס וועט זיין פון מיר?	41
מיין ברודער אליהו האט חתונה	59
איך האב א רייכע שטעלע	71
א שמאלץ־גרוב	83
מיין ברודער אליהו'ס געטראנק	93
מיר פארפלייצען די וועלט מיט טינט	105
נאכוועהענישען פון דער טינט־פארפלייצונג	119
א גאס גיסט	127
אונזער חבר פיני	139
שאט, מיר פאהרען קיין אמעריקע!	151
מיר גנב'ענען די גרעניץ	165
מיר זענען שוין אין בראד!	181
קראקע מיט לעמבערג	195
מיט די עמיגראנטען	207
וויען איז א שטאדט און גאט איז א פאטער	217
וואונדער פון אנטווערפען	231
די האליאסטרע	245
די האליאסטרע ווערד צעקראכען	259
זיי געזונט, אנטווערפען!	271
לאנדאן, פאר וואס ברענסט דו נישט?	281

I

היינט איז יום־טוב — מע טאָר נישט וויינען !

I

היינט איז יום־טוב — מע טאָר גישט וויינען!

א.

איך געה מיט אייך אין געוועט אויף וויפיעל איהר ווילט, אַז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופריעדען מיט'ן ווארעמען ליכטיגען נאָך־פּסח, ווי איך, פּייסי דעם ח״נ'ס יונגעל, מאָטעל, און דעם שכנ'ס קעלבעל, וואָס מע רופט דאָס „מעני" (דאָס האָב איך, מאָטעל, דעם א נאָמען געגעבען „מעני").

ביידע גלייך האָבען מיר דערפיהלט די ערשטע שטראַהלען פון דער ווארעמער זון אינ'ם ערשטען ווארעמען נאָך־פּסח'דיגען מזאָג, ביידע גלייך האָבען מיר דערשמעקט דעם ריח פונ'ם ערשטען גרינעם גרעזעלע, וואָס קריכט, שפּראָצט־ארויס פון דער נאָר־וואָס אָפּגעדעקטער ערד, און ביידע גלייך זענען מיר ארויסגעקראָכען פונ'ם פינסטערען ענגשאַפט צו מקבל־פּנים זיין דעם ערשטען זיסען ליכטיגען ווארעמען פריהלינגס־מאָרגען. איך, פּייסי דעם חזנ'ס יונגעל, מאָטעל, בין ארויס פון א טוואַן, פון א קאַלטען נאַסליכען קעלער, וואָס שמעקט מיט זויערטייג און מיט רפואות פון דער אפּטייק; און מעני, דעם שכנ'ס קעלבעל. האָט מען ארויסגעלאָזט נאָך פון איין ערגערען עפּוש: פון א קליין, פינ־

אַזױ קאָמיש, אַז איך האָב מיך געמוזט צעלאַכען און נאָכמאַכען פּונקט דעם אײגענעם „מע“ מיט'ן זעלביגען נוסח, װאָס מעני. מעני'ן איז דאָס, װײזט אױס, געפעלען, װאָרום עס האָט לאַנג נישט גענומען, האָט דאָס קעלבעל איבערגע'חזר'ט דאָס אײגענע נאָך אַ מאָל, מיט'ן זעלביגען נוסח און מיט'ן זעלביגען שפּרונג. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטהאָן מיט אַלע פּישטשעװקעס, מיט'ן קול און מיט'ן שפּרונג. אַזױ עטליכע מאָל: איך אַ שפּרונג, דאָס קעלבעל אַ שפּרונג; דאָס קעלבעל אַ „מע“, איך אַ „מע“. װער װײסט, ביז װאַנען דאָס שפּיעל װאָלט זיך אַזױ געצױגען, װען ניט אַ שנײד פון הינטען אין האַלז אַרײן פון מײן עלטערען ברודער אליהו מיט אַלע זײנע פינף פינגער:

— אײנגעזונקען זאָלסט דו װערען! אַ בחור'ל פון כמעט נײען יאָהר שטעלט זיך אװעק טאַנצען מיט אַ קעלבעל!... אין שטוב אַרײן געה, דו הולטײ אײנער!... דער טאַטע װעט דיר שױן געבען!...

ב.

בלאָטע! דער טאַטע װעט מיר ניט „געבען“ גאָרניט. דער טאַטע איז קראַנק. ער דאַװענט שױן ניט פאַר'ן עמוד פון שמחת־תורה אָן. גאַנצע נעכט הוסט ער. עס געהט צו אונז דער שװאַר־צער דאָקטאָר, אַ גראָבער מיט שװאַרצע װאָנסעס און מיט לאַ־בענדיגע אױגען — אַ פרײליכער דאָקטאָר. מיך רופט ער „פּופּיק“ און שנעלט מיר מיט די פינגער אין בײכעל אַרײן. ער זאָגט אָן אַלע מאָל דער מאַמען, מע זאָל מיך ניט שטאָפּען מיט קײן קאַרטאָפּליעס, און דעם קראַנקען זאָל מען געבען נאָר בוליאָן און מילך, מילך און בוליאָן. די מאַמע הערט איהם אױס, און אַז ער נעהט אװעק, באַהאַלט זי דאָס פּנים אין פאַרטוך און די אַכסלען

סטער, בלאָטיג, פאַרפאַסקודיגט שטעלעבעל מיט אויסגעקרימטע צעפליקטע ווענט, וואָס ווינטער בלאָזט־אַריין אַהין דער שניי און זומער שמייסט אַריין דער רעגען.

אַרויסגעחאַפּט זיך אויף גאָט'ס פרייע ליכטיגע וועלט, האָבען מיר ביידע, איך און מעני, אויס דאַנקבאַרקייט צו דער נאַטור, זיך גענומען אויסדריקען אונזער צופריעדענהייט. איך, פּייסי דעם חזנ'ס יונגעל, האָב אויפגעהויבעןביידע הענט אַרויף, אייפגעעפענט דאָס מויל און אַריינגעצויגען אין זיך די פרישע וואַרעמע לופט אַזוי פיעל, וויפיעל איך האָב געקאָנט, — אין עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַכס אין דער הויך, און עס ציהט מיך אַרויף־אַרויף, אין דער טיעפער־טיעפער בלויער יאַ־כמעלקע אַריין, דאָרט וואו די שיטערע רויכיגע וואָלקענס שוועבען, דאָרט וואו די ווייסע פויגלען טוקען זיך, באַווייזען זיך און ווערען פאַרשוואונדען מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויטשער, און עס רייסט זיך אַרויס פון מיין אָנגעפילטער ברוסט, אָהן מיין וויסען, אַ מין געזאַנג, נאָך שענער ווי יום־טוב מיט'ן טאַטען ביי'ם עמוד, אַ געזאַנג אָהן ווערטער, אָהן נאָטען, אָהן אַ שום מאָטיוו, אַ מין נאַטיר־געזאַנג פון אַ וואַסער־פאַל, פון יאָגענדיגע חוואַליעס, אַ מין שיר־השירים, אַ געטליכע התפּעלות, אַ הימלישע באַגייסטערונג: אוי־וועה, טאַטע! אוי־וועה, פאָטער! אוי־וועה, לעבעדיגער גאָאָאָאָט!!!

אָט אַזוי האָט אַרויסבאַוויזען זיין צופריעדענהייט מיט'ן ער־שטען פריהלינגס־טאָג פּייסי דעם חזנ'ס יונגעל. גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעדריקט מעני, דעם שכנ'ס קעלבעל.

מעני, דעם שכנ'ס קעלבעל, האָט קודם אַריינגעשטעקט די שוואַרצע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַריין, אַ שאַר געטהאָן מיט'ן פאָדערשטען פיסעל די ערד אונטער זיך אַמאָל דריי, פאַרריסען דעם עק, אויפגעשפּרונגען נאָכדעם אויף אַלע פיער, און אַרויס־געלאָזט אַ טומפּיגען „מע!“ דער „מע“ האָט מיר אויסגעוויזען

די ספרים האָט אװעקגעקױפט מיכל דער פּאַקענטרעגער, א איד מיט א שיטער בערדעל, װאָס ער האַלט דאָס אין אײן קראַצען. מײן ברודער אליהו איז נעבאַך געגאַנגען צו איהם דרײ מאָל, אײדער ער האָט איהם אָראָפּגעבראַכט. די מאַמע האָט זיך מחיה געװען, אַז זי האָט איהם דערזעהן, און באַװיזען איהם מיט׳ן פינגער, ער זאָל רעדען שטיל, בכדי דער טאַטע זאָל נישט הערען. מיכל האָט פאַרשטאַנען, פאַרריסען דעם קאָפּ אַרויף אויף דער פּאָליצע, זיך געקראַצט אונטער׳ן בערדעל און א זאָג געטהאָן:

— אנו װײזט, װאָס האָט איהר דאָרטען?

מיט א װאונק האָט מיר די מאַמע באַװיזען, איך זאָל אַרויף אויפ׳ן טיש און דערלאַנגען די ספרים. צװײ מאָל איבער׳חזר׳ען איז נישט געװען נױטיג. איך בין מיט אײן שפּרונג אַרויף מיט אזא גדולה, אַז איך האָב מיך אויסגעצװיגען איבער׳ן טיש און נאָך געחאַפּט א צוגאָב פון מײן ברודער אליהו, איך זאָל ניט שפּרינגען, װי א משוגענער. מײן ברודער אליהו האָט זיך אלײן מטריח געװען אויפ׳ן טיש און האָט דערלאַנגט מיכל׳ען אַלע ספרים. מיכל האָט מיט אײן האַנט געבלעטערט די ספרים, מיט דער אַנדערער זיך געקראַצט דאָס בערדעל און געזאָגט חסרונות. יעדער ספר האָט זײן חסרון: דאָרט איז דער בונד געװען נישט גוט. בײ דעם איז דער רוקען שטאַרק צעגעסען. דאָ איז דער ספר אַלײן קײן ספר ניט. און אַז ער האָט שוין גאַנץ גוט איבער־געקוקט אַלע ספרים, מיט אַלע בונדען, מיט אַלע רוקענס, האָט ער זיך א קראַץ געטהאָן אין בערדעל:

— ס׳זאָל זײן משניות׳ען, א גאַנצער גאַנג, װאָלט איך זײ אפשר אװעקגעקױפט.

די מאַמע איז געװאָרען טױדט װי די װאַנט, און מײן ברודער אליהו איז, פאַרקעהרט, געװאָרען רויט װי פײער; ער איז אָנ־געפאַלען אויפ׳ן פּאַקענטרעגער:

טרייסלען זיך ביי איהר... נאָכדעם ווישט זי אויס די אויגען, רופט־אָפּ מיין ברודער אליהו אויף אַ זייט, און מע סוד'עט זיך שטילערהייד. וואָס זיי רעדען — ווייס איך ניט. נאָר מיר דאַכט, זיי קריעגען זיך. די מאַמע שיקט איהם ערגיץ, ער וויל ניט געהן. ער זאָגט צו איהר:

— איידער אָנקומען צו זיי, וועל איך דיר בעסער געהן אין דער ערד אריין!... איך וועל בעסער שטאַרבען היינטיגען טאָג!...

— בייס דיר אָפּ די צונג, משומד איינער, וואָס רעדסט דו?

אזוי ענטפערט איהם די מאַמע שטיל, ציפּעט צונויף די צייהן, מאַכט צו איהם מיט די הענט, איז גרייט איהם דירם זיין. זי ווערד אָבער באַלד ווייך און מאַכט צו איהם:

— וואָס זאָל איך טהון, מיין זוהן, אַ רחמנות אויפ'ן טאַטען... מע מוז דאָך איהם ראַטעווען!...

— פאַרקויפט מען עפּיס, — זאָגט מיין ברודער אליהו און חאַפּט אַ קוק אויף דער גלעזערנער שאַפּע. און די מאַמע קוקט אויך אויף דער זילבער שאַפּע, ווישט די אויגען און זאָגט שטיל:

— וואָס זאָל איך פאַרקויפען? די נשמה? שוין נישטאָ וואָס צו פאַרקויפען. סיידען די לעדיגע שאַפּע?

— פאַר וואָס ניט? — זאָגט איהר מיין ברודער אליהו.

— רוצח! — ענטפערט איהם די מאַמע מיט רויטע אויגען. — פון וואַנען האָבען זיך צו מיר גענומען אַזעלכע רוצחים קינדער?!

די מאַמע פייערט און קאָכט, וויינט זיך אויס, ווישט־אויס די אויגען און בעט זיך באַלד איבער. אַזוי איז געווען אויך מיט די ספרים, מיט דער זילבערנער עטרה פונ'ם טלית, מיט די צוויי געגילטע בעכערלעך, מיט איהר זיידען מלבוש, און מיט אַלע איבעריגע זאַכען, וואָס זענען פאַרקויפט געוואָרען ביי אונז איינציווייז, און אַלע מאָל איין אַנדער קונה.

סטען פינגער און גענומען טרענען די עטרה אזוי קונציג, אז ווען איך קאָן אַזוי טרענען עטרות, וואָלט איך, דאכט זיך, געווען אייגער אַ גליקליכער! און פון דעסטוועגן, האָט איהר באַדאַרפט אָנקוקען דעמאָלט די מאַמע מיינע, ווי אזוי זי האָט זיך עס אַ ביסעל צעוויינט! אפילו מיין ברודער אליהו, וואָס ער איז שוין אַ בחור און אַ חתן, האָט זיך עפּיס איך מאָרנע אויסגעבויגען מיט'ן פּנים צו דער טיר, כלומרשט געשנייצט די נאָז מיט איין פינגער, פאַרקרימט דאָס פּנים און ארויסגעלאָזט אַ מאָדנעם קוויטש פונ'ם האַלז און געווישט מיט דער פּאָלע די אויגען.

— וואָס איז דאָרטען? — פרעגט דער טאַטע פון זיין קראַנקען אַלקיר.

— גאָרניט! — ענטפערט איהם די מאַמע און ווישט די רויטע אויגען, און די אונטערשטע ליפּ מיט איהר גאַנצען האַלבען פּנים טרייסעלט זיך אַזוי, אַז מע דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזען, מע זאָל ניט פּלאַצען פאַר געלעכטער.

נאָר ווי קומט דאָס צו דער גלעזערנער שאַפע?

ערשטענס, וואָס הייסט מע וועט זי צונעמען? מיר האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז אונזער גלעזערנע שאַפע איז צוגויפגעוואַכסען מיט דער וואַנט, — ווי אזוי וועט מען זי נעמען? צווייטענס, וואו וועט די מאַמע פאַרשליסען דאָס ברויט, מיט דער חלה, מיט די טעלער, מיט די בלייענע לעפעל און גאָפּלען (צוויי זילבערנע לעפעל און איין גאָפּעל אַ זילבערנעם האָבען מיר געהאַט, האָט זיי די מאַמע שוין לאַנג פאַרקויפט!), און וואו וועלען מיר האַלטען פּסח די מצה? די געדאַנקען זענען מיר געקומען אויפ'ן קאָפּ, בשעת נחמן דער סטאָליער איז געשטאַנען און געמאָסטען די שאַפע מיט זיין גרויסען רויטען נאָגעל פונ'ם גראָבען פינגער פון דער אויסגעשמירטער האַנט. ער האָט אַלץ געדרונגען, אַז די שאַפע וועט ניט אַרויס פון דער טהיר. אַ סימן׳ אָט האָט

— האָט איהר דאָך לכתחילה געקאָנט זאָגען, אַז איהר קויפט נור משניות'ען! וואָס זענט איהר געקומען דולען אַ ספּאָדיק און דרעהען אַ מוח?

— לאָז זיין שטיל! — בעט זיך ביי איהם די מאַמע, און עס הערט זיך אַ הייזעריגע שטים פון'ם צווייטען אַלקיר, וואו דער טאַטע ליגט:

— ווער איז דאָרטען?

— קיינער ניט! — ענטפערט איהם די מאַמע און שיקט־אָפּ מיין ברודער אליהו'ן צום קראַנקען, און אליין האַנדעלט זי מיט מיכל דעם פּאַקענטרעגער, פּאַרהאַנדעלט איהם די ספרים, אַפּנים, פאַר זעהר ווינציג געלט, וואָרום אַז מיין ברודער אליהו קומט־אַרויס פון'ם טאַטענ'ס אַלקיר און פרעגט זי: „וויפיעל?" — שטופּט זי איהם אָפּ און זאָגט איהם: „ס'איז ניט דיין עסק!"... און מיכל האַפּט די ספרים גיך־גיך, פּאַקט זיי איין אין אַ זאַק אריין און מאַכט פּליטה.

ג.

פון די אַלע זאַכען, וואָס מיר האָבען אויספּאַרקויפט פון שטוב, האָט מיר קיינע פון זיי ניט צוגעשטעלט אַזוי פיעל פאַר־געניגען, ווי די גלעזערנע שאַפע.

אמת, די זילבערנע עטרה פון'ם טאַטענ'ס טלית אַז מע האָט באַדאַרפט אָפּטרענען, איז אויך געווען פאַר מיר אַ שטיקעל יום־טוב. קודם — דאָס דינגען זיך מיט יאָסעל דעם גאָלדשמיעד, אַ בלייכער איד מיט אַ רויטער פליאַמע אויפ'ן פּנים. דריי מאָל איז ער אַוועקגעגאַנגען צוריק — און אויסגעפיהרט האָט ער. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ פּוס איבער אַ פּוס צום פענסטער מיט'ן טאַטענ'ס טלית, אַרויסגענומען אַ קליין מעסערעל מיט אַ געל קלעצעל פון הירשענביין, אויסגעבויגען דעם מיטעל־

ד.

די בעסטע שמחה פון אַלע שמחות איז געװען בײ מיר, אַז ס'איז געקומען צו מײן ברודער אליהו'ס קאָנאַפּקע און צו מײן בעטעל. מײן ברודער אליהו'ס קאָנאַפּקע איז פֿריִהער געװען אַ קאָנאַפּע, װאָס מע פֿלעגט אױף איהר זיצען. נאָר זינט מײן ברודער אליהו איז געװאָרען אַ חתן און האָט אָנגעהױבען צו שלאָפֿען אױף דער קאָנאַפּע און איך אױף זײן בעטעל, איז די קאָנאַפּע געװאָרען אַ „קאָנאַפּקע". אַמאָל, אין די גוטע יאָהרען, אַז דער טאַטע איז געװען געזונט און געדאַװענט מוספים אין דער קצב'ישער קלױז מיט פֿיער משוררים, האָט די קאָנאַפּע גע־האַט אין זיך „שפּרינגזינעס" . איצט זענען שױן די „שפּרינגזינעס" געװען מײנע. איך האָב פֿון זײ געמאַכט כל המינים פּאָקוסען שבעולם: צעקאַליטשעט די הענט, שיער ניט ארױסגענומען זיך אײן אױג, אָנגעטהאָן זײ אײנמאָל אױף'ן האַלז און געשטאַנען אַ מינוט אױף צו דערװאַרגען װערען. ביז מײן ברודער אליהו האָט מיך גוט אָנגעבױכעט און פֿאַרװאָרפֿען די „שפּרינגזינעס" אױף'ן בױדעם און צוגענומען דעם לײטער.

אָפּגעהאַנדעלט די קאָנאַפּע מיט'ן בעטעל האָט חנה די אידינע. אײדער חנה האָט דאָס מעבעל אָפּגעקױפֿט, האָט זי די מאַמע נישט צוגעלאָזט אַרײנקוקען אינװעניג אין תוך אַרײן: „אָט דאָס, װאָס איהר זעהט, דאָס קאָנט איהר האַנדלען; קוקען איז נישטאָ װאָס!" נאָר אַז חנה האָט זיך אױסגעדונגען און געגעבען אײן אױפֿגאָב, איז זי צוגעגאַנגען צו דער קאָנאַפּע און צום בעטעל, אױפֿגעהױבען דאָס בעטגעװאַנט, פֿאַװאָלינקע אַרײנגעקוקט אין אַלע פֿאַרבאָר־גענע ערטער און האָט שטאַרק געשפּיגען... די מאַמע איז געװען ברוגז פֿאַר'ן שפּײען, געװאָלט אומקעהרען דעם אױפֿגאָב, האָט זיך אַרײנגעמישט מײן ברודער אליהו:

איהר אײך די ברײט פון דער שאפע און אַט האָט איהר די טהיר — אָסור אויב זי װעט ארויס!

— װי אַזוי זשע איז זי ארײן? — פרעגט איהם מײן ברודער אליהו.

— גײה פרעג זי! — ענטפערט איהם נחמן מיט כעס. — איך װײס, װי אַזוי זי איז ארײן? מע האָט זי ארײנגעטראָגען, איז זי ארײן!...

אײן מינוט איז געװען אַזעלכע, װאָס איך האָב מורא געהאט פאַר דער שאפע. דאָס הײסט, איך האָב געמײנט, זי בלײבט בײ אונז. עס האָט אָבער לאַנג נישט געגומען, און נחמן דער סטאָליער איז געקומען מיט זײנע צװײ בנים, און איך סטאָליארעס, און מע האָט זי גענומען א נעם אונזער גלעזער־נע שאַפע, טאַקי נאָר װי דער רוח דעם מלמד; פריהער איז געגאַנגען נחמן, נאָכדעם בײדע בנים, הינטען — איך. דער פאָטער האָט געקאָמאַנדעװעט: „קאָפּעל, אָן א זײט! מענדעל, רעכטס! קאָפּעל, ניט לויף! מענדעל, האַלט!“... איך האָב זײ געהאָלפען נאָכטאַנצען. די מאַמע און מײן ברודער אליהו האָבען ניט געװאָלט העלפען. זײ זענען געשטאַנען, געקוקט אויף דער לעדיגער װאַנט, װאָס איז געװען באַדעקט מיט שפּינװעבס, און האָבען געװײנט... אײן אַקציע מיט די צװײ — נאָר זײ װײנען!... פלוצים — טראַך! סאַמע בײ דער טהיר האָט געפּלאַצט דאָס גלאָז, און דער סטאָליער מיט די בנים האָבען גענומען זידלען זיך, אַרויפלעגען אײנס אויף דאָס אַנדערע די באַד: „א ריהר פון א בלײענעם פויגעל!“ „בערישע פיס!“ „דער רוח חאַפּט איהם אַװעק!“ „ברעך דעם קאָפּ, צו־נ־אַלדי שװאַרצע יאָהר!“...

— װאָס איז דאָרטען? — הערט זיך א הײזעריג קול פון׳ם קראַנקען אַלקיר.

— גאָרנישט! — ענטפערט די מאַמע און װישט די אויגען.

— שוין? דו האָסט זיך שוין װידער צונױפגעסקאָמפּאַניעט מיט׳ן קעלבעל? קאָנסט זיך גאָר ניט צעשײדען מיט דײן טײערען חבר?

אזוי זאָגט צו מיר מײן ברודער אליהו שוין אָהן קללות און נעמט מיך פאר א האַנט און זאָגט, אז ער געהט מיט מיר צו הערש־בער דעם חזן. בײ הערש־בער דעם חזן, זאָגט ער, װעט מיר זײן גוט. ערשטענס, זאָגט ער, װעל איך האָבען װאָס צו עסען. אין דער הײם איז ניט גוט, זאָגט ער; דער טאַטע, זאָגט ער, איז קראַנק, מע האַרף איהם, זאָגט ער, ראַטעװען. מיר ראַ־טעװען איהם, זאָגט ער, װי װײט מיר קאָנען. און מײן ברודער אליהו צוזשפּיליעט די קאַפּאָטע און װײזט מיר אױף זײן זשילעט:

— אָט האָב איך געהאַט א זײגער, א מתנה פון מײן מחותן, האָב איך איהם פארקױפט. דער מחותן זאָל װיסען, װאָלט זיך געטהאָן חושך! די װעלט װאָלט זיך איבערגעקעהרט!...

איך דאַנק און לױב גאָט, װאָס זײן מחותן װײסט ניט פון׳ם זײגער און װאָס די װעלט קעהרט זיך נאָך ניט איבער. װעה! װעה! װען חלילה, די שעה זאָל גאָר ניט זײן, עס קעהרט זיך איבער די װעלט, װאָס װאָלט דעמאָלט זײן מיט מעני׳ן, מיט׳ן שכנ׳ם קעלבעל? א שטומע צונג!...

— אָט זענען מיר געקומען! — מאַכט צו מיר מײן ברודער אליהו, װאָס װערד צו מיר אַלע מינוט מעהר צוגעלאָזט און פרײנדליך.

הערש־בער דער חזן איז א איד א „מנגן“. דאָס הײסט, ער אַלײן קאָן ניט זינגען; ער האָט נעבאך קײן קול נישט. אזוי האָב איך געהערט פון טאַטען. נאָר ער פאַרשטעהט נגינה. און זינגערלעך האָט ער א שטיקלעך פופצעהן, און איז א בײזער מענטש — סכנות! ער פאַרהערט מיך זינגען. איך זאָג איהם א „מגן־אבות“ מיט א „דרײדעל“. ער גלעט מיך און זאָגט צו מײן

— געקויפט, איז פארפאלען!

אויסגעבעט אויף דער ערד, האבען מיר זיך אויסגעצויגען ביידע, איך און מיין ברודער אליהו, ווי די גראפען, צוגעדעקט זיך ביידע מיט איין קאלדרע (זיינע האט מען פארקויפט), און ס'איז מיר געווען זעהר איינגענעהם צו הערען פון מיין עלטערען ברודער, אז אויף דער ערד צו שלאפען איז גאר ניט אזוי שלעכט.

איך ווארט־אפ ביז ער לייענט־אפ קריאת־שמע און ווערד אנשלאפען, דעמאלט נעם איך מיך קאטשען איבער דער גאנצער ערד. פלאץ איז היינט דא, ברוך השם, גענוג. א פעלד, א פאר־געניגען, א גן־עדן!...

ה.

— וואס טהוט מען ווייטער?

אזוי זאגט די מאמע צו מיין ברודער אליהו איינמאל אין א פריהמארגען און באטראכט מיט א געקנייטשטען שטערן די לע־דיגע פיער ווענט. איך און מיין ברודער אליהו העלפען איהר באקוקען די פיער ווענט. מיין ברודער אליהו קוקט אויף מיר פארזארגט און מיט רחמנות.

— געה אין דרויסען! — מאכט ער צו מיר שטרענג. — מיר דארפען דא עפּיס רעדען...

אויף איין פוס שפּרינג איך ארויס אין דרויסען ארויס — און, פארשטעהט זיך, גלייך צום שכנ'ס קעלבעל.

די לעצטע צייט האט זיך „מעני" געגעבען א הויב אויף די פיסלעך, קיין עין־הרע אויסגעוואכסען, געווארען שען, דאס שוואר־צע מארדעלע חנ'עוודיג, די קיילעכיגע אויגען קלוג, מיט פאר־שטאנד, ווי להבדיל א מענטש, א בר־דעת, קוקט־ארויס, מע זאל דעם עפּיס געבען אין מויל אריין, האט ליעב, אז מע קראצט דעם מיט צוויי פינגער אונטער'ן העלזעל.

איך רײס מיר אײן דאָס געזונט, זי טראָגנענדיג. דאָבצי האָט מיך ליעב. זי חאַפּט מיך אַרום מיט איהרע דאַרע הענטלעך און טשעפּעט זיך מ.ט די דינע פינגערלעך. זי רופט מיך „קיקאָ“. װאָס עפּיס קיקאָ, װײס איך ניט. דאָבצי האָט מיך ליעב. לאָזט מיך ניט שלאָפען גאַנצע נעכט: „קיקאָ, קי!“ — דאָס הײסט, איך זאָל זי װיעגען. דאָבצי האָט מיך ליעב. אַז איך עס, רײסט זי בײ מיר פון'ם מויל: „קיקאָ, פּי!“ — דאָס הײסט: געב עס מיר!... עס ציהט מיך אַהײם. דאָס עסען איז דאָ אויך ניט אַי־אַי־אַי... יום־טוב. שבועות אויף דער נאַכט. עס װילט זיך געהן אין דרױסען זעהן, װי דער הימעל שפּאַלט זיך. דאָבצי לאָזט ניט. דאָבצי האָט מיך ליעב: „קיקאָ, קי!“ — איך זאָל זי װיעגען. איך װיעג זי און װיעג זי און װער אַנשלאָפען. און עס קומט צו מיר אַ גאַסט — מעני דעם שכנ'ס קעלבעל, קוקט אויף מיר מיט אױגען, װי אַ בר־דעת, און זאָגט מיר: קום! און מיר לאָזען זיך געהן באַרג־אַראָפּ, צום טײך. נישט לאַנג גע־טראַכט, פאַרקאַטשע איך די הױזלעך: האָפּ! איך בין שױן אין טײך. איך שװים, און מעני שװימט מיר נאָך. אויף יענער זײט איז גוט. ניטאָ קײן חזן, ניטאָ קײן דאָבצי, ניטאָ קײן קראַנקער טאַטע... איך חאַפּ זיך אויף — ס'איז נאָר אַ חלום. אַנטלױפען! אַנטלױפען! אַנטלױפען! װי אַזױ אַנטלױפט מען? װאוהין? אַהײם, געװעהנטליך. הערש־בער דער חזן איז שױן אָבער אױפגעשטאַנען פריהער פון מיר. ער האָט אַ גרױסען קאַ־מערטאָן, פּרובט איהם מיט די צײהן, טראָגט־צו צום אױהער. ער הײסט מיר אָנטהון זיך אויף גיך און געהן מיט איהם אין שוהל. מע װעט הײנט צו מוסף זאָגען „אײן אױסגעשטעלטע זאַך“. אין שוהל זעה איך מײן ברודער אליהו. װי קומט ער אַהער? ער דאַװענט דאָך גאָר בײ די קצבים, דאָרט װאו דער טאַטע איז חזן! װאָס באַדײט עס?... מײן ברודער אליהו רעדט עפּיס מיט הערש־בער דעם חזן. הערש־בער דער חזן איז ניט צופריעדען. ער זאָגט:

ברודער, אַז איך האָב אַ „סאַפּראַנאָ". מיין ברודער זאָגט, אַז ניט נאָר אַ סאַפּראַנאָ, נאָר אַ סאַפּראַנאָ שבסאַפּראַנאָ!... מיין ברודער אליהו דינגט זיך מיט איהם, נעמט איין אויפגאָב און זאָגט מיר, אַז איך בלייב שוין דאָ, ביי רב הערש־בער דעם חזן. איך זאָל איהם פאָלגען, זאָגט ער, און איך זאָל ניט בענקען!...

איהם איז גרינג צו זאָגן, איך זאָל נישט בענקען! ווי אַזוי זאָל איך ניט בענקען זומער־לעבען? די זון באַקט, דער הימעל איז ווי אַ קרישטאָל, די בלאָטע האָט שוין לאַנג אויסגעטריקענט. אין דרויסען ביי אונז נעבען שטוב ליגען קלעצער. נישט אונזערע, דאָס איז יאָסי דעם נגיד'ס קלעצער. ער קלויבט זיך בויען אַ שטוב, האָט ער צוגעגרייט קלעצער, האָט ער ניט וואו זיי אָפּצו־לעגען, האָט ער זיי אָפּגעוואָרפען נעבען אונז. לאַנג לעבען זאָל ער, יאָסי דער נגיד! וואָרום פון די קלעצער קאָן איך מיר מאַכען אַ „קרעפּאָסט", און צווישען די קלעצער וואַכסען שטעכעלקעס מיט קריגעלעך. די שטעכעלקעס זענען גוט אויף צו שטעכען, און די קריגעלעך בלאָזט מען אָן און מע טהוט זיי אַ קנאַק אָן שטערן — פּלאַצען זיי.

מיר איז גוט. מעני'ן, אונזער שכנ'ס קעלבעל, איז אויך גוט. איך און מעני זענען די איינציגע בעלי־בתים אָט דאָ, „אינ־וועניג אין דרויסען", און ווי אַזוי זאָל איך ניט בענקען נאָך מעני'ן, אונזער שכנ'ס קעלבעל?...

ו.

עס איז שוין באַלד דריי וואָכען, ווי איך בין ביי הערש־בער דעם חזן, און זינגען זינג איך כמעט גאָר ניט. איך האָב איין אַנדער אַרבייט. איך טראָג מיך אַרום מיט זיין דאָבצי'ן. דאָבצי איז אַ קינד אַ הויקער. קיין צוויי יאָהר אַלט, און פון דעסט־וועגען איז זי, קיין עין־הרע, אַ שווערינקע, שווערער פון מיר.

אַזוי זאָגט די מאַמע צו דער גאַנצער כּנופיה ווייבער, און צום שכנ׳ס ווייב, צו פּעסין, זאָגט זי עקסטראַ, שטילערהייד. בשעת פּעסי שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ:

— אַ שטאָדט! עמיצער זאָל זיך אפילו אַרומקוקען... דריי און צוואַנציג יאָהר אָפּגעקלאָפּט ביי׳ם עמוד... דאָס געזונט אַוועק־געלעגט... איך וואָלט איהם אפשר ראַטעווען — נישטאָ מיט וואָס... אַלץ, ברוך השם, פאַרקױפט... דאָס לעצטע קישעלע... דאָס קינד באַשטעלט ביי אַ חזן... אַלץ צוליעב איהם... אַלץ צו־ליעב׳ן קראַנקען...

אַזוי באַקלאָגט זיך די מאַמע פאַר איהר שכנה פּעסי, שטע־הענדיג אין דרויסען. איך דרעה דעם קאָפּ אויף אַלע זייטען.

— וועמען זוכסט דו? — מאַכט צו מיר די מאַמע.

— וועמען זוכט אַ קונדס? דאָס קיגלבעל מן הסתם...

אַזוי זאָגט פּעסי אונזער שכנה און מאַכט צו מיר מיט אַ מאָדנע פריינדשאַפט:

— ע, יונגעלע! נישטאָ קיין קעלבעל! געמוזט פאַרקויפען דאָס דעם קצב. אַ ברירה האָט מען? גענוג אז מע דאַרף האָ־דעווען איין סקאַטינע — נאָך צוויי סקאַטינעס טראָגען אויפ׳ן קאָפּ!...

איז שוין ביי איהר דאָס קעלבעל, דאַנקען גאָט, אויך גע־וואָרען אַ סקאַטינע?...

אַ מאָדנע אידינע אָט די פּעסי. אומעטום שטופּט זי אַריין איהר נאָז. זי דאַרף וויסען, צי האָבען מיר אַ מילכיגע סעודה?

— אַקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס? — פרעגט ביי איהר די מאַמע.

— גלאַט אַזוי! — זאָגט פּעסי, הויבט אויף די שאַל און שטופּט דער מאַמען אַ טעפּעל מיט סמעטענע. די מאַמע שטופּט־אָפּ דאָס טעפּעל מיט ביידע הענט.

— גערענק זשע, למען השם, תיכף נאָכ'ן עסען!...

— קום! וועסט זיך זעהן מיט'ן טאַטען! — אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו, און מיר געהען אהיים אין צווייען. ער געהט, און איך שפּרינג. איך לויף, איך פליה.

— האָב צייט! וואָס פליהסט דו אַזוי? — זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו און האַלט מיך צו. איהם ווילט זיך, אפנים, מיט מיר אַ ביסעל רעדען.

— דו ווייסט? דער טאַטע איז קראַנק, זעהר־זעהר קראַנק!... גאָט ווייסט, וואָס ס'וועט זיין מיט איהם... מע דאַרף איהם ראַטעווען, ניטאָ מיט וואָס... קיינער וויל ניט העלפען... אין „הקדש“ וויל די מאַמע איהם נישט לאָזען בשום אופן! זי וועט פריהער שטאַרבען, זאָגט זי, איידער לאָזען איהם אין הקדש!... שאַ, אָט געהט די מאַמע.

ז.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט געהט אונז די מאַמע אַקעגען, פאַלט מיר אויפ'ן האַלז, און איך פיהל אויף מיינע באַקען אַ פרעמדע טרער. מיין ברודער אליהו געהט צום קראַנקען טאַטען, און איך מיט דער מאַמען בלייבען שטעהן אין דרויסען. מע האָט זיך אונז אַרומגעשטעלט פון אַלע זייטען: אונזער שכנ'ס ווייב פּעסי די גראָבע, און איהר טאָכטער מינדעל, און איהר שנור פּערעל, און נאָך אַ צוויי ווייבלעך.

— איהר האָט אַ גאַסט אויף שבועות? גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט!

די מאַמע לאָזט־אַראָפּ די אָנגעשוואָלענע אויגען.

— אַ גאַסט. משטיינס געזאָגט, אַ קינד. געקומען געוואָהר ווערען דעם קראַנקען טאַטען. פאָרט אַ קינד...

שטרייכטע, פרעמדע האָר. די שוואַרצע אויגען זיצען טיעף, ווי אריינגעפּאַסטע, פרעמדע אויגען. די צייהן זעהען־אויס, ווי אריינגעזעצטע, פרעמדע צייהן. דער האַלז איז אַזוי דין, אַז קוים וואָס דער קאָפּ האַלט זיך איין אויף איהם. אַ גליק, וואָס ער קאָן ניט זיצען... מיט די ליפּען מאַכט ער עפּיס מאָדנע, ווי אַ מענטש בישעת ער שווימט: מפּפּו!... ער לענט־אַרויף אויף מיין פּנים אַ הייסע האַנט מיט ביינעריגע פינגער, דאָס פּנים מאַכט אַ קרומען שמייכעל, ווי אַ מת.

אין דעם קומט־אָן די מאַמע. נאָך איהר דער דאָקטאָר, דער פריילינבער שוואַרצער דאָקטאָר מיט די גרויסע וואָנסעס. ער באַגעגענט מיך, ווי איין אַלטען גוטען ברודער. ער איז מיך מכבד מיט אַ שנעל אין בייכעל און מאַכט צום טאַטען פריילינך:

— איהר האָט אַ גאַסט אויף שבועות? גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט!

— אַ דאַנק! — זאָגט די מאַמע און ווינקט צום דאָקטאָר, ער זאָל באַטראַכטען דעם חולה און זאָל איהם עפּיס פאַרשרייבען. דער שוואַרצער דאָקטאָר עפענט דאָס פענסטער מיט אַ רעש און בייזערט זיך אויף מיין ברודער אליהו, פאַר וואָס מע האַלט דאָס פענסטער צו.

— איך האָב אייך טויזענד מאָל געזאָגט, אַז אַ פענסטער האָט ליעב, אַז מע האַלט איהם אָפען!

מיין ברודער אליהו ווינקט אויף דער מאַמען, אַז דאָס איז די מאַמע שולדיג: זי לאָזט נישט עפענען קיין פענסטער, האָט מורא פאַר'ן טאַטען, ער זאָל זיך חלילה נישט פאַרקיהלען. די מאַמע ווינקט צום דאָקטאָר, ער זאָל שוין באַטראַכטען גיכער דעם חולה און זאָל איהם עפּיס פאַרשרייבען... דער שוואַרצער דאָקטאָר נעמט־אַרויס דעם זייגער, אַ גרויסען גאָלדענעם זייגער. מיין ברודער אליהו קוקט זיך איין מיט בײדע אויגען אינ'ם דאָקטאָר'ס זייגער. דער דאָקטאָר באַמערקט דאָס.

— גאָט איז מיט אייך, פּעסי! וואָס טהוט איהר דאָס? וואָס זענען מיר? חלילה עפּיס ווייס איך וועך? איהר קענט מיך נישט?

— אדרבה, — פאַרענטפערט זיך פּעסי — טאַקי ווייל איך קען אייך. דאָס בהמה'לע, קיין עין־הרע ניט, האָט זיך די לעצטע צייט פאַרריכט. פאַרהאַן, קיין עין־הרע, קעז און פּוטער. איך לייה אייך אויס... איהר וועט מיר, אם ירצה השם, אָפּגעבען...

און פּעסי די שכנה רעדט נאָך לאַנג מיט דער מאַמען, און מיר ציהט דאָס האַרץ צו די קלעצער, צום קעלבעל, צום קעלבעל, צום קעלבעל!... איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעוויינט...

— אז דער טאַטע וועט דיך פרעגען, זאָלסט דו זאָגען: א דאַנק גאָט!

אזוי זאָגט מיר אָן די מאַמע, און מיין ברודער אליהו ניט דאָס מיר צו פאַרשטעהן א ביסעל ברייטער:

— זאָלסט זיך ניט באַקלאָגען, ניט דער־צעהלען קיין פּומינית, נעכטיגע טעג. זאָלסט נאָר זאָגען: א דאַנק גאָט. דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

און מיין ברודער אליהו פיהרט מיך אַריין אין קראַנקען חדר. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט פלעשעלעך, פּירעלעך, באַנקעלעך. סע שמעקט אַפּטייק. דאָס פענסטער איז צוגעמאַכט. לכבוד שבועות האָט מען איהם צוגעקליבען דעם חדר מיט גרינס, צו־קאָפּענס איבער'ן בעטעל האָט מען איהם אויפגעהאַנגען א מגן־דוד פון „ליוביסטיק”. דאָס איז מיין ברידער אליהו'ס אַרבייט. אויף דער ערד איז אויסגעשפּרייט שמעקענדיג גראָז. דער טאַטע דערזעהט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט א לאַנגען דאַרען פינגער. מיין ברודער אליהו שטופּט מיך אונטער. איך געה־צו צום טאַ־טען. איך האָב איהם קוים דערקענט. דאָס פּנים ווי לעהם. די גרויע האָר גלאַנצען, שטאַרצען איינציגווייז, ווי אריינגע־

װאָס איז שױן געװאָרען אַ „סקאַטינע“, בײ׳ם טײכעל, װאָס רױשט דאָרט באַרג־אַראָפּ, אָדער גאָר אין דער הױכער, ברײטער, טיעפער, בלױער יאַרמעלקע, װאָס מע רופט דאָס הימעל...

ח.

דאָס ביסעל „מילכיגס“, װאָס אונזער שכנה, פּעסי די גראָבע, האָט אונז „אױסגעליהען“, איז אונז, נישקשה, צונוץ געקומען. איך און מײן ברודער אליהו האָבען דאָס געמאַכט אַ מילכיגע סעודה, געטונקען בײדע פון אײן שאָל פרישע חלה אין דער קאַלטער סמעטענע, און ס׳איז טאַקי געװען גאָר ניט שלעכט.

„אײן חסרון, װאָס אַזױ װיניציג“. — האָט באַמערקט מײן ברודער אליהו, װאָס איז דעם טאָג געװען זעהר האָפּערדיג, אַזױ האָפּערדיג, אַז ער האָט מיר צוליעב געטהאָן, איך זאָל ניט געהן אַזױ גיך צוריק צו הערש־בער דעם חזן און איך זאָל זיך נאָך אַביסעל שפּיעלען אין דער הײם.

— דו ביזט דאָך בײ אונז אײן אורח אױף שבועות, — האָט ער מיר געזאָגט און ערלױבט צו שפּיעלען זיך אין דרױסען אױף די קלעצער, נאָר מיט אַ תנאי, איך זאָל ניט קלעטערען צו פיעל און חלילה ניט צערײסען די אײנציגע פּאָר הױזלעך.

האַ־האַ־האַ! נישט צערײסען די אײנציגע פּאָר הױזלעך? נישטאָ װער ס׳זאָל לאַכען, װי איך בין אַ איד! איהר זאָלט זעהען אַ פּאָר הױזלעך — נו־נו! לאָמיר בעסער ניט רעדען פון קײן הױזען!... לאָמיר בעסער רעדען פון יאָסי דעם נגיד׳ס קלעצער. אַי, קלעצער, קלעצער! יאָסי דער נגיד מײנט, אַז די קלעצער זענען זײנע קלעצער. אַ נעכטיגער טאָג! די קלעצער זענען מ ײ נ ע קלעצער! איך האָב מיר געמאַכט פון זײ אַ פּאַלאַץ מיט אַ װײנגאָרטען. איך בין דער פּרינץ. דער פּרינץ שפּאַציערט אַרום פראַנק און פרײ בײ זיך אין װײנגאָרטען, רײסט־אָפּ אַ

— איהר ווילט וויסען, וואו האלט דער זייגער? אָהן פיער האלב עלף. וויפיעל איז ביי אייך?

— מיין זייגער שטעהט. — ענטפערט איהם מיין ברודער אליהו און ווערד מאָדנע רויט פון דעם שפּיץ נאָז ביז אויף יענער זייט אויהערען.

די מאַמע רוהט ניט. זי וואָלט געהרען, מע זאָל שוין באַטראַכטען דעם חולה און איהם עפּיס פאַרשרייבען... דער דאָקטאָר האָט אָבער צייט. ער פרעגט זיך איים ביי דער מאַמען זייטיגע ענינים: ווען איז מיין ברודער'ס חתונה? און וואָס זאָגט הערש־בער דער חזן אויף מיין שטים? ביי מיר דאַרף זיין, זאָגט ער, א גוטע שטים. א שטים, זאָגט ער, געהט בירושה. די מאַמע עקט זיך! מיט א מאָל מהוט זיך דער דאָקטאָר א דרעה־אויס מיט'ן בענקעל צום קראַנקען טאַטען, נעמט איהם אָן ביי דער טרוקענער הייסער האַנט:

— נו, חזן, ווי אזוי דאַווענט מען עפּיס ביי אונז הייַנטיגען שבועות?

— א דאַנק גאָט! — ענטפערט איהם דער טאַטע מיט א שמייכעל פון א מת.

— דהיינו? וויינציגער געהוסט? גוט געשלאָפען? — פרעגט איהם דער דאָקטאָר און בויגט זיך איין צו איהם גאַנץ נאָהענט.

— ניין! — ענטפערט איהם דער טאַטע, קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטהעם. — אדרבה... הוסטען הוסט מען... און שלאָפען שלאָפט מען דוקא ניט... נאָר דאַנקען גאָט... ס'איז שבועות... אזא טאָג... מקבל געווען די תורה... היינט א גאַסט... א גאַסט אויף שבועות...

אלעמענ'ס אויגען קוקען אויפ'ן „גאַסט", און דער „גאַסט" קוקט אראָפּ אויף דער ערד, און דער קאָפּ איז איהם אין דרויסען, ערגיץ ביי די קלעצער, ביי די שטעכעלקעס, וואָס שטעכען, ביי די קריגעלעך. וואָס קנאַקען, ביי'ם שכנ'ס קעלבעל דעם בר־דעת,

יאָסי מאַכט מיט די הענד, בייזערט זיך אויף דער מאַמע און טענה'ט:

— סטייטש, סטייטש! וואָס האָט מען מיר ניט געזאָגט, אַז פּייסי דער חזן איז אַזוי סלאַף? (ער קאָן ניט אויסרעדען קיין שין). וואָס האָט איהר געסוויגען?

— וואָס זאָל איך ישרייען? — פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר איהם די מאַמע און גיסט מיט טרערען. — די גאַנצע שטאָדט האָט געזעהען, ווי איך מוטשע מיך, געוואָלט איהם ראַטעווען... און ער אַליין האָט אויך געבעטען זיך, מע זאָל איהם ראַטעווען...

און די מאַמע קאָן נישט רעדען ווייטער, פֿאַרבראַכט מיט די הענט, פֿאַרוואָרפֿט מיט'ן קאָפּ. מיין ברודער אליהו האַפּט זי אונטער:

— מאַמע! וואָס דאַרפֿסט דו זיך פֿאַרענטפֿערען? מאַמע! פֿאַרגעס ניט, מאַמע, ס'איז יום־טוב, ס'איז שבועות, מע טאָר ניט וויינען, מאַמע!...

און יאָסי דער נגיד הערט ניט אויף צו פֿייערען אויף מיין מאַמע:

— וואָס דערצעהלט איהר מיר — די גאַנצע סטאָדט! ווער איז די סטאָדט? זאָגען זאָלט איהר מ י ר! למען השם, צו מיר! אַלסדינגג אויף מיין חשבון! חברה קדישא, סאַמאָסים, תכריכים — אַלץ אויף מיר, אַלסדינגג אויף מיין חשבון!... און טאָמער דאַרף מען עפּיס טהון פֿאַר די יתומים, זאָלט איהר געהן צו מיר, איהר זאָלט זיך גאָר ניט סעמען!

יאָסי דעם נגיד'ס ווערטער באַרוהיגען אָבער ווינציג־וואָס מיין מאַמע. זי האַלט אין איין יאָמערען און אין איין חליש'ען ביי מיין ברודער אליהו אויף די הענט. און מיין ברודער אליהו, וואָס האַלט אַליין אין וויינען, הערט נישט אויף צו דערמאַנען איהר, אַז „היינט איז יום־טוב, מאַמע, היינט איז שבועות, מאַמע! מאַמע, מע טאָר ניט וויינען, מאַמע!“...

קרינגעלע — אַ כּנאַק פֿון שמעטן, נאָך אַ קרינגעלע — אַ כּנאַק פֿון שמעטן... אַלע וועגן מיר מכנא. אפֿילו יאָסי האָט געזען ייִד נעל, וועגן מיכל'ס אייגעל, פֿאַרגינט מיר ניט מיין גוטס. דער געהט פֿאַרביי און זייגט ניט [illegible] און וויים מיר איז מיינע הייזן און ליגנט און קריכט האָט אייזל און זאָגט צו מיר:

— וער נאָר, ישלאָכס עפּיס ניט פֿאַרליריט...

— נער בעסער אײַער מיט נעמען. — זאָג איך אים — אַניט, הער איך אויף מיין ברודער אייזל!...

פֿאַר מיין ברודער אייזל האָבן אַלע יונגלעך דערזאָגט, און וועגן מיכל אייגעל טראָגט ער אַפּ, און איך בלייב היטערער אַיין, ווייטער דער יעקבער פֿרייז ביי זיך אין ווינטערטאָג... אייז עבירה נאָר, ישמס „מעני" איז דאָ גוטס! אַנדער שפּגלס קעלבעלע און שיין מעדר פֿון קעלבעלע, כּ'איז שיין אַ „בלאַמשינע" (אַוי זאָגט אַנדער שפּגנר פּענין). ישמס דיינט האָט אַ בלאַמשינע! און צוליבט ישמס האָט בעך האָט פֿאַרקריכט צום קעבל? שיין ישמס איז אויסגעצייכנט! צוליבט האָט און האָט נעבעריגע געזאָגט, מיט יאָ'ל האָט געבראַכט קוילן!... צו ישמס יעדער נעבעריגער אַ קעלבעלע און צו ישמס יעדער נעבעריגן אַ מענטש?...

פֿלוצעם דערינער איך מיך פֿון טשיב אויוס אַ מאָרגע אויסגעקאָטשיי מיט אַ געוויין... איך דערהער דער מאַמע'ס קול... איך הייב אויף די אויגן — מיין אייגנגליט ביי אינגע אין שטוב... אירען און ווייבער... דער אויוס, דער אייזל... איך ליג אויף אַ קלאָפּ מיט'ן בויך אַראָפּ. מיר איז גוט!... שמאַמע! אַז גערט יאָסי דער גניד! יאָסי דער גניד איז גנאַי און דער קעבלישער קליין, ישרם יאַר פֿון מאַמע איז חון שיין הויז און צוואָנציג יאָרן. יאָסי איז אַליין געווען אַמאָל אַ קעב. דיינט האָנטערלעך ער מיט אַבעס און מיט מעל און איז אַ גניד, אַ גרויסער גניד!

II

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!

און מיט א מאָל ווערד מיר אלץ קלאָר. און עס טהוט מיר א קלעהם דאָס הארץ, א ציה ביי דער נשמה, און עס גלוסט זיך מיר וויינען, און איך וויים ניט אויף וועמען... און רחמנות האָב איך אויף דער מאַמע, און איך קאָן ניט זעהען ווי זי וויינט, און ווי זי חלש'ט, און ווי זי צאַפּעלט ביי מיין ברודער אויף די הענט. און איך פאַרלאָז מיין פּאַלאַץ, מיט מיין ווייַנגאָרטען, און איך געה־צו צו איהר פון הינטען, און איך זאָג איהר מיט'ן זעלבען לשון, וואָס מיין ברודער אליהו, און טרערען קאַפּען פון מיינע אויגען:

— מאַמע! היינט איז יום־טוב, מאַמע, היינט איז שבועות. מאַמע! מאַמע, מע טאָר ניט וויינען, מאַמע!...

II

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!

א.

פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאָל זיין אַזא מיוחס, ווי אצינד. וואָס איז מיט מיר דער יחוס? — מיין טאַטע, פּייסי דער חזן, ווייסט איהר דאָך, איז געשטאָרבען דעם ערשטען טאָג שבועות, און איך בין געבליבען א יתום.

פון דעם ערשטען טאָג נאָך שבועות האָבען מיר אָנגעהויבען זאָגען קדיש — איך און מיין ברודער אליהו. ער טאַקי האָט מיך אויסגעלעהרענט זאָגען קדיש.

מיין ברודער אליהו איז א געטרייער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רבי. ער איז א כעסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אויפגעעפענט אַ סדור און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבען מיט מיר שטודירען:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבה... ער וויל, אַז איך זאָל שוין קאָנען אויסענווייניג. ער חזר'ט־איבער מיט מיר נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, פון אָנהויב ביז'ן סוף, און הייסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגען אַליין. איך זאָג אַליין, אָבער עס געהט ניט.

ב.

מזל טוב! איך קאָן שוין גאַנץ קדיש אויף אויסענווייניג. רבנן־קדיש אויך. אין שוהל שטעה איך אויף אַ באַנק און קלאַפּ דעם קדיש, ווי אַ מזיק. אַ קול־נגינה האָב איך אויך, בירושה פון מיין טאַטען, איין אמת׳ע סאָפּראַנאָ. אַלע יונגלעך שטעלען זיך אַרום מיר און זענען מיר מקנא. ווייבער וויינען. בעלי־בתים שענקען מיר אַ קאָפּיקע. יאָסי דעם נגיד׳ס יונגעל, העניך מיט׳ן אויגעל (ער איז אַ מורא׳דיגער ניט־פאַרגינער!), אַז עס קומט צו רבנן־קדיש, שטעלט ער מיר אַרויס אַ צונג, — ער וויל, ער גערהט־אויס, ער חליש׳ט, איך זאָל מיך צעלאַכען. איהם אויף צו־להכעיס וועל איך ניט לאַכען! האָט דערזעהען אהרן דער שמש, האָט ער איהם גענומען פאַר איין אויהער און האָט איהם צוגע־פיהרט צו דער טיר. אַ מצוה אויף איהם! מחמת איך זאָג קדיש אין דער פריה און אויף דער נאַכט, געה איך שוין מעהר ניט צו הערש־בער דעם חזן און טראָגט מיך ניט אום מיט זיין דאָבצי׳ן. איך בין פריי. אַ גאַנצען טאָג געפין איך מיך ביי׳ם טייך — אָדער איך חאַפּ פיש, אָדער איך באָד מיך. חאַפּען פיש האָב איך מיך אויסגעלערענט פון זיך אַליין. אַז איהר ווילט, קאָן איך אייך אויך אויסלעהרנען. מע טהוט־אויס דאָס העמד און מע פאַרקניפּט דעם אַרבעל און מע געהט פּאַיוואָלי ביז׳ן האַלז אין וואַסער. מע דאַרף געהן לאַנג — לאַנג. אַז איהר פיהלט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימן, אַז ס׳איז פול, געהט איהר אַרויס וואָס גיכער און טרייסעלט־אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגען פאַר־פּלאָנטעט אָפּטמאָל קליינע זשאַבקעלעך — וואַרפט זיי אַריין צוריק אין וואַסער אַריין, ס׳אַ צער בעלי־חיים. אין דער גע־ריכטער בלאָטע קאָנט איהר אמאָל געפינען אַ פּיאַווקע. פּיאַווו־קעס איז געלט — פאַר אַ צעהנדליג פּיאַווקעלעך קאָנט איהר באַ־

ביז „ויצמה פורקניה" איז נאָך ווי עס איז, און קומט צו „ויצמח פורקניה", פאַרטשעפּע איך מיך. דערלאַנגט ער מיר מיט'ן עלענבויגען און זאָגט מיר, אַז דער קאָפּ איז מיר, אַפּניב, ערגיץ אין דרויסען (גלייך ווי געטראָפען), אדער ערגיץ ביי'ם קעזבעל (גלייך ווי ער איז געווען דערביי)... ער פּיילט זיך ניט און חזר'ט איין מיט מיר נאָך אַ מאָל. איך האָב מיך קיים דער־שלאָגען ביז „לעילא ולעילא מן כל ברכתא ושירתא תושבחתא" — און ווייטער נישט אַ טראָט! ער נעמט מיך אָן פאַר'ן אויהער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפשטעהן און זעהען, וואָס פאַר אַ זוהן ער האָט!...

— וואָלט איך פאַרשפּאָרט זאָגען קדיש...

אזוי זאָג איך צו מיין ברודער אליהו און חאַפּ פון איהם אַ געשמאַקען פּאַטש מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער באַק אריין. דערהערט די מאַמע און גיט איהם אַ פּסק, ער זאָל מיך ניט שלאָגען, וואָרום איך בין אַ יתום.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס טהוסט דו? וועמען שלאָגסט דו? האָסט פאַרגעסען, אַפּנים, אַז דאָס קינד איז אַ יתום?!

שלאָפען שלאָף איך מיט דער מאַמען אינ'ם טאַטענ'ס בעט — דאָס איינציגע שטיקעל מעבעל אין שטוב. די קאָלדרע גיט זי אָפּ כמעט אינגאַנצען מיר.

— דעק דיך איין, זאָגט זי צו מיר, און ווער אנשלאָפען, מיין טייערער יתום. עסען איז ניטאָ וואָס...

רעקען דעק איך מיך איין, אָבער שלאָפען שלאָף איך ניט. איך חזר מיר דעם קדיש, אויף אויסענווייניג. אין חדר געה איך ניט, לערנען לערען איך ניט, דאַווענען האָווען איך ניט, זינגען זינג איך ניט. פּטור פון אַלסדינג.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

פּעסי איז נישט קיין גביר'טע. איהר מאַן איז איין איינ־בינדער און הייסט משה. ער האָט אַ שם פאַר'ן בעסטען בעל־מלאָכה. דאָס אַליין איז אָבער קארג. מע דאַרף נאָך האָבען מזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסי צו מיין מאַמען. מיין מאַמע גיט איהר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבען מזל. פאַר אַ סימן נעמט זי מיך. אָט בין איך אַ יתום, און אַלע ווילען מיך. פאַרהאַן בעלנים, וואָס ווילען מיך צו זיך אויף שטענדיג, נאָר ווי לאַנג קרענקען איהרע שונאים, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבען אויף שטענדיג! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך איין עצה מיט מיין ברודער אליהו.

— ווי מיינסט דו? זאָל ער זיין דערווייל ביי פּעסי'ן?

מיין ברודער אליהו איז שוין אַ גרויסער. אַניט, וואָלט מען זיך מיט איהם ניט געהאַלטען קיין עצה. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דאָס ריינע נאָך ניט באַוואַכסענע פּנים, גלייך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער:

— מהיכי תיתי, אבי ער זאָל נאָר ניט זיין קיין שייגעץ.

און עס בלייבט, אַז איך וועל זיין דערווייל ביי אונזער שכנה פּעסי, נאָר בתנאי, איך זאָל ניט זיין קיין שייגעץ. אַלסדינג הייסט ביי זיי אַ שייגעץ! אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיער אויפ'ן עק, זי זאָל זיך דרעהען — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. קלאָפּען מיט אַ שטעקעל איבער די גראַטעס פון'ם גלח'ס הויף, אַלע הינט זאָלען זיך צונויפלויפען — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. אָפּשטע־קען ביי לייבקע דעם וואַסער־פיהרער דעם צאַפּען פון דעם פאַס, ס'זאָל אויסלויפען העכער האַלב וואַסער — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ.

— דיין גליק, וואָס דו ביזט אַ יתום! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסער־פיהרער. — אַניט, וואָלט איך דיר איבער־

קומען דריי גראשען, אנדערהאלבן קאפּיקעס. עס ווערט גיכט ציבעלעס... קיין פיש זאָלט איהר ניט זעהן. אמאל איז געווען פיש אויך, היינט איז נישטא. איך זאָג זיך ניט נאָך קיין פיש. איך בין צופרידען, עס זאָל דאָרט זיין פּיאַווקעס. נאָר אלע מאָל איז דאָ פּיאַווקעס. דינסטיגע יעדער איז ניט געווען אַ פּיאַווקע! פון וואנען האט זיך דערוואוסט מיין ברודער אליהו, אז איך האב פיש — ווייס איך ניט. ער האט מיר שיער ניט אפּגעריסען אירע אויערן פאר די פיש. א גליק, וואס פעסי די גראָבע, אונזער שכנה, האט דערזעהן, און איינגעמאנט מאמע דארף זיך אזוי ניט איינשטעלען פאר איהר קינד.

— אט אזוי שלאָגט מען א יתום?!..

מיין ברודער אליהו האט זיך פארשעמט און האט מיר אפּגעלאזט דעם אויער. אלע שטעלען זיך איין פאר מיר. מיר איז גוט — איך בין א יתום.

ג.

אונזער שכנה פעסי די גראָבע האט זיך אין מיר פארליבט. זי האט זיך צוגעטשעפּעט צו מיין מאמען, זי א קלייניקייט: איך זאָל דערוויילע זיין ביי איהר, ביי פעסי'ן הייסט עס.

— וואס ווילט איהר? — האט זי געטענה'ט. — עס געהען ביי מיר צוועלף ציינדעלעך, וועט ער זיין א דרייצעהנטער. ביי דיער מאמען האט זי קוים געפּועל'ט. האט זיך אבער ארויסגעשטעלט מיין ברודער אליהו.

— ווער וועט איהם אבער געבען, ער זאָל געהן זאגן קדיש?

— איך וועל אכטונג געבען, ער זאָל געהן זאגן קדיש. נו, שוין? האט איהר צו מיר טענות?

האָט מען אַ נאָמען געגעבען פּייטלען דערפאַר, ווייל ער קאָן ניט רעדען. בערעל איז אַ גרויסער נאַשער: אז מע גיט איהם אַ שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער: „געב מיר נאָך“. זרח'ען האָט מען געגעבען אַ מיאוסען נאָמען „שמיר־מיט־פּוטער“ איבער אַ מיאוסען חסרון, וואָס ניט ער איז שולדיג. שולדיג קאָן זיין איז די מוטער, וואָס זי האָט דאָס פאַרלאָזט און קינדווייז ווינציג געצוואָגען. און אפשר איז זי אויך ניט שולדיג? איך וועל זיך ניט געהן שפּאַרען. שלאָגען זיך אודאי ניט! קורץ, ס'איז אַ שטוב, וואָס יעדער האָט אַ צונעמעניש. וואָס דאַרפט איהר מעהר — די קאַץ, שוין גאָר אַ שטומע צונג, שוין געווים גאָט די נשמה שולדיג, הייסט זי ביי זיי: „פייגע־לאה די גבאי'טע“. איהר ווייסט, פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זי איז אַ גראָבע, און פייגע־לאה נחמן דעם גבאי'ס ווייב איז אויך אַ גראָבע. וויפיעל, מיינט איהר, האָבען זיי שוין געהאַפּט פּעטש דערפאַר, זיי זאָלען ניט רופען קיין קאַץ מיט אַ מענטשליכען נאָמען? ווי איין ארבעס אין וואַנט! האָבען זיי געגעבען עמיצען אַ צונעמעניש, איז פאַרפאַלען!

ה.

מיר האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען — טרעפט ווי אזוי? „מאַטעל מיט די לעפצען“... לעפצען איז אַ דייטשעס וואָרט. אויף אונזער לשון הייסט דאָס „ליפּען“. אפּנים, זיי איז ניט געפעלען מיינע ליפּען. זיי זאָגען, אַז איך עס, מאַך איך מיט די ליפּען. איך וואָלט וועלען זעהען יענעם מענטשען, וואָס זאָל עסען און ניט מאַכען מיט די ליפּען! איך בין ניט פון די האָנאָריסטע, וואָס מע טאָר זיי ניט אָנריהרען זייער כבוד. נאָר איך ווייס ניט פאַר־וואָס — מיר איז דאָס צונעמעניש שטאַרק נישט געפעלען! און ווייל ס'איז מיר ניט געפעלען, רייצען זיי זיך מיט מיר און רופען

געבראָכען א האַנט מיט א פוס! מעגסט מיר גלויבען אויף
נאמנות.

איך גלויב איהם אויף נאמנות. איך ווייס, אז איצט וועט
ער מיך ניט אָנריהרען, ווייל איך בין א יתום.

מיר איז גוט — איך בין א יתום.

ד.

אונזער שכנה פעסי, זאָל מיר מוחל זיין, האָט געזאָגט א
גרויסען ליגען. צוועלף, האָט זי געזאָגט, געהען ביי איהר צום
טייש. לויט מיין רעכענונג, בין איך דער פערצעהנטער. אַפנים,
זי האָט פאַרגעסען אַריינרעכענען דעם בלינדען פעטער ברוך. און
אפשר האָט זי איהם ניט אַריינגעשטעלט צווישען די עסערס רעד־
פאַה, ווייל ער איז שוין זעהר אַלט און האָט קיין צייהן ניט אויף
צו קייען. איך וועל מיך ניט שפּאַרען. קייען קאָן ער נישט,
דערפאַר אָבער שלינגט ער, ווי א גאַנז, און חאַפּט. אַלע חאַפּען
זיי. זייער חאַפּען איז חוץ לדרך הטבע. איך חאַפּ אויך. שלאָ־
גען זיי מיך. מיט די פיס אונטער'ן טיש שלאָגען זיי מיך. מעה־
פין אַלע שלאָגט זיך ושתי. ושתי איז א רוצח. הייסען הייסט
ער הערשעל, נאָר מחמת ער האָט אַ גאָלי אויפ'ן שטערן, האָט
מען איהם א נאָמען געגעבען „ושתי". אַלע האָבען זיי דאָ נעמען
און צונעמען: „קלעצעל", „קאָטער", „טשער־נאָהוז", „בופלאַקס",
„פעטעלעלע, „געב־מיר־נאָך", „שמיר־מיט־פּוטער"...

האָט קיין יסורים ניט — יעדער נאָמען האָט זיך זיין שורש.
פיני הייסט „קלעצעל" דערפאַר, ווייל ער איז גראָב און קיילעכיג,
ווי א קלעצעל. וועלוועל איז א שווארצער, רופט מען איהם „קאָ־
טער". חיים איז א בופלאַקס, הייסט ער „בופלאַקס". מענדעל
האָט א שפּיצעביגע נאָז, איז ער א „טשערנאָהוז". „פעטעלעלע"

III

וואָס וועט זיין פון מיר?

מיך דוקא אַזוי. אײנגעגעסענע ברואים — איהר האָט נאָך אַזעל־כע ניט געזעהען! פריהער האָב איך בײ זײ געהײסען: „מאָטעל מיט די לעפּצען”. נאָכדעם: גלאַט „מיט די לעפּצען”. שפּע־טער: „די לעפּצען”. גאָר שפּעטער: „לעפּצען”.

— לעפּצען! וואו זענט איהר געווען?

— לעפּצען! ווישט אָפּ די נאָז!

עס פאַרדריסט מיך און עס ברענט מיך, און איך וויין. דער־זעהט דער פאָטער זײערער, פּעסי'ס מאַן, משה דער אײנבינדער, אײנמאָל, אַז איך וויין, פרעגט ער מיך: וואָס וויין איך? זאָג איך איהם: ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך הײס מאָטעל און מע רופט מיך „לעפּצען”! פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „ישתי”. וויל ער שלאָגען „ישתי'ן”, זאָגט „ישתי”: ס'איז ניט איך, ס'איז „קלעצעל”. וויל ער שלאָגען „קלעצלען”, זאָגט „קלע־צעל”: ס'איז ניט איך, ס'איז „קאָטער”.

אײנער אויפ'ן אַנדערען, דער אַנדערער אויפ'ן דריטען — א מעשה אָהן אײן עק! איז זיך מיישב דער פאָטער, משה דער אײנ־בינדער, און לעגט זײ אַוועק אַלע אײנציגווייז און שמייסט זײ אָפּ מיט אַ טאָוועל פון אַ „קרבן־מנחה” און זאָגט זײ:

— ממזרים! איך וועל אייך ווייזען, ווי אַזוי צו לצ'עיען פון אַ יתום! עס וועט אַ רוח אין אייער טאַטענ'ס עיר אַריין!...

אָט אַזוי. יעדער נעמט זיך אָן מיין קריוודע. אַלע, אַלע שטעלען זיך איין פאַר מיר.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום...

III

וואָס וועט זיין פון מיר ?

א.

אַנו, טרעפט, וואו איז דער גן־עדן ? איהר וועט ניט טרעפען. ווייסט איהר, פאַר וואָס ? ווייל ביי איטליכען איז ער אויף איין אַנדער אָרט. למשל, די מאַמע זאָגט, אַז דער גן־עדן איז דאָרטען, וואו מיין טאַטע, פייסי דער חזן, געפינט זיך. דאָרטען, זאָגט זי, געפינען זיך אַלע עהרליכע נשמות, וואָס זענען נעבאַך אָפּגעקומען אויף דער וועלט ; דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט די וועלט, קומט זיי יענע וועלט. דאָס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג. דער בעס־טער באַווייז איז טאַקי דער טאַטע מיינער. וואָרום וואו דען זאָל ער זיין, אַז ניט אין גן־עדן ? קאַרג האָט ער זיך אָנגעמוטשעט אויף דער וועלט ?... אַזוי זאָגט די מאַמע מיינע און ווישט זיך בשעת מעשה די אויגען, ווי איהר שטייגער איז, אַז זי רעדט פונ׳ם טאַטען. פרעגט־זשע אָבער ביי מיינע חברים, וועלען זיי אייך דערצעהלען מעשיות, אַז דער גן־עדן געפינט זיך ערגיץ אויף אַ באַרג פון סאַמע קרישטאָל, הויך ביז׳ן הימעל. יונגלעך לויפען דאָרט אַרום פראַנק און פריי, לערנען לערנט מען ניט, נאָר מע באָדט זיך גאַנצע טעג אין מילך און מע עסט האָניג מיט פולע

ביי מיר פון יענער זייט פּלייצעס. איך רעכען, אַז ס׳איז נאָר אַ רגילות, ווי אַזוי מע געוועהנט זיך איין. אָט, למשל, פֿאַרהאַן ביי מיר אַ חבר בערעל, פּינטעלט ער מיט די אויגען. נאָך אַ חבר האָב איך, וועלוועל, זופּט ער לאָקשען מיט יויך ווען ער רעדט. אַלסדינג אויף דער וועלט איז אַ רגילות. און חאָטש דאָס מויל איז איהם אויף אַ זייט, פון דעסטוועגען מאַכט מנשה בעסער פון אַלע דאָקטוירים. ערשטענס, איז ער ביי זיך ניט אַזא פּריץ, ווי אַנדערע דאָקטוירים. אַז מע רופט איהם, קומט ער באַלד צו לויפען אַ פאַרשוויצטער. און צווייטענס, איז ביי איהם נישט קיין מאָדע שרייבען רעצעפּטען. רפואות מאַכט ער אַליין. אַנו־מעלטען האָט מיך אַ חאַפּ געטהאָן אַ מין שטעכעניש מיט אַ קעלט מיט אַ ציטערנייש (אַפּנים, פון צופיעל ליגען אין טייך?), איז די מאַמע באַלד אַוועקגעלאָפען און האָט אַראָפּגעבראַכט מנשה דעם רופא. האָט ער מיך באַטראַכט און אַ זאָג געטהאָן מיט׳ן קרומען מויל צו דער מאַמען:

— איהר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען. ס׳איז אַ געלעג־טער. דער שייגעץ האָט זיך צוגעקיהלט די לונג.

און מיט די ווערטער נעמט ער אַרויס פון קעשענע אַ בלוי פּלעשעלע און שיט אויס אין זעקס שטיקלעך פּאַפּיער עפּיס אַ ווייסע זאַך. דאָס ווערד אָנגערופען „פּראָשקעס". איין פּראָשעק הייסט ער מיר, איך זאָל איינעמען באַלד. דרעה איך מיך און קנייטש מיך אויף אַלע זייטען. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס דאַרף זיין ביטער, ווי דער טוידט. כך הוה. איך האָב דאָך טאַקי געטראָפען! ביטער צו ביטער איז ניט גלייך. פּרישע קאָרע פון קליינע בוימעלעך האָט איהר אַמאָל פאַרזוכט? אָט אַזא טעם האָ־בען זיינע פּראָשקעס. איהר זאָלט האָבען אַ כלל: וויבאַלד פּראָש־קעס, מוזען זיי זיין ביטער. עס האָט מיר ניט געהאָלפען קיין שום רבונו־של־עולם. איך האָב דעם פּראָשעק איינגענומען און

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אַ מאַנסביל, טראָגט מאַנסבילשע שטיוועל און אַז זי רעדט, דאַכט זיך אייך אויס, אַז זי בייזערט זיך. זי האָט אַ שענעם שם אויף דער וועלט. זינט זי לעבט, האָט נאָך קיין אָרעמאַן ביי איהר קיין שטיקעל ברויט ניט אויפגעגעסען. און אַ שטוב איז ביי איהר פון כל טוב. ביי איהר קאָנט איהר געפינען איינגעמאַכטסען פון פאַר־אַ־יאָהרען, פון פאַר דריי יאָהרען און פון פאַר צעהן יאָהרען. וואָס דאַרף זי, למשל, אַזוי פיעל איינגעמאַכטס? פרעגט זי, אשטייגער, ווייסט זי אַליין ניט. אָט אַזאַ טבע איז ביי איהר. אַ פאַר־פאַלענע זאַך, איהר וועט זי שוין ניט איבערמאַכען. זי ווייסט, אַז עס קומט דער זומער, האַלט זי אין איין פרעגלען איינגעמאַכטס. איהר מיינט, זי פרעגעלט אויף קויהלען? ווער־וואָס? זי קאָן באַשטעהן אויף שטעכעלקעס, שישקעס, אָפּגעפאַלענע בלעטלעך. זי מאַכט אָן אַזאַ רויך אויף דער גאַנצער גאַס, אַז מע קאָן דער־שטיקט ווערען. טאָמער וועט זיך אייך מאַכען אַמאָל קומען צו אונז זומער־צייט און איהר וועט דערפיהלען אַ רויך פון „סמאַלינע“, זאָלט איהר זיך ניט שרעקען, ס'איז ניט קיין שׂרפה. דאָס פרע־געלט מנשה'כע די רופאַ'טע איינגעמאַכטס, אַליין, מיט איהרע אייגענע הענט, פון איהרע אייגענע פּירות, אין איהר אייגענעם גאָרטען. און אָט אַזוי קומען מיר צו צום גאָרטען, וואָס כ'האָב אייך צוגעזאָגט.

ד.

וואָס פאַר אַ פּירות געפינט איהר ניט אין'ם דאָזיגען גאָר־טען? עפּעל, און בארען, און וויינשעל, און פלוימען, און קאַרשען, און אַגרעסען, און ווייםפּערלעך, און פערשקעס, און שפּאָנקעס, און מאַרעלען, און מאַלינעס, און אָזשעניצעס, און שאָלקאָוויצעס, און וואָס ניט? וואָס דאַרפט איהר מעהר — אפילו וויינטרויבען ערב ראש־השנה אויף שהחיינו וואו קריגט מען? — ביי איהר,

געזעהען זיך מיט'ן טוידט... די איבעריגע פינף פראַשקעס, האָט ער אָנגעזאָגט דער מאַמען, זאָל איך איינגעמען אַלע צוויי שעה א פראָשעק. געפונען א בעלן אויף איינגענעמען גאָל! די מאַמע האָט זיך נאָר אָפּגעקערעוועט אויף א מינוט, געגאַנגען אָנזאָגען מיין ברודער אליהו, אַז איך בין קראַנק, האָב איך אַלע פינף פראָשקעס אויסגעשאָטען אין פּאָמעניצע אין אָנגעשאָטען אין די פּאַפּיערלעך א ביסעל מעהל. א גוט שטיקעל ארבייט האָט אויף זיך געהאַט די מאַמע: אַלע צוויי שעה האָט זי געמוזט לויפען צו אונזער שכנה פעסי קוקען אויפ'ן זייגער. נאָך יעדען פּראָשעק, וואָס איך האָב איינגענומען, האָט זי באַמערקט, אַז עס ווערד מיר בעסער. נאָך דעם זעכסטען פראָשעק בין איך אויפגעשטאַנען א געזונטער מענטש.

— אָט דאָס הייסט א דאָקטאָר! — האָט זי געזאָגט און נישט געלאָזט מיך געהן אין חדר, געהאַלטען א גאַנצען טאָג אין שטוב און געגעבען מיר זיסען טיי מיט ווייסער בולקע.

— מנשה איז מעהר דאָקטאָר פון אַלע דאָקטוירים, געבען זאָל איהם גאָט געזונט און א סך יאָהרען! ער האָט אַזעלכע פראָשקעס, וואָס זענען מחיה מתים, מאַכען פון טוידט לעבעדיג...

אזוי האָט זיך די מאַמע נאָכדעם באַריהמט פאַר דער גאַנצער וועלט, בשעת־מעשה זיך געווישט די אויגען, ווי איהר שטייגער איז.

ג.

מנשה דעם רופא'ס ווייב רופט מען אויף איהר מאַנ'ס נאָמען: „מנשה'כע די רופא'טע". זי איז א טרפה אידינע. אזוי זאָגען אַלע. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל זי איז א רשע'טע. א פּנים האָט זי, ווי אויף צו־להכעיס, אַ מאַנסבילישען, א קול פון

ה.

מענדעל דעם שוחט'ס קענט איהר, צי ניין? קענט איהר דאָך מענדעל דעם שוחט'ס דירה אודאי נישט. זי איז די אַנדערע פון מנשה דעם רופא'ס און קוקט גלייך צו איהם אין גאָרטען אריין. ביי מענדעל דעם שוחט'ס אַז מע זיצט אויפ'ן דאַך, קאָן מען זעהען אַלסדינגג, וואָס ביי מנשה דעם רופא אין גאָרטען טהוט זיך. די גאַנצע קונץ איז, ווי אַזוי קלעטערט מען אַרויף צו מענדעל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך? מיר איז דאָס גאָרנישט. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל מענדעל דעם שוחט'ס דירה איז די אַנדערע פון אונז און איז אַ סך נידעריגער פון אונזער דירה. אַז מע דראַפּעט זיך אַרויף צו אונז אויפ'ן בוידעם (איך טהו דאָס אָהן אַ לייטער; איך וועל אייך אפשר אַמאָל זאָגען, ווי אַזוי), און שטעלט איהר אַרויס אַ פוס פונ'ם קליינעם פענסטערעל, אַזוי זענט איהר שוין ביי מענדעל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך. דאָרטען לעגט איהר זיך אַוועק ווי אַזוי איהר ווילט: אָדער מיט'ן פנים אַרויף, אָדער מיט'ן פנים אַראָפּ. יעדענפאַלס, לעגען זיך מוזט איהר, אַניט — קאָן מען אייך חלילה דערזעהען: וואָס טהוט איהר ביי מענדעל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך? איך האָב אויסגעקליבען תמיד אַ צייט פאַרנאַכטליך, צווישען מנחה און מעריב, ווען איך בין געגאַנגען אין שוהל אריין קדיש זאָגען. דעמאָלט איז ניט טאָג און ניט נאַכט, די בעסטע צייט. פון דאָרטען אַראָפּגעקוקט אין גאָרטען אַריין, שווער איך אייך, אַז ס'איז אַ גן־עדן שבגן־עדן!...

אַז דער זומער הויבט זיך אָן און די בוימער הויבען אָן צו בליהען, זיך באַדעקען מיט ווייסע פעדערלעך, קאָנט איהר האָפען, אַז ניט היינט איז מאָרגען — וועלען זיך באַווייזען אין די קורצע שטעכעלדיגע בוימעלעך גרינע אַגרעסען. דאָס איז די ערשטע פרי, וואָס עס גלוסט זיך אייך פאַרזוכען. פאַרהאַן מענטשען, וואָס וואַרטען ביז די אַגרעסען ווערען רויט. נאַראָנים! איך זאָל האָ־

ביי מנשה׳כע דער רופא׳טע! אמת, די ווי נטרויבען אַז מע פּאַרזוכט, דערזעהט מען קראָקע מיט לעמבערג. אַזוי שטאַרק זוויערזענען זיי! פון דעסטוועגען, נעמט זי אָפּ פּאַר זיי גוט געלט! פון אַלסדינג מאַכט זי געלט. אפילו פון די סאָנישניקעס. גאָט זאָל אייך היטען, איהר זאָלט ביי איהר בעטען אויס־רייסען אַ סאָנישניק! זי וועט אייך ניט געבען! אַ צאָהן זיך אויסרייסען פונ׳ם מויל איז ביי איהר גרינגער, ווי אויסרייסען אַ סאָנישניק ביי איהר פונ׳ם גאָרטען. היינט ווער רעדט פון איין עפּעל, אַ באַר, אַ וויינשעל, אַ פלוים? חיות ניט זיכער! איך בין באַקאַנט מיט׳ן דאָזיגען גאָרטען, ווי אַ איד אין אשרי. איך וויים אפילו, וואו איטליכס בוימעלע געפינט זיך, און וואָס עס וואַכסט אויף דעם, און צי ס׳איז היינטיגס יאָהר געראָטען אָדער ניט אַזוי געראָטען. פון וואַנען וויים איך דאָס? שרעקט אייך ניט, איך בין דאָרטען נאָך קיינמאָל ניט געוועזן. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיין, אַז דער גאָרטען איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכען פּאַרקאַן, איבערגעדעקט מיט מורא׳דיגע שטעכעלקעס? זענט איהר שוין פאַרטיג? איז אינוועניג דאָ אַ הונט. נישט קיין הונט, נאָר אַ וואָלף! אויף אַ לאַנגען שטריק שטעהט ער צוגעבונדען — אָט דער דאָזיגער כלב שבכלבים, און אנו, לאָז נאָר עמיצער דורכגעהן פאַרביי, אָדער לאָז זיך איהם דאַכטען, אַז עמיצער געהט פאַרביי, הויבט ער אָן צו רייסען זיך, שפּרינגען און בילען מיט אַזא כעס, גלייך ווי דער רוח חאַפּט איהם אַוועק! פרעגט זיך אַ קשיא: וויבאַלד אַזוי, ווי קום איך אין גאָרטען אַריין? הערט־זשע, וועל איך אייך דערצעהלען.

מע שפּיעלט זיך מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז מע ווייסט ניט, וואו זיי זענען אַהינגעקומען...

ו.

וויפיעל שטערען אין הימעל — אַזוי פיעל ווײנשעל ביי מנשה דעם רופא אין גאָרטען. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אז איך בין אַ בעלן געווען אויף איין צווייגעלע איבערצעהלען די ווײנשעל. האָב איך געצעהלט, און נישט געקאָנט איבערצעהלען!... ווײנשעל האָבען אַ טבע, זיי האַלטען זיך שטאַרק אויף די ריטלעך. זעל־טען־זעלטען ווען עס פאַלט אראָפּ אַ ווײנשעל אויף דער ערד — ער מוז שוין זיין איבערצייטיג, שוואַרץ אַזוי ווי אַ פלוים. זעהט איהר, פערשקעס — די פאַלען אָפּ, וויבאַלד נאָר זיי ווערען רעכט געל. אַך, פערשקעס! פערשקעס! איך האָב זיי ליעב מעהר פון אַלע פירות. איך האָב אויף מיין לעבען געגעסען נישט מעהר ווי איין פערשקע, ליגט זי מיר נאָך אין טעם. דאָס איז געווען מיט עטליכע יאָהר פריהער, איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פינף יאָהר. מיין טאַטע האָט נאָך געלעבט, און אין שטוב איז נאָך געווען ביי אונז אַלסדינג: די גלעזערנע שאַפע, מיט דער קאַנאַפּקע, מיט די ספרים, מיט'ן גאַנצען בעטגעוואַנט. קומט צו געהן איינמאָל דער טאַטע פון שוהל אַהיים און מאַכט צו מיר און צו מיין ברודער אליהו, און לעגט אריין די האַנט אין דער הינטער־שטער קעשענע, דאָרט וואו מע האַלט די נאָזפּאַטשיילע:

— קינדער! פערשקעס וועט איהר עסען? איך האָב אייך געבראַכט פערשקעס. אַ פּאָר פערשקעס.

און ער נעמט אַרויס די האַנט פון דער הינטערשטער קע־שענע, דאָרט וואו מע האַלט די נאָזפּאַטשיילע, און טראָגט אונז אונטער, מיר און מיין ברודער אליהו, צוויי גרויסע געלע קיילע־

בען די ברכות, וואָס גרינערהייד זענען זיי א סך מעהר באַ'טעמ'ט
און געשמאַק. איהר ווייסט זאָגען, זיי זענען וויער? עס ווערד פֿון
זיי הייליג די צייהן? נו, וואָס־זשע איז? א וויערם קייקט דאָס
האַרץ, און צו הייליגע צייהן איז דאָ א סגולה: זאַלץ. מע שיט
אַרויף זאַלץ אויף די צייהן און מע האַלט אָפּען דאָס מויל אַלעגען
א האַלבע שעה, קאָן מען נאָכדעם עסען ווידער א מאָל דיזעלבע
אַגרעסען. נאָך די אַגרעסען קומען־אויף די ווייַנפֿערלעך. דיי־
טינקע, מיט שוואַרצע פּיסקעלעך, מיט געלע קערעלעך, און צעהנ־
דלינגער־צעהנדלינגער אויף איין צווייגעלע. איין צווייגעלע אַז איהר
פֿיהרט דורך צווישען די ליפּען, באַקומט איהר א פֿולע מויל מיט
ווייַנפֿערלעך, וויינינע, שמעקענדיגע, מחיה נפשות! אַז זיי קומען־
אויף, קויפֿט מיר די מאַמע פֿאַר א גראָשען א קוואַרטעלע וויינ־
פֿערלעך אויף שהחיינו — עס איך זיי מיט ברויט. ביי מנשה'בע
דער רופֿא'מע אין גאָרטען זענען דאָ צוויי רייהען קליינע בוימע־
לעך, האַרט ביי דער ערד, אָנגעזעצט מיט ווייַנפֿערלעך. אויף דער
זון ברענען זיי אין פֿינקלען אָפּ, און עס גליסט זיך חאַפּטש איין
צווייגעלע, חאַפּטש איין ווייַנפֿערעל מיט צוויי פֿינגער נעבען א ריס־
אָפּ און גלייך אין מויל אַריין! איהר וועט מיר גלייבען? אַז איך
רעד פֿון גרינע אַגרעסען מיט רויטע ווייַנפֿערלעך, ווערד מיר שיין
הייליג די צייהן. לאָמיר בעסער רעדען פֿון ווייַנשעל. ווייַנשעל
האַלטען זיך ניט לאַנג גרין. ווייַנשעל ווערען גיך פֿאַרטיג. איך
קאָן אייך שווערען ביי וואָס איהר ווילט, אַז איך אַליין האָב באַ־
מערקט, ליגענדיג ביי מענדעל דעם שוחט'ס אויפֿ'ן דאַך, עטליכע
ווייַנשעלעך זענען אין דער פֿריה געווען גרין אַזוי ווי גראָז. איך
האָב זיי גוט באַמערקט, געמאַכט אויף זיי א סימן. ביינאַכט האָבען
זיי פֿון דער זון באַקומען רויטע בעקעלעך. דעם זעלבען טאָג פֿאַר־
נאַכט זענען זיי שוין געווען רויט ווי פֿייער! ווייַנשעל פֿלעגט מיר
אויך די מאַמע ברענגען אויף שהחיינו. אָבער וויפֿיעל ווייַנשעל?
פֿינף שטיק אויף א פּאָרעם. וואָס טהוט מען מיט פֿינף ווייַנשעל?

בערקעס. זי מאַכט בעסער פון די פלוימען פּאָווידלע אויפ׳ן ווינ־טער. ווען וועט זי אויפעסען אזוי פיעל פּאָווידלע?

.ז

אראָפּגעפּטר׳ט די וויינשעל מיט די פערשקעס מיט די פלוי־מען, הויבט זיך אָן פאַר מיר א סדרה עפּעל. עפּעל, דארפט איהר וויסען, איז ניט קיין באַרען. באַרען, זיי מעגען זיין די בעסטע באַרען אין דער וועלט („בערגאַמאָטען"), וויבאַלד זיי זענען ניט רעכט פּאַרטיג, קאָנט איהר מיט זיי גאָרניט מאַכען. געהט קייט האָליץ! עפּעל מעגען זיין ווי גרין, די קערעלעך מעגען זיין ווי ווייס, האָבען זיי שוין א טעם פון עפּעל. איהר שטעקט אריין די ציינער אין א גרינעם עפּעל, ווערד אייך זויער אין מויל. ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך וועל אייך ניט אוועקגעבען קיין האַלבען גרינעם עפּעל פאַר צוויי צייטיגע. אויף צייטיגע דאַרף מען וואַרטען ביז העט־העט, און גרינע עפּעל קאָנט איהר האָבען תיכף, נאָכדעם ווי דאָס בוימעלע האָט אָפּגעבליהט. עס ווענדט זיך נאָר אין דער גרויס. וואָס ווייטער איין עפּעל וואַכסט, ווערד ער גרעסער, ווי, להבדיל, א מענטש... עס איז ניט קיין ראיה, אז א גרויסער עפּעל דאַרף זיין גוט. אמאָל מאַכט זיך, א קליין עפּעלע זאָל זיין בעסער פונ׳ם גרעסטען עפּעל. למשל, נעמט „ארץ־ישראל־עפּעלעך". זיי זענען וויניג, אָבער געשמאַק. צי, אשטיינגער, קיסליצעס, אָדער קוואַסעפּעלעך, וואָס געהט זיי אָפּ? היינטיגען זומער איז אויף זיי א מורא׳דיג גערעטעניש. עס וועט זיין אזוי פיעל, אז מע וועט זיי פיהרען מיט וועגען. אזוי האָב איך גע־הערט פון מנשה׳כע דער רופא׳טע׳ס מויל. זי האָט דאָס געזאָגט צו „ראובן דעם עפּעל־איד", בשעת די עפּעל זענען נאָך געווען אין רעכטען בליהען. ראובן דער עפּעל־איד איז געקומען צו געהן אָנ־קוקען דעם גאָרטען. ער האָט געוואָלט אָפּהאַנדלען ביי איהר די עפּעל מיט די באַרען אויפ׳ן בוים. אויף עפּעל און אויף באַרען

כיגע שמעקענדיגע פירות. מיין ברודער אליהו האָט קיין צייט ניט. ער מאַכט אַ ברכה, הויך אויף אַ קול, „בורא פּרי העץ“, און חאַפּט־אַריין די גאַנצע פרי אין מויל אַריין. איך קאָן באַשטעהן פריהער זיך צוגשפּיעלען, זיך אָנשמעקען, אָנשפּיעגלען, און נאָכדעם שוין וועל איך זי עסען. אי דאָס — גייסט אויף איין מאָל, נאָר שטיקלעכווייז, און מיט ברויט. פערשקעס זענען גוט מיט ברויט. פון דעמאָלט אָן האָב איך מעהר קיין פערשקעס נישט פארזוכט, נאָר דעם טעם פון יענער ערשטער פערשקע קאָן איך ניט פארגעסען! איצטער שטעהט פאר מיר אַ גאַנצער בוים מיט פערשקעס, און איך ליג ביי מענדעל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך און קוק און זעה, ווי עס פאַלט אַ פערשקע נאָך אַ פערשקע. איינע אַ געלע, אזש אַ רויטליכע, האָט זיך פארשפּאָלטען און געעפענט. עס זעהט זיך אַרויס פון איהר דאָס בייכיגע קערעל. וואָס וועט זי טהון, די רופא'טע, מיט אזוי פיעל פערשקעס? זי וועט זיי אָפּטרייכלען מן הסתם און וועט פרעגלען פון זיי איינגעמאַכטס. דעם איינגעמאַכטס וועט זי פאַררוקען ווייט אין דער הרובע. ווינטער וועט זי איהם אוועקשטעלען אין קעלער אריין, און דאָרטען וועט ער שטעהן אזוי לאַנג, ביז ער וועט ווערען געצוקערט און חאַפּען אַ שימעל.

נאָך די פערשקעס קומען־אויף פלוימען. נישט אַלע פלוימען מיט אַ מאָל. איך האָב צוויי סאָרטען פלוימען ביי מנשה דעם רופא אין גאָרטען. איין בוים האָב איך מיט „טישערקינעס“. דאָס איז אַ מין קיילעכיגע, זיסע, האַרטע, שוואַרצע פלוים. דער אַנדערער בוים איז אַ בוים פון פּראָסטע פלוימען. דאָס איז אַ מין פלוימען, וואָס מע רופט זיי „עמערפלוימען“. מע פארקויפט זיי אויפ'ן עמער. זיי האָבען אַ דין הייטעל, זענען גליטשיג און קלעפּעדיג אין וואַסעריג אויפ'ן טעם. פון דעסטוועגען זענען זיי ניט אזוי שלעכט, ווי איהר מיינט. הלואי וואָלט מען זיי נאָר וועלען געבען. מנשה'כע די רופא'טע איז אָבער ניט פון די איבעריגע גע־

מיט זיינע גוטע שמייכלענדיגע אויגען. — דאָס קאָן זיך טרעפען מיט אַ נגיד נאָך גיכער ווי מיט איין אָרעמאַן, ווייל אַ נגיד האָט מיט וואָס צו קרענקען.

— איהר זענט אַ איד אַ חכם! — ענטפערט איהם מנשה'כע מלא גזלן. — נאָר אַ מענטש, וואָס ווינטשט דעם אַנדערען זיך אויסברעכען אַ פוס, קאָן איהם אָפּדאַרען די צונג אַזוי, אַז ער זאָל גאָרניט וויסען, פון וואַנען ס'איז צו איהם געקומען.

— פאַר וואָס ניט? — זאָגט זיך ראובן אַלץ מיט'ן זעלבען שמייכעלע. — פאַר נויט איז אַ צונג אויך נישקשה, אַבי נישט חלילה ביי'ם קבצן...

ח.

איין עבירה, וואָס דער גאָרטען איז ניט אַריבער צו ראובן דעם עפּעל־איד אין רשות אַריין. מיר וואָלט דאָס געווען אַ סך מעהר ניחא, ווי ביי דער מכשפה'טע. איהר האָט נאָך אַזאַ צרה ניט געזעהען. לאָז אַראָפּפאַלען איין עפּעלע אַ ווערעמדיגעס, איין איינגעדאַרטעס, איין איינגעקנייטשטעס, ווי ביי איין אַלטער באַבעצי דאָס פנים, וועט זי זיך ניט פוילען זיך אָנבויגען, אויפהויבען, אַריינלעגען אין פאַרטוך אַריין און אַוועקטראָגען. וואוהין טראָגט זי זיי? אַפנים, אויפ'ן בוידעם, און אפשר אין קעלער? עס ווייזט אויס, אַז אין קעלער. מחמת איך האָב געהערט דערצעהלען, אַז פאַראַיאָהרען איז ביי איהר פאַרפוילט געוואָרען אַ קעלער מיט עפּעל. איז נישט אַ מצוה, מע זאָל ביי איהר רייסען עפּעל? יאָ, אָבער ווי אַזוי רייסט מען זיי? אַריינכאַפּען זיך אין גאָרטען ביידערנאַכט, ווען אַלע שלאָפען, און אָנשטופּען פולע קעשענעס, וואָלט אודאי געווען אַ שכל. וואָס־זשע וועט אָבער זאָגען דער כלב? און ווי אויף צו־להכעיס וואַכסען היינטיגען זומער עפּעל איינס אין איינס. זיי בעטען זיך, זיי חלש'ען, מע זאָל זיי אָפּרייסען! וואָס טהוט מען? ס'זאָל זיין אַזאַ שפּרונג, אַ מין כישוף, די עפּעל

איז ראובן שוין איין מאָל א מבין. ער, אז ער טהוט א קוק מיט איין אויג אויף א בוים, וועט ער אייך באַלד זאָגען, וויפיעל פּרנסה דער בוים קאָן געבען. ער וועט אייך קיינמאָל נישט האָבען קיין טעות אויף אָט אזוי פיעל. סיידען עס וועלען זיין גרויסע ווינטען, און די עפּעל וועלען אָפּפאַלען פאר דער צייט, אָדער א וואָרעם וועט זיך ארייננחאַפּען, א „האָסעניצע" וועט זיך זעצען. דאָס איז אַלץ אזעלכע זאכען, וואָס א מענטש קאָן ניט וויסען. א ווינט איז דאָך פון גאָט, און „האָסעניצעס" אויך. חאָטש אפילו איך וויים ניט, אויף וואָס דארף גאָט ווערעם מיט „האָסעניצעס"? סיידען צוליעב דעם, זיי זאָלען צונעמען ביי ראובן דעם עפּעל־איד דאָס שטיקעל ברויט?... ראובן זאָגט, אז ער פארלאַנגט נישט מעהר פון א בוים, ווי א שטיקעל ברויט. ער האָט, זאָגט ער, א ווייב און קינדער און זוכט פאר זיי א שטיקעל ברויט. מנשה'כע זאָגט איהם צו נישט נאָר א שטיקעל ברויט, נאָר ברויט מיט פליישׁ. זי ווינשט זיך אזא מזל, וואָס פאר בוימער זי גיט איהם. ס'איז דען בוימער? ס'איז גאָלד, ניט קיין בוימער.

— איהר ווייסט, אז איך בין אייך, חלילה, נישט קיין שונא'־טע. — זאָגט איהם מנשה'כע. — וואָס איך ווינטש אייך, מעג עס מיר אָנקומען.

— אָמן! — מאַכט צו איהר ראובן מיט א שמייכעל אויף זיין גוט רויט פּנים, וואָס סע שיילט זיך פון דער זון. — איהר גיט מיר ארויס א כתב פאר ווינטען, ווערעם און האָסעניצעס, געב איך אייך נאָך מעהר וויפיעל איהר ווילט.

מנשה'כע טהוט אויף איהם א מאָרנעם קוק פון אונטען ארויף און מאַכט צו איהם מיט איהר מאַנסבילשער שטים:

— גיט מיר ארויס א כתב, אז איהר גֶעהט אוועק פון דאנען און גליטשט זיך ניט אויס אויפ'ן גלייכען וועג און ברעכט זיך ניט אויס א פוס.

— פון אויסגליטשען זיך און אויסברעכען זיך א פוס איז קיינער ניט באוואָהרענט! — זאָגט ראובן און קוקט אויף איהר

נעמט זיי אַלע דריי מיט זיך און קלעטערט מיט זיי אַרויף צו אונז אויפ'ן בוידעם (אַ מכשפה קאָן!). פונ'ם בוידעם איז זיי שוין געווען ניט שווער צו זעהען דורכ'ן פענסטערעל, ווי אַזוי איך אַר־בייט מיט'ן שטעקען.

— נו? וואָס זאָגט איהר אויף אייער תכשיט? אצינד גלויבט איהר שוין?

די ווערטער האָבען געהערט צו דער רופא'טע. איך האָב דערקענט איהר מאַנסבילשע שטים. איך האָב אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום בוידעם און האָב דערזעהען אַלע פיער ווייבער. איך האָב דעם שטעקען מיט'ן עפּעל ניט אוועקגעוואָרפען. זיי זענען אַליין אַרויסגעפאַלען. אַ גליק, וואָס איך אַליין האָב מיך גע־האַלטען אויף די פיס. איך האָב נישט געקאָנט קוקען קיינעם אין די אויגען אַריין. דער הונט זאָל ניט ליגען אין גאָרטען, וואָלט איך זיך דער'הרג'עט פאַר בזיון. ערגער פון אַלץ איז מיר געווען דער מאַמע'ס טרערען. זי האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָ־גען און צו יאָמערען און צו באַוויינען מיך:

— וועה איז מיר! ווינד איז מיר! צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט! איך האָב געמיינט, אַז מיין יתום געהט אין שוהל אַריין זאָגען קדיש נאָכ'ן טאַטען, צום סוף ליגט ער גאָר אויף אַ בוידעם, אַ דונער איז מיר, און רייסט עפּעל פון אַ פרעמדען גאָרטען!...

און די מכשפה שטעהט איבער איהר און לעגט־צו מיט איהר מאַנסבילשער שטים:

— שמייסען דאַרף מען איהם, אָט אַזאַ משומד! קאַטעוועןן! גנאָטעוועןן, בלוט זאָל געהן! אַ יונגעל זאָל וויסען דאָס אַנדערע מאָל, ווי אַזוי צו זיין אַ ג...

די מאַמע דערלאָזט נישט אַרויסזאָגען דאָס וואָרט „גנב".

— ער איז אַ יתום! נעבאַך אַ יתום! — טענה'ט די מאַמע צו דער רופא'טע און קושט איהר אין די הענט אַריין און בעט ביי איהר, אַז זי זאָל מיר מוחל זיין, אַז מעהר וועט דאָס שוין ניט

זאָלען געהן צו מיר!... איך קלער אזוי לאַנג, ביז איך דערקלער. נישט קיין שפרוך און נישט קיין כישוף, נאָר איין אנדער זאך. אַ שטעקען, אַ לאַנגען שטעקען מיט אַ צוויאַק ביי'ם שפּיץ. מיט דעם שטעקען אבי איהר טרעפט נאָר מיט'ן צוויאַק ביי'ם הענגערעל פונ'ם עפּעל און טהוט אַ ציה צו זיך — איז דער עפּעל אייערער. איהר דאַרפט נאָר זעהען האַלטען דעם שטעקען אַזוי, אַז דער עפּעל זאָל חלילה ניט אַראָפּפאַלען אויף דער ערד. און טאָמער פאַלט דער עפּעל אַראָפּ, איז אויך אָהן איין אומגליק. זי וועט מיינען, אַז דאָס האָט איהם דער ווינט אַראָפּגעשליידערט. פאַר־שטעהט זיך, איהר דאַרפט דעם עפּעל ניט אָנריהרען מיט'ן צוויאַק, זי זאָל זיך ניט שטויסען... איך שווער אייך בנאמנות, אַז איך האָב איין עפּעל נישט צעשלאָגען. און אַראָפּגעפאַלען איז ביי מיר אויך ניט. ביי מיר פאַלען נישט קיין עפּעל. איך ווייס, ווי אַזוי מע דאַרף האַלטען אַ שטעקען, אַז מע רייסט עפּעל. דער עיקר איז, מע זאָל זיך ניט חאַפּען. וואָס האָט איהר קיין צייט ניט? איהר האָט דערטאַפּט איין עפּעל? עסט איהם אויף שטילערהייד, רוהט זיך אָפּ אַ ביסעל און רייסט ווייטער. איך בין אייך ערב, אַז קיין פויגעל וועט נישט וויסען!

געהט זייט אַ נביא, אַז די מכשפה וועט גאָר וויסען דעם חשבון פון די עפּעל נאָך אויפ'ן ביים! אַפּנים, זי האָט זיי איבער־געצעהלט בייטאָג און האָט זיך געחאַפּט אויף מאָרגען, אַז עס פעהלען איהר עטליכע שטיק. האָט זי זיך באַהאַלטען ביי זיך אויפ'ן בוידעם און גענומען אונטערקוקען זיך, טאָמער וועט איהר געראָטען חאַפּען דעם גנב. אַזוי רעכן איך. מחמת פון וואַנען דען האָט זי געקאָנט דערוויסען זיך, אַז איך ליג ביי מענדעל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך און אַרבייט מיט'ן שטעקען? נעחיי וואָלט זי מיך חאַטש געחאַפּט אַליין אָהן עדות, וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטען ביי איהר. פאָרט אַ יתום — טאָמער וועט זי האָבען אויף מיר רחמנות? איז זי זיך אָבער מיישב און געהט־אַוועק צו מיין מאַמען און צו אונזער שכנה פעסי און צו דער שוחט'קע און

IV

מיין ברודער אליהו האָט חתונה

זיין! זי שווערט איהר מיט כל השבועות שבעולם, אז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, אגיט — זאָל זי אָדער אליין שטארבען, אָדער זי זאָל חלילה מיך רייגראָבען!...

— לאָז ער שווערען, אז ער וועט שוין מעהר אפילו ניט אריינקוקען צו מיר אין גאָרטען אריין! — פאָדערט די רופא'טע מיט איהר מאַנסבילישער שטים אָהן א קאַפּ רחמנות צו א יתום.

— לאָז מיר אָפּדארען די הענט! לאָז מיר ארויס די אויגען! — זאָג איך, און געה מיט דער מאַמען אהיים און הער־אויס איהר מוסר מיט איהר וויינען, און צעוויין מיך אליין אויך גאנץ געשמאַק.

— איך פרעג דיך נאָר, וואָס וועט פון דיר זיין? — פרעגט מיך די מאַמע מיט טרערען, און שטעלט מיר צו א בענקעלע פאַר מיין ברודער אליהו. מיין ברודער אליהו הערט־אויס די מעשה מיט די עפּעל און ווערד בלאַס. אפּנים, פאַר כעס. די מאַמע דערזעהט, אז ער איז אויסער זיך. זי האָט מורא, ער זאָל מיך ניט שלאָגען. זי רוימט איהם איין א סוד, ער זאָל מיך ניט שלאָגען, ווארום איך בין א יתום.

— ווער טשעפּעט איהם? — זאָגט מיין ברודער אליהו. — איך בין נאָר א בעלן צו וויסען, וואָס וועט זיין פון איהם? וואָס וועט זיין פון איהם?!!

אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און קריצט מיט די צייהן און קוקט אויף מיר, איך זאָל איהם זאָגען, וואָס וועט זיין פון מיר? איך וויים, וואָס וועט זיין פון מיר? אפשר ווייסט איהר, וואָס וועט זיין פון מיר?

IV

מיין ברודער אליהו האָט חתונה

א.

מזל טוב! איהר ווייסט? מיין ברודער אליהו האָט חתונה!

וועה־וועה, וואָס סע טהוט זיך! עס קאָכט די שטאָדט. די וועלט וויעגט זיך! אזוי זאָגט אינזער שכנה, פּעסי די גראָבע. זי זאָגט, אז עס וועט זיין א געהויבענע חתונה. אזא חתונה, זאָגט זי, איז שוין לאַנג ניט געווען ביי אונז אין שטאָדט!

וואָס איז די מעשה? נאָר מצד רחמנות. מחמת די מאמע איז איין אלמנה און דער חתן איז א יתום. און א ביסעל איז טאקי צוליעב זכות אבות. דעם טאטענ'ס נאָמען! דער טאטע, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזט א שענעם נאָמען! פאר'ן לעבען האָט מען עפּיס ניט געהערט, עמיצער זאָל פון איהם אזוי שטאַרק רעדען. איצט, נאָכ'ן טויט, איז פּייסי דער חזן געהויבט אין געקרוינט. סכנת נפשות! איך הער, וואָס מענטשען זאָגען דער מאמע מיינער. זיי זאָגען איהר, אז דער מחותן איז ניט קראַנק צו נעמען אויף זיך אלע הוצאות און נאָך עפּיס צוצאָהלען אייך. ער טאָר ניט פארגעסען, זאָגען זיי, אז ער נעמט פּייסי דעם חזנ'ס זוהן פאר א חתן! מיין ברודער אליהו הערט דאָס. ער פאַר־

פרעגט, וואָס געהר זיך אָן א פּרעמדער טאַטע צו זיין זייגער? ער איז ניט מחויב, זאָגט ער, מיט זיינע זייגערס אויסצוהאַלטען פּרעמדע טאַטעס. פון׳ם זייגער איז שוין ביי איהם געוואָרען „זייגערס" און פון׳ם טאַטען — „טאַטעס"! פּעסי זאָגט, אַז פון א חזיר׳שען עק קאָן מען קיין שטריימעל ניט מאַכען!... דאָס מיינט זי אונזער מחותן. ער איז א פּראָסטער נפש. א בעקער איז ער און הייסט יונה דער בייגעלבעקער. ער באַקט בייגעל. „איהר מעגט שוין ליגען אין דער ערד און באַקען בייגעל". אזוי זאָגט איהם פּעסי, מסתמא אויף קאַטאָוועס. און אפשר מיינט זי טאַקי אויף דער אמת׳ען? איך פאַרשטעה ניט, ווי אזוי קאָן מען ליגען אין דער ערד און באַקען בייגעל: ווער וועט זיי דאָרטען קויפען?... ער איז א איד א נגיד, אונזער מחותן. פּעסי דרינגט, אז ער איז איין אדיר! זי זאָגט איהם אין די אויגען, אז ווען זי פאַרמאָגט האַלב פון איהם, טהוט זי מיט איהם קיין שידוך ניט. זי האָט פיינט א חזיר. ער מוז אָפּשווייגען, וואָרום צו איהר אז מע פאַלט אריין, איז דאָס בעסטע — שווייגען. ער איז שוין מוחל דעם חתן דעם זייגער, אבי לאָז דאָס האָבען א סוף. זאָגט אָבער פּעסי, אז זי איז ניט מוחל. זי וויל, ער זאָל קויפען דעם חתן א נייעם זייגער. עס פּאַסט ניט, זאָגט זי, א חתן זאָל געהן צו דער חופּה אָהן א זייגער. טענה׳ט ער: וואָס פאַר א שייכות האָט זי מיט זיין חתן? זאָגט זי: עס האָט א שייכות. דערפאַר, וואָס דער חתן איז פּייסי דעם חזנ׳ס א זוהן, און ער, יונה דער בייגעלבעקער, איז ביידע זאכען: אי א נגיד, אי א חזיר. פאַר־דריסט דאָס איהם, טהוט ער א קלאַפּ מיט דער טיר און זאָגט: „לאָז דאָס געהן אין דער ערד אריין!" זאָגט איהם פּעסי: „אויף געהן אין דער ערד אריין זענט איהר בילכער — איהר זייט א בעקער!"...

די מאַמע האָט שטאַרק מורא, טאָמער חלילה שיקט ער אָפּ די תנאים. זאָגט איהר פּעסי, זי זאָל שלאָפען רוהיג: א יתום שיקט מען נישט אָפּ קיין תנאים. איהר מיינט, ווער האָט אויס־

שעמט זיך, גלעט זיך דאָס בערדעל, ווי א גרויסער, ווי א מאַנסביל. ער איז שוין א מאַנסביל. ערשט אָט דאָ ניט לאַנג האָט זיך איהם אנגעהויבען שיטען א בערדעל. געוויס איז דאָס איהם געקומען פון רויכערען. פון זינט דער טאַטע איז געשטאָרבען, האָט ער אָנגעהויבען רויכערען. די ערשטע צייט האָט ער זיך געמוטשעט, בּלעגט זיך פארהוסטען. איצט פארציהט ער זיך שוין און קאָן ארויסלאָזען דעם רויך דורך דער נאָז. א טייערע מציאה! איהר מיינט, אז איך קאָן דאָס ניט? די גאַנצע צרה, וואָס איך האָב ניט קיין טיטון! רויכער איך פּאַפּיער, רויכער איך שטרוי, רויכער איך דער רוח ווייסט וואָס. איז געוואָהר געוואָרען דערפון מיין ברודער אליהו. האָט ער מיר געגעבען! ער מעג, און איך טאָר ניט! באשר איך בין נאָך ניט אַלט קיין גאַנצע ניין יאָהר, אם כן וואָס בין איך שולדיג? איך האָב איהם געגעבען דאָס וואָרט, איך האָב איהם געשוואָרען ביי א חומש, אז איין עק, מעהר רויכער איך ניט. ווי מיינט איהר, לאַנג האָב איך געהאַלטען וואָרט? איך בעט אייך, ווער רויכערט ניט היינטיגע צייטען?

ב.

באלד ...ט זיך איבערקעהרען די וועלט. אזוי זאָגט פּעסי, אונזער שכנה. זי איז געקומען צו געהן פונ'ם מחותן א געקאָכטע. ס'איז א מיאוסע מעשה. דער מחותן איז געוואָהר געוואָרען, אז דער חתן (מיין ברודער אליהו) האָט ניט דעם זייגער. דער זייגער איז געוועזען א גוטער זייגער, איין אמת'ער א זילבערנער זייגער. דאָס האָט איהם דער מחותן געקויפט א מתנה. וואו איז אהינ־געקומען דער זייגער? ער האָט איהם, חלילה, ניט פארשפּיעלט אין קאָרטען. ער האָט איהם פארקויפט און דאָס געלט אויס־געגעבען אויף דאָקטוירים און רפואות. ער האָט געוואָלט ראַטע־ווען דעם טאַטען — וואָס קימט איהם דערפאַר? אזוי האָט גע'־טענה'ט פּעסי. דער מחותן איז אָבער א פּראָסטער איד. ער

אליהו האָט חתונה. גאַנץ פריה האָט זיך אויסגעשטעלט א יריד אין שטעדטעל. וויבאַלד א יריד, מוז איך דאָרטען זיין. איך האָב ליעב א יריד דאָס חיות. אידען לויפען־אַרום, ווי פאַר'סמ'טע מייז. שוויצען, שרייען, פילדערען זיך, רייסען די גויים פאַר די פּאָלעס, געהען אוים לייזען געלט — א טהעאַטער מיט זיי! און די גויים האָבען צייט; זיי געהען דוקא פּאַוואָלי, די היטלען אַרויף, קוקען, טאַפּען, קראַצען זיך, דינגען זיך, ווילען האַנדלען מציאות. גויעס מיט משונה מאָדנע שלייערס, מיט ברייטע אָפענע פּאַזוכעס, מע זעהט אַרוים די בריסט. אין די פּאַזוכעס האַפּען זיי אַריין אמאָל, אז מע זעהט ניט, א שטיקעל סחורה. אידען ווייסען שוין, קוקען מיט אויגען. אז מע דערזעהט, טרייסעלט מען אוים, און עס ווערד א חתונה. אמאָל מאַכט זיך, אז איין ערלית קויפט א ליכטעל אין קלויסטער אַריין און פאַרשטעקט דאָס אין שלייער. יונגע לייט האָבען ניט וואָס צו טהון, ווילען זיך מאַכען א שטיקעל יום־טוב, צינדען זיי איהר אָן שטילערהייד דאָס ליכטעל. אלע קוקען אויף דער ערלית און לאַכען. די ערלית ווייסט ניט וואָס די אידען לאַכען. הויבט זי אָן צו שעלטען אלע אידען מיט טוידטע קללות. לאַכט מען נאָך מעהר. אמאָל ווערד דערפון א געשלעג צווישען גויים און אידען. איך זאָג אייך — מע דאַרף נישט קיין טהעאַטער!... שענער פון אלץ איז די „קאָננע". ווייסט איהר, וואָס דאָס הייסט? דאָס איז דער פערד־מאַרק. דאָרט קויפט מען און מע פאַרקויפט פערד. דאָרט זעהט איהר פערד, ציגיינער, בייטשען, אידען, גויים און פּריצים. דער טומעל איז דאָ חוץ לדרך הטבע, מע קאָן טויב ווערען. די ציגיינער שווערען זיך, אידען פּאַטשען איבער די הענט, פּריצים קנאַקען מיט די בייטשען און פערדלעך לויפען אַהין און אַהער פייל אוים'ן בויגען. איך האָב ליעב צו קוקען, ווי פערדלעך לויפען, און ווער שמועסט לאָשעקלעך! איך געה־אוים, איך שטאַרב נאָך א לאָשעקעל! און נישט נאָר קליינע לאָשעקלעך האָב איך ליעב — אלסדינג וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך, קליינע קעצלעך. איהר ווייסט?

געפיהרט? מיר! דער מחותן האָט געקויפט דעם חתן (מיין ברודער אליהו) אַ נייעם זייגער, אויך אַ זילבערנעם. נאָך אַ בעסערען פון יענעם. דער מחותן האָט איהם אליין געבראַכט צו טראָגען. אוי, ווען איך האָב אַזאַ זייגער! וואָס מיינט איהר, וואָלט געווען? קודם וואָלט איך ארויסגענומען די געדערים און דערגאַנגען דעם שכל. פאַר וואָס אַ זייגער געהט. און נאָכדעם? נאָכדעם ווייס איך שוין וואָס ס'וואָלט געווען. די מאַמע ווינשעוועט איהם, דעם מחותן, ער זאָל דערלעבען איהם קויפען אַ גאָלדענעם זייגער. דער מחותן ווינשעוועט איהר אָפּ צוריק, זי זאָל דערלעבען חתונה מאַכען דעם מיזיניק. דאָס מיינט מען מיך. איך בין צופריעדען אפילו היינטיגען טאָג, אַבי אַ זייגער. די מאַמע גלעט מיך און זאָגט, אז עס וועט נאָך געננג וואַסער איבערלויפען, און בישעת מעשה זענען איהר די אויגען נאַס. איך פאַרשטעה ניט, וואָס דאַרף לויפען אזוי פיעל וואַסער איידער איך געה חתונה האָבען, און וואָס דאַרף מען דערביי וויינען? וויינען איז ביי איהר אַ וואָכעדיגער גאַנג, און דאָס מוז זי אַלע טאָג. וויינען איז ביי איהר, ווי, למשל, ביי אייך דאַוונען, אָדער עסען. דער שניידער האָט אָפּגעבראַכט דעם חתן די מלבושים, וואָס דער מחותן האָט באַשטעלט — דאַרף זי וויינען. פּעסי האָט איהר אָפּגעבאַקען לעקאַך צו דער חתונה — דאַרף מען וויינען. מאָרגען אין דער צייט איז די חופּה — וויעדער געוויינט! איך פאַרשטעה ניט, פון וואַנען נעמען זיך ביי מענטשען אזוי פיעל טרערען?...

ג.

עס גיט זיך אויס אַ מאָל אַ טאָג — אַ גן־עדן! אין דרויסען איז חצי־אלול, און טאַקי חצי־אלול'דיג. די זון בראָט ניט אויף צו שוויצען, אויף צו וועלען באָדען זיך. זי וואַרעמט און גלעט און קושט אַזוי ווי אַ מאַמע. דער הימעל איז אויסגעצוואָגען שבת'דיג. דער גאַנצער אינדרויסען פרעהט זיך. וואָס מיין ברודער

די מאַמע וואַשט מיך אַרום, טהוט מיר אָן אַ פּאָר נייע הויזלעך מיט אַ קאַשקעטעל צו דער חתונה. די הויזלעך זענען געמאַכט געוואָרען איך ווייס ניט פון וואָסער אַ מאַטעריע: אַז מע שטעלט זיי אַוועק, שטעהען זיי, און אַז מע געהט, שרייען זיי. מאָדנע הויזלעך!

— אַז דו וועסט צערייסען אָטאָ די הויזלעך, איז שוין עק וועלט!

אַזוי זאָגט די מאַמע, און איך מיין אויך אַזוי. אַזעלכע הויזען קאָנען זיך שוין ניט צערייסען. סיידען מע זאָל זיי צע־ברעכען. דאָס קאַשקעטעל איז גאָר פון די אַנטיקען, און אַ דאַ־שעקעל האָט דאָס אַ שוואַרצס, אַ גלאַנצענדיגס. אַז עס הערט אויף צו גלאַנצען, באַשפּייט מען דאָס, הויבט עס אָן אויפס־ניי צו גלאַנצען. די מאַמע קוקט אויף מיר און קוועלט, און טרערען קייקלען זיך אויף איהרע געקנייטשטע באַקען. איהר ווילט זיך זעהר, אַז איך זאָל אויף דער חתונה אויסנעמען. זי זאָגט צום חתן:

— אליהו! ווי מיינסט דו? איך וועל מיט איהם ניט פאַר־שעמט ווערען? ער געהט אָנגעטהאָן, קיין עין־הרע, ווי אַ מאָ־נאַרכ'ס אַ קינד.

מיין ברודער אליהו באַטראַכט מיך, גלעט זיך דאָס בערדעל און קוקט אויף מיינע פּיס. איך ווייס, וואָס באַדייט זיין קוקען. ער קוקט, וואָס דעם „מאָנאַרכ'ס קינד" געהט באָרוויס... די מאַמע פאַרשטעהט אויך זיין קוק, נאָר זי מאַכט זיך ניט ווייסענדיג... אַליין געהט זי אָנגעטהאָן אין אַ מאָדנע געל מלבוש, וואָס איך האָב עס אויף איהר קיינמאָל נישט געזעהען. דאָס מלבוש איז אויף איהר מגושם ברייט. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב עס אַמאָל געזעהען אויף אונזער שכנה פּעסי... דערפאַר טראָגט זי אויפ'ן קאָפּ אַ זיידענע פאַטשיילע, אַ שפּאָגעל־נייע, נאָך מיט אַלע קנייטשען. דעם קאָליר פון דער פאַטשיילע איז שווער צו באַשרייבען. מע קאָן זאָגען ווייס, מע קאָן זאָגען געל, מע

אפילו אונגערקעלעך קליינינקע, קארטאָפּעל יונגעטשקע, ציבעלקע־לעך, קנעבעלעך — אַל'ץ וואָס קליין איז ליעב. א חוץ חזירים'לעך. חזירים האָב איך פיינט אפילו קליינערהייד... איך קעהר מיך אום צו די פערדלעך. די פערד לויפען. די לאָשעקלעך לויפען נאָך די פערד. איך לויף נאָך די לאָשעקלעך. אלע לויפען מיר. אויף לויפען בין איך א פייער. איך האָב זעהר גרינגע פיס. דערצו געה איך באָרוויס און זעהר לייכט אָנגעטהאָן: א העמדעל, איין הויז, און פון אויבען א סיצען ארבע־כנפות'על. אז איך לויף אראָפּ א בארג און ס'איז א ווינטעל און די ציצית צעלאָזען זיך, מאָהלט זיך מיר אויס, אז איך האָב פליגעל און איך פליה.

— מאָטעל! גאָט איז מיט דיר! שטעה א ווײלע!

אזוי שרייט צו מיר פּעסי'ס מאַן, משה דער איינבינדער. ער לויפט פונ'ם יאריד אהיים מיט א פּאַק באבולע פּאַפּיער. איך האָב מורא, ער זאָל מיר ניט צושטעלען א בענקעלע פאַר דער מאַמען, און איך זאָל ניט חאפּען קיין פּסק פון מיין ברודער אליהו. איך העך־אויף צו לויפען, געה־צו פּאַמעליך, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען, צו אונזער שכנה'ס מאַן. ער לעגט־אָפּ דאָס פּעקעל פּאַפּיער, ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שוויים און זאָגט מיר מוסר:

— ווי שעמט זיך דאָס ניט א יונגעלע א יתום דרעהען זיך ײ״״״יען ציניינערס און לויפען משוגענערהייד מיט אלע פערד? און נאָך אין אזא טאָג! שוין באלד די חופּה ביי דיין ברודער — דאָס ווייסט דו? קום אהיים!

ד.

— וואו ביזט דו געוועזן? א דונער איז מיר!

אזוי זאָגט צו מיר די מאַמע מיט א פליעסק מיט די הענט און באטראַכט מיין צעריסען הויזעל, מיינע צעבלוטיגטע פיס און מיין פאַרפלאַמט, פארשוויצט פנים. לאַנג לעבען זאָל משה דער איינבינדער. קיין וואָרט האָט ער ניט דערצעהלט פאַר קיינעם.

איבער די הענט, אָדער דרעהען אייך אָן איין אויהער. דער רוח חאַפּט זיי אַוועק, טאָמער ריהרט איהר זיך צו מיט א פינגער! איהר וועט זיי אָפּבייסען! אַך, ווען די מאַמע זאָל זיין א גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך געמאַכט פאַר א כלי־זמר. איך ווייס אָבער, אַז זי וועט דאָס ניט וועלען. ניט מחמת זי איז א שלעכטע, נאָר מחמת די וועלט וועט ניט דערלאָזען, אַז פּייסי דעם חזנ׳ס יונגעל זאָל זיין א כלי־זמר. ניט קיין כלי־זמר און ניט קיין בעל־מלאָכה. מע האָט שוין גערעדט דערפון ניט איין מאָל, וואָס וועט זיין פון מיר דער תכלית. די מאַמע, מיין ברודער אליהו, אונזער שכנה פּעסי און איהר מאַן, משה דער איינבינדער. ער האָט חשק מיך נעמען צו דער ארבייט. דערלאָזט נישט פּעסי. זי זאָגט, אַז פּייסי דער חזן, עליו השלום, האָט ניט פאַרדיענט, אַז זיין זוהן זאָל זיין א בעל־מלאָכה... איך האָב מיך פאַררעדט און גאָר פאַרגעסען פון דער חתונה. ס׳איז שוין לאַנג נאָך דער חופּה. מע גרייט שוין צום טיש. ווייבער און מיידלעך טאַנצען א קאַדריל. איך האָב מיך אריינגעפּלאָנטעט מיט מיינע הילצערנע הויזען אין מיטען. די וואָס קוקען ווי מע טאַנצט האָבען מיך גענומען וואַר־פען איינער צום אַנדערען, ווי א מיאַטש. „וואָס איז דאָס פאַר א פּריטשעפּע?" זאָגט איינער. „עפּיס א שלים־מזל!" זאָגט דער אַנדערער. „א רעשטעל צו די צרות!" זאָגט א דריטער. דער־זעהט אונזער שכנה און צעשרייט זיך (זי איז שוין הייזעריג ווי די וואַנט):

— צי איהר זענט משוגע, צי חסר־דעה, צו מוטייר, צי גע־ריהרט, צי פונ׳ם זינען, צי ניט ביי אַלע געדאַנקען? דאָס איז דאָך דעם חזנ׳ס ברודערעל!!!...

אהא! עס האָט זיי גענומען! אודאי האָט מען מיך אַוועק־געזעצט ביי׳ם טיש גלייך מיט כלה׳ס צד. און ווייסט איהר, מיט וועמען מע האָט מיך באַזעצט? אַז איהר וועט זיין מיט אַבצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען! מיט דער כלה׳ס שוועסטערעל. יונה דעם בעקער׳ס קליין טעכטערעל. אַלטע הייסט

קאָן זאָגען רויז — עס ווענדט זיך אָן דער צייט. בייטאָג איז דאָס העל־רויז, פאַרנאַכט קוקט דאָס אויס געלבליך, און ביינאַכט — ווייס. גאַנץ פריה מאָהלט זיך עס אויס גרינליך, און אַמאָל, אז מע קוקט זיך שטאַרק איין, פאַלט דאָס גאָר אַריין אין „אַנטיק־מאָרע", דאָס הייסט: העל־רויטליך־בלוי־טונקעל־גרין־פּאָפּעליאַטע. זאָגען אויף דער פּאַטשיילע א חסרון קאָן מען ניט, וואָרום ס'איז א זעלטענע פּאַטשיילע. נישט מעהר, אויף דער מאַמע זעהט זי אויס פּרעמדר, שטאַרק פרעמד. עפּיס קלעפּט זיך ניט די פּאַטשיילע צום פּנים. די פּאַטשיילע איז פאַר זיך, און דאָס פּנים איז פאַר זיך. א ווייבערשע פּאַטשיילע איז ווי, להבדיל, א מאַנסבילש היטעל. דאָס היטעל מיט'ן פּנים באַדאַרפען זיך פּאָרען, זיין ווי צונויפגעגאָסען. אָט, למשל, מיין ברודער אליהו. ער געהט אָנ־געטהאָן א קאַרטוזעל, איז דאָס ווי אויסגעוואַכסען ביי איהם אויפ'ן קאָפּ. די פּאות האָט מען איהם אינגאַנצען אָפּגעשאָרען. און ניט נאָר אָפּגעשאָרען, נאָר אָפּגעגאָלט. א מאַנישקע האָט ער אָנגע־טהאָן א ווייסע מיט א האַרטען קאָלנער, מיט אָפּגעלעגטע שפּיצען. און א שניפּסעל האָט ער געקויפט א ווייס מיט רויטע, גרינע און בלויע פּינטעלעך. א רייכער שניפּס! שטיוועל מיט'ן גלאַנץ און מיט'ן סקריפּ און אויף שטאַרק הויכע אָבצאַסען — ער זאָל אויס־זעהען א ביסעל העכער. עס וועט איהם אָבער העלפען, ווי א טוידטען באַנקעס: ער איז זעהר קליין געוואַכסען. ער איז ניט אזוי קליין, ווי זי איז גרויס און הויך און מאַנסבילדיג, און רויט און האַבעטיני, און א שטימע האָט זי א מאַנסבילשע. איך רעד פון דער כלה, פון יונה דעם בעקער'ס טאָכטער. ברכה הייסט זי. א פאַרגעניגען געוועזען צו זעהען דאָס פּאָרעל אונטער דער חופּה. איך האָב קיין צייט ניט צו קוקען אויף חתן־כלה. איך בין פאַר־נומען. איך דאַרף זעהען די כלי־זמר. און ניט אזוי די כלי־זמר, ווי זייערע כלים. מעהר ווי אַלץ — דעם קאָנטערבאַס מיט'ן קעסעל־פּויק. שענע צוויי כלים! דער חסרון, וואָס מע קאָן ניט צוגעהן נאָהענט א פּרוב טהון די כלים. באַלד עפּיס געבען זיי

V

איך האָב אַ רייכע שטעלע

זי. זי איז עלטער פון מיר סך־הכל מיט איין יאָהר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגעבונדען פון אונטען מיט א סטענגעלע און זעהען־אוים, ווי א געפלאָכטענער בייגעל. איך און אלטע עסען פון איין טעלער ניט ווייט פון חתן־כלה. דער חתן, מיין ברודער אליהו, קוקט אויף מיר, איך זאָל זיצען ווי א מענטש, איך זאָל עסען מיט א גאָפּעל און זאָל ניט חאפּען, און זאָל אכטונג געבען אויף דער נאָז. איהר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך האָב קיין הנאה ניט פון דער וועטשערע. איך האָב פיינט, אז מע קוקט אויף מיר. צו די אלע זאכען טראָגט אָן דער גוטער יאָהר אונזער שכנה פעסי.

— זאָלט איהר זיין געזונט! — שרייט זי מיט אלע כחות צו דער מאַמע. — טהוט נאָר א קוק אהער. פאר וואָס זאָל ניט זיין קיין שידוך?... א זיווג מן השמים!

אויף איהר הייזעריגען געשריי קומט אָן דער מחותן, יונה דער בעקער, אָנגעטהאָן שבת'דיג, און עס ווערד א שמועס, אז איך און אלטע זענען חתן־כלה. יונה דער בעקער לאכט מיט א האלבען מויל. דאָס הייסט: די אויבערשטע ליפּ ביי איהם לאכט, די אונטערשטע וויינט. דער גאַנצער עולם קוקט אויף אונז. מירביידע, איך און אלטע, לאָזען אראָפּ די אויגען אונטער'ן טיש און שטיקען זיך פאר געלעכטער. בכדי איך זאָל ניט אויסשיסען, האלט איך מיך צו ביי דער נאָז און בלאָז מיך אָן ווי א פּאָחיר. נאָך א מינוט וועט דער פּאָחיר פּלאצען, און ס'וועט זיין א סקאַנ־דאל. א גליק, וואָס די כלי־זמר טהוען א זעץ א שענעם ניגון, א וואָלאך. דער גאנצער עולם ווערד פארטראכט. איך הויב־אויף דעם קאָפּ און דערזעה די מאַמע מיט'ן געלען פרעמדען מלבוש און מיט דער זיידענער פאטשיילע. זי טהוט דאָס, וואָס אלע מאָל: זי וויינט! איהר ווייסט ניט, זי וועט אמאָל אויפהערען צו וויינען?...

V

איך האָב אַ רייכע שטעלע

א.

די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז איך האָב שוין אַ שטעלע. נישט חלילה ביי אַ בעל־מלאָכה — איהרע שונאים, זאָגט זי, וועלען דאָס ניט דערלעבען, אַז פּייסי דעם חזנ׳ס זוהן זאָל זיין אַ בעל־מלאָכה. מיין שטעלע, זאָגט זי, איז אַ רייכע שטעלע, אַ גרינגע שטעלע. אַ גאַנצען טאָג וועל איך געהן אין חדר, אין תלמוד־תורה הייסט עס, און ביינאַכט וועל איך געהן שלאָפען צום אַלטען לוריא. דער אַלטער לוריא איז אַ גרויסער גביר, זאָגט זי. ער איז נאָר אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער געזונט, עסט און טרינקט און שלאָפט, נאָר ניט ביינאַכט. ביינאַכט קאָן ער ניט שלאָפען. קיין איין אויג מאַכט זיך איהם ניט צו. האָבען די קינדער מורא איהם לאָזען איינעם אַליין ביינאַכט. דאַרף מען האָבען אַ מענטש זאָל זיין מיט איהם. עס מעג זיין אַ קינד, אַבי אַ מענטש. אוועקזעצען צו איהם איין אַלטען אידען פּאַסט נישט. אַ קינד — גאַרנישט, עלעהיי אַ קעצעל. פינף רובעל אַ וואָך האָבען זיי צוגעזאָגט, און וועטשערע פאַר דיר אַלע פאַרנאַכט, ווען דו קומסט פון תלמוד־תורה (אַזוי

אין זייט אריין. איך קאָן ניט זעהען, ווי מע שלאָגט אַ קאַץ. לאַכען זיי פון מיר. ביי זיי איז ניטאָ קיין צער בעלי־חיים. איך רעד פון די קינדער, וואָס מיט מיר אין דער תלמוד־תורה. זיי זענען רוצחים. פון מיר לאַכען זיי. זיי רופען מיך: „די היל־צערנע הויזען“, און מיין מאַמע — „די קלאָגעדיגע“, ווייל זי וויינט שטענדיג.

— אָן געהט דיין קלאָגעדיגע מאַמע! — זאָגען זיי צו מיר.

דאָס איז זי געקומען מיך אָפּנעמען פון חדר און אָפּפיהרען אויף מיין רייכע שטעלע.

ג.

אויפ׳ן וועג באַקלאָגט זיך די מאַמע, אַז איהר איז ביטער און פינסטער (ביטער אליין איז קאַרג). גאָט האָט איהר גע־געבען צוויי קינדער, און זי דאַרף זיין אַליין. מיין ברודער אליהו האָט, זאָגט זי, חתונה געהאַט, קיין עין־הרע, זעהר גוט, אריין אין אַ שמאַלץ־גרוב. איז אָבער דער חסרון, וואָס דער שוועהר איז אַ גראָבער יונג. אַ בעקער, משטיינס געזאָגט. וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון אַ בעקער? אַזוי טענה׳ט מיט מיר די מאַמע, און מיר קומען אויף מיין רייכער שטעלע, צום אַלטען לוריא. דער אַלטער לוריא זיצט אין אַ קייזערליכען פּאַלאַץ. אַזוי זאָגט די מאַמע. אין אַ קייזערליכען פּאַלאַץ בין איך אַ בעלן זיין. דער־ווייל זענען מיר אין קיך. איך און די מאַמע. אין קיך איז אויך ניט מיאוס. דער אויוועז איז וויס און גלאַנצט, און די כלים גלאַנצען, און אַלסדינג גלאַנצט. מע בעט אונז זיצען. עס קומט אַרויס אַ ווייבעל, אָנגעטהאָן ווי אַ פּריצה. זי רעדט מיט דער מאַמע און ווייזט אויף מיר. די מאַמע שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ, ווישט אַלע מאָל די ליפּען און וויל ניט זיצען. איך זיץ דוקא יאָ. די מאַמע געהט אַוועק, זאָגט מיר אָן, איך זאָל זיך האַלטען ווי אַ מענטש. דערביי האַפּט זי דערווייל אַ ווײַן און

זאָגט מיר די מאַמע מיינע). א גוטע וועטשערע, א נגיד'ישע. וואָס ביי זיי פאַלט אראָפּ קאָן עס זיין געניג פאַר אונז אַלע. געה, מיין קינד, אין חדר, פאַרנאַכט וועסט דו קומען, וועל איך דיך אָפּפיהרען אהין. וועסט נישט האָבען קיין שום ארבייט. א נגיד'ישע וועטשערע און א געלעגער אויך א גוטען. און פינף רובל א וואָך. איך וועל דיר מאַכען א פּאָר מלבושים'לעך, שטי־ווע־לעך דיר קויפען.

דאַכט זיך, גוט — איאָ? וואָס זשע דאַרף מען וויינען? קאָן זי אָבער אנדערש ניט, די מאַמע מיינע. וויינען מוז זי!

ב.

אין תלמוד־תורה געה איך דערווייל אזוי. לערנען לערען איך ניט. נישטאָ פאַר מיר קיין כתה. העלף איך דער רביצין אין שטוב און שפּיעל מיך מיט דער קאַץ. דער רביצינ'ס אַרבייט איז ניט קיין שווערע ארבייט. אויסקעהרען די שטיב, העלפען אריינטראָגען האָלץ, געהן א גאַנג — ס'איז בלאָטע, ס'איז ניט קיין ארבייט. אבי ניט לערנען. לערנען איז ערגער. דערפאַר אָבער די קאַץ — א סך מעהר איינגענעהם. א קאַץ, זאָגט מען, איז א טמא. איך זאָג: ס'אַ ליגען. א קאַץ איז א ריינע חיה. א קאַץ, זאָגט מען, איז א מזיק. איך זאָג: ס'א ליגען. א קאַץ איז א צוגעלאָזטע זאַך. א הונט האָט אין זיך חניפה, א הונט דרעהט מיט'ן עק. א קאַץ לאַשצעט זיך, און אז מע גלעט זי איבער'ן קעפּעל, מאַכט זי צו די אויגלעך און הויבט־אָן מורקען. איך האָב ליעב א קאַץ, — וואָס קומט מיר דערפאַר? רעדט־זשע אָבער מיט זיי, מיט מיינע חברים, וועלען זיי אייך דערצעהלען טויזענד מעשיות. אז מע האַלט א קאַץ, דאַרף מען וואַשען די הענט. אז מע האַלט א קאַץ, שאַדט צום זכרון. זיי וויסען שוין ניט וואָס אויסצוטראַכטען. זיי האָבען א טבע — לאָז צו־געהן צו זיי די קאַץ, דערלאַנגען זיי איהר א שנייד מיט'ן פיס

צי ער זעהט מיך ניט? ווייזען ווייזט אויס, אַז ניין. וואָרום קוקען קוקט ער ניט, און געזאָגט האָט מען איהם גאָרניט. מע האָט מיך נאָר אריינגעלאָזט אהער און מע האָט פארשלאָסען די טהיר פון יענער זייט. פּלוצים רופט זיך אָן דער אלטער לוריא, און קוקען קוקט ער אלץ נאָך ניט אויף מיר:

— קומט אהער, וועל איך אייך ווייזען אַ שטיקעל רמב"ם.

צו וועמען רעדט ער דאָס? צו מיר? מיר זאָגט ער „איהר"? איך קוק מיך אום אויף אלע זייטען. אחוץ מיר איז נישטאָ דאָ קיינער. דער אלטער לוריא ברומט אויס נאָך אַ מאָל אויף זיין גראָבער שטים:

— קומט אהער, וועט איהר זעהען, וואָס דער רמב"ם זאָגט!

איך בין אַ בעלן צוצוגעהן צו איהם נאָהענט.

— מיך רופט איהר?

— אייך, אייך, וועמען דען?

אזוי מאכט צו מיר דער אלטער לוריא און קוקט אין גרויסען בוך אריין און נעמט מיך פאר אַ האַנט און טייטעלט מיט איין פינגער און גיט מיר צו פארשטעהן וואָס דער רמב"ם זאָגט. און וואָס ווייטער, רעדט ער העכער און מיט אלץ מעהר היטץ. ער צעקאָכט זיך אזוי שטארק, אַז ער ווערד אזש רויט. ער דרעהט מיט'ן גראָבען פינגער, און מיט'ן עלענבויגען דערלאנגט ער מיר אלע מינוט אין זייט אריין און מאכט צו מיר:

— נו, וואָס זאָגט איהר? איאָ, עס איז גוט?

ס'זאָל זיין שטארק גוט — זעה איך ניט. דעריבער שוויג איך. איך שוויג, און ער קאָכט זיך. ער קאָכט זיך, און איך שוויג. עס הערט זיך אַ קלונג פון אַ שליסעל פון יענער זייט. עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין די זעלבע וואָס געהט פריציש אָנגעטהאָן. זי געהט־צו צום אלטען לוריא און רעדט איהם גלייך אין אויהער אריין. אפנים, ער איז אַ טויבער. אניט — וואָס דארף זי שרייען? זי זאָגט איהם, ער זאָל מיך

א וויש די אויגען. מאָרגען וועט זי קומען נאָך מיר און וועט מיך אָפּפיהרען, זאָגט זי, אין חדר אַריין. מע גיט מיר עסען. יויך מיט קוילעטש (אין דער וואָכען קוילעטש!) און פלייש — א גוזמא פלייש! אָפּגעגעסען, הייסט מען מיר געהן אַרויף. ווייס איך ניט, וואָס הייסט „אַרויף“? פיהרט מיך אָפּ די קעכין. חנה הייסט זי. זי איז א שווארצע מיט א לאַנגער נאָז. מע פיהרט מיך אַרויף אויף טרעפּ. די טרעפּ זענען אויסגעבעט מיט ווייבען. מיט באָרוויסע פיס איז א מחיה צו געהן. ס'איז נאָך ניט רעכט נאַכט, און ביי זיי ברענען שוין לאָמפּען. אָהן א שיעור לאָמפּען. די ווענט זענען אויסגעקלעפּט מיט צאַצקעס און מיט מענטשעלעך. די שטוהלען זענען באַדעקט מיט לעדער. די סטעלי איז צע־מאָהלט, ווי להבדיל אין בית־המדרש. נאָך שענער ווי אין בית־המדרש. מע האָט מיך אַריינגעפיהרט אין א גרויסען אַלקיר. דער אַלקיר איז אַזוי גרויס, אַז ווען איך זאָל זיין איינער אַליין, וואָלט איך געלאָפען פון איין וואַנט ביז דער אַנדער־ער, אָדער איך וואָלט מיך גאָר אַנידערגעלעגט און געקאַטשעט זיך אויף דער סאַמעטענער קאָלדרע, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנ־צער ערד. אויף אַזאַ קאָלדרע דאַרף זיין ניט שלעכט צו קאַטשען זיך. שלאָפען דאַרף זיין אויך נישקשה'דיג.

ד.

א שענער איד, א הויכער, מיט א גרויען באָרד, מיט א ברייטען שטערן, א זיידענער חאַלאַט, א יאַרמעלקע פון גאָלע סאַמעט, שטעקשיך אויף די פיס, אויך פון סאַמעט מיט בליטשקע אויסגע־נייהט, — אָט דאָס איז דער אַלטער לוריא. ער זיצט איבער א גרויסען גראָבען ספר. זאָגען זאָגט ער גאָרניט, נאָר ער קייט די שפּיצען פון'ם באָרד, קוקט־אַריין אין ספר, שאָקעלט מיט א פוס און ברומט שטילערהייד צו זיך אַליין. א מאָדנער איד אָט דער אַלטער לוריא. איך קוק אויף איהם און טראַכט: ער זעהט מיך,

ה.

א גוטע בשורה האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אָט דער אַלטער לוריא. ער מוז מיך אויפעסען! וואָס וועט די מאַמע זאָגען? עס פאַלט־אָן אויף מיר אַ פּחד. עס ציטערט אויף מיר דאָס לייב. די סאָפע, וואָס איך ליג אויף איהר, איז אָפּגערוקט פון דער וואַנט. ביסלעכווייז רוק איך מיך צו דער וואַנט און גליטש מיך אַראָפּ אויף דער ערד, צווישען סאָפע און צווישען וואַנט. עס קלאַפּט מיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. איך הער מיך איין און וואַרט, ווען וועט ער מיך עסען. און ווי אַזוי? שטילערהייד רוף איך די מאַמע און פיהלֹ, ווי נאַסע טראָפּענס קאַטשען זיך מיר איבער די באַקען, פון די באַקען אין מויל אַריין. די טראָפּענס זענען געזאַלצען. איך האָב קיינמאָל אַזוי ניט געבענקט נאָך דער מאַמע, ווי אַצינד. נאָך מיין ברודער אליהו בענק איך אויך, נאָר ניט אַזוי. און אָן דעם טאַטען דערמאָן איך מיך, וואָס איך זאָג נאָך איהם קדיש. ווער וועט נאָך מיר זאָגען קדיש, אַז דער אַלטער לוריא וועט מיך אויפעסען?...

. . . .

אפּנים, איך בין גוט געשלאָפען? וואָרום אַז איך חאַפּ מיך אויף, קוק איך מיך אַרום, וואו בין איך אין דער וועלט? איך טאַפּ די וואַנט. איך טאַפּ די סאָפע. איך שטעק אַרויס מיין קאָפּ — אַ גרויסער, אַ ליכטיגער אַלקיר. סאַמעטענע קאָלדרעס אויף דער ערד. די ווענט אויסגעקלעפּט מיט מענטשעלעך. די סטעלי — ווי להבדיל אין בית־המדרש. דער אַלטער לוריא זיצט נאָך אַלץ איבער יענעם גרויסען ספר, וואָס ער רופט איהם רמב"ם. מיר געפעלט דער נאָמען „רמב"ם". עס קומט אויס ביי מיר ווי „בימבאָם". פּלוצים דערמאָן איך מיך, אַז דער אַלטער לוריא האָט מיך ערשט נעכטען געוואָלט אויפעסען. איך האָב מורא,

אָפּלאָזען, וואָרום איך דאַרף שוין שלאָפען. זי נעמט מיך צו פון זיינע הענט און באַלעגט מיך אויף א סאָפע מיט „שפּרינגזינגעס“. דאָס בעטגעוואַנט איז אזוי ווייס אזוי ווי שניי. א קאָלדרע א זיידענע, א ווייכע — טעם גן־עדן! די וואָס געהט פּריציש אָנגעטהאָן דעקט מיך איין, געהט אוועק און פארשליסט די טהיר פון יענער זייט. דער אלטער לוריא געהט־ארום איבער דער שטוב, די הענט פארלעגט אהינטער, קוקט־אראָפּ צו זיך אויף די שענע שטעק־שיך, און ברומט, און באָמקעט, און מאַכט עפּים מאָדנע מיט די ברעמען. מיר קלעפּען זיך די אויגען. איך וויל שלאָפען. פּלוצים געהט־צו צו מיר דער אלטער לוריא און זאָגט מיר:

— דו ווייסט? איך וועל דיך אויפעסען.

איך קוק אויף איהם און פארשטעה ניט וואָס ער זאָגט.

— שטעה אויף, איך וועל דיך אויפעסען.

— ווענען? מיך?

— דיך! דיך! איך מוז דיך אויפעסען! אנדערש קאָן דאָס ניט זיין!

אזוי זאָגט דער אלטער לוריא. ער געהט ארום איבער דער שטוב, האלט דעם קאָפּ אראָפּ, די הענט ארונטער, דעם שטערן פארקנייטשט. ער רעדט אָבער אלע מאָל שטילער, צו זיך אליין. איך הער זיך צו צו איטליכס וואָרט. קוים וואָס איך כאַפּ דעם אָטהעם. ער אליין פרעגט ביי זיך און ענטפערט זיך אליין. אָט וואָס דער אלטער לוריא זאָגט:

— דער רמב״ם זאָגט, אז די וועלט איז ניט קיין קדמון. פון וואַנען איז געדרונגען? ווייל א סבה מוז האָבען א מסבב! מיט וואָס קאָן איך דאָס באַווייזען? מיט מיין רצון. ווי אזוי? אָט וויל איך איהם אויפעסען, עס איך איהם אויף. אי וואָס? רחמנות? עס קעהר זיך גאָר ניט אָן. איך טהו מיין רצון. דער רצון איז ניט דער תכלית. איך עס איהם אויף. איך וויל איהם אויפעסען. איך מוז איהם אויפעסען!...

זיך און גיט מיר פון איהר פּוטערגעבעקסעל העכער האַלב. דער־זעהט חנה די קעכין און מאַכט אַ גוואַלד, גלייך ווי מע האָט זי געקוילעט:

— וואָס טהוט איהר דאָס? עסט, עסט, ס'איז דאָ גענוג!

און חנה די קעכין גיט מיר נאָך אַ פּוטערגעבעקסעל. האָב איך שוין צוויי מיט אַ האַלבען. איך הער מיך צו צו זייער שמועס. דער שמועס איז מיר באַקאַנט. די מאַמע קלאָגט זיך אויף איהר מזל. איין אַלמנה, צוויי קינדער, איינער אין אַ שמאַלץ־גרוב, דער אַנדערער נעבאַך אַזוי. איך וואָלט וועלען וויסען, ווי אַזוי איז דאָס מיין ברודער אליהו אין אַ שמאַלץ־גרוב? אַ גרוב מיט שמאַלץ? תמיד פלייששיג? חנה הערט־אויס די מאַמע, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. נאָכדעם הויבט אָן חנה רעדען. קלאָגען זיך אויף איהר מזל, וואָס זי דאַרף זיין ביי יענעם. זי איז אַ טאַטענ'ס אַ קינד. איהר טאַטע איז געוועזען אַ איד אַ בעל־הבית, איז ער אָפּגעברענט געוואָרען. נאָכדעם האָט ער אָנגע־הויבען קרענקען. נאָכדעם איז ער געשטאָרבען. איהר טאַטע, זאָגט זי, זאָל אַצינד אויפשטעהן און געבען אַ קוק אויף זיין חנה. ווי זי שטעהט ביי אַ פרעמדען אויווען! זי קאָן זיך ניט באַקלאָגען. דאַנקען גאָט דערפאַר. זי האָט אַ גוטע שטעלע. איין חסרון — דער אַלטער בעל־הבית איז אַ ביסעל...

וואָס „אַ ביסעל“ — ווייס איך ניט. חנה ווייזט עפּיס מיט'ן פינגער אויפ'ן שטערן. די מאַמע הערט־אויס חנה'ן, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. נאָכדעם הויבט־אָן ווידער די מאַמע רעדען. חנה הערט־אויס די מאַמע, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אויפ'ן וועג גיט זי מיר מיט נאָך אַ פּוטערגעבעקסעל, און איך ווייז די יונגלעך אין תלמוד־תורה. זיי רינגלען מיך אַרום און קוקען אין די אויגען, ווי איך עס. אפּנים, ביי זיי איז דאָס אַ גאַנצער אַנטיק? איך גיב זיי אַלעמען צו קליינע שטיקעלעך. זיי לעקען די פינגער.

— וואו האָסט דו גענומען אַזאַ מאכל?

ער זאָל מיך ניט דערזעהען און ווידער ווילען עסען. באהאַלט איך מיך צוריק צווישען וואַנט און צווישען סאָפע און שווייג. עס עפענט זיך די טהיר מיט א קלונג פון יענער זייט. עס קומט־אריין אַלץ יענע, וואָס געהט אָנגעטהאָן ווי א פּריצה. נאָך איהר געהט נאָך די קעכין, וואָס מע רופט זי חנה, מיט א גרויסען בעקען. אויפ׳ן בעקען שטעהען קריגעלעך מיט קאַווע, הייסע מילך און פּוטערבולקעס פרישע.

— וואו איז דאָס בחור׳על? — פרעגט חנה און קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען. זי דערזעהט מיך צווישען וואַנט און צווישען סאָפע.

— ביזט א רעכטער שייגעץ, ווי איך זעה! וואָס טהוסט דו דאָ? קום אראָפּ מיט מיר אין קיך. דאָרט וואַרט אויף דיר די מאַמע.

איך טהו א שפּרונג־ארויס פון מיין באהעלטעניש און לויף־אראָפּ איבער די אויסגעבעטע טרעפּ מיט די בּאָרוויסע פיס און זינג מיר אונטער צום טאַקט: ראַמבאָם, בים־באָם! בים־באָם, ראַם־באָם! — ביז איך קום אין קיך אריין.

— חאפּט זיך ניט! — זאָגט חנה די קעכין צו דער מאַ־מע. — לאָז ער אויסטרינקען חאָטש א גלעזעל קאַווע מיט א פּוטער־געבעקסעל! און איהר אַליין, נישקשה, מעגט אויכעט נע־מען א גלעזעל קאַווע. דער גוטער יאָהר וועט זיי ניט נעמען. זיי האָבען גענוג.

אזוי זאָגט חנה די שוואַרצע, און די מאַמע דאַנקט איהר און זעצט זיך אַוועק, און מע דערלאַנגט אונז הייסע שמעקעדיגע קאַווע מיט פרישע פּוטער־געבעקס.

איהר האָט אַמאָל געגעסען אייער־קיכעלעך מיט צוקער? — אָט דאָס זענען די נגיד׳ישע פּוטער־געבעקסלעך. און אפשר נאָך בעסער. דעם טעם פון דער קאַווע קאָן איך אייך ניט באַשרייבען. טעם גן־עדן! די מאַמע האַלט דאָס גלאָז און זופּט און קוויקט

VI

א שמאלץ־גרוב

איך שטופּ אָן ביידע באַקען, שטעל זיך אַוועק אַקעגען זיי מיט די הענט אין די טיעפע קעשענים פון מיינע הילצערנע הויזען און קיי און שלינג און טאַנץ־אונטער אויף מיינע באָרוויסע פיס אָהן ווערטער, ווי איינער רעדט:

— עך, קבצנ'ישע טאַרבעס וואָס איהר זייט! א טייערע מציאה פּוטערגעבעקס, חאַ־חאַ־חאַ! איהר זאָלט נאָך פּרובירען מיט קאַווע, וואָלט איהר ערשט דעמאָלט געוואוסט וואָס הייסט טעם גן־עדן אויף דער וועלט!...

VI

אַ שמאַלץ־גרוב

א.

דאָס איינציגע שטיקעל גליק, וואָס האַלט מיין מאַמען אויף די פיס, איז דאָס, וואָס מיין ברודער אליהו איז, דאַנקען גאָט, גוט. ער האָט זיך אַריינגעחאַפּט אין אַ שמאַלץ־גרוב. אַזוי זאָגט די מאַמע מיינע, און פאַר גרויס נחת חאַפּט זי אַ וויש די אויגען, ווי איהר שטייגער איז. זי האָט איהם שוין פאַרזאָרגט, זאָגט זי, אויף אייביג. איהר שנור, זאָגט זי, איז אפילו ניט קיין אַי־אַי־אַי (איך מיין אויך אַזוי!). האָט איהם אָבער גאָט צוגעשיקט דערפאַר אַ רייכען שווערער. ער איז אַ בעקער. יונה רופט מען איהם, יונה דער בעקער. דאָס הייסט, ער אַליין באַקט ניט. באַקען באַקען אַנדערע. ער קויפט נאָר מעהל און פאַרקויפט ברויט. פסח באַקט ער מצות פאַר דער גאַנצער שטאָדט. ער איז צו בעקעריי אַ ברען, און דערצו איז ער אַ בייזער איד — סכנות. איך מעג זאָגען, אַז ער איז אַ רוצח. ער האָט מיך איינמאָל געחאַפּט, בשעת איך בין געווען צוגאַסט ביי מיין ברודער אליהו און האָב מיך מכבד געווען מיט איין אייער־בייגעל. דער בייגעל איז געווען אַ פרישער, אַ וואַרעמער, נאָר־וואָס פונ׳ם אויווען. האָט דער רוח באַדאַרפט אָנטראָגען יונה דעם בעקער. איהר

ב.

הערט איהר, אפּנים, אז מיט גאָט טאָר מען זיך טאַקי ניט שפּיעלען! איהר וואָלט וויסען וואָסער א סוף יונה דער בעקער האָט געהאט! איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז ער אליין באַקט ניט. באַקען באַקען אנדערע. עפּיס צוויי אידען שווארצע מיט דריי ווייבער פּרעמדע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט רויטע ווארעמע פּאַטשיילקעס אויפ'ן קאָפּ (האָטש אין דרויסען איז א היץ — סכנת נפשות!). האָט זיך געטראָפען א מעשה. ניט איין מעשה, נאָר עטליכע מעשיות. דער עולם האָט זיך געקלאָגט, אז מע געפינט אין די בולקעלעך פּאָדעם, און טאַשמעס, און טאַראַקאַנעס, און שטיקלעך גלאָז. איינער א כריסט האָט געבראַכט צו טראָגען צו דעם בעקער א גאַנצען זשמוט מיט האָר, שווארצע האָר. פאַר א כריסט האָט זיך יונה דער בעקער איבערגעשראָקען. ובפרט דער כריסט האָט געסטראַשעט מיט פּאָליציע. מע האָט זיך גענומען צו די בעקערס, פאַרגלייכען וועמענ'ס האָר. די מאַנסבילען האָבען געזאָגט אויף די ווייבער. די ווייבער האָבען געזאָגט אויף די מאַנסבילען. די ווייבער האָבען גע'טענה'ט, אז זיי האָבען אלע געלע האָר. די מאַנסבילען האָבען גע'טענה'ט: וואו האָט איהר געזעהען ביי מאַנסבילען אזעלכע לאַנגע האָר? ביז די ווייבער האָבען זיך צעקריעגט. און אז די ווייבער האָבען זיך צעקריעגט, איז מען געוואָהר געוואָרען שענע זאַכען: איינע האָט פאַרלוירען א זאָקענבענדעל אין דער חלה. איינע האָט פאַרקנאָטען אין טייג א זאַניטעצע פון א קראַנקען פינגער. נאָך איינע פלעגט זיך לעגען אלע ביינאַכט צוקאָפּענס די אויפגעיוירענע חלה. זי האָט געשוואָרען מיט כל השבועות שבעולם, אז ס'איז שקר וכזב. סך הכל האָט זיך דאָס געטראָפען איין מאָל, אדיער, העכסטענס, צוויי מאָל. זי האָט ניט געהאט קיין קישען...

די גאַנצע שטאָדט האָט זיך געוויעגט. יונה דער בעקער האָט געבאַך געהאט דאָס לויפעניש. עס האָט נישט געהאָלפען

זאָלט געוועזן זעהען זיין רציחה׳דיג פּנים מיט זיינע גזל׳עוואַטע אויגען! פון דעמאָלט אָן געה איך ניט מעהר אהין. מיין פוס וועט שוין דאָרט ניט זיין מעהר, איך זאָל וויסען נאָלד! א איד זאָל האָבען א טבע אָננעמען פאַר׳ן קאָלנער און ארויסוואַרפען אויף יענער זייט טהיר, און נאָך געבען גוטע דריי סטוסאַקעס פון הינטען! איך האָב עס דערצעהלט דער מאַמען, איז זי באַלד אוועקגעלאָפען אהין — זי האָט איהם געוואָלט אָפּשפּיעלען א חתונה, ווי איהם קומט. האָט אָבער מיין ברודער אליהו ניט דערלאָזט. ער האָט איהם אָפּגעגעבען דעם גערעכט. ער האָט גערעדט אָן דער מאַמען, אז ער האָט דורך מיר בזיונות. אַלע מאָל, ווען איך קום צו איהם, עס איך, זאָגט ער, בייגעל. ער וועט מיר בעסער געבען, זאָגט ער, א קאָפּיקע און לאָם איך געהן ערגיץ אַנדערש זיך קויפען א בייגעל. זאָגט איהם די מאַמע, אז ער האָט אויף מיר קיין קאָפּ רחמנות ניט, אז עס אהרט איהם ניט, וואָס דאָס קינד איז א יתום. זאָגט איהר מיין ברודער אליהו, אז מע קאָן זיין א יתום און מע טאָר ניט חאַפּען קיין בויגעל פון א פרעמדען אויווען. זאָגט איהם די מאַמע, ער זאָל רעדען א ביסעל שטילער. זאָגט איהר מיין ברודער אליהו, אז ער וועט דוקא שרייען הויך, בכדי אַלע זאָלען וויסען. אז איך בין א גנב. דאָס וואָרט „גנב״ קאָן די מאַמע נישט הערען. זי ווערד אַלערליי פאַרבען און זאָגט צו מיין ברודער אליהו, ער זאָל ניט פאַרגעסען, אז ס׳איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט. מיט גאָט שפּיעלט מען זיך ניט. גאָט וועט ניט שווייגען. ער איז איין אבי־יתומים. ער וועט זיך אָננעמען פאַר׳ן יתום. נישקשה, ער איז א גרויסער גאָט. ער קאָן. אז גאָט וויל, קאָן יונה דער בעקער ניט פאַר־מאָגען וואָס א בייגעל איז ווערטה!... אזוי זאָגט־אָפּ די מאַמע צו מיין ברודער אליהו. זי נעמט מיך פאַר א האַנט, טהוט א קלאַפּ מיט דער טהיר, און מיר געהען אהיים.

נאָך ניט געטראָפּען, אז א בעל־מלאָכה זאָל גאָר זאָגען א דעה, ווי אזוי צו שלאָגען זיך! פון העכערען דעם פּרייז איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. ער קאָן קריגען צעהן אנדערע אויף זייער אָרט. א טייערע מציאה ארבייטער! קארג מענטשען שטארבען פון הונגער? ער איז אוועק זוכען בעקערס. ניטאָ קיין בעקערס. קיינער וויל ניט געהן. וואָס איז די מעשה? אלע בעקערס האָבען זיך געמאכט יד־אחת. זיי וועלען צו איהם ניט געהן, ביז ער וועט ניט צונעמען אלע פריהעריגע בעקערס, און ביז ער וועט ניט מקיים זיין אלע דריי זאכען: 1) א קערבעל א וואָך. 2) ביי־נאכט אהיים שלאָפען. 3) ניט שלאָגען זיך מיט די הענט אין די צייהן... שען געוועז אָנצוקוקען, ווי יונה האָט זיך געקאָכט, געפינעט, געקלאָפּט מיט די הענט אין טיש און געשאָלטען זיך. אי, האָב איך געהאט א נקמה! נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט אקעגען דעם, וואָס ס'איז געווען ווייטער.

ד.

א הייסער זומערטאָג. נאָר וואָס זענען אויפגעקומען דינים מיט קאַווענעס (אַרבוזעס). דאָס איז די בעסטע צייט אין יאָהר. שפּעטער א ביסעל הויבען זיך אָן די וויינענדיגע טעג. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד — איך האָב פיינט די וויינענ־דיגע טעג. איך האָב בעסער ליעב, אז ס'איז פריילין. און וואָס קאָן זיין פריילכער פון א פולען מארק מיט דינים און מיט קאַ־ווענעס? אומעטום, וואו איהר טהוט זיך א קעהר, איז אָדער דינים, אָדער קאַווענעס. די דינים זענען געל און שמעקען ווי אתרוגים. די קאַווענעס זענען רויט (אינווענינ), ווי פייער, און קערלעך האָבען זיי שווארצע, און די זיסקייט זייערע איז ווי א גוטער האָניג. מיין מאמע האלט ניט פון קאַווענעס. זי זאָגט, אז דינים זענען שפּאָרעוודיגער. אז זי קויפט, זאָגט זי, א דיני, האָט זי אויף צוויי טעג פאַר אונז ביידען — אויף אָנבייסען,

קיין שום רבונו־של־עולם. מע האָט נישט געוואָלט נעמען זיין געבעקס אין די הענט אריין! חאָטש ווארף עס ארויס פאַר די הינט! אַ מצוה אויף איהם!

ג.

יונה דער בעקער איז אָבער אַ יונג מיט ביינער. ער האָט צעטריבען די בעקערס, די אידען מיט די ווייבער, און האָט צו־גענומען אַנדערע בעקערס. שבת האָט ער געלאָזט אויסרופען אין אַלע שוהלען, אַז ער האָט צוגענומען נייע בעקע־ס, און אַז פון היינט אָן און ווייטער גיט ער אכטונג אליין, ס'זאָל זיין ריין און ציכטיג. ער איז ערב מיט צעהן רובעל שטראָף, טאָמער גע־פינט מען ביי איהם אין דער חלה איין האָר אפילו. פון דע־מאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבען לייזען געלט. דער עולם האָט געזוכט האָר ביי איהם אין די געבעקס און מע האָט דוקא נישט געפונען. אפילו אַז מע האָט יאָ עפּיס געפונען און מע האָט איהם געבראַכט, האָט ער אַרויסגעטריבען. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט מען אומיסטנע אַריינגעלעגט, בכדי צו באַקומען די צעהן רובעל שטראָף. מע ווייסט די מעשות!... אַ רעכטער חברה־מאַן אָט דער יונה דער בעקער! גאָט האָט אָבער געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט איהם, האָט ער איהם צוגעשיקט אַ נייעם אומ־גליק. איינמאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען זענען אַלע זיינע בעקערס אויפגעשטאַנען, צונויפגענומען די קלומקעס און זענען אַוועק. זיי וועלען מעהר ניט באַקען ביי איהם פאַר קיין געלט. סיידען ער וועט זיי העכערען דעם פּרייז אויף אַ קערבעל אַ וואָך, און וועט זיי לאָזען אויף ביינאַכט אַהיים שלאָפען, און וועט זיי ניט שלאָגען מיט די הענט גלייך אין די צייהן אריין. ביי יונה דעם בעקער איז אַזאַ טבע: באַלד עפּיס — גיט ער מיט די הענט אין די צייהן אַריין. יונה איז געוואָרען אָנגעצונדען. ער איז שוין אַ בעל־הבית פון היבשע עטליכע יאָהר, האָט זיך איהם

זעצט הייסט דאָס ביי אונז. זענען געקומען די בעלי־חובות און האָבען איהם אָפּגעשריבען פון קאָפּ ביז פיס. זיי האָבען צוגע־נומען ביי איהם ביז א פּאָדעם. אַלץ וואָס אין שטוב, און אפילו די שטוב אַליין אויך, נאָך מיט וואָסערע בזיונות! מע האָט איהם געבעטען מחילה, ער זאָל אָפּרייניגען די שטוב. דאָס הייסט, מע האָט איהם ארויסגעוואָרפען, זאָגט ער, אויף דריי שפּענדלעך.

— וועה איז מיר! — זאָגט די מאַמע און ברעכט די הענט.— וואו איז אהינגעקומען זיין געלט? ער איז דאָך געווען אזא נגיד!

ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו, אז, ערשטענס, איז ער גאָר ניט געווען אזא נגיד. און צווייטענס... דאָ מישט זיך אריין מיין שוועגערין ברכה, אז איהר טאַטע איז דוקא יאָ געווען א נגיד. חוץ זיין שאָדען אויף איהר געזאָגט געוואָר־ען האָטש האלב. נאָר וואָס דען? איהר חתונה האָט איהם אָפּגעקאָסט איין אוצר! זי האָט ליעב רעדען פון איהר חתונה. אַלעמאָל, ווען זי קומט צו אונז, הערט איהר נאָר פון איהר חתונה. אזא חתונה, ווי איהר חתונה, איז ניט געווען, זאָגט זי, אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס געבעקס וואָס אויף איהר חתונה, די געבראָטענס וואָס אויף איהר חתונה, די טאָרטען מיט די לעקאכער, מיט די שטרודלען, מיט די מלכות־ברויטלעך, מיט די איינגעמאכטסען וואָס אויף איהר חתונה!... דערוויַיל איז זי געבליבען ווי זי שטעהט און געהט, מיט א פוטערען קעלנערעל און מיט א פּארעווען דורכשלאָג. דאָס נדן, וואָס איהר פאָטער האָט צוגעזאָגט, שמועסט מען ניט, אז ס'איז פארפאַלען. מיין ברודער אליהו האָט נאָך געהאַט רווחים: מע האָט איהם אָפּגעשריבען זיינע שבת'דיגע מלבושים, מיט'ן טלית, מיט'ן בעטגעוואַנט. דעם זייגער אויך. ער איז געבליבען ווי אויפ'ן וואַסער. מיין מאַמע האָט איינגעלעגט די וועלט. סטייטש, אזא־נ־אומגליק! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטען? איהר האָבען דאָך אַלע מקנא געווען אויפ'ן שידוך! אפּנים, לייט האָבען איהר א גוט אויג געגעבען, אָדער זי אַליין האָט איהם דעמאָלט מיט איהר מויל פארשאָלטען?... ווי אַזוי די מעשה איז, איהר

אויף וואַרעמעס און אויף וועטשערע. און אַ קאַווענע, זאָגט זי, איז אַ נאַשערײַ: פּויזשעט נאָר אָן אַ פּולען בײַך מיט וואַסער. איך מיין, אַז זי האָט אַ טעות. איך זאָל זײַן אַ קייסער, וואָלט איך אַ גאַנץ יאָהר געגעסען קאַווענע מיט ברויט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס ס'איז דאָ אין זיי אַ סך קערלעך. אַ גוטע קאַווענע אַז מע טהוט אַ רעכטען טרייסעל, טהוען די קערלעך אַ פֿאַל־אַרויס — און דעמאָלט עסט וויפֿיעל איהר ווילט אַליין! אַהאַ! זעהט נאָר, איך האָב מיך אַזוי פֿאַררעדט פֿון די קאַווענעס, אַז איך האָב פֿאַרגעסען פֿון וואָס איך האָב אָנגעהויבען. איך האַלט ביי מיין ברודער אליהו'ס שוועהר, יונה דעם בייגעלבעקער. ס'איז געקומען אויף איהם אַ רעכטע מפּלה. קיינער האָט זיך אויף אַזעלכעס ניט געריכט. שטעלט אייך פֿאָר, מיר זיצען מיט מיין מאַמען ביי'ם טיש און עסען וואַרעמעס: דיני מיט ברויט. עפּענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין מיין ברודער אליהו מיט אַ חומש אין האַנט, דעם טאַטענ'ס חומש. נאָך איהם שלעפּט זיך נאָך זיין ווייב ברכה. אין איין האַנט האַלט זי אַ פּוטערנעם קאָלנער מיט ווײַדעלעך, אין דער אַנדערער האַנט — אַ פֿאַרעווען „דורכשלאָג“. איהר ווייסט ניט, וואָס הייסט אַ דורכשלאָג? אַזאַ כלי, וואָס מע זייעט־אָפּ אויף דעם די לאָקשען. מיין ברודער אליהו איז טויט, ווי די וואַנט. מיין שוועגערין ברכה איז רויט, ווי אַ העליש פֿייער.

— שוועגער, מיר זענען געקומען צו אייך. — זאָגט מיין שוועגערין ברכה.

— מאַמע, מיר זענען קוים אַרויס מיט'ן לעבען. — זאָגט מיין ברודער אליהו.

אוןביידע זעצען זיך אַוועק וויינען, און די מאַמע העלפֿט זיי אונטער. וואָס האָט זיך געטראָפֿען? אָפּגעברענט געוואָרען? אַרויסגעטריבען? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! מיין ברודער אליהו'ס שוועהר, יונה דער בעקער, האָט זיך געשטעלט. אָנגע־

VII

מיין ברודער אליהו'ס געטראַנק

האָט דאָס געטראָפען, זאָגט זי, מעהר פון אַלעמען. אַ שמאַלץ־גרוב האָט זיך איהר פאַרגלוסט!

— די שמאַלץ רינט־אויס, די גרוב בלייבט איבער. זיי דערוויילּ ביי מיר, מיין קינד, ביז גאָט וועט רחמנות האָבען...

אַזוי זאָגט די מאַמע און טרעט־אָפּ דער שגור איהר בעט, דאָס איינציגע שטיקעל מעבעל, וואָס ביי אונז אין שטוב.

VII

מיין ברודער אליהו'ס געטראַנק

א.

„פאר איין רובעל — הונדערט רובעל! הונדערט רובעל א מאַנאַט און מעהר קאָן פארדיענען יעדער איינציגער, ווער עס וועט זיך באקענען מיט'ן אינהאלט פון אונזער בוך, וואָס קאָסט סך הכל איין רובעל מיט פּאָרטאָ. לויפט, קויפט! סטאַפּט, חאַפּט — איהר וועט פארשפּעטיגען!“

אָט אזא מין זאך האָט אויסגעלייענט ערגיץ אויף די בלעטער מיין ברודער אליהו באלד ווי ער איז אראָפּ פון קעסט. און אראָפּ פון קעסט איז מיין ברודער אליהו ניט דערפאר, ווייל עס איז איהם „אויסגעגאַנגען די יאָהרען“. צוגעזאָגט האָט מען איהם, איינענטליך, קעסט גאנצע דריי יאָהר, און געהאלטען האָט מען איהם אפילו נישט קיין דריי פערטעל יאָהר. עס האָט זיך מיט זיין רייכען שוועהר געטראָפען איין אומגליק. יונה דער בעקער האָט אָנגעזועצט און איז געוואָרען פון א נגיד א קבצן. פון וואַנען דער בראָך איז געקומען — האָב איך אייך שוין דערצעהלט. צוויי מאָל איין זאך דערצעהל איך קיינמאָל נישט, סיידען מע בעט מיך. איצטיגס מאָל וועט זיך ניט העלפען קיין בעטען אויך, ווייל איך בין זעהר פארנומען. איך פארדיען געלט. איך טראָג ארום א

ב.

שאט, שוין דאָ א בוך! מיר האָבען דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מיין ברודער אליהו זיך אוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. וועה־וועה, וואָס ער האָט דאָרטען אויסגעלייענט! וויפיעל סגולות אויף צו מאַכען געלט דורך פארשיעדענע רעצעפּטען! א רעצעפּט אויף צו פֿאַרדיענען הונדערט רובעל א חודש דורך מאַכען די בעסטע טינטען. אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדיענען הונדערט רובעל א חודש דורך מאַכען גוטע שוואַרצע שוהוואַכס. א רעצעפּט אויף צו פאַרדיענען הונדערט רובעל א חודש דורך אַרויסטרייבען מייז, טאַ־ראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטען. א רעצעפּט אויף צו פאַר־דיענען הונדערט רובעל א חודש און מעהר ד״ך מאַכען ליקערען, זיסע בראַנפּענס, לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מעהר ביליגע געטראַנקען.

מיין ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן לעצטען רעצעפּט. ערשטענס, ווייל דורך איהם קאָן מען פאַרדיענען נאָך מעהר פון הונדערט רובעל א חודש. אזוי שטעהט דאָך בפירוש געשריבען אין בוך. צווייטענס, מע דאַרף זיך ניט פּאַטשקען מיט טינט און מיט שוהוואַכס און ניט האָבען צו טהון מיט מייז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטען. די פראַגע איז נאָר, צו וואָסער א געטראַנק זאָל מען זיך נעמען? צו ליקערען און זיסע בראָנפּענס דאַרף מען האָבען רויטשילד׳ס פאַרמעגען. צו לימאָ־נאַד און סאָדע־וואַסער דאַרף מען האָבען א מאַשינע אזעלכע, עפּיס א מין שטיין, וואָס קאָסט מי יודע וויפיעל! בלייבט איבער נאָר איין זאַך: קוואַס! קוואַס איז אזא מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוועל און עס געהט א סך. ובפרט נאָך אין אזא הייסען זומער, ווי היינט. פון קוואַס, דאַרפט איהר וויסען, איז ביי אונז ברוך דער קוואַסניק געוואָרען א גביר. ער מאַכט „בוטעל־קוואַס“. זיין קוואַס האָט א שם אויף דער וועלט. ער שיסט פון די פלעשער, ווי פון א האַרמאַט. וואָס איז דער שכל, וואָס עס שיסט, ווייסט

געטראַנק, וואָס מיין ברודער אליהו מאַכט איהם אַליין מיט זיינע אייגענע הענט. ער האָט זיך אויסגעלערענט מאַכען דאָס פון אַ בוך, וואָס קאָסט סך הכל איין רובעל, און פאַרדיענען קאָן מען מיט דעם הונדערט רובעל אַ חודש און מעהר. מיין ברודער אליהו, וויבאַלד ער האָט נאָר איבערגעלייענט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אויף דער וועלט, אַזוי האָט ער באַלד אָוועקגעשיקט אויף דער פּאָסט אַ קערבעל (דאָס לעצטע קערבעל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען אַ בשורה, זי זאָל ניט זאָרגען מעהר.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זענען געהאָלפען. מיט פּרנסה זענען מיר שוין פאַרזאָרגט אָט אַזוי ווייט (ער ווייזט מיט דער האַנט אויפ'ן האַלז).

— וואָס איז דען? — פרעגט די מאַמע. — האָסט גע־קריגען אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע! — ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו, און די אויגען ביי איהם לייכטען. אַפּנים, פון גרויס שמחה. ער הייסט איהר וואַרטען נאָך עטליכע טעג, ביז דאָס בוך וועט איהם אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פרעגט איהם די מאַמע.

— ס'איז שוין איין מאָל אַ בוך! — זאָגט איהר מיין ברודער אליהו און פרעגט זי, אויב זי וועט זיין צופריעדען מיט הונדערט רובעל אַ חודש? לאַכט פון איהם די מאַמע און זאָגט איהם, אַז זי וואָלט געווען צופריעדען מיט הונדערט רובעל אַ יאָהר, אַבי זיכערע. ענטפערט איהר דערויף מיין ברודער אליהו, אַז ביי איהר איז צו אַ קליינע השגה, און ער לאָזט זיך געהן אויף דער פּאָסט. אַלע טאָג געהט ער אויף דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אויפ'ן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אָוועקגעשיקט דאָס קערבעל, און קיין בוך איז נישטאָ! דערווייל דאַרף מען לעבען. „די נשמה אויסשפּייען קאָן מען ניט". אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פאַרשטעה ניט, ווי אַזוי שפּייט מען דאָס אויס אַ נשמה?

ניט איך? מיין ברודער אליהו'ן פּאַסט ניט. ער איז דאָך שוין א באַווייבטער. דער מאַמען — אוודאי ניט. מיר וועלען גאָר ניט דערלאָזען, אז די מאַמע זאָל ארומגעהן מיט א קרוג איבער'ן מארק און שרייען: „קוואַס! קוואַס! אידען, קוואַס!" אלע האָבען גע'פּסק'ענט, אז דאָס דאַרף זיין מיין ארבייט. איך אליין האָב אויך אַזוי געדענקט. איך האָב מיך מחיה געווען, אז איך האָב דערהערט דאָס נייעס. מיין ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טהון. דעם קרוג זאָל איך האַלטען אין איין האַנט אויף א שטריקעל, דאָס גלאָז אין דער אַנדערער האַנט, און בכדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלען, זאָל איך זינגען הויך, און מיט א ניגון, אָט אַזוי:

אידען, א געטראַנק!
א קאָפּיקע א גלאָז!
קאַלט און זיס —
א דערקוויקעניש!...

א קול, האָב איך אייך שוין לאַנג געזאָגט, אז איך האָב א שענס. א סאָפּראַנאָ־שטימע, בירושה פון מיין טאַטען, עליו השלום. איך האָב געגעבען א זינג־אַרויס אויף א קול און האָב איבערגע־דרעהט דעם פּסוק מיט די פיס אַרויף:

זיסער קוואַס א גלאָז!
א קאָפּיקע א איד!
א קוויק און א קאַלט —
א דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מיין געזאַנג איז אַזוי געפעלען געוואָרען? צי דאָס געטראַנק איז טאַקי געווען אַזוי גוט? צי אפשר ווייל דער טאָג איז געווען זעהר א הייסער? איך האָב דעם ערשטען קרוג אויספאַרקויפט אין איין האַלבע שעה און בין געקומען אהיים מיט כמעט פינף גילדען פדיון. מיין ברודער אליהו האָט אָפּ־געגעבען דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגע־גאָסען א פרישען קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך

קיינער ניט. דאָס איז ברוכ׳ס סוד. מע זאָגט, אַז ער לעגט אַריין אינוועניג עפּים אַזעלכעס, וואָס שיסט. אַנדערע זאָגען — אַ ראָזינקע. אַנדערע זאָגען — האָפּען. קומט דער זומער, האָט ער ניט קיין הענט. אַזוי פיעל לייזט ער געלט!

אונזער קוואַס, וואָס מיין ברודער אליהו מאַכט נאָכ׳ן רעצעפּט, איז ניט קיין בוטעל־קוואַס און שיסט ניט. אונזער קוואַס איז איין אַנדער מין געטראַנק. ווי אַזוי ער ווערד געמאַכט — קאָן איך אייך ניט זאָגען. מיין ברודער אליהו לאָזט קיינעם נישט צו, בשעת ער מאַכט איהם. אַז ער גיסט וואַסער — זעהען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטען מאַכען, פאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמע׳ס אַלקיר. נישט איך, נישט די מאַמע, נישט מיין שוועגערין ברכה — קיינער האָט ניט די זכיה צו זיין דערביי. נאָר אויב איהר זאָגט מיר צו, אַז ס׳וועט זיין אַ סוד, קאָן איך אייך זאָגען, וואָס אין דעם געטראַנק געפינט זיך. איך וויים דאָך וואָס ער גרייט צו. דאָרטען געפינט זיך שאָלעכץ פון לימענע, שיטערער האָניג (מעלים), אַ זאַך וואָס מע רופט דאָס קרימעטאַר־טערום און וואָס איז זויערער פון עסיג, און דאָס איבעריגע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטען דאָ מעהר פון אַלסדינג. וואָס מעהר וואַסער — מעהר קוואַס. דאָס אַלץ ווערד גוט אויסגעמישט מיט אַ פּראָסטען שטעקען, אַזוי שטעהט געשריבען אין בוך, און דאָס געטראַנק איז פאַרטיג. נאָכדעם ווערד ער אַריינגעגאָסען אין אַ גרויסען קרוג, און מע וואַרפט אַריין אַהין אַ שטיק אייז. אייז איז דער עיקר! אָהן אייז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק אויף תשעה גייענציג כפּרות. דאָס זאָג איך אייך ניט פונ׳ם בוך, נאָר איך האָב איינמאָל אַליין פאַרזוכט אַ ביסעל קוואַס אָהן אייז, האָב איך געמיינט, אַז ס׳איז איין עק פון מיין לעבען!

ג.

געמאַכט דאָס ערשטע פּעסעל קוואַס, איז געבליבען, אַז אַרויס־[illegible]אָגען פאַרקויפען איהם אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז

ד.

עס נעהמט אונז, קיין עין־הרע, דורך טיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פונ'ם אַנדערען. עס ברענט! מענטשען געהען־אויס פאר היץ, קינדער פאַלען אזוי ווי פליעגען. ווען ניט דאָס גלעזעל קוואס, וואָלט מען פארברענט געוואָרען. איך קעהר מיך אום מיט'ן קרוג, בלא גוזמא, צעהן מאָל א טאָג! מיין ברודער אליהו קוקט אריין אין פאַס אריין מיט איין אויג און זאָגט, אז עס טאָגט שוין. פאַלט ער אויף איין עצה און גיסט־צו נאָך א פּאָר עמער וואסער. אויף דער עצה בין איך געפאַלען נאָך פריהער פון איהם. איך מוז מיך מודה זיין פאר אייך, אז איך האָב אָפּ־געטאָן א שפּיצעל שוין עטליכע מאָל. כמעט אַלע טאָג חאַפּ איך מיך אריין צו אונזער שכנה פעסי און געב איהר פארזוכען א גלעזעל פון אונזער אייגענעם געטראַנק. איהר מאַן, משה דעם איינבינדער, געב איך צוויי גלעזלעך. ער איז א גוטער מענטש. די קינדער אַלע געב איך אויך צו גלעזלעך קוואס. לאָזען זיי אויך וויסען, וואָס פאר א געטראַנק מיר קאָנען מאַכען. דעם בלינדען פעטער געב איך אויך א גלעזעל קוואס אויף צו פאר־זוכען. א רחמנות, ער איז נעבאַך א קאַליקע. אַלע מיינע באַ־קאַנטע געב איך קוואַס. אומזיסט, אָהן א קאָפּיקע געלט. און בכדי ס'זאָל ניט זיין קיין שאָדען, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואסער. אויף איטליכם גלעזעל קוואס, וואָס איך געב־אַוועק אומ־זיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואסער. דאָס אייגענע טהוט מען אין דער היים אויך. למשל, מיין ברודער אליהו טרינקט־אויס א גלעזעל קוואס, דערגיסט ער באַלד מיט וואסער. ער איז גע־רעכט. ס'איז איין עבירה א קאָפּיקע. מיין שווענערין ברכה טרינקט־אויס א פּאָר גלעזלעך קוואס (זי האָט ליעב מיין ברודער אליהו'ס קוואס — סכנות!), דערגיסט זי באַלד מיט וואסער. די מאמע פארזוכט אמאָל א גלעזעל קוואס (זי דאַרף מען בעטען. אַליין וועט זי ניט נעמען!), דערגיסט מען באַלד מיט וואסער.

קאָנען אויסדרעהען אזוי פינף־זעכס מאָל דורכ'ן טאָג, וועלען מיר האָבען פּאַרדיענט פּונקט הונדערט רובעל א חודש. איצט רעכענט, זייט מוחל, אַראָפּ די פיער טעג שבת, וואָס אין חודש, וועט איהר שוין אַליין וויסען, וויפיעל דאָס געטראַנק קאָסט אונז און וואָס פאַר א פּראָצענט מיר פאַרדיענען ביי איהם? דאָס געטראַנק קאָסט אונז זעהר וואָלוועל. מע קאָן זאָגען, כמעט גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט געהט־אוועק אויפ'ן אייז. דעריבער דאַרף מען זעהען, וואָס גיכער אויספּאַרקויפען דעם קרוג מיט'ן געטראַנק, בכדי דאָס שטיקעל אייז זאָל צוגיץ קומען אויפ'ן צווייטען קרוג, און אויפ'ן דריטען קרוג, און אזוי ווייטער. דעריבער דאַרף מען מיט'ן געטראַנק געהן גיך, טאַקי לויפען. נאָך מיר לויפען־גאָך יונגלעך, שקצים, א גאַנצע טיטשקע. זיי קרימען מיך איבער, ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיט'ן קאָטער. איך זעה וואָס גיכער ייס־ברענגען דעם קרוג און לויפען אהיים נעמען נאָך א קרוג. ווי פיעל איך האָב געמאַכט דעם ערשטען טאָג — ווייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אז מיין ברודער אליהו מיט מיין שוועגערין ברכה מיט מיין מאַמען האָבען מיך שטאַרק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבען א שטיק דיני מיט א שטיק קאַווענע מיט צוויי פלוימען איינגערשע. פון קוואָס שמועסט מען ניט. קוואָס טרינ־קען מיר אַלע אזוי ווי וואַסער. פאַר'ן שלאָף בעט מיר אויס די מאַמע אויף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טהוען מיר ניט וועה חלילה די פיס. מיין ברודער אליהו לאַכט פון איהר. ער זאָגט אויף מיר, אז איך בין אזא יונגעל, וואָס מיר טהוט קיינמאָל ניט וועה קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך. — א סימן, אויב איהר ווילט, געה איך באַלד מיט א קרוג אין מיטען האַלבע נאַכט.

אַלע דריי צעלאַכען זיך פון מיין בריה'שאַפט. נאָר אויף דער מאַמע'ס אויגען זעה איך טרערען. נו, דאָס איז דאָך איין אַלטער כלל — א מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלען וויסען: אַלע מאַמעס וויינען אזוי שטענדיג, ווי מיין מאַמע?

— יונגעלע! וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר א געטראַנק?

איך הער איהם אין טראָק. עס שטעהען נאָך צוויי אידען און ווארטען, איך זאָל זיי שוין אָנגיסען. איינער זופּט־אָפּ א האַלבע גלאָז, דער אַנדערער א דריטעל. זיי באַצאָהלען, שפּייען־אויס און געהען אוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּען. ער פאַרזוכט און זאָגט, אז סע שמעקט מיט זייף און ס'איז, דאכט זיך, געזאַלצען. נאָך איינער טהוט א קוק אויפ'ן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס ביי דיר?

— אַזאַ געטראַנק. — זאָג איך.

— א געטראַנק? — מאַכט ער צו מיר. — א געשטאַנק, נישט קיין געטראַנק!

איינער געהט־צו, פאַרזוכט און טהוט א פּאַליאַסקע־אויס דאָס גלאָז גלייך מיר אין פּנים אריין. און א מינוט ארום שטע־הען ארום מיר א גאַנץ רעדעל מיט אידען, ווייבער און קינדער. אַלע רעדען, מאַכען מיט די הענט, קאָכען זיך. דערזעהט א יון, אז מע קלייבט זיך, געהט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דער־צעהלט מען איהם. געהט ער און קוקט אריין צו מיר אין קרוג אריין און הייסט זיך געבען פאַרזוכען. גיס איך איהם אָן א גלעזעל מיט קוואס. דער יון טהוט א טרונק־אָפּ און שפּייט־אויס און ווערד מלא רציחה.

— וואו האָסט דו גענומען אַזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון א בוך, זאָג איך איהם, מיין ברודער'ס מלאכה. מיין ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דיין ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מיין ברודער אליהו. — זאָג איך איהם.

— וואָסער אליהו? — פרעגט ער מיך.

— דבר נישט, דו נאַרישער יאָלד, אויף דיין אָחי! — זאָגען צו מיר עטליכע אידען אַלע מיט א מאָל. עס ווערד א טומעל, א

הכלל, עס געהט ניט חסר קיין טראָפּען, און מיר מאַכען, קיין עין־הרע, פיין געלט. די מאַמע האָט זיך ארומגעצאָהלט מיט א סך חובות. אויסגעלייזט א פּאָר נויטיגע משכונות, דאָס בעט־געוואַנט. אין שטוב האָט זיך באַוויזען א טיישעל, א בענקעל. אויף שבת האָבען מיר פיש און פלייש אין ווייסע קוילעטשען. מיר האָט מען צוגעזאָגט, אם ירצה השם, אויף ימים־טובים א פּאָר שטיוועלעך נייע. מיר דאַכט, אז קיינעם איז ניט אזוי גוט, ווי מיר!

ה.

געהט זייט א נביא און טרעפט, אז ס'וועט זיך טרעפען אזא מין אומגליק, און אונזער געטראַנק וועט ווערען פּסול, חאָטש נעמט גיסט איהם ארויס אין פּאָמעניצע! נאָך א גליק, וואָס מע האָט מיך ניט פאַרנומען אין פּאָליציע. הערט א מעשה! איינ־מאָל האָב איך פאַרבלאָנזעט מיט'ן קרוג קוואַס צו אונזער שכנה פעסי. דער גאַנצער עולם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס, און איך אליין אויך מיט זיי. אויסגערעכענט, אז עס פעהלט מיר א גלעזלעך צוועלף־דרייצעהן געטראַנק, האָב איך מיך אריינגעחאַפּט אין הויז, דאָרטען וואו דאָס וואַסער שטעהט ביי זיי. אַנשטאָט דער דייזשע מיט וואַסער האָב איך, אפּנים, געטראָפען צו דער באַלייע, וואו מע וואַשט גרעט, און אריינגעפּליאַסקעט א פופצעהן־צוואַנציג גלעזער צו מיר אין קרוג אריין, און בין אוועק אין גאַס אריין מיט א נייעם ניגון, וואָס איך אליין האָב צוגעטראַכט:

אידען, א געטראַנק!
טעם גן־עדן!
אזא יאָהר אויף מיר,
אויף אייך און אויף אונז ביידען!

שטעלט מיך אָפּ אַ איד, באַצאָהלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסען אַ גלעזעל קוואַס. ער טרינקט־אויס דאָס גאַנצע גלאָז און פאַרקרימט זיך.

VIII

מיר פֿאַרפּלייצען די וועלט מיט טינט

רעש, א מהומה. אלע מינוט קומען־צו נייע מענטשען. דער יון האלט מיך פאר א האנט און וויל אונז אפפיהרען (מיך מיט'ן געטראנק) גלייך אין פאליציע אריין. דער טומעל ווערד נאך גרעסער: „א יתום! נעבאך, א יתום!“ — הער איך פון אלע זייטען. דאס הארץ זאגט מיר, אז איך האלט שמאל. איך קוק אויפ'ן עולם, וואס אהום מיר: „אידען, האט רחמנות!“... מע וויל אריינרוקען דעם יון א מטבע. דער יון נעמט ניט. רופט זיך אן צו מיר איינער, איין אלטער איד מיט גנבה'שע אויגען, פארשטעלט, אויף לשון־קודש:

— מאטעל! רייס ארויס דעם יד פונ'ם יון און הייב אויף די רגלים און מאך פליטה!

איך טהו זיך א רייס־אויס, נעם די פיס אויף די פלייצעס און מארש אהיים! ניט טוידט, ניט לעבעדיג, פאל איך אריין אין שטוב אריין.

— וואו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מיין ברודער אליהו.

— אין פאליציע! — ענטפער איך איהם און פאל־צו צו דער מאמען מיט א געוויין.

VIII

מיר פֿאַרפּלייצען די וועלט מיט טינט

א.

אוי, בין איך געוועזן א נאר! דערפאר, וואָס איך האָב פאַרקויפט ניט אזא גוטען קוואס, האָב איך געמיינט, אז מע וועט מיך קעפּען! צום סוף — גאָרנישט. אומזיסט איבערגעשראָקען. יענטע מעג פארקויפען חלב פאר גענזענשמאַלץ? און גדליה דער קצב האָט ניט געהאָדעוועט די שטאָדט א קיילעכיג יאָהר מיט טרפה פלייש? אַזוי האָט אונזער שכנה פעסי אויסגערעדט מיין מאַמע דאָס הארץ. איין אַקציע מיט מיין מאַמען! אַלסדינג נעמט זי זיך צום הארצען. דערפאר האָב איך ליעב מיין ברודער אליהו. מיין ברודער אליהו פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך דערמיט, וואָס מיר האָבען זיך אָפּגעבריהט אויפ׳ן קוואס. אבי ער האָט דעם בוך, איז איהם גוט. ער האָט געקויפט אַ בוך פאַר א רובעל. דאָס בוך הייסט „פאַר אַ רובעל הונדערט!" ער זיצט און לערענט איהם אויף אויסענוועניג. דאָרטען זענען דאָ אָהן א שיעור רעצעפּטען, ווי אַזוי מע מאַכט געלט. ער קען שוין כמעט אלע רעצעפּטען. ער ווייסט שוין, ווי אַזוי מע מאַכט טינט, ווי אַזוי מע מאַכט שוהוואַכס, ווי אזוי מע טרייבט־אַרויס מייז אי׳ן טאַראַקאַנעס און אַנ־

טינט, האָט מען, זאָגט ער, באַדאַרפט קויפען גאָליש־עפּעלעך, די גאָליש־עפּעלעך צעקלאַפּען, נאָכדעם קאָכען זיי אויפ׳ן פייער, ווייס איך וויפיעל, נאָכדעם אַריינוואַרפען קופּערוואַסער; און בכדי די טינט זאָל גלאַנצען, האָט מען נאָך געמוזט צוגעבען אַ שטיקעל צוקער — אַ גאַנצער טאַרעראַם! היינט, זאָגט ער, איז אַזאַ חיות! איך קויף מיר, זאָגט ער, אין דער אַפּטייק אַ „פּראָשעק" אַזעלכען מיט אַ פלעשעל „גליצערינע", מיש דאָס אויס מיט וואַסער, אַ זיד אויפ׳ן פייער — און פאַרטיג טינט. אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. ער איז אַוועק אין דער אַפּטייק און האָט געבראַכט אַ גוזמא „פּראָשקעס", און „גליצערינע" אַ גאַנצע פלאַש. נאָכדעם האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין אַלקיר און האָט עפּיס געטהאָן. וואָס — ווייס איך ניט. ס׳אַ סוד. אַלסדינג איז ביי איהם אַ סוד. אַז ער דאַרף זאָגען דער מאַמען, למשל, זי זאָל איהם געבען דאָס אויבערשטע פון׳ם שטויסעל, רופט ער זי אָפּ אויף אַ זייט און זאָגט איהר שטילערהייד: „מאַמע! דאָס אויבערשטע פון׳ם שטויסעל". די „פּראָשקעס" מיט דער „גליצערינע" האָט ער אויסגעמישט אין אַ גאַנץ גרויסען טאָפּ (אַ נייעם טאָפּ געקויפט). דעם טאָפּ מיט׳ן געמישעכץ האָט ער פאַררוקט אין אויוועז און האָט געבעטען די מאַמע שטילערהייד, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר. מיר אַלע האָבען געמיינט, מי יודע וואָס. די מאַמע האָט אַלע מינוט געחאַפּט אַ קוק צום אויוועז. אפנים, זי האָט מורא געהאַט, דער אויוועז זאָל ניט צעפּאַלען ווערען אויף שטיקלעך. נאָכדעם האָט מען אַריינגעקאַטשעט אין שטוב אַריין דאָס פעסעל פון קוואַס. נאָכדעם האָט מען פּאַוואָלינקע אַרויסגענומען דעם טאָפּ פון׳ם אויוועז און מע האָט פּאַוואָלינקע אַריינגעגאָסען דאָס געמישעכץ אין פעסעל אַריין. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען גיסען אין פעסעל אַריין וואַסער. אַז דאָס פעסעל איז געוואָרען אָנגעפילט העכער האַלב, האָט מיין ברודער אליהו אַ זאָג געטהאָן: „גענוג!" און האָט זיך גענומען צום בוך וואָס „פּאַר אַ רובעל — הונדערט". געקוקט און געהייסען שטילערהייד זיך ברענגען אַ פרישע פעז מיט

דערע מיאוסקייטען. ער רעכנט, קודם כל, זיך נעמען צו טינט. טינט, זאָגט ער, איז א גוטער ארטיקעל. אלע לערנען זיך שרייבען. ער איז א בעלן געווען פרעגען ביי יודעל דעם שרייבער, וויפיעל געהט אוועק ביי איהם טינט? זאָגט ער: א פּאַרמעגען! יודעל דער שרייבער האָט אפשר זעכציג מיידלעך, וואָס ער לעהרענט זיי שרייבען. יונגלעך לערנען ניט ביי איהם. מע האָט פּאַר איהם מורא. ער שלאָגט זיך. ער שלאָגט מיט א ווירע איבער די הענט. מיידלעך קאָן מען ניט שלאָגען. שמייסען אודאי ניט. עס טהוט מיר באַנג, וואָס איך בין ניט געבוירען געוואָרען בעסער א מיידעל. ערשטענס, וואָלט איך פאַרשפּאָרט דאַוונען יעדען טאָג. ס'איז מיר נמאס געוואָרען. אלע טאָג איין זאַך. היינט וואָלט איך נישט געוואוסט פון קיין תלמוד־תורה. א האַלבען טאָג געה איך אין תלמוד־תורה. לערנען לערען איך אויפ'ן שפּיץ מע־סער, נאָר פּעטש האַפּ איך אָהן א שיעור. איהר מיינט, פונ'ם רבין? דוקא פון דער רביצין. איהר עסק, וואָס איך האָדעווע די קאַץ! איהר זאָלט אָנקוקען ביי איהר א קאַץ — א גאָט'ס רחמנות! תמיד איז זי הונגעריג. ניאַוקען ניאַווקעט זי שטילערהייד, מיט א געוויין, ווי לזהבדיל א מענטש. עס רייסט־אוים א שטיק הארץ! ביי זיי איז אָבער ניטאָ קיין קאַפּ רחמנות. וואָס האָבען זיי צו איהר? לאָז זי צוגעהן צו עמיצען א שמעק טהון — טהוט מען אויף איהר א געשריי: א טפּרוסס! פליהט זי אַוועק וואו דער שוואַרצער פעפער וואַכסט. קיין קאַפּ לאָזט מען איהר ניט אויפ־הייבען. אַנומעלטען איז זי גאָר פאַרפאַלען געוואָרען אויף עטליכע טעג. איך האָב געמיינט, אַז זי איז חלילה גע'פּגר'ט. צום סוף האָט זי זיך געקעצעלט... איך קעהר מיך אום צו מיין ברודער אליהו'ס טינט.

ב.

מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז די וועלט איז געוואָרען גאָר נישט דאָס, וואָס אמאָל. אמאָל, אַז מע פלעגט וועלען מאַכען

און אַ „ליקע" האָט ער געקויפט אַ נייע, און אַ קווערטעל אַ בלעכענס, אויף צו גיסען די טינט פון פאַס אין די פלעשער. דאָ האָט ער ווידער איינגערוימט דער מאַמען אַ סוד, זי זאָל פאַרקייטלען די טהיר. נאָכדעם האָט מען זיך אַלע פיער גענומען צו דער אַרבייט. די אַרבייט איז געווען איינגעטיילט דוקא גוט. מיין שוועגערין ברכה האָט די פלעשער דורכגעשווענקען און איבערגעגעבען צו דער מאַמען. די מאַמע האָט אַריינגעקוקט אין יעדער פלאַש און איבערגעגעבען צו מיר אין די הענט אַריין. איך האָב נאָר באַדאַרפט אַריינשטעקען אין פלאַש אַריין די „ליקע" און צוהאַלטען מיט איין האַנט די ליקע, מיט דער אַנדערער די פלאַש. און מיין ברודער אליהו האָט געהאַט איין אַרבייט: אָננעמען מיט'ן קווערטעל פון פאַס און גיסען צו מיר איבער דער „ליקע". איין אַרבייט איז דאָס זיכער אַ וואוילע, אַ פרייליכע. איין חסרון נאָר: ס'איז טינט — עס פלעקט די פינגער, די הענט, די נאָז, דאָס גאַנצע פנים. מיר ביידע, איך און מיין ברודער אליהו, האָבען זיך געמאַכט שוואַרץ ווי די שדים. דאָס ערשטע מאָל זעה איך, מיין מאַמע זאָל לאַכען. פון מיין שוועגערין ברכה שמועסט מען ניט: יענע איז שיער צעזעצט געוואָרען פאַר געלעכטער. מיין ברודער אליהו האָט פיינט, אַז מע לאַכט פון איהם, בייזערט ער זיך אויף מיין שוועגערין ברכה, און פרעגט זי, וואָס זי לאַכט. לאַכט זי נאָך שטאַרקער. ווערד ער נאָך מעהר אין כעס, לאַכט זי נאָך מעהר. אַלע מינוט חאַפּט זי אָן אַ ספּאַזמע. ממש זי נעמט איין אַ מיתה משונה! ביז די מאַמע הויבט זיך אָן בעטען, עס זאָל האָבען אַ סוף, און אונז זאָגט זי, מיר זאָלען זיך איינוואַשען. מיין ברודער אליהו האָט אָבער קיין צייט ניט. איהם קריכט ניט אין קאָפּ וואַשען זיך. איהם ליגט דער קאָפּ אין פלעשער. אויסגעגאַנגען אַלע פלעשער. ניטאָ קיין פלעשער! וואו קריגט מען נאָך פלעשער? ער רופט־אָפּ מיין שוועגערין ברכה אויף אַ זייט, גיט איהר געלט און רוימט איהר איין אַ סוד, זי זאָל געהן נאָך פלעשער. הערט זי איהם אויס, טהוט איהם אַ קוק אין פנים אַריין און שיסט

אַ ווייסען בויגען פּאַפּיער. „וואָס מע שרייבט פּראָשעניעס" — האָט ער אַ זאָג געטהאָן שטילערהייד דער מאַמען אויפ'ן אויהער. איינגעטונקען די פּען אין פּאַס און געגעבען אַ שרייב עפּיס אויפ'ן ווייסען בויגען פּאַפּיער מיט אַ דריידעל אין מיט אַ צוק. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגען פריהער צו דער מאַמען, נאָכדעם צו מיין שוועגערין ברכה. די ביידע האָבען געגעבען אַ קוק־אריין און אַ זאָג צו איהם:

— סע שרייבט!

באַלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריהעריגער אַרבייט. אָנגעגאָסען נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער, האָט מיין ברודער אליהו אויפגעהויבען די האַנט: „גענוג!" ווידער אַ מאָל איינגעטונקען די פּען אין פּאַס, ווידער אַ מאָל געגעבען אַ שרייב־אַריין אין ווייסען פּאַפּיער אַריין און ווידער אַ מאָל צוגעטראָגען דאָס אָנגעשריבענע פריהער צו דער מאַמען און נאָכדעם צו מיין שוועגערין ברכה. די ביידע האָבען ווידער געגעבען אַ קוק־אַריין אין פּאַפּיער אַריין און אַ זאָג:

— סע שרייבט!

אָט אַזוי עטליכע מאָל, ביז דאָס פּאַס איז געוואָרען פול, ווי איין אויג. עס איז שוין ניט געווען וואוהין צו גיסען וואַסער. דעמאָלט האָט מיין ברודער אליהו געגעבען אַ הויב־אויף די האַנט: „גענוג!" — און מיר אַלע פיער האָבען זיך געזעצט עסען.

ג.

נאָכ'ן עסען האָבען מיר זיך גענומען צום צעגיסען די טינט אין פלעשער. פלעשער האָט מיין ברודער אליהו צונויפגעבראַכט פון דער גאַנצער וועלט. אַלערליי פלעשער און פלעשלעך. גרויסע און קליינע. פלעשער פון ביער, פלעשער פון וויין, פלעשער פון קוואַס, פלעשער פון בראָנפען. און גלאַט פלעשער. אויך פּראָב־קעס האָט ער איינגעהאַנדעלט אַלטע, ס'זאָל קאָסטען וועלוועלער,

ברודער אליהו, און עס קומט פאַר צווישען די צוויי א מאָדנער שמועס. איך געב אייך איבער דאָ דעם שמועס וואָרט ביי וואָרט:

אליהו: וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען?

איינבינדער: וואָס איז ביי דיר אין די פלעשער?

אליהו: וואָס זאָל זיין? ווייִן!

איינבינדער: וואָסער ווייִן? ס'דאָך טינט!

אליהו: היינט וואָס זשע פרעגט איהר?

איינבינדער: וואָס ווע‏סטו דו טהון מיט אַזוי פיעל טינט?

אליהו: טרינקען.

איינבינדער: נייִן, איך מיין אָהן קאַטאָוועס. וועסט פאַרקויפען לאחדים אויך?

אליהו: וואָס בין איך, א מישוגענער? אַז פאַרקויפען, וועל איך פאַרקויפען צעהן פלעשער, צוואַנציג פלעשער, פופציג פלעשער. דאָס ווערד אָנגערופען „הורט“. איהר ווייסט, וואָס הייסט „הורט“?

איינבינדער: איך ווייס, וואָס הייסט הורט. וועמען וועסט דו פארקויפען?

אליהו: וועמען? דעם רב!

און מיין ברודער אליהו געהט־אוועק צו די קרעמער. געקומען צו איינעם, א גרויסען הורטאָווניק, הייסט ער זיך ברענגען א פלעשעל. ער וויל עס אָנקוקען. דעם אַנדערען האָט ער געבראַכט א פלאַש טינט, וויל ער ניט נעמען אין די הענט אַריין, ווייל ס'איז אָהן א קוויטעל. אויפ'ן פלעשעל דאַרף זיין, זאָגט ער, א שען קוויטעל מיט א צאַצקע. זאָגט איהם מיין ברודער אליהו: „איך מאַך ניט קיין צאַצקעס, איך מאַך טינט“. ענטפערט ער איהם: „מאַכט געזונטערהייד“. האָט ער זיך א וואָרף געטהאָן צו יודעל דעם שרייבער. האָט איהם יודעל דער שרייבער געזאָגט עפּיס זעהר א מיאוס וואָרט. ער האָט שוין, זאָגט ער, זיך אָנגעקויפט מיט טינט אויף א גאַנצען זומער. פרעגט איהם מיין ברודער אליהו: „וויפיעל פלעשער טינט האָט איהר דאָס איינגעהאַנדעלט?“

אויס א געלעכטער. ווערט ער אין כעס און רופט אויעק די מאמע אויפ'ן זעלבען סוד. די מאמע געהט אוועק קויפען פלעשער, און מיר נעמען זיך גיסען וואסער אין פאס אריין. פארשטעהט זיך, ניט מיט א מאָל — ביסלעכווייז. נאָך יעדען עמער וואסער טהוט ער א הויב־אויף די האנט און א זאָג צו זיך אליין: „גענוג!" נאָכדעם טהוט ער א טונק־איין די פען אין פאס און א שרייב־אריין אין ווייסען פאפיער אריין און א זאָג צו זיך אליין:

— סע שרייבט!

און אזוי עטליכע מאָל, ביז די מאמע קומט צו געהן מיט א נייעם טראנספּאָרט פלעשער. מיר נעמען זיך ווידער צו דער פריהעריגער ארבייט: גיסען טינט פון פאס אין פלאש. ביז מיר בלייבען ווידער אָהן פלעשער.

— ביז וואנען איז דער שיעור? — טהוט א זאָג מיין שוועגערין ברכה.

— קיין עין־הרע ניט! — מאכט די מאמע, און מיין ברודער אליהו טהוט אויף ברכה'ן א בייזען קוק, ווי איינער רעדט:

— ביזט מיר טאקי א ווייב, נאָר א בהמה ביזט דו, זאָל זיך נאָט דערבארעמען!

ד.

וויפיעל טינט מיר האָבען — קאָן איך אייך ניט זאָגען. איך האָב מורא, אויב ניט טויזענד פלעשער! נאָר וואָס קומט ארויס — ס'איז ניטאָ זיי וואו אהינצוטהון. מיין ברודער אליהו איז געוועזען שוין אומעטום. פארקויפען לאחדים, פלעשלעכווייז — איז נישט קיין פלאן. אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו צו אונזער שכנה'ס מאן, משה דעם איינבינדער. אז ער איז אריינגעקומען צו אונז און דערזעהען, קיין עין־הרע, אזוי פיעל פלעשער, האָט ער זיך דער־שראָקען און זיך געגעבען אזש א וואָרף צוריק. דערזעהט מיין

מיך דארף מען לאנג ניט בעטען. איך שטעל מיך אוועק ביי דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען: ווער עס שטעלט זיך אָפּ און וואָס מע רעדט. אָפּגעשטאַנען אַקעגען אַ האַלבע שעה, קום איך אַריין צוריק אין שטוב. מיין ברודער אליהו גהעט־צו צו מיר און פרעגט מיך שטיל:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס האָבען זיי געזאָגט?

— ווער?

— די מענטשען, וואָס זענען געגאַנגען פאַרביי.

— זיי האָבען געזאָגט, אַז ס'איז שען אָנגעשריבען.

— און מעהר גאָרנישט?

— מעהר גאָרנישט.

מיין ברודער אליהו זיפצט. וואָס זיפצט ער? די מאַמע פרעגט איהם אויך דאָס זעלבע.

— וואָס זיפצסט דו, נאַרעלע? וואַרט אויס אַ קאַפּ. אין איין טאָג, ווילסט דו, זאָל אויספאַרקויפט ווערען די גאַנצע סחורה?

— חאָטש אַ פּעטשאַטעק!... — זאָגט איהר מיין ברודער אליהו מיט טרערען אין האַלז.

— ביזט אַ גרויסער נאַר, זאָג איך דיר. וואַרט אויס, מיין קינד, דו וועסט, אם ירצה השם, האָבען אַ פּעטשאַטעק אויך.

אַזוי זאָגט צו איהם די מאַמע און גרייט צום טיש. מיר וואַשען זיך און געהען עסען. מיר שפּאַרען זיך צונויף אַלע פיער אינאיינעם. איבער די פלעשער איז ענג אין שטוב — סכנות. נאָר־וואָס מיר האָבען געמאַכט המוציא, לויפט אַריין אַ בחור'על. אַ ציקאַווע בחור'על. ער איז שוין אַ חתן. איך קען איהם. קאָ־פּעל הייסט ער. דער טאַטע זיינער איז אַ שניידער. אַ דאַמסקי שניידער.

— דאָ פאַרקויפט זיך טינט לאחרים?

— יאָ, וואָס איז דען?

זאָגט איהם יודעל דער שרייבער: „פלעשער? איך האָב געקויפט א פלאַש טינט, וועל איך האָבען און האָבען, ביז ס'וועט אויסגעהן, וועל איך קויפען נאָך א פלאַש“... אָט האָסט דו דיר א געשעפט! א שרייבערוק קאָן! פריהער האָט ער געזאָגט, אז אויף טינט געהט ביי איהם אוועק א פארמעגען; איצט קויפט ער א פלאַש טינט, וועט ער האָבען און האָבען!... מיין ברודער אליהו איז נעבאך אוים מענטש. ער ווייסט ניט, וואָס זאָל ער טהון מיט אזוי פיעל טינט? פריהער האָט ער געזאָגט, אז לאחדים פארקויפט ער ניט קיין טינט, נאָר הורט. איצט איז ער בעסער געוואָרען. ער וועט שוין אָנהויבען, זאָגט ער, פאַרקויפען לאחדים. איך וואָלט שוין א בעלן זיין וויסען, וואָס הייסט „לאחדים“?

אָט וואָס „לאחדים“ הייסט. איהר מעגט דאָס הארכען.

ח.

מיין ברודער אליהו האָט געבראַכט צו טראָגען א גרויסען בויגען פאַפּיער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבען מיט גרויסע סדור־אותיות:

דאָ פאַרקויפט מען טינט הורט
און ל א ח ד י ם גוט און ו ו אָ ל ו ו ע ל.

די צוויי ווערטער „לאחדים“ און „וואָלוועל“ זענען געוועזען אזוי גרויס, אז זיי האָבען פארנומען כמעט דעם גאנצען בויגען. אַז דאָס אָנגעשריבענע האָט זיך אויסגעטריקענט, האָט ער דאָס פאַפּיער אויסגעהאנגען ביי אונז אויף דער טהיר פון יענער זייט. א סך מענטשען זענען דורכגעגאַנגען און האָבען זיך אָפּגעשטעלט קוקען. איך האָב עס געזעהען דורכ'ן פענסטער. מיין ברודער אליהו קוקט אויך אין פענסטער אריין און ברעכט די פינגער. א סימן, אז ער איז צעטראָגען. ער מאַכט צו מיר:

— ווייסט דו וואָס? געה אומיסטנע, שטעל זיך אוועק ביי דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען?

אזוי האָט איהם געזאָגט אונזער שכנה'ס מאַן, משה דער איינבינדער. א מאָדנער איד אָט דער איינבינדער! ער האָט אייך א טבע זאָלצען יענעם אויף די וואונדען. אזוי איז ער, דאכט זיך, נישקשה פון א מענטש, נאָר א ביסעל א נודניק. האָט ליעב זיך איינעסען יענעם אין דער גרגרת. מיין ברודער אליהו האָט איהם אָבער גוט געגעבען! ער האָט איהם געזאָגט, אז ער זאָל בעסער אכטונג געבען אויף זיך אליין, ער זאָל ניט פאַרבייטען די יוצרות. ניט בינדען א הגדה מיט א סליחה אינאיינעם... משה דער איינ־בינדער ווייסט שוין, וואָס דער שטאָך באדייט! ער האָט אמאָל גענומען א שטיקעל אַרבייט ביי א אידען א בעל־עגלה. א הגדה האָט איהם דער בעל־עגלה געגעבען איינבינדען. האָט זיך געטראָ־פען איין אומגליק: על־פי טעות, האָט דער איינבינדער אריינ־געבונדען אין דער הגדה א שטיק פון א פרעמדער סליחה. דער בעל־עגלה וואָלט זיך אפשר ניט חאַפּען, האָבען די שכנים דער־הערט, אז אָנשטאָט „שפוך חמתך על הגויים” האָט דער בעל־עגלה געגעבען א זינג־אויס מיט א וויינענדיגען ניגון פון סליחות „הנשמה לך והגוף פעלך”... ס'איז געוואָרען זעהר א גרויס געלעכטער. אויף מאָרגען איז דער בעל־עגלה געקומען צו אונזער שכן דעם איינ־בינדער און האָט איהם געוואָלט צערייסען אויף צווייען.

— גזלן, וואָס האָט איהר געהאַט צו מיר? למאי האָט איהר אריינגעהאַקט אין מיין פּסח'דיגער הגדה א חמצ'דיגע סליחה? אָט רייס איך אייך אַרויס די קישקעס פון בויך!...

יאָ, מיר האָבען געהאַט דעמאָלט א פריילִיכען פּסח.

נאָר האָט קיין פּאַראיבעל ניט, וואָס איך בין אריין מיט א פרעמדער מעשה. איך קעהר מיך באַלד אום צוריק צו אונזערע גאָלדענע געשעפטען.

— איך האָב געוואָלט אַ ביסעל טינט.
— וויפיעל דארפסט דו טינט?
— גיט מיר פּאַר אַ קאָפּיקע טינט.

מיין ברודער אליהו איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר דער מאַמען, וואָלט ער אָט דעם חתן קאָפּעל פריהער דורכ־געפּאַטשט און נאָכדעם אַרויסגעוואָרפען פון שטוב. ער האַלט זיך איין און גיסט איהם אָן פּאַר אַ קאָפּיקע טינט. עס געהט ניט אוועק קיין פערטעל שעה, קומט אַריין אַ מיידעל. דאָס מיידעל קען איך ניט. זי קאַליפּעט מיט'ן פינגער די נאָז און רעדט צו מיין מאַמען:

— דאָ מאַכט מען טינט?
— יאָ, וואָס איז דען?
— די שוועסטער האָט געבעטען, טאָמער קאָנט איהר איהר לייהען אַ ביסעל טינט? זי דאַרף אוועקשרייבען אַ בריוועל קיין אַמעריקע צו איהר חתן.
— ווער איז דיין שוועסטער?
— בתיה די נייהטאָרין.
— אַ? זעה נאָר, ווי זי איז אויסגעוואַכסען! קיין עין־הרע! איך האָב דיך גאָרניט דערקענט. אַ טינטורעל האָסט דו?
— ווי קומט צו אונז אַ טינטורעל? מיין שוועסטער האָט געבעטען, טאָמער האָט איהר אַ פּען, זי וועט נאָר אָנשרייבען דאָס בריוועל קיין אַמעריקע, גיט זי אייך אָפּ צוריק די טינט און פּען.

מיין ברודער אליהו איז נישטאָ ביי'ם טיש. ער איז אין אַלקיר. ער געהט אַרום מיט שטילע טריט, קוקט אַראָפּ און בייסט די נעגעל.

ז.

— וואָס האָסט דו אָנגעמאַכט אַזוי פיעל טינט? האָסט, אַפּנים, געוואָלט פאַרזאָרגען די וועלט מיט טינט, טאָמער וועט זיין אַ הונגער אויף טינט?

IX

נאָכוועהענישען פון דער טינט־פאַרפלייצונג

IX

נאָכוועהענישען פון דער טינט־פאַרפלייצונג

א.

מיין ברודער אליהו געהט־ארום אין איינע צרות. וואָס טהוט מען מיט דער טינט?

— ווידער אמאָל טינט? — זאָגט איהם די מאַמע.

— איך רעד נישט פון קיין טינט! — ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו. — חאַפּט דער רוח די טינט! איך רעד פון די פלעשער! עס ליגט א קאַפּיטאַל אין די פלעשער! מע האָרף זעהען אויסלעדיגען די פלעשער און מאַכען פון זיי געלט!...

פון אלסדינג מאַכט ער געלט! און עס בלייבט, אז מע דאַרף די טינט אויסגיסען צו אלדי שווארצע יאָהר! שלעכט איז נאָר איין זאך: וואוהין גיסט מען אוים אזוי פיעל טינט? עס איז פשוט א בזיון!...

— עס וועט זיך ניט העלפען. — זאָגט מיין ברודער אליהו. — מע וועט מוזען צו־ווארטען ביז ביינאַכט. ביינאַכט איז פינסטער, וועט קיינער ניט זעהען.

קוים דערלעבט נאַכט. אויף צו־להכעיס, שיינט די לבנה, ווי א לאַנטערן. רעמאָלט ווען מע דאַרף, וועט ז׳ זיך באַהאַלטען.

מיך אויף און טהו זיך אָן אויף גיך. מיין מאַמע איז פּאַרוויינט (ווען איז זי ניט פּאַרוויינט?). מיין שוועגערין ברכה איז אין כעס (ווען איז זי ניט אין כעס?). און מיין ברודער אליהו שטעהט אין מיטען שטוב, דעם קאָפּ אַראָפּ, חאַטש מעלק איהם אויס. וואָס איז די מעשה? ניט איין מעשה, נאָר עטליכע מעשיות! אונזערע שכנים זענען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט זיך אָנגעהויבען א חתונה — מע האָט זיי געקוילעט. איינעם האָט מען אָפּגע־שפּריצט די גאַנצע וואַנט מיט טינט. דעם אַנדערען האָט מען אָפּגעגאָסען דעם פּאַרקאַן, א נייעם פּאַרקאַן. דער דריטער האָט געהאַט צוויי ווייסע ציעגען. האָט מען זיי איהם געמאַכט שוואַרץ, נישט צו דערקענען. דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידען, ווען ניט דעם שוחט'ס זאָקען. א נייע פּאָר זאָקען, ווייסע זאָקען, האָט די שוחט'קע אויסגעהאָנגען ביי אונזער שכנה אויפ'ן פּאַרקאַן, האָט מען פון זיי געמאַכט א תל. עמיצער האָט זי געבעטען, זי זאָל אויסהענגען זאָקען אויף א פּרעמדען פּאַרקאַן. די מאַמע האָט איהר צוגעזאָגט אָפּקויפען א פּאָר נייע זאָקען, אבי ס'זאָל זיין שטיל. וואָס זשע ועט זיין מיט דער וואַנט? מיט'ן פּאַרקאַן? ס'איז געבליבען, אז מיין מאַמע מיט מיין שוועגערין ברכה זאָלען מחילה זיך אָוועקשטעלען מיט צוויי בערשטלעך און מיט ווייסער לייהם און פאַרשמירען די פלעקען.

— אייער גליק, וואָס איהר האָט אָנגעטראָפען אויף עהרליכע שכנים. ווען איהר טרעפט מיט אייער טינט אויף מנשה דעם רופא'ס גאָרטען, וואָלט איהר געוואוסט וואָס פאַר א גאָט מיר האָבען!

אַזוי זאָגט אונזער שכנה פּעסי צו מיין מאַמען.

— וואָס זשע מיינט איהר? צו שלים־מזל באַדאַרף מען אויך האָבען מזל! — ענטפערט איהר די מאַמע און קוקט אויף מיר.

וואָס מיינט זי, אשטייגער?...

איצט איז זי דאָ. מע האָט געשיקט נאָך איהר!... אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו, און מיר טראָגען־ארויס א פלאַש נאָך א פלאַש — און פליוך אין דרויסען ארויס. פון גיסען אויף איין אָרט ווערד אַ טייך. מע דאַרף נישט גיסען כסדר אויף איין אָרט. אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו, און איך פאָלג איהם. איך זוך אויס אַלע מאָל א פריש אָרט. יעדע פלאַש האָט ביי מיר איין אנדער אָרט. דער שכנה'ס וואַנט — פליוך! דעם שכנ'ס פאַר־קאַן — פליוך! צוויי ציעגען ליגען אקעגען דער לבנה און מעלה־גרה'ן — פליוך!

— היינטיגס מאָל גענוג! — זאָגט מיין ברודער אליהו, און מיר געהען שלאָפען. שטיל און פינסטער. עס לאָזט זיך הערען דער טשירקון. פון אונטער'ן אויוועון הערט זיך א מרוקען פון דע־קאַץ. א גרויסע פעפערין: טאָג ווי נאַכט וואָלט זי זיך נאָר גע־וואַרעמט און געדרימעלט. אין הויז אויף יענער זייט טיהר הע־ען זיך שטילע טריט. אפשר א ניט־גוטער?... די מאַמע שלאָפט נאָך ניט. זי שלאָפט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט. איך הער זי שטענדיג, ווי זי קנאַקט די פינגער, זיפצט און קרעכצט און רעדט צו זיך אליין. אַזא טבע ביי איהר. אַלע נאַכט טענה'ט זי זיך אויס א ביסעל. זי דערצעהלט איהרע גרויסע צרות. מיט וועמען רעדט זי דאָס? מיט גאָט?... אַלע מינוט לאָזט זי אויס מיט א קרעכץ:

— אוי, גאָט! גאָט!...

ב.

איך ליג נאָך אויף מיין געלעגער, אויף דער ערד, און הער פונ'ם שלאָף א הו־הא. עס לאָזען זיך הערען אלערליי באַקאַנטע קולות. ביסלעכווייז עפען איך אויף די אויגען — ס'איז שוין גרויסער טאָג. די שיין פון דער זון האָט זיך אריינגעריסען דורכ'ן פענסטער. רופט מיך אין דרויסען ארויס. איך וויל מיך דער־מאַנען, וואָס איז געוועזן נעכטען — אַהאַ! טינט!... איך האָפ

מיר זיך אַנגעהאָרעוועט, ווי די אָכסען. אנשלאָפען געוואָרען זענען מיר, ווי די געהרג׳עטע. אויפגעוועקט האָט אונז די מאַמע מיט א געוויין:

— פארפינסטערט בין איך געוואָרען און וועה איז מיין וועלט! וואָס האָט איהר געטהאָן אַזעלכעס מיט׳ן טייך?...

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר האָבען אומגליקליך גע־מאַכט אַ גאַנצע שטאָדט: די וועשערינס האָבען ניט וואו צו וואַשען גרעט. די בעלי־עגלות האָבען ניט וואו אָנצוטרינקען די פערד. די וואַסער־פיהרער . . . אָט וועלען זיי זיך צונויפנעמען אַלע אינאיינעם און וועלען קומען זיך רעכענען מיט אונז. אַזוי זאָגט אונז אָן די מאַמע אַ בשורה. מיר אָבער ווילען אויף זיי ניט וואַרטען. מיר ווילען ניט זעהען, ווי אַזוי וואַסערפיהרערס וועלען זיך מיט אונז רעכענען. איך און מיין ברודער אליהו נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און — מאַרש צו זיינעם אַ חבר פּיני.

— דאָרט לאָזען זיי אונז זוכען, אַז זיי באַדאַרפען!...

אַזוי זאָגט מיר מיין ברודער אליהו, נעמט מיך פאַר אַ האַנט, און מיר לאָזען זיך גיך און געשווינד באַרג־אַראָפּ, צו זיין חבר פּיני. אַז מיר וועלען זיך זעהען, וועל איך אייך אַמאָל באַקאַנט מאַכען מיט מיין ברודער אליהו׳ס חבר פּיני. ס׳איז כדאי, איהר זאָלט זיך מיט איהם באַקענען: ער האָט אויך אין זיך גוטע געדאַנקען.

ג.

— איצט וועל איך שוין זיין קלינער. — מאַכט צו מיר מיין ברודער אליהו. — לאָז נאָר ווערען נאַכט, אזוי טראָגען מיר אָפּ די פלעשער צום טייך.

גערעכט, ווי איך בין א איד! וואָס קאָן זיין נאָך קלינער דערפון? סאַי ווי סאַי גיסט מען אין טייך אריין כל הפּאסקוד־סטוועס! דאָרט וואשט מען גרעט, דאָרט באָדט מען פערד, דאָרט פּאָליאָסקען זיך חזירים. איך בין מיט׳ן טייך א נאָהענטער מחותן. איך האָב אייך שוין אַמאָל באַשריבען, ווי איך חאַפּ דאָרטען פּ״ש. דערפון וועט איהר לייכט פאַרשטעהן, ווי איך האָב ארויסגעקוקט אויף דער מינוט, ווען מיר וועלען געהן צום טייך. עס איז נאָר געוואָרען נאַכט, האָבען מיר אָנגעפּאַקט פולע קוישען מיט פלעשער און גענומען טראָגען זיי צום טייך. אויסגעגאָסען די טינט, אָפּ־געטראָגען די לעדיגע פלעשער אהיים און אָנגענומען ווידער א מאָל פולע פלעשער. א גאַנצע נאַכט האָבען מיר אזוי געארבייט. איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אזא גוטע פריילּיכע נאַכט. שטעלט אייך פאָר: די שטאָדט שלאָפט. דער הימעל איז אויסגעשטער־רענט. די לבנה שיינט־אראָפּ אין טייכעל אריין. ס׳איז שטיל־מחיה. דאָס טייכעל איז א לעבעדיג טייכעל. קומט נאָך פסח, אז עס צעגעהט דאָס אייז, ארבייט דאָס מעשים! בלאָזט זיך אָן, צעשפּרייט זיך און צעגיסט זיך. וואָס ווייטער ווערד דאָס קלענער, שמעלער און פלאַטשיגער. צום סוף זומער ווערד דאָס גאָר אַנ־שווינען. עס חאַפּט א דרימעל. עמיצער אויפ׳ן דנאָ אין בלאָטע מאַכט: בול־בול־בול. א פּאָר זשאַבקעס רופען זיך אָפּ פון יענער זייט: קרוא־קרוא! ס׳איז א בזיון, ניט קיין טייך! איהר קאָנט פארשטעהן, אז איך קאָן איהם איבערגעהן צופוס פון ברעג צו ברעג, נישט אויסגעטהאָן די הויזען!

פון אונזער טינט איז דאָס טייכעל געוואָרען א ביסעל גרעסער־א קליינינגקייט, אפשר טויזענד פלאַש טינט! דערפאַר אָבער האָבען

X

אָ גאַם ניסט

X

אַ גאַס ניסט

א.

— ווייסט איהר, וואָס פאַר א סדרה עס געהט ביי אונז היינט ? —
מייז ! מיין ברודער אליהו האָט א גאַנצע וואָך געלערענט דאָס בוך, וואָס מע מאַכט דורך דעם געלט, „פאַר א רובעל — הונדערט". ער האָט זיך שוין אויסגעלערענט, זאָגט ער, ארויסטרייבען מייז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטען. שטשערעס אויך. לאָז מען איהם נאָר אריינלאָזען ערגיץ מיט זיין פראָשעק — אַזוי בלייבט נישט איין מויז. זיי צעלויפען זיך. א סך פגר'ען אוועק. נישטאָ מעהר קיין מייז ! ווי אַזוי ער מאַכט דאָס — ווייס איך ניט. ס'איז א סוד. פונ'ם סוד ווייס נאָר דאָס בוך און ער, ווייטער קיינער ניט. דאָס בוך האַלט ער אין בוזעם-קעשענע. דעם פראָשעק אין א פאַפּיער. דער פראָשעק איז רויטליך און צריבען דין, ווי שמעק־טאַבאַק. רופען רופט זיך עם „שעמעריצי".

— וואָס הייסט דאָס שעמעריצי ?

— טערקישער פעפער.

— וואָס הייסט דאָס טערקישער פעפער ?

— איך וועל דיר געבען א „וואָס־הייסט־דאָס", וועסט דו ביי מיר עפענען מיט'ן קאָפּ די טיר !

ב.

די ערשטע נאכט איז אונז ניט געראָטען. נישט געחאפּט איין מויז אפילו! מיין ברודער אליהו זאָגט אפילו, אז ס'איז א גוטער סימן. די מייז, זאָגט ער, האָבען דערשמעקט דעם פּראָשעק, זענען זיי זיך צעלאָפּען. דער איינבינדער דרעהט מיט'ן קאָפּ און שמייכעלט מיט איין ליפּ. אפנים, ער גלויבט נישט. פונדעסט־וועגען, איז ארויס א קלאנג אין שטאָדט, אז מיר פארטרייבען מייז. דער קלאנג האָט זיך גענומען פון אונזער שכנה פעסי. זי איז אוועק גאנץ פריה אין מארק און האָט צעפויקט איבער דער גאנצער שטאָדט, „אז אזוי ווי מיר פארטרייבען מייז, פארטרייבט קיינער ניט". זי האָט אונז געמאכט א נאָמען. פריהער מיט'ן קוואס האָט זי אויך געפויקט איבער דער גאנצער שטאָדט. נאָכדעם האָט זי אויסגעפויקט, אז מיר מאכען אזא טינט, וואָס סע עקט זיך די וועלט. וואָס האָט אָבער געהאָלפען איהר פויקען, אז קיינער דארף ניט קיין טינט? מייז איז נישט דאָס, וואָס טינט. מייז זענען פארהאַן אומעטום, כמעט אין יעדער שטוב. יעדער בעל־הבית האָט א קאץ. נאָר וואָס העלפט איין קאץ קעגען אזוי פיעל מייז? ובפרט שטשע־רעס! שטשערעס הערען א קאץ, ווי המן דעם גרייגער. א סברה, אז פאר שטשערעס האָט א קאץ אליין אויך מורא. אזוי זאָגט בערע דער שוסטער. ער דערצעהלט זיך אָן פון שטשערעס אזעלכע מעשיות, אז א שרעק! מע האלט איהם אפילו פאר א שטיקעל בעל־מגזם. נאָר לאָז זיין, אז ס'איז נאָר האלב אמת, איז דאָס אויך שען. ער זאָגט, אז די שטשערעס האָבען ביי איהם אויפ־געגעסען א פאָר נייע שטיוועל. ער שווערט מיט אזעלכע שבועות, אז מע מעג גלויבען א משומד. ער זאָגט, אז ער האָט אליין גע־זעהען, ווי צוויי גרויסע שטשערעס זענען ארויס פון זייערע נאָרעס און האָבען פאר זיינע אויגען אויפגעגעסען א פאָר שטיוועל. ביי־נאכט איז דאָס געוועזען. צוגעהן נאָהענט האָט ער מורא געהאָט — צוויי מורא'דיגע שטשערעס, ווי קעלבלעך די גרויס. פון דער־

אזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו. ער האָט פיינט, אז מע פרעגט איהם קשיות סאַמע ביי דער רעכטער ארבייט. איך קוק און שווייג. איך זעה, אז חוץ דעם רויטען פּראָשעק, איז דאָ ביי איהם נאָך אַ פּראָשעק. אויך גוט צו מייז. נאָר מע דאַרף זיין מיט דעם געהיט!

— סם־המות! — זאָגט מיין ברודער אליהו אפשר הונדערט מאָל דער מאַמען, ברכה'ן און מיר. דער עיקר — מיר, איך זאָל מיך חלילה צו דעם ניט צוריהרען — ס'איז סם!

די ערשטע פּרובּ האָבען מיר געמאַכט אויף אונזער שכנה פעסי'ם מייז. דאָרט האַלטען זיך מייז אָהן אַ שיעור. איהר ווייסט דאָך, אַז איהר מאַן איז אַיין אַיינבינדער. משה רופט מען איהם. תמיד איז ביי איהם אַ פולע שטוב מיט ספרים. מייז האָבען ליעב ספרים. און ניט אַזוי ספרים, ווי פּאַפּ. פּאַפּ איז ראָס, וואָס מע קלעפּט מיט דעם ספרים. צוליעב דעם פּאַפּ עסען ייי שוין ספרים אויך. טהוען איהם אָן גרויסע שאָדענס. אַנו־מעלטען האָבען זיי איהם דורכגעלעכערט אַ מחזור. אַ שפּאָגעל־נייעם מחזור. סאַמע דאָרט, וואו ס'איז מיט גרויסע אותיות גע־ווען אָפּגעדרוקט דער „המלך". זיי האָבען זיך דאָס אַ ביסעל צו־געחאַפּט צום „המלך"! איבערגעלאָזט נאָר דאָס אויבערשטע קע־פעל פון דעם למ"ד.

— לאָזט מיך אויף איין נאַכט! — בעט זיך מיין ברודער אליהו ביי'ם אַיינבינדער. דער אַיינבינדער וויל נישט. ער זאָגט:

— איך האָב מורא, זאָלסט מיר ניט איבערפיהרען די ספרים.

— מיט וואָס וועל איך אַייך איבערפיהרען די ספרים? — פרעגט איהם מיין ברודער אליהו.

— איך וויים אַליין ניט מיט וואָס, נאָר איך האָב מורא. ס'איז פרעמדע ספרים.

נו, געהט רעדט מיט איין אַיינבינדער! קוים גע'פועל'ט, ער זאָל אונז צולאָזען אויף איין נאַכט.

א ווייכען אָרט. אניט, וואָלט ער זיך צעשלאָגען דעם קאָפּ. מיין ברודער אליהו הערט־אויס די מעשה, און די ברעמען ביי איהם שמייכלען. דאָס הייסט, ער אליין לאכט ניט, נאָר די ברעמען לאכען. א מאָדנער געלעכטער. בערע דער שוסטער באַמערקט דאָס ניט. ער הערט ניט אויף צו דערצעהלען זיינע וואונדער־ליכע מעשיות. איין מעשה איז מורא׳דיגער פון דער אַנדערער. אָט אזוי זענען מיר אָפּגעזעסען ביז טאָג. און שטשערעם? איהר זאָלט זאָגען — איין שטשער אפילו.

— איהר זענט א כישוף־מאַכער! — זאָגט בערע דער שוס־טער צו מיין ברודער אליהו. און ער געהט ארויס אין שטאָדט און דערצעהלט זיך אָן חדושים, ווי אזוי מיר האָבען ביי איהם מיט א שפרוך צעטריבען אלע שטשערעס אין איין נאכט. ער שווערט, אז ער האָט אליין געזעהען, ווי אזוי מיין ברודער אליהו האָט עפּיס געשעפּטשעט, זענען ארויס די שטשערעם פון ד'י נאָ־רעס און האָבען זיך געלאָזט לויפען בארג־אראָפּ, אהין, צום טייך צו, אריבערגעשוואומען דעם טייך און אוועק ווייטער. ער ווייסט ניט וואוהין...

ד.

— דאָ טרייבט מען מייז? — אזוי קומט מען אלע מאָל צו אונז מיט א נייעס און מע רופט אונז, מיר זאָלען זיך מטריח זיין קומען ארויסטרייבען די מייז מיט אונזער שפרוך...

מיין ברודער אליהו איז אָבער איין אמת׳ער מענטש. ער האָט פיינט „ליגינים“. ער זאָגט, אז טרייבען טרייבט ער מייז ניט מיט קיין שפרוך, נאָר מיט א פּראָשעק. ער האָט א פּראָשעק אזעלכען, וואָס אז די מייז דערשמעקען איהם, צעלויפען זיי זיך.

— לאָז זיין א פּראָשעק, לאָז זיין א שוואַרץ יאָהר, אַבי איהר זאָלט מיר ארויסטרייבען די מייז!... וויפיעל וועט דאָס קאָסטען?

וויטען האָט ער זיי געטריבען, געפּייפּט אויף זיי, געטופּעט מיט די פיס, געשריגען: קיש־קיש־קיש־קיש! עס האָט נישט געהאָלפען קיין זאך. ער האָט זיי א וואָרף געטהאָן א קאָפּיטע פון א שטי־וועל, האָבען זיי א קוק געטהאָן אויף איהם און געטהאָן זייערס. נאָכדעם האָט ער זיי א שמיץ געטהאָן אין פּנים די קאַץ. זענען זיי אָנגעפאַלען אויף דער קאַץ און האָבען זי אויך אויפגעגעסען. קיינער האָט איהם נישט געוואָלט גלויבען, נאָר אז א מענטש שווערט!

— לאָזט מיך קאָרשט אויף איין נאַכט, — זאָגט צו איהם מיין ברודער אליהו, — וועל איך אייך אַרויסטרייבען אַלע שטשערעס!

— אַך, מיט'ן גרעסטען כבוד! — זאָגט בערע דער שוס־טער. — איך וועל אייך נאָך זאָגען א דאַנק!...

ג.

א גאַנצע נאַכט זענען מיר אויסגעזעסען ביי בערע דעם שוס־טער. בערע אַליין איז אויך געזעסען מיט אונז. אַך, וואָסערע שענע מעשיות ער דערצעהלט זיך אָן! ער דערצעהלט פון דער טערקישער מלחמה (ער איז איין אויסגעדיענטער סאָלדאַט). ער איז געוועזן אין אַזאַ איין אָרט, וואָס כע הייסט „פּלעווגע“. האָט מען דאָרט געשאָסען מיט האַרמאַטען. איהר ווייסט, וויפיעל א האַרמאַט האַלט די גרייכ? זייט זיך משער, אַז איין קויל איז גרעסער פון דער גאַנצער שטוב, און וואַרפען וואַרפט זי אַרויס אין א מינוט אפשר טויזענד אַזעלכע קוילען. זענט איהר צו־פריעדען? די קויל, אַז זי פליהט, שרייט זי אַזוי, אַז מע ווערד טויב. איינמאָל איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך — אַזוי דער־צעהלט בערע דער שוסטער. פלוצים דערהערט ער א קנאַק, און סע טראָגט איהם אין דער לופטען, הויך טראָגט דאָס איהם, ביז אַריבער דער חמאַרע, און דאָרט צעררייסט זיך די קויל אויף טוי־זענד שטיקלעך. א גליק, זאָגט ער, וואָס ער איז געפאַלען אויף

אָדער „קבצנישע קישקע“. איצט האָט זי מיך פאַרצויגען. איך הײם שוין ביי איהר „מאָטעלע“:

— מאָטעלע! דערלאַנג מיר די שיך.

— מאָטעלע! נעם מיר אָן א קוואָרט וואסער.

— מאָטעלע! טראָג ארויס דאָס מיסט.

אז מע פאַרדיענט געלט, איז גאָר אַנדערע ווערטער.

ה.

דער חסרון פון מיין ברודער אליהו — וואָס ער האָט ליעב א סך. קוואַס — א דייזשקע. טינט — טויזענד פלעשער. א פּראָשעק פון מייז — א פולער זאַק. אונזער שכנה׳ס מאַן, דער איינבינדער, האָט איהם אָבער געזאָגט: „וואָס דאַרף מען אזוי פיעל?“ — האָט איהם נאָך מיין ברודער אליהו גוט מכבד געווען. וואָלט מען חאָטש דעם זאַק פאַרשלאָסען ערגיץ אין א שאַפע. געהען זיי אַלע אַוועק און לאָזען מיך איבער איינעם אליין מיט׳ן זאַק. וואָס קומט מיר דערפאַר, וואָס איך האָב מיך אוועקגע־זעצט אויף איהם אויף א ווײַלע רייטענדיג? עלעהיי ס׳איז א פערדעל! זאָל איך זיין א נביא, אז דער זאַק וועט פּלאַצען, און עס וועט זיך געבען א שאָט־אויס פון איהם עפּיס א געלע זאַך! דאָס איז טאַקי דער פּראָשעק, וואָס מיין ברודער אליהו פאַר־טרייבט מיט איהם מייז. ער האָט אַזאַ שאַרפען ריח, אז מע קאָן חלש׳ען! איך בויג מיך אָן, איך וויל צונויפנעמען דאָס, וואָס האָט זיך צעשאָטען, פאַלט אָן אויף מיר א ניסעריי. איך זאָל אריינציהען אין נאָז אריין א גאַנצע פּושקע מיט שמעקטאַבעקע, וואָלט איך ניט באַדאַרפט אזוי שטאַרק ניסען. איך ניס אזוי לאַנג, ביז איך חאַפּ מיך ארויס אין דרויסען. טאָמער וועל איך אויפהערען ניסען. ווער־וואָס? עס קומט אָן די מאַמע און דער־זעהט, איך ניס. פרעגט זי מיך: וואָס איז? איך קאָן איהר ענטפערען נאָר טשחי! און טשחי! און ווייטער א מאָל טשחי!

מיין ברודער אליהו האָט פיינט דינגען זיך. ער זאָגט, אז פאר'ן פראָשעק קומט איהם אזוי פיעל, און פאר דער טרחה אזוי פיעל און אזוי פיעל. געוויינטליך, זאָגט ער אלע מאָל טייערער. אלע טאָג העכערט ער דעם פּרייז. דאָס הייסט, ניט ער העכערט, נאָר מיין שוועגערין העכערט.

— ממה־נפשך, — זאָגט זי — עסט מען חזיר, זאָל רינען איבער'ן באָרד. אז דו ביזט שוין יאָ געוואָרען א מייזענטרייבער, נעם חאָטשי געלט.

— ני, און יושר וואו איז? וואו איז גאָט? — אזוי מישט זיך אריין די מאַמע. און מיין שוועגערין ברכה ענטפערט איהר אָפּ:

— יושר? אָט איז יושר! (זי ווייזט איהר אָן אויפ'ן אויוען). גאָט? אָט איז גאָט! (זי טהוט זיך א פּאַטש איבער דער קעשענע).

— ברכה! וואָס האָסט דו געזאָגט?! גאָט איז מיט דיר!!!

אזוי שרייט־אוים די מאַמע און טהוט א בראָך מיט די הענט.

— וואָס רעדסט דו מיט א בהמה?! — זאָגט מיין ברודער אליהו, שפּאַציערט איבער דער שטוב און ציפּעט זיך דאָס בערדעל. ער האָט שוין א היבש בערדעל. סע וואַקסט ביי איהם מיט רוחות. ער ציפּעט דאָס, און סע וואַקסט. מאָדנע וואַקסט דאָס בערדעל. אויפ'ן האלז גאָר האָט זיך עס ביי איהם צעוואַקסען. דאָס פּנים איז גלאַט, נאָר דאָס האלז איז פול מיט באָרד. איהר האָט געזעהען אמאָל אזא באָרד?

איין אנדערם מאָל וואָלט איהם מיין שוועגערין ברכה פאר'ן וואָרט „בהמה" אָפּגעשפּיעלט א פריהמאָרגען, אז עס וואָלט איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איצט האָט זי איהם פאר־שוויגען, ווייל ער פאַרדיענט געלט. אלע מאָל, ווען מיין ברודער אליהו פאַרדיענט געלט, ווערד ער ביי איהר א מיוחס. איך ווער אויך ביי איהר טייערער, ווארום איך העלף מיין ברודער פאַר־דיענען געלט. אזוי רופט זי מיך „שלעפּער" אָדער „שלים־מזל",

אונזער שכנה מאַכט מיטביידע הענט. עס קומט־אַרויס איהר מאַן, דער איינבינדער. דער איינבינדער קוקט אויף אונז און לאַכט.

— וואָס איז דאָס אויף אייך אָנגעפאַלען פלוצים פאַר א ניסערייַ?

— זייט זיך מטריח אַהי — טשחי! טשחי! טשחי! — זאָגען מיר צו איהם און ווייזען איהם אַלע אַהין, אין שטוב אַריין. דער איינבינדער געהט אַריין צו אונז אין שטוב אַריין, און שפּרינגט־אַרויס צוריק מיט א געלעכטער:

— איך וויים שוין וואָס דאָס איז! איך האָב א שמעק געטהאָן! דאָס איז שעמע — טשחי! טשחי!

און ער חאַפּט זיך מיט ביידע הענט ביי די זייטען און ניסט געשמאַק. נאָך יעדען ניס טהוט ער א שפּרונג־אונטער, בלייבט שטעהן אויף די שפּיץ פינגער און טהוט א ניס, און ווידער א שפּרונג־אונטער, און ווידער א ניס, און אַזוי ווייטער. אין איין האַלבע שעה ניסען שוין אַלע אונזערע שכנים און שכנות מיט זייערע טעטערס און מוהמעס און גליעדשוועסטער־קינדער און זייערע באַקאַנטע — די גאַנצע גאַס, פון איין עק ביז'ן אַנדערען, האַלט אין איין ניסען!

וואָס האָט זיך מיין ברודער אליהו אַזוי דערשראָקען? אפּנים, ער האָט מורא, מע זאָל ניט אויסלאָזען דעם כעס צו איהם פאַר'ן ניסען, וואָס מע ניסט? ער נעמט מיך פאַר א האַנט, און ניסענדיג לאָזען מיר זיך ביידע געהן באַרג־אַראָפּ, צו זיין חבר פיני. עס נעמט גוטע אָנדערהאַלבען שעה, ביז מיר זענען אימשטאַנד צו רעדען אַזוי ווי מענטשען. מיין ברודער אליהו דערצעהלט זיין חבר פיני'ן די גאַנצע מעשה. זיין חבר פיני הערט איהם אויס מיט קאָפּ, אַזוי ווי א דאָקטאָר הערט־אויס א חולה. אַז מיין ברודער אליהו האָט געענדיגט, מאַכט צו איהם זיין חבר פיני:

— אנו, ווייז נאָר אהער דאָס בוך.

— ווינד איז מיר, וואו האָסט דו געחאַפּט אַזאַ קאַטאַר? — זאָגט צו מיר די מאַמע און ברעכט די הענט. איך הער ניט אויף צו ניסען און ווייז איהר מיט דער האַנט אַהין, אין שטיב אַריין. זי געהט אַריין און לויפט אַרויס צוריק נאָך מיט איין ערגערער ניסעריי, ווי איך. קומט־אָן מיין ברודער אליהו און דערזעהט אונז ביידע ניסען. פרעגט ער: וואָס איז דאָס? ווייזט איהם די מאַמע מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַריין. ער חאַפּט זיך אַריין און לויפט־אַרויס צוריק מיט אַ גוואַלד:

— ווער האָט דאָס צע — טשחי! טשחי! טשחי!...

איך האָב שוין לאַנג ניט געזעהען מיין ברודער אליהו אין כעס, אַזוי ווי אַצינד. ער לאָזט זיך מיט ביידע הענט גלייך אויף מיר. אַ גליק, וואָס ער ניסט, אַניט — וואָלט איך פון זיינע הענט אַרויס אַ קאַליקע. מיין שוועגערין ברכה קומט־אָן, טרעפט זי אונז אַלע דריי האַלטען זיך מיט די הענט ביי די זייטען און ניסען.

— וואָס איז מיט אייך? וואָס האָט איהר זיך פּלוצים צעניסט?

וואָס זאָלען מיר איהר זאָגען? מיר קאָנען רעדן אויסרעדען אַ וואָרט? ווייזען מיר איהר מיט דער האַנט אַהין, אין שטיב אַריין. חאַפּט זי זיך אַריין, און לויפט באַלד אַרויס צוריק רויט, ווי העליש פייער, און פאַלט־אָן אויף מיין ברודער אליהו:

— וואָס האָב איך דיר גע — טשחי! טשחי! טשחי!...

קומט־אָן אונזער שכנה, פּעסי די גראָבע. זי רעדט צו אונז, נאָר קיינער קאָן איהר ניט ענטפערען קיין וואָרט. מיר ווייזען איהר מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַריין. זי געהט־אַריין און לויפט־אַרויס צוריק:

— וואָס האָט איהר אַזעלכעס גע — טשחי! טשחי! טשחי!...

XI

אונזער חבר פּיני

מיין ברודער אליהו נעמט־ארויס דאָס בוך פון בוזעם־קעשענע און גיט דאָס איבער צו זיין חבר פיני. זיין חבר פיני לייענט־איבער דאָס אויבערשטע בלעטעל: „פאַר איין רובעל — הונדערט רובעל! אַ סגולה ווי אַזוי פון גאָרניט, מיט די פינף פינגער, מאַכען הונדערט רובעל אַ חודש אין מעהר"... ער נעמט דאָס בוך און טהוט דאָס אַ וואָרף־אַריין אין אויווען אריין גלייך איפ'ן פייער. מיין ברודער אליהו טהוט זיך אַ לאָז מיט ביידע הענט צום פייער. זיין חבר פיני שטעלט איהם אָפּ:

— פּאַוואָלי, נישט געחאַפּט!

נאָך אַ פּאָר מינוט — און פון מיין ברודער אליהו'ס בוך, וואָס לעהרענט, ווי אַזוי צו מאַכען הונדערט רובעל אַ חודש אין מעהר, איז געבליבען ניט מעהר ווי אַ בערגעל איפּגעבלאָזענע אַש. פון איין זייט איז פאַרבליבען אַ שטיקעל ניט־פאַרברענט פּאַפּיער, קוים־קוים וואָס מע האָט געקאָנט איבערלייענען: ש־ע־מ־ע־ר־י־צ־י.

XI

אונזער חבר פיני

א.

נעדענקט איהר, איך האָב אייך אמאָל געזאָגט, אז איך וועל אייך באַקענען מיט מיין ברודער אליהו'ס חבר פיני? איך האָב אייך צוגעזאָגט באַקענען, ווייל ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען. נאָר איידער איך וועל אייך דערצעהלען פון פיני'ן, מוז איך אייך דערצעהלען פריהער פון זיין זיידען, נאָכדעם פון זיין טאַטען, נאָכדעם פון זיין פעטער, און ערשט נאָכדעם שוין פון פיני'ן אליין.

שרעקט אייך נישט — איך וועל דאָס אייך מאַכען בקיצור. איך הויב אָן פון זיידען.

פון רב העסי דעם גלעזער האָט איהר אמאָל געהערט? דאָס איז פיני'ס זיידע. ער איז א גלעזער, און א שפּיגעל־מאַכער, און א פאַרבער, און קאָן מאַכען טאַבעקע. היינט האָט ער אוועקגעוואָרפען אלע ארבייט און פאַרנעמט זיך נאָר דערמיט, וואָס ער רייבט טאַבעקע און פאַרקויפט. כל זמן, זאָגט ער, א מענטש לעבט, דאַרף ער אַרבייטען, נישט אָנקומען צו קיינעם. ער איז א הויכער, א דאַרער, מיט רויטע אויגען און מיט א מורא'דיגער נאָז, אונטען ברייט, אויבען שמאָל, און אויסגעבויגען ווי א שופר. איך האָב מורא, אויב עס איז איהם ניט געקומען פון דעם, וואָס ער שמעקט טאַבעקע. ער איז א זקן. ער איז אלט אפשר הונ־

העכער פון איהם, און האָט אויך אַ לאַנגע נאָז, און איז אַ זייגער־מאַכער. געזאָלט האָט ער גאָר זיין אַ רב, אָדער אַ שוחט, אָדער אַ מלמד. אזא קאָפּ האָט ער געהאַט צום לערנען! האָט ער בעסער געוואָלט זיין אַ זייגערמאַכער. ווי קומט צו איהם זייגער־מאַכעריי? ווערט איהר הערען.

אז ער איז נאָך געווען אַ יונגעל און האָט געלערענט אין חדר, אַזוי דערצעהלט שניאור אליין, האָט איהם דער קאָפּ געטראָגען אויף גרויסע זאַכען. למשל, דערגעהן דעם שכל פון אַ שלאָס. פאַר וואָס, אז מע טהוט אַ דרעה רעכטס, עפענט עס זיך, און אז מע טהוט אַ דרעה לינקס, פאַרשליסט עס זיך? אָדער ווי אַזוי געהט אַ זייגער? פאַר וואָס שלאָגט ער אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער גרויסער ווייזער קומט־צו צום צוועלף? דאָס ערשטע מאָל, אז ער האָט, זאָגט ער, דערזעהען אַ זייגער מיט אַ פויגעל, איז ער שיער ניט אַראָפּ פון זינען. דעם זייגער מיט׳ן פויגעל האָט דער אַלטער רב העסי באַקומען אַ מתנה פון איין אויסגע־דיענטען פּאָלקאָווניק, וואָס פלעגט איהם געבען אַרבייט. אַלע שעה, אַז דער זייגער האָט באַדאַרפט קלינגען, האָט זיך אויפגע־עפענט אַ טהירעל, און ס׳איז אַרויס אַ פויגעל מיט אַ קו־קו! דער פויגעל איז געווען נאַטירליך, ווי לעבעדיג. איהר קאָנט פאַר־שטעהן, אַז אפילו די קאַץ האָט געהאַט אַ טעות. אַלע מאָל ווען דער פויגעל איז אַרויס מיט אַ קו־קו, פלעגט זיך די קאַץ אָנבלאָזען און פלעגט איהם וועלען חאַפּען. שניאור האָט זיך גענעבען דאָס וואָרט, אַז ער מוז דערגעהן דעם שכל פונ׳ם פויגעל. איינמאָל, אז קיינער איז ניט געווען אין דער היים, האָט ער זיך צוגעחאַפּט צום זייגער. ער האָט איהם אַראָפּגענומען פון וואַנט, אָפּגעדרעהט אַלע שרייפלעך און אַרויסגענומען די געדערים. איז אָנגעקומען דער פאָטער, האָט ער איהם אַזוי געשלאָגען, אז מע האָט שוין נישט געהאַלטען פון זיין לעבען. עד היום, זאָגט ער, שטעהען ביי איהם סימנים אויפ׳ן לייב. ער האָט אָבער אויסגעפיהרט זיינס — ער איז אַ זייגערמאַכער. איך ווייס ניט, צי ער איז

דערט יאָהר, און איז נאָך ביי אַלע געדאַנקען. ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט נאָך היינט אויך מעהר שכל ווי זיינע צוויי זיהן: הערש־ליב דער מעכאַניק און שניאור דער זייגערמאַכער. הערש־ליב דער מעכאַניק איז אויך אַזוי דין און הויך, ווי רב העסי. ער האָט אויך אַ גרויסע נאָז, נאָר ער שמעקט ניט קיין טאַבעקע. אפשר וועט ער אַמאָל שמעקען. דערווייל נאָך ניט. ער איז אַ מעכאַניק פון אויוועגס. ער מאַכט אויוועגס. אַלע זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ קאָפּמענטש. ער האָט טאַקי אַ גרויסען שטערן. מע זאָל איהם געווען, זאָגט ער, לערנען אַ מלאכה, וואָלט ער זיין איינער אין דער וועלט. עס איז נאָר ניטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל עס ניט פאַרשטעהן מיט'ן שכל. אַזוי זאָגט ער אַליין אויף זיך. אַלסדינגג האָפּט ער מיט'ן קוק. אויוועגס מאַכען האָט ער זיך אויסגעלערענט פון זיך אַליין. ער האָט געזעהען אַ פּאָר מאָל, ווי איוואַן פּיטשקור מאַכט אויוועגס, האָט ער זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער. ער האָט געזאָגט, אַז דער גוי הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס הייסט איין אויוועגן. איז ער געקומען אַהיים און האָט צעוואָרפען דעם אויוועגן און האָט אוועקגעשטעלט, טאַקי פון די זעלבע ציגעל, איין אַנדער אויוועגן. די ערשטע צייט האָט דער אויוועגן גערויכערט, מע האָט געקאָנט דערשטיקט ווערען. האָט ער צעוואָרפען דעם אויוועגן און געשטעלט אַ נייעם אויוועגן. אַזוי עטליכע מאָל, ביז ער איז געוואָרען דער באַריהמטער מעכאַניק. ער האָט מיט זיין אייגענעם שכל דערקלערט אַזאַ מין אויוועגן, וואָס ס'איז גענוג, מע זאָל איהם הייצען איין מאָל אין אכט טעג. דער גאַנצער חסרון, ער האָט נאָך ניט די ציגעל, זאָגט ער, וואָס מע דאַרף דערצו האָבען. ווען מע גיט איהם, זאָגט ער, „קאַכליאָווע" ציגעל, שטעלט ער אייך אויף איין אויוועגן, וואָס מע דאַרף איהם געהן זעהען אויף חדושים! ער זאָגט, אַז אין איין אויוועגן ליגט מעהר שכל, ווי אין אַ זייגער. דאָס זאָגט ער שוין אויף צו־להכעיס זיין ברודער שניאור. זיין ברודער שניאור איז יינגער פון איהם און

א לאנגען האלז, ווי א גאנער, און א נידעריגע ראיה דערצו. וואו ער זאל ניט געהן, מוז ער זיך מיט עמיצען צעבוצקען. שטעלט ער זיך אוועק, מוז ער עמיצען אנטרעטען אויפ'ן פוס. איין הויז מוז ביי איהם זיין פארקאטשעט. איין זאק מוז זיין אראפגע־לאזט. דאס העמד מוז זיין צעשפיליעט. דאס שניפסעל מוז זיין פון יענער זייט. און אז ער רעדט, חארכעלט ער, און האט ליעב צוקערקעס. ווען איהר זאלט איהם נישט באגעגענען, האלט ער עפּים אין מויל און סמאצקעט. דערפאר איז ער אבער א גערא־טענע כלי. ניטא איין זאך אויף דער וועלט, וואס ער זאל ניט קאנען. מיט זיין לערנען האט ער, זאגט מען, אריבערגעיאגט דעם רב. מיט זיין שרייבען וועט ער פארשטעקען אין גארטעל אלע קענערס. אחוץ וואס ער האט א זעלטענע האנטשריפט, איז ער א גרויסער בריה אויף גראמען. וואס ער זאל ניט שרייבען, שרייבט ער מיט גראמען. ער האט שוין באשריבען די גאנצע שטאדט: דעם רב, דעם שוחט, די גבאים, די יאטקעס, זיין אייגענע משפחה — אלעמען האט ער שוין באשריבען, און אלעמען אין גראמען. פיני'ס גראמען זענען א צייט ארומגעגאנגען פון האנט צו האנט און מע האט זיך געקאטשעט פאר געלעכטער. אנדערע האבען זיי אויסגעלערענט אויף אויסענווענינ. למשל, איך געדענק א פאר פון זיינע גראמען:

אונזער גבאי,
רב שמואל־אבא,
האט א גרויסען בויך;
זיצט ביי'ם טישעל,
לקח'ענט פון דער שיסעל,
אזש עס געהט א רויך!

זיין ווייב נחמה,
א כשר'ע נשמה —
איך וויל פון איהר ניט ריידען.

פון די בעסטע, נאָר ער נעמט נישט טייער און מאַכט גיך. מיין ברודער אליהו האָט ביי איהם שוין וויפיעל מאָל צו־רעכט גע־מאַכט דעם זייגער. כמעט אַ וואָך איבער אַ וואָך פאַרריכט ער איהם דעם זייגער. אַ מאָדנער זייגער ביי מיין ברודער אליהו: אָדער ער לויפט משוגע'נערווייז, אָדער ער געהט איינגעהאַלטען מיט אַ שעה פיער, אָדער ער שטעלט זיך גאָר אַוועק — און טהוט איהם עפּים! מיין ברודער אליהו וואָלט אפשר געגאַנגען צו איין אנדער זייגערמאַכער, פּאַסט איהם ניט פאַר זיין חבר פּיני. זיין חבר פּיני זאָגט, אַז שולדיג איז מסתמא דער זייגער, ניט דער פעטער שניאור. וואָרום ממה־נפשך: איז דער זייגער אַ זייגער, וועט דאָך איהם יעדער זייגערמאַכער קאָנען צו־רעכט מאַכען. אלא וואָס דען? דער זייגער אליין איז קיין זייגער ניט, הייסט וואָס וועט איהם העלפען דער זייגערמאַכער?

נעהט זאָגט, אַז ער איז אומגערעכט!

ב.

מיין ברודער אליהו'ס חבר פּיני איז אויך אַ קאָפּמענטש, אזוי ווי זיין טאַטע הערש־לייב דער מעכאַניק און אַזוי ווי זיין פעטער שניאור דער זייגערמאַכער. אַ נאָז האָט ער אויך אַ לאַנגע, אַזוי ווי זיי. נעזעריג זענען זיי אַלע, די גאַנצע משפּחה זייערע. זיי האָבען אַ מוהמע קריינע, האָט זי אַ טאָכטער מלכה, האָט זי אַ נאָז, וואָס מע דאַרף געהן קוקען אויף חדושים. און ניט אַזוי די נאָז, ווי דאָס פּנים. ס'איז גאָרנישט קיין מענטשליך פּנים. זעהט־אויס ווי אַ פויגעל, אָדער ווי אַ חיה. זי שעמט זיך אַרויס־געהן אויף דער גאַס. ס'איז אויף איהר אַ גאָט'ס רחמנות! פּיני איז אַ ביסעל אין איהר געראָטען, נאָר ער איז אַ מאַנסביל. אַ מאַנסביל מאַכט נישט אויס. ער זעהט אפילו אויס מאָדנע. אַז איהר טהוט אויף איהם אַ קוק, מוזט איהר זיך צעלאַכען. נישט געגוג, וואָס ער איז דין און הויך, האָט ער אַ פּאָר לאַנגע אויהערען,

שולדיג, אז ער קאָן ניט זיצען אין קלייט? ער קאָן ניט, זאָגט ער. דער קאָפּ טראָגט איהם, דער קאָפּ פליהט. ס'איז ביי זיי, זאָגט ער, אזא משפחה פון פליהענדיגע קעפּ...

אזוי זאָגט פיני און וויל ניט געהן אין קלייט אריין. ער וועט בעסער, זאָגט ער, זיצען איבער א ביכעל, וועט ער מעהר הנאה האָבען. זיין שוועהר, דער מילנער, איז דערפאַר גוט ברוגז, נאָר ער מוז שווייגען. ער האָט מורא פאַר'ן איידעם, ער זאָל איהם ניט באַשרייבען, און אויסער דעם איז די טאָכטער ביי איהם זעהר ציטעריג. זי איז א בת־יחידה. טייבעל הייסט זי. זי איז א ביסעל קאַסאָקע אויף איין אויג, נאָר זעהר א גוטע. מיין מאַמע זאָגט אויף איהר, אַז זי איז אָהן א גאַל. איך פארשטעה ניט, וואָס הייסט, זי איז אָהן א גאַל? וואו איז אהינגעקומען איהר גאַל?... גאַנצע טעג זיצט זי אין קלייט, און פיני איז אין דער היים. מיר קומען צו איהם מיט מיין ברודער אליהו כמעט אַלע טאָג. ער רעדט זיך אויס פאַר אונז דאָס האַרץ. אַלע מאָל, ווען מיר קומען צו איהם, זיפצט ער און קרעכצט און באַקלאָגט זיך אויף זיין פינסטער מזל. ס'איז איהם דאָ ענג, זאָגט ער, און דושנע. ער פיהלט, זאָגט ער, אז ער וועט דערוואָרגען. ער זאָל זיין, זאָגט ער, איז איין אַנדער שטאָדט, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. ווען מע לאָזט איהם, זאָגט ער, ארויס פון דאנען חאָטש אויף איין יאָהר, קעהרט ער איבער די וועלט! אזוי זאָגט ער צו מיין ברודער אליהו. קיינעם פארגלויבט ער נישט אזוי פיעל, וויפיעל מיין ברודער אליהו. ער ווייזט איהם בריעף, וואָס ער האָט. די בריעף זענען פון גרויסע מענטשען. די „גרויסע מענטשען" שרייבען איהם, אז ער האָט אין זיך עפּיס אינוועניג. פיני זאָגט, אז ער אַליין פיהלט אויך, אז ער האָט אין זיך עפּיס אינוועניג. איך קוק אויף איהם און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! וואָס האָט ער אזעלכעס אין זיך אינוועניג?"...

זי איז קליג,
ווי דעם רבינ'ס ציג —
חאַפּט דער רוח זיי ביידען...

די גאַנצע שטאָדט האָט געקאָכט מיט די דאָזיגע גראַמען. יעדער איינער האָט צוגעמאָט צו דעם א ניגון פון זמירות. די גאַנצע שטאָדט האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן ליעדעל, ביז ס'איז אָנגעקומען צום גבאי מיט דער גבאי'טע. האָבען זיי געשיקט רופען צו זיך דעם פּאָטער, הערש־לייב דעם מעכאַניק, און האָבען געוויינט פאַר איהם מיט טרערען. זיי האָבען איהם געפרעגט: וואָס האָט צו זיי זיין פיני?... געקומען אַהיים, האָט דער פּאָטער, הערש־לייב דער מעכאַניק, אריינגערופען פיני'ן אין שטוב אריין, פארשלאָסען טהיר און טהויער און האָט איהם גוט אריינגעצימבעלט. ער האָט איהם אזוי לאַנג געשמיסען, ביז פיני האָט איהם געמוזט געבען תקיעת־כף, אַז ער וועט שוין מעהר קיין גראַמען ניט שרייבען, ווייל ער וועט לעבען.

ג.

פון דעמאָלט אָן שרייבט שוין פיני מעהר ניט קיין גראַמען. עס קריבען איהם שוין ניט אין קאָפּ היין גראַמען. ער איז אויף גרויסע צרות. אַזוי זאָגט אויף זיך פיני אַליין. עס האָט זיך איהם פאַרגלוסט חתונה האָבען. דאָס הייסט, ניט איהם, זיין טאַטען הערש־לייב האָט זיך פאַרגלוסט, אַז פיני זאָל חתונה האָבען און זאָל ווערען א „מענטש". פיני האָט חתונה געהאַט פאַר א מילנער'ס א טאָכטער. דער מילנער האָט איהם געעפענט א קלייטעל פון מעהל. מיין ברודער אליהו איז איהם מקנא, וואָס ער האָט א געשעפט. פיני לאַכט פון איהם. ער זאָגט: ס'איז א געשעפט, נאָר ניט פאַר איהם. וואָס איז דאָס, זאָגט ער, פאַר איין עובדא פּאַטשקען זיך מיט מעהל? דאָס פּאַסט, זאָגט ער, פאַר א גראָבען יונג, פאַר א מילנער... וואָס איז ער, זאָגט ער,

פ י נ י : אויף אויסצאָהלען. מיר וועלען זיי אמאָל אויס־צאָהלען. דערווייל האָבען מיר זיי אומזיסט.

א ל י ה ו : נו, און ביז'ן שיף? הוצאות? היינט בילעטען? באהן?

פ י נ י : וויפיעל בילעטען דארפען מיר דען האָבען, נארעלע?

א ל י ה ו : אדרבא, וויפיעל דארפען מיר האָבען?

פ י נ י : רעכען אויס: איך און מיין טייבעל איז ניט צוויי. דו און דיין ברכה צוויי, איז ניט פיער.

א ל י ה ו : און די מאַמע איז ניט פינף.

פ י נ י : איז פינף.

א ל י ה ו : נו, און מאָטעל?

פ י נ י : פאר איהם איז גענוג א האלבער בילעט. און אפשר קיין האלבער אויך ניט... מיר וועלען זאָגען, אז ער איז נאָך ניט אלט קיין דריי יאָהר.

א ל י ה ו : ביזט משוגע?

* * *

וואָס זאָל איך טהון? איך קאָן מיך מעהר נישט איינהאלטען. פאר גרויס פרייד לאָז איך ארויס א קוויטש.ביידע דרעהען זיך אוים צו מיר.

— אוועק, דו שייגעץ! וואָס פאר א תנועה זיך אונטער־הערען, אז גרויסע רעדען צווישען זיך?

איך לאָז מיך לויפען, שפרינג־אונטער און פאַטש מיך מיט ביידע הענט אין די ליטקעס פון די פיס. א קליינינגקייט — איך פאָהר!... שיף!... באהן!... בילעט!... א האלבער בילעט!... וואוהין, אשטייגער, פאָהרען מיר? איך וויל גאָרניט וויסען וואו־הין. וואָס געהט עס מיך אָן וואוהין? איך פאָהר — און גענוג! איהר ווייסט, וואָס איך ווער אייך זאָגען? אז מיר זאָלען זיך וועלען גוט אויסרעכענען, בין איך דאָך נאָך קיינמאָל אויף מיין לעבען אין ערגיץ נישט געפאָהרען. איך וויים אפילו נישט דעם טעם. וואָס הייסט דאָס פאָהרען? א ביסעל האָב איך יאָ פארזוכט

ד.

איינמאָל קומט צו אונז פּיני און רופט־ארויס מיין ברודער אליהו אויף א סוד. ווייבאלד א סוד, מוז איך וויסען. איך האָב ליעב וויסען אלע סודות. איך געה זיי נאָך פון הינטען און הער זיך איין און חאפּ ווערטער. פּיני רעדט, און מיין ברודער אליהו רעדט. איך געב אייך איבער זייערע ביידענ׳ס ווערטער:

פּיני: וואָס ווערען מיר דאָ אויסזיצען?

אליהו: איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

פּיני: אָט האָב איך געלייענט, אז איינער איז אוועקגעפאָהרען אהין מיט פינף פינגער, א האלב יאָהר געשלאָפען אין דרויסען, געקעהרט די גאסען פאר׳ן שטיקעל ברויט.

אליהו: נו, און היינט?

פּיני: אויף אונז ביידען געזאָגט געוואָרען.

אליהו: אזוי?

פּיני: אזוי! אזוי! וואָס זשע? איך וועל דיך אָפּנארען? איך האָב שוין גערעדט מיט מיין טייבלען.

אליהו: וואָס זשע זאָגט זי?

פּיני: וואָס זאָל זי זאָגען? זי פאָהרט.

אליהו: זי פאָהרט? נו, און דער שוועהר?

פּיני: ווער הערט איהם? אז איך וועל אוועקפאָהרען אליין, וועט איהם זיין בעסער? ער זעהט דאָך, אז דער קאָפּ טראָגט מיך, איך קאָן דאָ ניט זיין!

אליהו: און איך, מיינסט דו, קאָן דאָ זיין?

פּיני: טאָ לאָמיר זיך אויפהויבען און לאָמיר פאָהרען.

אליהו: אויפהויבען און פאָהרען? מיט וואָס?

פּיני: שיפסקארטען גיט מען דאָך אונז אומזיסט, נארעלע.

אליהו: וואָס הייסט, אומזיסט?

XII

שאַט, מיר פֿאָהרען קיין אַמעריקע!

דעם טעם. איך בין אמאָל זיך דורכגעפאָהרען אויף אונזער שכנ׳ס ציעג, האָט דאָס מיך געקאָסט טייער. אחוץ וואָס איך בין גע־פאַלען און צעבלוטיגט די נאָז, האָב איך נאָך געכאַפּט א פּאָר פּעטש אויך. דערפאַר רעכען איך ניט די נסיעה.

איך בין דעם גאַנצען טאָג ווי א צעמישטער. איך האָב פאַר־לאָרען דעם אַפּעטיט צום עסען. ביינאַכט חלומ׳ט זיך מיר, אז איך פאָהר. ניט איך פאָהר, נאָר איך פליה. איך האָב פליגעל, ווי א טויב, און איך פליה. לעבען זאָל אונזער חבר פּיני! ער באַקומט אין מיינע אויגען טויזענד מאָל מעהר חן, ווי פריהער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך איהם געקושט און געהאַלזט. א טייערער פּיני דאָס איז!

נו, האָב איך אייך נישט געזאָגט, אז ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען?

XII

שאַט, מיר פאָהרען קיין אַמעריקע!

א.

— שאַט, מיר פאָהרען קיין אַמעריקע! וואו איז אַמעריקע? ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ס'איז ווייט, שרעקליך ווייט. מע דאַרף אַהין פאָהרען און פאָהרען אַזוי לאַנג, ביז מע קומט. און אַז מע קומט, איז פאַרהאַן אַ „קעסטעל־גאַרטעל". דאָרט, אין „קעסטעל־גאַרטעל", טהוט מען אייך אויס נאַקעט און מע קוקט אייך אין די אויגען. האָט איהר געזונטע אויגען, איז גוט. אַלאַ ניט, פאָהרט, זייט מוחל, צוריק! דאַכט זיך, איך האָב געזונטע אויגען. איינמאָל נאָר האָב איך געהאַט צו טהון מיט די אויגען. יונגלעך פון דער שקאָלע האָבען מיך דערטאַפּט, אַוועקגעלעגט און אַריינגעבלאָזען מיר אין די אויגען אַריין טאַבאַק. אַי, האָט זיי מיין ברודער אליהו געפּאַטשט! איצט זענען ביי מיר די אויגען לויטער, ווי קרישטאָל. זעהט איהר, מיט מיין מאַמען איז ניט פריילעך. אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. ווער איז שולדיג? אַז טאָג ווי נאַכט וויינט זי. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבען האָט זי נאָך גאָרניט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאָטעס ווילען! דו האָסט קיין רחמנות ניט אויף אונז! איבער דיר וועלען מיר חלילה אַלע דאַרפען פאָהרען צוריק!

— וויעדער א מאָל געוויינט? ווילסט אונז, אפנים, אלעמען אומגליקליך מאַכען?!...

ב.

טאַמער איז קארג, טראָגט עס אָן אונזער שכנה פעסי. דער־זעהען אונז ביי דער ארבייט, ווי מיר שיטען איבער די קישענס, שטעלט זי זיך אוועק אונז אויסרעדען א ביסעל דאָס הארץ. זי לייענט אונז א גאנצע תחינה:

— פאָהרט איהר, הייסט עס, טאַקי קיין אמעריקע? הלואי דער אויבערשטער זאָל געבען, איהר זאָלט קומען געזונטערהייד און זאָלט דאָרט באַגליקען. ביי גאָט איז אלץ מעגליך. אָט איז פאראיאָהרען אוועקגעפאָהרען מיינע איין אייגענע, ריוועל הייסט זי, מיט איהר מאַן הילי. שרייבען זיי, אז זיי מוטשען זיך, נאָר זיי מאַכען א לעבען... וויפיעל מע בעט זיך ביי זיי, זיי זאָלען שרייבען ווי מענטשען: וואָס און ווען און ווי אזוי? ענטפערען זיי: אמעריקע איז א לאנד פאר אלעמען. יעדער מוטשעט זיך און מאַכט א לעבען... האָט איהר עפּים צו זיי? נאָך גוט, וואָס זיי שרייבען חאָטש. די ערשטע צייט האָבען זיי גאָרניט גע־שריבען, פארגעסען דעם זיי־געזונט. מיר האָבען שוין געמיינט, אז זיי זענען חלילה ארייגעפאלען אין ים אריין. ערשט העט וויים איך ווען, קומט־אָן א ידיעה, אז זיי זענען שוין, א דאנק גאָט, אין אמעריקע. זיי מוטשען זיך און מאַכען א לעבען!... אודאי, זאָג איך אייך, איז כדאי דער גאנצער טארעראַם, מיט'ן ברעכען זיך, מיט'ן איבערשיטען דאָס בעטגעוואנט, מיט'ן פאָהרען איבער'ן ים, מיט נאָך אזעלכע זאכען!

— איך בעט אייך, איהר וועט אמאָל אויפהערען לעגען קנייטלעך?

אזוי פאַלט־אָן מיין ברודער אליהו אויף אונזער שכנה פעסי און באַקומט פון איהר א פאָרציע:

אזוי טענה׳ט מיט איהר מיין ברודער אליהו, און זי ענט־פערט איהם:

— נאריש קינד וואָס דו ביזט! איך וויין דען? עס וויינט זיך אליין, אָהן מיר!...

אזוי זאָגט די מאמע, ווישט די אויגען אין פארטוך און נעמט זיך צום בעטגעוואנט, צו די קישענס. מע דארף איבערשיטען אלע קישענס. אמעריקע איז א לאנד, וואו ס׳איז ניטאָ קיין קישענס. אלסדינגג איז דאָרט דאָ, נאָר ניט קיין קישענס. ווי אזוי שלאָפען דאָרט די מענטשען — פארשטעה איך ניט. עס דארף זיי זיין הארט צוקאָפּענס! מיין שוועגערין ברכה העלפט איהר איבערשיטען די קישענס. מיר האָבען, ניט צו פארזינדיגען, היבשע עטליכע קישענס. דריי גרויסע איבערבעטען מיט זעכס קישענס מיט פיער קליינע קישעלעך. ממזרים׳לעך הייסען זיי. פון אלע פיער ממזרים׳לעך מאכט די מאמע איין קישען. איין עבירה. איך האָב ליעב די קליינע ממזרים׳לעך בעסער פון די גרויסע. איך שפּיעל זיך מיט זיי אמאָל אין דער פריה. איך מאך פון זיי א המן־טאש, א ספּאָדיק...

— מיר וועלען קומען, אם ירצה השם, געזונטערהייד אהין, וועלען מיר זיי צוריק איבערשיטען אין קליינע ממזרים׳לעך.

אזוי זאָגט די מאמע צו מיר און צו מיין שוועגערין ברכה און גיט איהר אָנצוהערעניש, אז זי זאָל אויך אזוי טהון. מיין שוועגערין ברכה טהוט אויך אזוי, חאָטש זי איז פון דער נסיעה ניט צופריעדען. ס׳איז איהר שווער זיך שיידען מיט איהר טאטע־מאמע. מע זאָל איהר געווען, זאָגט זי, זאָגען פאראיאָהרען אין דער צייט, אז זי וועט פאָהרען קיין אמעריקע, וואָלט זי יענעם, זאָגט זי, אָנגעשפּיגען א פולען פּנים.

— מע זאָל מיר געווען זאָגען פאראיאָהרען, אז איך וועל זיין איין אלמנה...

אזוי זאָגט די מאמע און צעוויינט זיך. דערזעהט מיין ברו־דער אליהו און מאכט א גוואלד:

לע — וואָס קאָן זיין נאָך בעסער פון דעם? אונזער חבר פיני עסט אויך מיט אונז. ער איז דאָך פון תמיד א פאַרטראָגענער. דער קאָפּ פליהט ביי איהם. נאָר פון זינט מיר פאָהרען קיין אַמעריקע, איז ער גאָר צעדולט. אַזוי זאָגט אויף איהם די מאַמע. איין הויז איז ביי איהם פאַרקאַטשעט ארויף, איין זאָק אראָפּ. דאָס האַלזטיכעל שפּאַרט שוין אָן אויף יענער זייט. און קומט ער אריין צו אונז אין שטוב, אַזוי מוז ער חאַפּען א זעץ אין שטערן. אַלע מאָל האָט צו איהם די מאַמע די זעלבע טענה:

— דו זעהסט דאָך, אַז דו ביזט הויך אויסגעוואַכסען, בויגט מען זיך איין א ביסעל.

— ער האָט א נידעריגע ראיה, מאַמע!

אזוי פאַרענטפערט איהם מיין ברודער אליהו, און ביידע געהען זיי מאַכען איין עק מיט אונזער האַלבער דירה. מע דאַרף זיך צעשרייבען. מיר האָבען אונזער האַלבע דירה שוין לאַנג פאַרקויפט. אונזער האַלבע דירה האָט אוועקגעקויפט זילי דער שניידער. אַזוי גיך קויפט א שניידער א דירה! א גרויסער נוד־ניק אָט דער זילי דער שניידער! פריהער איז ער דריי מאָל א טאָג געקומען אָנקוקען אונזער האַלבע דירה איינער אַליין. געשמעקט די ווענט, געטאַפּט דעם קוימען, געקראָכען אויפ'ן בוידעם, באַ־טראַכט דעם דאַך. נאָכדעם האָט ער געבראַכט דאָס ווייב. מעני הייסט זי. ווען איך קוק אויף איהר, מוז איך מיך צעלאַכען. אונזער שכנה'ס קעלבעל האָט אויך געהייסען „מעני". ביידע „מענים" האָבען איין פּנים. מעני דאָס קעלבעל האָט געהאַט א ווייסע מאָרדע מיט קיילעכיגע אויגען. מעני דעם שניידער'ס אויך אַזוי... שפּעטער האָט זילי דער שניידער אָנגעהויבען פיהרען מבינים אָנקוקען די דירה. צום מייסטען, שניידערס. יעדער האָט געפונען אויף אונזער האַלבער דירה איין אַנדער חסרון. ביז ס'איז געבליבען, מע זאָל אראָפּברענגען פיני'ס טאַטען, הערש־לייב דעם מעכאַניק. הערש־לייב דער מעכאַניק איז א מבין אויף דירות. ער איז איין עהרליכער מענטש. אויף איהם קאָן מען זיך פאַר־

— לעגען קנייטלעך? זעה נאַר, אַ גאַנצער חכם פון דער מה־נשתנה! ער פאָהרט קיין אמעריקע זיך מוטשען און מאַכען אַ לעבען! ווי לאַנג האָב איך דיך געהאַלטען אויף די הענט, זיך געניאַנטשעט, געהאַט צו טהון? אַנו, פרעג נאַר די מאַמע דיינע, וואָס איך האָב געהאַט מיט'ן ביינדעל, וואָס דו האָסט קינדווייז איינגעשלונגען איינמאָל פרייטאָג צו־נאַכטס ביי די פיש. ווען ניט איך טהו דיך אַ חאַפּ פון הינטען איינס־צוויי־דריי, וואָלסט דו שוין איצטער ניט געפאָהרען קיין אמעריקע זיך מוטשען און מאַכען אַ לעבען!...

אונזער שכנה פעסי וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. אַ גליק, וואָס די מאַמע מישט זיך אריין און הויבט אָן צו איהר מיט גוטען:

— איך בעט אייך, פעסיניו, נשמה'ניו, הארצעניו, ליובעניו, זאָלט איהר מיר זיין געזונט און שטאַרק!...

מעהר קאָן די מאַמע ניט רעדען. זי צעוויינט זיך. דער־זעהט מיין ברודער אליהו, אַז זי וויינט, ווערד ער אָנגעצונדען. ער טהוט אַ וואַרף די ארבייט און לויפט־ארויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ די טהיר:

— לאָז דאָס געהן ואין דר'ערד אריין!

ג.

אין שטוב איז שוין ביי אונז פוסט — אַ חורבה. דער אַלקיר איז פול מיט פעקלעך אין מיט בעטגעוואַנט. דאָס בעט־געוואַנט פאַרנעמט כמעט ביז דער סטעלי. אַז קיינער איז נישטאָ, דראַפּע איך מיך ארויף אויף אַלע קישענס און גליטש מיך אראָפּ, ווי אויף אַ שליטען. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי גוט, ווי איצט, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געוועזן. קאָכען קאָכט מען שוין ניט ביי אונז פון לאַנג. מיין ברודער אליהו ברענגט פון מאַרק אַ גע־טריקענט פישעל, עסען מיר דאָס מיט ציבעלע. פישעל מיט ציבע־

ווענען אמעריקע. הערש־לייב דער מעכאַניק ווינטשט זיך אזא שטיק גאָלד, ווי מיר וועלען אלע, אם ירצה השם, קומען צוריק פון אמעריקע. ווען ניט דער „פּריזיוו", וואָלט ער זיין פּיני'ן, זאָגט ער, ניט געלאָזט פאָהרען קיין אמעריקע. אמעריקע, זאָגט ער, איז פּע! פרעגט איהם זילי דער שניידער: ער זאָל קיין פּאַראַיבעל ניט האָבען, מיט וואָס איז אַמעריקע פּע? ענטפערט איהם הערש־לייב: דערפאַר, ווייל אמעריקע איז א פּאַסקודנע לאַנד. פרעגני איהם ווייעדער א מאָל זילי דער שניידער: ער זאָל קיין פּאַראַיבעל ניט האָבען, פון וואַנען ווייסט ער, אז אמעריקע איז א פּאַסקודנע לאַנד? ענטפערט איהם הערש־לייב, אז ער פאַרשטעהט דאָס על־פּי שכל. זאָגט איהם זילי, ער זאָל איהם געבען צו פאַרשטעהן דעם שכל. הויבט אָן הערש־לייב מעכאַניק צו שטאַמלען מיט דער צונג, געבען צו פאַרשטעהן על־פּי שכל. נאָר עס קלעפּט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט, מחמת ער איז שוין א ביסעל אונטער'ן גלעזעל. אלע זענען אונטער'ן גלעזעל. אלע פיהלען זיך גוט, אויסגעצייכענט גוט. איך אויך. נאָר די מאַמע מיינע באַהאַלט אלע מינוט דאָס פּנים אין פאַרטוך און ווישט די אויגען. מיין ברודער אליהו קוקט אויף איהר און זאָגט צו איהר שטילערהייד:

— גזלנ'טע! דו האָסט קיין רחמנות ניט אויף די אויגען! דו קוילעסט אונז!...

ד.

איצט האָט זיך אָנגעהויבען א נייע חתונה — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב געהען מיר זיך געזעגענען. מיר זענען שוין געווען ביי אלע אונזערע קרובים, שכנים און באַקאַנטע. ביי אונזער מחותן, יונה דעם בעקער, האָבען מיר פאַרבראַכט א גאַנצען טאָג. אונזערע מחותנים האָבען געמאַכט פאַר אונז א וואַרמעס, צונויפגערופען די משפּחה, געשטעלט ביער צום טיש. מיך האָט מען אָוועקגעזעצט באַזונדער מיט מיין שוועגערינ'ס שוועסטערל.

לאָזען. הערש־לייב טהוט צוליעב. ער באַטראַכט אונזער האַלבע דירה פון אַלע זייטען. ער הויבט־אויף דעם קאָפּ ווי הויך ער איז, פאַרקאַטשעט דאָס היטעל, טהוט זיך אַ קראַץ אונטער׳ן האַלז און אַ זאָג:

— אָט די דירה קאָן שטעהן, בלי גוזמא, אַ יאָהר הונדערט, אויב נישט מעהר.

האַפּט זיך אַרוים איינער אַ שניידער, פון זילי דעם שניידער׳ס מבינים.

— געוויס! אַבי מע זאָל זי נאָר איבערשיטען מיט ציגעל, אונטערשאַפּרען מיט אַ פּאָר גוטע אַבאַפּאָלקעס, אַריינחמאַליען פיער נייע ווענט און אַרויפצימבלען אַ בלעכענעם דאַך, וועט זי שטעהן און שטעהן, אם ירצה השם, ביז משיח וועט קומען!

מע זאָל געוועזען הערש־לייב דעם מעכאַניק, אַשטייגער, אויס־שעלטען אין טאַטען אריין, אָדער אָפּגיסען מיט אַ טאָפּ זודיג וואַ־סער, וואָלט ער ניט באַדאַרפט ווערען מעהר אין כעס. ער האָט נאָר געוואָלט וויסען איין זאַך: „ווי האָט דאָס אין זיך אַ איד אַ פּאַרך, אַ שניידער, אַ גנב, אַ פּאַליגע, אַזאַ פּאָטעפּאַלנאָסט צו רעדען מיט איהם, מיט הערש־לייב דעם מעכאַניק, אַזעלכע ווערטער, מיט אַזעלכע רעד, מיט אַזעלכע דבורים, מיט אַזאַ שפּראַך, און מיט אַזאַ לשון?!" איך בין אומזיסט געוועזען פריילין: איך האָב גע־מיינט, אָט־אָט פליהען פּעטש. צום סוף האָבען זיך אַריינגעלעגט מענטשען (אומעטום וואַכסען־אויס „מענטשען"!) און מע האָט זיי צענומען, און מע האָט געמאַכט שלום, און מע האָט זיך אָנגע־הויבען דינגען, און מע האָט זיך אויסגעגלייכט מיט׳ן מקח, און מע האָט געשיקט נאָך בראָנפען, און מע האָט געטרונקען לחיים. מע האָט אונז געווינשעוועט, מיר זאָלען פאָהרען געזונט, און קומען געזונט, און מאַכען גוטע געשעפטען, און פאַרדיענען אַ סך געלט, און קומען צוריק, אם ירצה השם...

— פּאַוואָלי! ניט אַזוי גיך קומט מען צוריק פון אַמערי־קע! — זאָגט מיין ברודער אליהו, און עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס

„ישתי״, דערפאַר וואָס ער האָט אַ גאָלי אויפ׳ן שטערן. ער לאָזט פון מיר קיין אויג ניט אראָפּ. ער זיפצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנזעהן אַ וועלט!״

יאָ, איך וועל זיך אָנזעהן אַ וועלט! ווי דערלעבט מען שוין!...

ה.

שוין געקומען לייזער מיט די „אָדלערס״. דריי ברענענדיגע פערד! זיי קאָנען ניט איינשטעהן אויף איין אָרט. אָדער זיי טופען מיט די פיס, אָדער זיי פאָרשקען מיט די נאָזלעכער און באַשפּריצען מיר דאָס פּנים. איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל טהון פריהער: צי איך זאָל קוקען אויף די פערד, צי איך זאָל העלפען טראָגען די פעקלעך מיט די קישענס אין וואָגען אריין? איך קאָן באַשטעהן ביידע זאכען: איך שטעה ביי די פערד און זעה, ווי מע טראָגט די פעקלעך מיט די קישענס. אַ פולער וואָגען מיט פעקלעך און מיט קישענס. אַ גאַנצער באַרג מיט בעטגעוואַנט. שוין צייט אויפצוזעצען זיך און פאָהרען. מיר האָבען פינף און פערציג וויאָרסט צו דער באַהן. אַלע זענען שוין דאָ: איך, און מיין ברודער אליהו, און מיין שוועגערין ברכה, און אונזער חבר פיני, און זיין ווייב טייבעל, און די גאַנצע משפחה זייערע: פיני׳ס טאַטע, הערש־לייב מעכאַניק, שניאור דער זייגערמאַכער, פיני׳ס שוועהר און שוויעגער, דער מילנער מיט דער מילנערקע, און דער מוהמע קריינע׳ס טאָכטער מיט׳ן פויגעלש פּנים, און אפילו דער אַלטער זיידע רב העסי איז אויך געקומען אָנזאָגען פיני׳ן, ווי אזוי ער זאָל זיך פיהרען אין אַמעריקע. פון אונזער משפחה זענען געווען נאָר אונזערע מחותנים, יונה דער בעקער מיט זיינע בנים. איין עבירה, וואָס איך האָב אייך ביז אהער נאָך נישט באַקענט מיט זיי. איצט איז ניט די צייט. מיר פאָהרען קיין אַמעריקע. אַלע דרעהען זיך ארום אונז, קוקען אויף אונז, געבען אונז עצות, מיר זאָלען זיין געהיט פאַר גנבים.

אַלטע הייסט זי. איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט פון איהר. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָהר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגעדרעהט פון אונטען ווי אַ בייגעל. מע האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר אַ כלה. פון דעמאָלט אָן, אַז מע זעהט אונז ביידען, רופט מען אונז: „די חתן־כלה”. פון דעסטוועגען, שעמען מיר זיך ניט רעדען צווישען זיך. זי פרעגט ביי מיר, אויב איך וועל נאָך איהר בענקען? — געוויס וועל איך נאָך איהר בענקען! נאָכ־דעם פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איהר שרייבען בריוולעך פון אַמעריקע? — געוויס וועל איך שרייבען בריוולעך פון אַמעריקע!

— ווי אַזוי וועסט דו שרייבען? דו קאָנסט דען שרייבען?

— אַ טייערע מציאה! אין אַמעריקע זיך אויסלערנען שריי־בען! — זאָג איך און האַלט די הענט אין די קעשענעס. אַלטע קוקט אויף מיר און שמייכעלט. איך וויים, וואָס זי שמייכעלט. זי מאַכט זיך אַ האַרץ. זי איז מיר מקנא, וואָס איך פאָהר און זי ניט. אַלע זענען מיר מקנא, אפילו יאָסי דעם נגיד'ס יונגעל, העניך מיט'ן אויגעל, זאָל מיך קאָנען דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער! ער שטעלט מיך אָפּ און מאַכט צו מיר מיט'ן אויגעל:

— הער נאָר, דו, דו פאָהרסט קיין אַמעריקע!

— יאָ, איך פאָהר קיין אַמעריקע.

— וואָס וועסט דו דאָרטען טהון? געהן איבער די הייזער? זיין גליק, וואָס מיין ברודער אליהו איז דערביי נישטאָ. ער וואָלט איהם געגעבען אַ „געהן איבער די הייזער”!... איך וויל זיך מיט איהם ניט אָנהויבען, מיט אַזאַ לאָבוס. איך ווייז איהם נאָר אַ צונג און לויף־אַוועק צו אונזער שכנה פעסי זיך געזעגענען מיט איהר חאַליאַסטע. אַ היבשע חאַליאַסטרע. איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט פון זיי. אַכט שטיק, איינס אין איינס. אַלע אַכט רינגלען מיך אַרום. זיי פרעגען מיך, צי בין איך צופריעדען, וואָס איך פאָהר קיין אַמעריקע? אַ שעהנע מעשה, נאָר אַ קורצע! וואָס טויג מיר גרוים — זיי זענען מיר גוט מקנא. מעהר פון אַלע איז מיר מקנא הערשעל. אָט דער, וואָס מע רופט איהם

אינטער זיינע ברייטע פּלייצעס. פּלוצים ווערד א קושעריי מיט א געוויין, א יללה. ערגער ווי תשעה־באָב. מעהר פון אַלע וויינט די מאַמע. זי פאַלט אונזער שכנה פעסי אויפ׳ן האַלז און זאָגט: „איהר זענט מיר געווען א שוועסטער. געטרייער פון א שוועס־טער!״... אונזער שכנה פעסי וויינט ניט, נאָר איהר גראָבער גיידער טרייסעלט זיך, און גרויסע טרערען, ווי באָב, קייקלען זיך איבער איהרע פעטע גלאַנצענדיגע באַקען. אַלע האָבען זיך שוין צעקושט, נאָר פּיני נאָך נישט. זעהען פּיני׳ן קושען זיך — דאַרף מען נישט קיין טהעאַטער. מחמת ער האָט א נידעריגע ראיה, טרעפט ער ניט וואו מע דאַרף. אָדער ער קושט אין באָרד אריין, אָדער אין שפּיץ נאָז, אָדער ער טהוט זיך גאָר א בוצקע אין שטערן. דערצו האָט ער א טבע, אז ער געהט, שפּרינגט ער אונטער און פאַרטשע־כעט זיך ביי זיינע אייגענע פיס. איך זאָג אייך, פון פּיני׳ן קאָן מען בלייבען אָהן א בויך לאַכענדיג. דאנקען השם יתברך, מיר זיצען שוין אין וואָגען. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגען: אויפ׳ן וואָגען. אויבען־אָן, אויף די קישענס און צווישען די קי־שענס, זיצען: די מאַמע, ברכה און טייבעל. פאָריטש (אקעגען) — מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני; איך מיט לייזער׳ען — אויף דער קעלניע. די מאַמע וויל אפילו, איך זאָל מיך אוועקזעצען ביי איהר צופוסענס. זאָגט אָבער מיין ברודער אליהו, אז אויף דער קעלניע וועט מיר זיין בעסער. געוויס וועט מיר זיין בעסער! אויף דער קעלניע זעה איך פאַר זיך די גאַנצע וועלט, און די גאַנצע וועלט זעהט מיך. לייזער נעמט זיך צו דער בייטש. דער עולם געזעגענט זיך נאָך. די ווייבער וויינען.

— זייט געזונט!

— פאָהרט געזונט!

— שרייבט אונז פון אייער געזונט!

— זייט מצליח!

— פארגעסט אונז ניט!

— שרייבט אַלע וואָך! למען השם, יעדע וואָך א בריעף!

— אין אמעריקע איז נישטאָ קיין גנבים.

אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און טאַפּט זיך ביי דער קע־שענע, וואָס די מאַמע האָט איהם איינגענייהט אין אזא אָרט, וואָס קיין גנב אין דער וועלט וועט ניט איינפאַלען, אז דאָרט זאָל זיין א קעשענע. דאָרט ליגט דאָס גאַנצע געלט, וואָס מיר האָבען אָפּגעלייזט פאַר אונזער האַלבע דירה. אַפּנים, ס'איז דאָרט אַ היבשע פּויטיקע. ווארום אַלע פרעגען איהם, צי האָט ער חאָטש גוט באַהאַלטען דאָס געלט?

— גוט! גוט! האָט קיין יסורים ניט! — זאָגט מיין ברודער אליהו. עס איז איהם שוין פּשוט נמאס געוואָרען איטליכען באַ־זונדער אָפּגעבען דין־וחשבון פאַר'ן געלט. דער עולם הויבט אָן זאָגען, מע זאָל זיך געזעגענען. אַלע הויבען אָן זיך גרייטען צום געזעגענען. מע טהוט זיך א חאַפּ — נישטאָ די מאַמע! וואו איז די מאַמע? קיינער ווייסט ניט, וואו איז די מאַמע! מיין ברודער אליהו איז אויסער זיך. אונזער חבר פּיני האָט אינ־גאַנצען פארלאָרען דאָס האַלזטיכעל. לייזער טרייבט האַלז און נאַקען. ער זאָגט, אז מיר קאָנען פארשפּעטיגען די באַהן. שאַט! אָן געהט די מאַמע. דאָס פּנים איז איהר רויט. די אויגען פאַר־שוואָלען. מיין ברודער אליהו פאַלט־צו צו איהר.

— וואָס איז מיט דיר? וואו ביזט דו געוועזען?

— אויפ'ן הייליגען אָרט, זיך געזעגענען מיט'ן טאַטען...

מיין ברודער אליהו קערעוועט זיך אָפּ אָן אַ זייט. אַלע בליי־בען שטעהן אָהן לשון. זינט מיר פאָהרען קיין אַמעריקע איז דאָס דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאַטע קומט מיר אויפ'ן זינען. עס טהוט מיר אַ צופּ ביי'ם האַרצען. איך טראַכט מיך: „אַלע פאָהרען קיין אמעריקע, און דער טאַטע נעבאַך בלייבט דאָ, אויפ'ן הייליגען אָרט, איינער אַליין"... לאַנג טראַכטען לאָזט מען מיך ניט. מע טהוט אויף מיר אַ הוק און מע הייסט מיר קריכען אויפ'ן וואָגען. ווי אזוי קאָן איך קריכען אויף אזא הויכען וואָגען מיט אזא בארג מיט בעטגעוואַנט? ס'איז דאָ איין עצה: לייזער שטעלט מיר־

XIII

מיר גנב'ענען די גרעניץ

— לאָזט געריסען משה'ן, מיט בתיה'ן, מיט מאיר'ען, מיט זלאַטען, מיט חנה־פּערלען, מיט שרה־רחל'ען, מיט זייע־ע קינדער.

— גאָר פריינדליך! זייט געזונט! זייט געזונט!

אַזוי שרייען מיר אַלע פּונ'ם וואָגען אַרויס, און איך וואָלט געמענט שווערען, אַז מיר פאָהרען שוין. לייזער האָט געשמעקט אַלע דריי אָדלערם צו רעכטע שמיץ. איינעם האָט ער מכבד געווען מיט'ן שטעקען אחוץ. די רעדער קאַטשען זיך. מיר שאָקלען זיך און העצקען זיך. איך שפּרינג־אונטער אויף דער קעלניע און פאַל שיער נישט אַראָפּ פאַר פרייד. עס קיצעלט מיך, עס גענזעלט מיך אין האַלז. עס גלוסט זיך מיר זינגען. מיר פאָהרען, מיר פאָהרען מיר פאָהרען קיין אַמעריקע!

XIII

מיר גנב׳ענען די גרעניץ

א.

פֿאָהרען מיט דער באַהן איז אַ גן־עדן! מיט דער פֿוהר איז אויך ניט שלעכט, נאָר סע טרייסעלט, און די זייטען טהוען נאָכ־דעם וועה סכנות. לייזער׳ס פֿערד פֿליהען טאַקי ווי די אָדלערס, פֿון דעסטוועגען האָבען מיר זיך גענוג געשלעפּט, ביז מיר זענען געקומען צו דער סטאַנציע. און אַז מיר זענען געקומען צו דער סטאַנציע, האָבען מיר נישט געקאָנט אַרויס. מיר איז געוועזען גרינגער פֿון אַלעמען. איך בין דאָך געזעסען מיט לייזער׳ען אויף דער קעלניע. האַרט איז טאַקי געוועזען, אָבער די ביינער האָבען גוט וועה געטהאָן. דערפֿאַר האָט מען אָבער געקאָנט אַראָפּ־שפּרינגען אין איין מינוט. זיי האָבען שוין ניט געקאָנט שפּרינ־גען. איהר ווייסט דאָך ווער: מיין ברודער אליהו מיט מיין שוועגערין ברכה, אונזער חבר פּיני מיט זיין ווייב טייבעל, און די מאַמע מיינע. ערגער פֿון אַלע איז געוועזען די ווייבער. זיי זענען אַריין און פֿאַרהרוזנעט געוואָרען! מע האָט פֿריהער באַ־דאַרפֿט אַרויסוואַרפֿען פּונ׳ם וואָגען אַלע פּעקלעך מיט׳ן גאַנצען בעט־געוואַנט, און ערשט נאָכדעם שלעפּען די ווייבער איינציגווייז.

און קישעלעך, פאר װעלכע מיר געבען דיר א טרונק בראנפען — און שװייג, חזיר!

אודאי האט איהם דער גוי ניט אפגעשװיגען. ער האט איהם אנגערופען מיט אלערליי נעמען: „זשיד חאלאמייז", „הינטישע מארדע", „חזיר'שער אויהער", „פאהאנער גלויבען". מיר האבען מורא געהאט פאר א סקאנדאל, פאר פאליציע. מיין מאמע האט שוין געבראכען די הענט, געװיינט פאר פיני'ן:

— װער האט דיך געבעטען, זאלסט ארויס מיט דיין צונג, באװייזען, אז דו קענסט?

— האט קיין מורא ניט, דער ערל װעט נעמען א חצי רו"כ, און מע װעט זיך איבערבעטען.

כך הוה. זיי האבען זיך טאקי איבערגעבעטען. פיני האט ניט אויפגעהערט צו שיטען מיט רוסיש. דער ערל האט ניט אויפגעהערט צו שעלטען און האט איבערגעטראגען אלע פעקלעך מיט אלע קישענס אין א גרויסע שטוב מיט הויכע פענסטער, װאס מע רופט דאס „װאקזאל". און ערשט דא הויבט זיך אן די רעכטע חתונה. װאס איז שוין װייטער? דער גוי זאגט, אז מע װעט אונז ניט אריינלאזען אין װאגאן אריין מיט אזוי פיעל קישענס און מיט אזוי פיעל שמאטעס (דאס מיינט ער, אפנים, די קאלדרעס: א ביסעל צעריסען דער אונטערשלאג, זעהט זיך ארויס די װאטען, הייסט דאס שוין ביי איהם שמאטעס!). עס בלייבט, מע זאל געהן צום „נאטשאלניק". װער זאל געהן? גע־װיינטליך, פיני! פיני געהט מיט'ן גוי צום „נאטשאלניק". איך געה זיי נאך. מיט'ן „נאטשאלניק" שטעלט זיך אװעק פיני אויס־טענה'ן שוין גאר מיט איין אנדער לשון. ער בייזערט זיך שוין ניט אזוי שטארק, נאר ער רעדט און מאכט מיט די הענט. ער זאגט איהם עפיס מאדנע װערטער, װאס איך האב זיי קיינמאל ניט געהערט: „קאלומבוס"... „ציװיליזאציע"... „אלעקסאנדער פאן הומבאלד"... „סלאנימסקי"... „מאטעמאטיקע"... די איבעריגע ייערטער האב איך שוין פארגעסען. דער „נאטשאלניק" האט איהם

און דאָס האָט אַלץ געטהאָן לייזער. ער איז טאַקי אַ בייזער איד און שעלט מיט טוידטע קללות. ער איז אָבער איין עהרליכער, אַ געטרייער בעל־עגלה. איין עבירה, וואָס ער האָט אונז אָפּגע־וואָרפען מיט די פּעקלעך און מיט'ן בעטגעוואַנט אויף דער סטאַנ־ציע פון דער באַהן, און אַליין איז ער אַוועק זוכען פּאַרשוינען אויף צוריק. מיר זענען געבליבען אָהן איהם עלענד, ווי אויפ'ן וואַסער. ערשטענס, האָט אונז דער גוי פון דער באַהן אָנגע־טהאָן צרות. ער האָט זיך געטשעפּעט צו אונז פאַר די פּעקלעך. און ניט אַזוי פאַר די פּעקלעך, ווי פאַר'ן בעטגעוואַנט. זיין עסק, וואָס מיר פיהרען אַ סך קישענס. די מאַמע רעדט צו איהם מיט גוטען. זי זאָגט איהם, אַז מיר פאָהרען קיין אַמעריקע. ווערד ער גזלן און זאָגט אונז, אַז מיר זאָלען פאָהרען אין אַזאַ איין אָרט, וואָס איך שעם מיך אויסצוזאָגען.

— מע דאַרף מיט'ן ערל שלאָגען בלאַט, איהם עפּיס נתנ'ען אויף דער יד...

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו צו אונזער חבר פּיני. אונזער חבר פּיני איז אונזער פיהרער, אונזער קאָפּ. ער קאָן רעדען גוט רוסיש. אַ חסרון, וואָס ער איז אַ ביסעל צו אַ היציגער. מיין ברודער אליהו איז אויך אַ גוטער כעסן, אָבער ניט אַזוי היציג, ווי פּיני. באַלד צינדט ער זיך אָן, ווי אַ פייער, און זידעלט זיך. ער געהט־צו צום גוי און טהוט מיט איהם אַ שמועס אויף רוסיש. איך געב עס אייך איבער מיט זיין רוסישער שפּראַך און זעץ עס אייך באַלד איבער אויף אונזער לשון:

— סלוחאַי נאָ, טשאָלאָוויקו! טשאָרט טאָבי נע וויזאַוו קאַק מי פּאָיעחאַלי וו'אַמעריקו איז מנאָזשעסטווענע טשיסלאָ פּאָ־דושקי אי פּאָדושעטשקו קאַטאָרע מי טאָבי דאַל נאַ וואָדקע אי מאַלטשי סוויניאַ!

אויף אידיש קומט דאָס אויס אַ סך שענער:

— הער נאַר, דו מענטשעל! דער שוואַרץ־יאָהר וועט דיך ניט נעמען, וואָס מיר פאָהרען קיין אַמעריקע מיט אַ סך קישענס

טעל! מאַטעל?" און עפּיס איינער אַ פּריצ'על מיט בלויע ברילען קרימט איהר איבער און זאָגט איהר נאָך מיט'ן אייגענעם נגון: „מאַטעל! מאַטעל?" אַלע כריסטען לאַכען. די אידען מאַכען זיך ניט וויסענדיג. די מאַמע הערט זיי אודאי ווי דעם פאַר־אַ־יאָהריגען שניי. זי הערט ניט אויף צו שרייען: „מאַטעל! מאַ־טעל?" וואָס וויל זי ווייטער? זי וויל, איך זאָל עפּיס נעמען אין מויל אַריין. מיר פיהרען מיט זיך פון כל טוב: רעטאַך, און ציבעלעס, און קנאָבעל, און גרינע אוגערקעס, און האַרטע אייער, אויף יעדען איינציגען איין איי. איך האָב שוין לאַנג נישט אַזא הנאה געהאַט פון'ם עסען. אַ ביסעל האָט אונז פאַרשטעהרט די סעודה טאַקי פּיני אַליין. ער דאַרף זיך אָננעמען דעם אידענ'ס קריוודע. ער קאָן ניט ליידען, לּמאי די כריסטען לאַכען, וואָס מיר עסען ציבעלקעס מיט קנאָבעל. ער ציהט זיך אויס, ווי לאַנג ער איז, און רופט זיך אָן צום פּריצ'על, וואָס מיט די בלויע ברילען, אויף זיין רוסישער שפּראַך:

— אַ קאַק ווי קושאַיעטע סווינִיאַ? (און אַז איהר עסט חזיר?)

די דאָזיגע ווערטער האָבען דערלאַנגט די כריסטען ביז'ן ביין אַריין. איינעם פון זיי האָט דאָס, אַפּנים, אָנגענומען ביי דער לעבער. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט אַראָפּגעלאָזט אונזער חבר פּיני'ן אַ פּאַטש, אַז עס האָט געגעבען אַ קלונג. פּיני האָט פיינט אָפּשווייגען. ער האָט איהם געוואָלט געבען צוויי צוריק. איז ער דאָך אָבער בלינד. טרעפט ער אין איין אַנדער כריסט. אַ גליק, וואָס עס קומט אַריין דער קאָנדוקטאָר מיט'ן אָבער־קאָנ־דוקטאָר, און עס ווערד אַ טומעל, אַ מהומה. אַלע רעדען. די אידען קלאָגען זיך אויף די כריסטען. איינעם האָט מען אָפּגע־קוועטשט אַ פינגער פון פוס מיט אַ טשעמאָדאַן. איינעם האָט מען אַרויסגעוואָרפען דאָס היטעל דורכ'ן פענסטער. די כריסטען שרייען: ס'אַ ליגען! ס'אַ בלבול! די אידען שטעלען עדות, און דוקא צוויי כריסטען. איינער פון זיי איז אַ גלח. אַ גלח וועט

גוט אויסגעהערט, אָנגעקוקט און אָפּגעשוויגען. אפּנים, אַז פּיני האָט איהם גוט דערלאַנגט! פון דעסטוועגען, האָט דאָס איהך ניט געהאָלפען. מע האָט געמוזט אַוועקגעבען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אין באַגאַזש און אַרויסנעמען אַ קוויטאַנציע. די מאַמע איז גע־יוען אויסער זיך: אויף וואָס וועלען מיר שלאָפען?

ב.

די מאַמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אויף וואָס יועלען מיר שלאָפען? איך בין אייך שוין מוחל דאָס שלאָפען. איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס'זאָל חאָטש זיין וואו צו זיצען. ווי אויף צו־להכעים, איז אין וואַגאָן אַזוי ענג, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערען. אַחוץ אונז, פאָהרען נאָך אַ סך פּאַרשוינען, אידען און כריסטען, און מע שלאָגט זיך פאַר די ערטער. איבער'ן בעטגעוואַנט האָבען מיר פאַרשפּעטיגט אַלע בעסטע ערטער. מיר האָבען קוים באַזעצט די ווייבער מיט די פּעקלעך אויף זייער ערה. די מאַמע אין איין זייט וואַגאָן, ברכה און טייבעל אין דער אַנדערער זייט וואַגאָן. אַז זיי ווילען רעדען, מוזען זיי שרייען הויך איבער'ן גאַנצען וואַגאָן. לאַכט מען פון זיי. מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני זענען געבליבען הענגען, ווי אין דער לופטען, ניט אַהין, ניט אַהער. פּיני איז בלינד, חאַפּט ער אַלע מאָל אַ קלאַפּ אין שטערן. און איך? פאַר מיר זאָרגט אייך ניט. מיר איז גוט. מיר איז אויס־געצייכענט. מע קוועטשט מיך טאַקי פון אַלע זייטען. איך שטעה אָבער ביי אַ פענסטער. דאָס, וואָס איך זעה, האָט איהר געוויס קיינמאָל ניט געזעהן. פאַר מיינע אויגען פליהען שטיבער, וויאָרס־טען, בוימער, מענטשען, פעלדער, וועלדער — ס'איז ניט צו באַ־שרייבען! און ווי אַזוי פליהט די באַהן! און ווי אַזוי קלאַפּען די רעדער! ווי אַזוי טראַסקעט דאָס! ווי אַזוי פייפט דאָס! ווי אַזוי קוויטשעט דאָס! די מאַמע האָט מורא, איך זאָל ניט אַרויס־פאַלען דורכ'ן פענסטער, שרייט זי אַלע מינוט אויף אַ קול: „מאַ־

— דאָס לאָזט איבער אויף שבת. זאָגט בעסער, אידען, וואָס טהו איך מיט דער גרעניץ?

— איהר וועט טהון דאָס, וואָס מיר טהוען, דאָס וואָס אַלע טהוען.

דאָ רוקען זיך צונויף אַלע אידען אינאיינעם, און מע שמועסט וועגען גנב'ענען די גרעניץ. איך פאַרשטעה ניט, וואָס הייסט דאָס „גנב'ענען די גרעניץ"? מיר זענען דען גנבים?... וועמען פרעגט מען? די מאַמע איז אַ אידינע. וואָס ווייסט אַ אידינע? מיין ברודער אליהו האָט פיינט, אז מע דולט איהם אַ קאָפּ. אַ יונגעלע ווי איך, זאָגט ער, דאַרף זיך נישט אריינמישען צווישען גרויסע. פּיני איז פאַרטראָגען. ער רעדט. אַלע רעדען. איטליכער דער־צעהלט איין אנדער מעשה פון איין אַנדער גרעניץ. איינער זאָגט, אז די בעסטע גרעניץ אויף צו גנב'ענען איז נאָוואָסעליץ. דער אַנדערער זאָגט, אז אויף בראָד איז בעסער ווי אומעטום. קומט צו געהן אַ דריטער און זאָגט, אַז אונגעני איז אויך ניט שלעכט. ווערד אַ געלעכטער: „אונגעני אויך מיר אַ גרעניץ! רומעניע אויך מיר אַ לאַנד! ימח שמם זאָלען זיי ווערען מיט זייער לאַנד און מיט זייער גרעניץ!"...

— שאַט! מיר זענען שוין ביי דער גרעניץ!

ג.

„די גרעניץ", האָב איך געמיינט, איז מיט הערנער. צום סוף — גאָרנישט: די אייגענע הייזער, די אייגענע אידען מיט די אייגענע גויים, וואָס ביי אונז. אפילו אַ מאַרק מיט קלייטען מיט שטעלעכלעך — אַלסדינג אַזוי ווי ביי אונז. מיין שווענערין ברכה און אונזער חבר פּיני'ס ווייב טייבעל זענען געגאַנגען אין מאַרק איינקויפען. איך וויל אויך מיט זיי געהן — לאָזט מיך די מאַמע ניט אָפּ פון זיך אויף איין מינוט. זי האָט מורא, מע זאָל מיך ניט אַוועק'גנב'ענען סאַמע ביי דער גרעניץ. מיין ברודער

ניט זאָגען קיין ליגען. די כריסטען זאָגען, אז די אידען האָבען אונטערגעקויפט דעם גלח. דער גלח האָלט א גאַנצע דרשה. עס לויפען־אָפּ אזוי עטליכע סטאַנציעס. אויף יעדער סטאַנציע לעדיגט אויס דער וואַגאָן א פּאָר פּארשווינדלעך. עס ווערד אַלע מאָל גראָמער. אונזערע ווייבער זיצען שוין, ווי די פּריצות, אויף די בענק מיט זייערע פּעקלעך. מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני האָבען זיך מחיה געווען. זיי האָבען די בעסטע ערטער. ערשט דאָ דערזעהט טייבעל, אז ביי איהר מאַן פּיני איז אויפגעלאָפען א באַק, און מע קאָן דערקענען פּינגער. טייבעל איז אויס מענטש. זי האָט אויף איהם רחמנות. פּיני שווערט איהר, אז ער פּיהלט ניט קיין זאַך. ער פּיהלט נאָר, ווי ס'ע שמאַרצט. ס'וועט באַלד איבערגעהן. ער האָט פיינט רעדען פון אזעלכע זאַכען. ער רעדט בעסער מיט די אידען. ער פּרעגט זיי, וואוהין זיי פאָהרען. א סך פון זיי פאָהרען קיין אַמעריקע. דערהערט, אז קיין אַמעריקע, ווערד אויף אונז א גדולה.

— סטייטש, וואָס־זשע האָט איהר געשוויגען ביז אהער? מיר פאָהרען דאָך אויך קיין אַמעריקע!

אזוי זאָגט זיי פּיני, און מיר ווערען גיך באַקאַנט. מיר ווייסען אַלע, פון וואָסער א שטאָדט איטליכער פאָהרט און צו וועמען.

— איהר קיין ניו־יאָרק? מיר קיין פילאַדעלפיע!

— וואָס איז דאָס פילאַדעלפיע?

— אויך א שטאָדט, ווי ניו־יאָרק.

— פּאוואָלי, האָלט זיך איין! פילאַדעלפיע קעגען ניו־יאָרק איז אזוי ווי איישישאָק קעגען ווילנע, דראַזשנע קעגען אדעס, אָטוואָצק קעגען וואַרשעווע, סעמיאָנעווקע קעגען פּעטערבורג, קאָזעלעץ קעגען כאַרקאָוו...

— טע־טע־טע! איהר זענט דאָך עפּיס אויסגעוועזן א וועלט, קיין עין־הרע!

— לאָם איך עס פארמאָגען! אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אויסרעכענען אַלע שטעדט, וואָס איך בין דאָרט געווען...

פיני הערען אויף צו האנדלען מיט די אגענטען. זיי זאגען: איין עק, מיר פאהרען ניט קיין אמעריקע און גנב'ענען ניט די גרעניץ! מיר רייסט זיך אפ אין הארצען. איך מיין, ס'איז טאקי איין אמת. צום סוף, איז דאס נאר א מאניפארגע. פיני'ס קאפ! דאס האבען זיי אומיסטנע אזוי געזאגט, בכדי זיך אפטשעפען פון די אגענטען. און מיר האבען גענומען האנדלען מיט דער אידינע. די אידינע האט גענומען איין אויפגאב און האט אונז געזאגט, מיר זאלען זיין גרייט אויף היינט ארום האלבע נאכט. די נעכט זענען פינסטערע נעכט. סוף חודש. אויסגעצייכענט גוט אויף צו גנב'ענען די גרעניץ. איך וואלט שוין געוואלט דערלעבען זעהן, וואס הייסט דאס „גרעניץ" און ווי אזוי ווערען מיר דאס גנב'ענען?

ד.

א גאנצען טאג זענען מיר געווען באשעפטיגט מיט די זאכען. מיר האבען אלסדינג באראפט איינפאקען און אוועקגעבען דאס דער אידינע. די זאכען וועט זי אונז איבערפעקען נאכדעם. דער עיקר איז ביי איהר, זאגט זי, די נפשות. און זי זאגט אונז אן, ווי אזוי מיר זאלען זיך פיהרען. אז ס'וועט ווערען, זאגט זי, האלבע נאכט, זאלען מיר ארויסגעהן הינטער דער שטאדט. דארט איז פאראן, זאגט זי, א בערגעל. זאלען מיר, זאגט זי, דאס בערגעל דורכלאזען, און נעמען זיך לינקס, און געהן און געהן, ביז מיר וועלען דערזעהן נאך א בערגעל. פון דעם בערגעל זאלען מיר זיך נעמען, זאגט זי, רעכטס, און געהן אזוי לאנג, ביז מיר וועלען קומען צו א שענקעל. אין שענקעל זאל אריינגעהן נאר איינער פון אונז, ניט אלע. אין שענקעל וועלען מיר טרעפען, זאגט זי, צוויי ערלים טרינקען בראנפען ביי איין טישעל, זאלען מיר צוגעהן, זאגט זי, צו די ערלים און א זאג טהון „חיימאווא" — איז שוין גענוג. וויבאלד זיי וועלען דערהערען, זאגט זי, דאס ווארט „חיימאווא" (ס'איז איהר נאמען), אזוי וועלען זיי אויפשטעהן און געהן מיט

אליהו און אונזער חבר פּיני זענען נישטאָ. ווי דרעהען זיך אַרום מיט פרעמדע אידען, וואָס איך קען זיי ניט. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס זענען אַגענטען. די אַגענטען וועלען מיט אונז גנב'ענען די גרעניץ. איינער זעהט טאַקי אויס ווי אַ גנב. אַ גרינגע קאַפּאָטע, אַ ווייסער שירם, און אויגען גנב'ישע. דער אַנדערער איז הויך, אַ פיינער מענטש מיט אַ קאַפּעליש. און אַ אידינע דרעהט זיך אויך אַרום אין קאָהן. די אידינע ווייזט אויס אַ פרומע, אַן עהרליכע. זי טראָגט אַ שייטעל אויפ'ן קאָפּ און רעדט מיט גאָט. זי פרעגט די מאַמע, וואו וועט זי בענטשען ליכט, אויב מיר האַלטען דאָ שבת? די מאַמע זאָגט, אַז מיר האַלטען דאָ ניט קיין שבת. שבת וועלען מיר שוין, זאָגט זי, מיט גאָט'ס הילף זיין אויף יענער זייט. די אידינע מאַכט אַ פרום פּנים און זאָגט: אָמן, רבונו-של-עולם! זי האָט אָבער מורא, זאָגט זי, אַז מע פירט אונז אין באָד אַריין. די אַגענטען, זאָגט זי, וואָס מיר האַנדלען מיט זיי, זענען פּראָסטע גנבים. זיי וועלען אויסנאַרען ביי אונז דאָס געלט, זאָגט זי, און וועלען אונז אַריינפיהרען אין אַ בלאָטע אַריין. אויב מיר ווילען, זאָגט זי, גנב'ענען די גרעניץ, זאָלען מיר גנב'ענען מיט איהר, וועט אונז זיין, זאָגט זי, אַז וואויל און גוט!... אַזוי? איז זי, הייסט עס, אויך אַ גנב'טע? היינט וואָס טראָגט זי אַ שייטעל און רעדט מיט גאָט?...

שוין געקומען מיין ברודער אליהו מיט אונזער חבר פּיני. ביידע זענען עפּיס שטאַרק צעטראָגען. אַפּנים, זיי האָבען זיך צעקריעגט? איינער זאָגט אויפ'ן אַנדערען, אַז איבער איהם וועלען מיר דאָ מוזען שבת האַלטען. שבת האַלטען אַליין איז נאָך גאָרנישט. מיר ווערען געוואָהר, אַז ביידע אַגענטען האָבען זיך באַריהמט, אַז מע וועט אונז מסר'ען, אַז מיר ווילען גנב'ענען די גרעניץ. ביז עפּיס וואָס — די מאַמע וויינט דערווייל. מיין ברודער אליהו בייזערט זיך אויף איהר, וואָס זי מאַכט אַ תל פון די אויגען. איבער איהרע אויגען, זאָגט ער, וועט מען אונז אַלעמען נישט אַריינלאָזען קיין אַמעריקע! מיין ברודער אליהו און

זענען די ערלים ?" — „זיי שלאָפען". — „פאַר וואָס האָסט דו זיי נישט געוועקט ?" — „פון וואַנען ווייסט איהר, אז איך האָב זיי ניט געוועקט ?" — „פאַר וואָס האָסט דו זיי ניט געזאָגט „חיימאָ־וואָ ?" — „פון וואַנען ווייסט איהר, אז איך האָב זיי ניט געזאָגט ?" „נו ?" — „נו־נו !" — „איז דאָך שלעכט !" — „ווער זאָגט דען, אז ס'איז גוט ?"...

ח.

מיין ברודער אליהו איז טאַקי א חכם. ער זאָגט, זיי זאָלען געהן ביידע אין שענקעל אריין, פּרובען זיך נאָך א מאָל אויפוועקען די ערלים. כך הוה. עס האָט ניט גענומען קיין האַלבע שעה, מיר טהוען אַ קוק, זיי געהען מיט די צוויי ערלים. די ערלים זענען נאָך פארשלאָפען, א ביסעל שכור'ליך און שפייען און שעל־טען זיך — סכנת נפשות. דאָס וואָרט „טשאָרט" ווערד איבער־געחזר'ט אפשר הונדערט מאָל. די ווייבער הויבען אָן, האַכט מיר, מורא האָבען. איך דערקען נאָך זייער זיפצען און זייער קרעכצען און נאָך דעם „רבונו־של־עולם", וואָס די מאַמע דערמאַנט אַלע מינוט שטילערהייד. הויך האָט זי מורא. מע הערט ניט פון אונז קיין פּיפּס. מיר געהען און געהען, און מעהר קיין גויים זעהען מיר ניט. וואו זענען די איבעריגע פיער ? פּלוצים שטעלען זיך אָפּ אונזערע צוויי ערלים און רופען זיך אָפּ צו אונז, מיר זאָלען זיי זאָגען, וויפיעל געלט מיר האָבען. עס פאַלט אָן אויף אונז אַזא פחד, אַז מיר קאָנען ניט רעדען קיין וואָרט. שטעלט זיך ארויס די מאַמע און זאָגט, אַז מיר האָבען נישט קיין געלט. זאָגען זיי : ס'אַ ליגען. אַלע אידען האָבען געלט. און נעמען־ארויס צוויי לאַנגע מעסערס און טראָגען אונז צו גלייך צום פּנים און זאָגען : „וועט איהר אונז נישט אָפּגעבען באַלד אינגאַנצען וואָס איהר האָט, זענט איהר געקוילעטע !"... אַלע שטעהען אָהן לשון און ציטערען, ווי די לעמעלעך. רופט זיך אָפּ די מאַמע צו מיין

איך ביז'ן ווערדעל. אין ווערדעל ווערן אויף אייך ווארטען נאָך פיער גויים. טאָמער ווערן זיי שלאָפען, זאָלט איהר זיי אויפ־ וועקען. אין ווערדעל אז איהר וועט געהן, זאָלט איהר, זאָגט זי, זיין שטיל, קיין פּיפּס ניט אַרויסלאָזען, מע זאָל חלילה ניט דער־ הערען און אויסשיסען. אויף יעדען טריט, זאָגט זי, איז דאָ א סאָלדאַט מיט א ביקס און שיסט... פון ווערדעל, זאָגט זי, ווערען אייך שוין די ערלים אַרויספיהרען אויפ'ן רעכטען וועג, באַרג־ אַראָפּ, און אָט זענט איהר שוין אויף יענער זייט...

מיר איז די מעשה מיט'ן בערגעל, מיט'ן שענקעל, מיט'ן ווערדעל שטארק געפעלען. די מאַמע האָט א ביסעל מורא. ברכה און טייבעל — אויך. מיר לאַכען פון זיי. נקבות ציטערען פאַר א קאַץ אויך!...

קוים דערלעבט נאַכט. אָפּגעדאַוונט מעריב, אָפּגעגעסען וועטשערע, האָבען מיר אָפּגעוואַ'ט ביז עס וועט ווערען רעכט פינסטער. פּונקט צוועלף דעם זייגער האָבען מיר זיך אַלע, זאַלבע־ זעכסט, געלאָזט אין וועג אַריין. פריהער זענען געגאַנגען מיר, מאַנסבילען. נאָך אונז זענען נאָכגעגאַנגען די ווייבער, ווי געוועהנ־ ליך. אַזוי ווי די אידינע האָט נביאות געזאָגט, אַזוי איז טאַקי געווען. אַרויסגעגאַנגען פון שטאָדט, האָבען מיר דערזעהן א בער־ געל. האָבען מיר דורכגעלאָזט דאָס בערגעל און זיך גענומען לינקס. פון דאָרטען זענען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און דערזעהן נאָך א בערגעל. פון דעם בערגעל האָבען מיר זיך גענומען, ווי זי האָט אונז אָנגעזאָגט, רעכטס און זענען געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבען דערזעהן א שענקעל. אין שענקעל איז אַריין איינער פון אונז. ווער? געוועהנליך, פיני. מיר ווארטען א האַלבע שעה, א שעה, צוויי שעה — נישטאָ פיני. הויבען אָן די ווייבער זאָגען, מע זאָל געהן זעהען, וואו איז פיני? ווער זאָל געהן? מיין ברודער אליהו. זאָגט די מאַמע: זי וויל ניט. זאָג איך: „אָט־אָ געה איך". זאָגט די מאַמע: זי האָט מורא. שאַט! אָט איז פיני. „וואו ביזטו דו געווען אַזוי לאַנג?" — „אין שענקעל". — „וואו

איד פון דער ציעג באטראכט אונז פון קאפ ביז פיס. פיני פאר־בינדט מיט איהם א שמועס. דער איד פון דער ציעג רעדט עפּיס מאָדנע. טאקי אונזער לשון, נאָר מיט פּתח'ען. פיני פרעגט איהם, צי ס'איז נאָך עפּיס ווייט צו דער גרעניץ? דער איד פון דער ציעג קוקט איהם אָן: „וואָסער גרעניץ?"... עס לאָזט זיך אויס א מעשה, אז מיר זענען שוין לאנג אויף דער זייט, מיר זענען שוין ווייט פון דער רוסישער גרעניץ.

— וויבאלד אזוי, היינט וואָס־זשע לויפען מיר, ווי די משוגעים?

עס פאלט־אָן אויף אונז אלעמען א מורא'דיג געלעכטער. די ווייבער פאלען אזש צו דער ערד לאכענדיג. נאָר די מאמע הויבט אויף די הענט ארויף: „איך דאנק דיר, גאָטעניו!" — און צע־וויינט זיך.

ברודער אליהו, ער זאָל אויפבינדען די קעשענע און אָפּגעבען דאָס געלט (דאָס איז דאָס געלט, וואָס מיר האָבען אָפּגעלייזט פאַר אונזער האַלבע דירה). אין דער מינוט געפעלט מיין שווענערין ברכה צו פאַלען חלשות. דערזעהען, אַז ברכה איז געפאַלען, שרייט די מאַמע: גוואַלד! אויף איהר קוקענדיג, שרייט טייבעל אויך: גוואַלד! פּלוצים — טראַך־טאַרעראַך!!!... דאָס האָט מען אויסגעשאָסען. דער שאָס צעטראָגט זיך מיט אַ ווידער־קול איבער'ן גאַנצען וואַלד. די ערלים זענען אויסגעטריקענט געוואָרען. ברכה האָט זיך אויפגעכאַפּט. די מאַמע האַפּט מיך מיט איין האַנט און מיין ברודער אליהו מיט דער אַנדערער האַנט:

— קינדער! לאָמיר לויפען!... דער שומר ישראל איז מיט אונז!...

איך ווייס ניט, וואו עס נעמט זיך צו איהר אַזוי פיעל כח אויף צו לויפען? אַלע מאָל פאַרטשעפּען מיר זיך אָן אַ בוים און פאַלען. מיר שטעהען־אויף און לויפען ווייטער. אַלע מאָל דרעהט־אויס די מאַמע דעם קאָפּ צוריק און טהוט אַ פרעג שטילערהייד:

— פיני, דו לויפסט? ברכה, דו לויפסט? טייבעל, דו לויפסט? לויפט, לויפט, דער שומר ישראל איז מיט אונז!

וויפיעל מיר זענען אַזוי געלאָפען — קאָן איך אייך ניט זאָגען. פון'ם וואַלד זענען מיר שוין לאַנג אַרויס. עס הויבט אָן ווערען ווי טאָגליך. עס בלאָזט אַ קיהל ווינטעל. נאָר אונז איז הייס סכנות. מיר דערזעהען פאַר זיך אַ גאַס, און נאָך אַ גאַס. אַ ווייסען קלויסטער, גערטנער, הויפען, שטיבלעך. אפנים, דאָס איז דאָס שטעדטעל, וואָס די אידינע האָט אונז געזאָגט נביאות. ווי־באַלד אַזוי, זענען מיר דאָך שוין פון „יענער זייט". מיר באַגעגענען אַ אידען, מיט אַזעלכע פאות, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען נישט געזעהען. אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ צעפליקטע. אויפ'ן האַלז אַ גרינעם שאַל. ער טרייבט אַ ציעג. מיר שטעלען איהם אָפּ מיט דער ציעג און געבען איהם „שלום". דער

XIV

מיר װעגען שױן אין בראָד!

XIV

מיר זענען שוין אין בראָד!

א.

ווייסט איהר, וואו מיר שפּאַרען־אָן? אזש אין בראָד! איך מיין, אז מיר זענען שוין נאָהענט צו אמעריקע. א שענע שטאָדט אַט דאָס בראָד! ס'איז גאָרניט די שטאָדט, די גאַסען, די מענטשען, וואָס ביי אונז. אפילו די אידען זענען דאָ ניט די אידען, וואָס ביי אונז. דאָס הייסט, די אידען זענען די אייגענע אידען, וואָס ביי אונז. און אויב איהר ווילט, זענען זיי נאָך מעהר אידען, ווי אונזערע אידען. די פּאות א סך לענגערע, ווי ביי אונזערע. די קאַפּאָטעס ביי זיי זענען כמעט ביז דער ערד. זיי טראָגען מאָדנע קאַפּעלישלעך, גאַרטעלעך, מיט שיך און זאָקען, און די ווייבער — פּאַריקען. נאָר דאָס לשון זייערס — אוי, דאָס לשון! דייטש רופט מען דאָס. ס'איז גאָרניט דאָס, וואָס ביי אונז. דאָס הייסט, די ווערטער זענען די אייגענע ווערטער, וואָס ביי אונז, נאָר מיט פּתח'ען. למשל: „וואָס" איז „וואַס", „דאָס" איז „דאַס", „שלאָפען" איז „שלאַפען", „ברויט" איז „בראַייט", „פליישׁ" איז „פלאַייש", „מאיר" איז „מאַייער", א „בהמה" איז „בהאַיימע", א „שייגעץ"—„שאַייגעץ", „מילך" איז „מעלך", „ליכט" איז „לעכט", א „איד" איז א „יאיד", א „אידינע" — א „יאידינע",

— ביי אונז, נאַרעלע, ווייסט דער גוי אַליין, אַז ער איז אַ גנב.
אַזוי זאָגט די מאַמע און דערצעהלט אַ מעשה מיט כימקען. ס'איז געווען ביי אונז אַמאָל אַ שיקסע כימקע. דער טאַטע, עליו השלום, האָט נאָך דערמאָלט געלעבט. איז די כימקע געווען זעהר אַ וואוילע שיקסע, נאָר אַ ביסעל אַ גנב'טע. אַז אַלע זענען אַוועק־געגאַנגען פון שטוב, פלעגט זי ניט וועלען בלייבען אַליין. זי האָט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין, זי זאָל עפּיס ניט אַוועק'גנב'ענען...

ב.

אַלסדינג איז ביי די דייטשען אַנדערש. אפילו דאָס געלט איז אויך ניט, ווי ביי אונז. דאָ ווייסט מען ניט פון קאָפּיקעס, גריוונעס, צוואַנציגער, פערציגער. דאָ ווייסט מען נאָר גרייצערס. אַלסדינג פאַרקויפט זיך דאָ אויף'ן גרייצער. פאַר אונזערען אַ רובעל גיט מען אייך אָהן אַ שיעור גרייצערס. מיין מאַמע געפינט, אַז ס'איז נישט קיין געלט. ס'איז קנעפּלעך. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז זיי צענעהען זיך עפּיס אונטער די פינגער, אַזוי ווי שניי. אַלע טאָג זעצט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע, און טרענט אויף די קעשענע, און נעמט־אַרויס אַ רובעל, און פאַרנייהט די קעשענע צוריק. אויף מאָרגען טרענט ער ווידער אויף די קעשענע, נעמט־אַרויס אַ רובעל און פאַרנייהט צוריק. אָט אַזוי אַלע טאָג. און די טעג נעהען־אַוועק, און אונזערע פּעקלעך מיט אונזער בעטגע־וואַנט זענען נאָך אַלץ נישטאָ. די אידינע, וואָס האָט מיט אונז גע'גנב'עט די גרעניץ, האָט אונז, אַפּנים, אָנגעטהאָן אַ רעכטען ספּאָדיק. אחוץ וואָס מען איז אונז באַפאַלען אין וואַלד, טאַקי איהרע שומרים אַליין, וועלען מיר נאָך אפשר בלייבען אָהן זאַכען. די מאַמע הערט ניט אויף צו ברעכען די הענט און צו וויינען אויף די זאַכען. „דאָס בעטגעוואַנט! די קישענס! ווי אַזוי וועלען מיר זיך ריהרען קיין אַמעריקע אָהן בעטגעוואַנט, אָהן קישענס?"...

„קינד" איז „קונד", א „טינטורעל" איז א „טונטירעל", א „ציבעל" איז א „צייבעלע", א „סירניקעל" — א „שוויבעלע". היינט דאָס רעדען זייערס! אַז זיי רעדען, זינגען זיי. עס קומט אויס גלייך, ווי זיי וואָלטען שטענדיג מעביר געווען די סדרה. מיר האָבען באַלד געחאַפּט דעם שניט. דער עלטסטער איז געווען אונזער חבר פיני. ער האָט אָנגעהויבען רעדען דייטש במעט פונ'ם ערשטען טאָג, וואָס מיר זענען געקומען. איהם איז געווען גרינגער, ווייל דייטש האָט ער געלערענט נאָך אין דער היים. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז חאָטש ער האָט קיין דייטש קיינמאָל ניט געלערענט, פון דעסטוועגען פאַרשטעהט ער נישט ווינציגער פון איהם. איך הער מיך צו, ווי מע רעדט אויף דייטש, און לערען מיך. אין א פּרעמד לאַנד מוז מען קענען די שפּראַך. אזוי זאָגט פיני. זיין ווייב טייבעל רעדט שוין אויך האַלב דייטש, האַלב אידיש. מיין שוועגערין ברכה, אליהו'ס ווייב, וואָלט אפשר אויך וועלען רעדען דייטש, קאָן זי נעבאַך ניט. אַ גראָבער קאָפּ ביי איהר! זעהט איהר, די מאַמע וויל ניט הערען פון קיין דייטש. זי וועט, זאָגט זי, רעדען אַזוי ווי זי האָט גערעדט אין דער היים. ברעכען זיך די צונג צוליעב די דייטשען איז זי ניט מחויב. זי איז גאָר אויף זיי ברוגז. זי האָט געמיינט, אַז די דייטשען זענען עהרליכע מענטשען. צום סוף, איז זי געוואָהר געוואָרען, אַז זיי זענען אויך ניט קיין גרויסע צדיקים. אַנומעלט איז זי געווען אין מאַרק, האָט מען זי אָפּגענאַרט אויף דער וואָג. זי האָט געזאָגט, מע זאָל איהר געבען אַ פונט, און געגעבען האָט מען איהר — זי ווייסט אַליין ניט וויפיעל.

אַזוי דערצעהלט די מאַמע און לאָזט־אויס, אַז צווישען די דייטשען זענען, אפנים, אויך דאָ גנבים. דערהערט מיין שוועגערין ברכה, חאַפּט זי זיך אויף און פייערט און מאַכט מיט די הענט:

— גנבים זאָגט איהר, שוויגער? אַ גנב אויף אַ גנב! איין גנב גרעסער פונ'ם אַנדערען! מע דאַרף זיך פאַר זיי היטען ערגער ווי ביי אונז! ביי אונז ווייסט מען חאָטש, אַז אַ גוי איז אַ גנב.

ג.

אויף דער זייט גרעניץ איז אונז גוט, בעסער ווי אין דער היים. טהון טהוען מיר ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. אָדער מיר זיצען אויף דער אכסניה, אָדער מיר געהען אויפ'ן שפּאַציער, אָנקוקען בראָד. אַ שענע שטאָדט. איך וויים ניט, וואָס מיין שוועגערין ברכה האָט צו דער שטאָדט. אַלע טאָג געפינט זי איין אַנדער חסרון אויף דער שטאָדט. דאָס געפעלט איהר ניט — ס'איז בלאָטיג. דאָס זאָגט זי — סע שטינקט, ערגער ווי ביי אונז. איינמאָל ביינאַכט האָט זי זיך אויף מיט אַ גוואַלד: מע האָט זי באַפּאַלען. מיר זענען אַלע אַראָפּ פון די געלעגערס:

— ווער האָט דיך באַפּאַלען? גזלנים?

— וואָסערע גזלנים? וואַנצען!...

אין דער פריה דערצעהלען מיר דעם בעל־הבית פון דער אכסניה, ווייסט ער ניט מיט וואָס מען עסט דאָס. גיט איהם פּיני צו פאַרשטעהן אויף דייטש, וואָס דאָס איז. זאָגט ער, אז ביי זיי ווייסט מען ניט דערפון. אין זייער דייטשעס לאַנד זעהט מען דאָס ניט. דאָס האָבען מיר, זאָגט ער, מסתמא געבראַכט מיט זיך פון דער היים... אַי, איז ברכה געווען אין כעס! זי האָט פיינט, זאָגט זי, דעם אידען, ערגער ווי אַ משומד! איך וויים ניט, פאַר וואָס. דאַכט זיך, זעהר אַ פיינער מענטש. אַז ער רעדט, האַלט ער אַ ביסעל דאָס מויל אויף אַ זייט און שמייכעלט. היינט האָט ער ליעב געבען עצות. וואוהין מיר זאָלען געהן, ביי וועמען מיר זאָלען קויפען און ביי וועמען ניט. און אַז מיר געהען עפּיס קויפען, געהט ער מיט. און קויפען קויפען מיר, צום מיינסטען, מלבושים. מיר האָבען אָנגעהויבען צו ביסלעך אויסקליידען זיך. אונזער חבר פּיני זאָגט, אַז ס'איז ניט שען, וואָס מיר געהען, ווי די שלעפּערס. אין אַ פרעמדער שטאָדט דאַרף מען, זאָגט ער, ארויסגעהן ווי מענטשען. ובפרט דאָ, אין אויסלאַנד, וואו עס איז האַלב אומזיסט.

פיני פאַלט אַלע מאָל אויף איין אַנדער פּלאַן. ער וועט געהן, זאָגט ער, מיט אַ „זאַיאַוולעניע" דורך דער באַהן, מיט אַ „פּראָשעניע" צום „נאַטשאַלניק" פון דער גרעניץ. ער וועט זיך אַריבערחאַפּען אַהין צו דער אידינע און וועט איהר מאַכען אַ פינסטערען סוף. ער וועט זי פרעגען: היתכן?!... ס'איז אָבער קאַלטע פּריפּאַרקעס! עס וועט ניט העלפען קיין „זאַיאַוולעניעס" מיט קיין „פּראָשעניעס". אַריבערחאַפּען זיך צו דער אידינע וועט איהם טייבעל נישט לאָזען, ס'איז בלאָטע, מע זאָל איהר אָנשיטען די שטוב מיט גאָלד. אַזוי האָט זי געזאָגט בפירוש. עס ליגט איהר נאָך אין טעם דאָס „גנב'ענען די גרעניץ". מיר אַלע געדענקען נאָך דעם טעם פון דער גרעניץ. מיר דערציילען איטליכען די מעשה, ווי אַזוי מיר האָבען גע'גנב'עט די גרעניץ, ווי אַזוי די אידינע האָט אונז געגעבען ערלים אויף אַריבערצופּעקלען אונז, ווי אַזוי די ערלים האָבען אונז געפיהרט און פאַרפיהרט אין אַ וואַלד און געוואָלט אונז קוילען. אַ גליק, וואָס מיין שוועגערין ברכה האָט אַ טבע פון חלש'ען און וואָס מיין מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד. האָבען דערהערט די סאָלדאַטען און האָבען אָנגעהויבען שיסען. זענען זיך די ערלים צעלאָפען, און מיר זענען גענעזען געוואָרען. אַזוי דערציילט די מאַמע. מיין ברודער אליהו דערציילט די אייגענע מעשה, נאָר אַ ביסעל אַנדערש. שלאָגט איהם ברכה איבער און דערציילט טאַקי דאָס אייגענע, נאָר אַ ביסעל אַנדערש. זאָגט אונזער חבר פּיני'ס ווייב, טייבעל, אַז ברכה געדענקט ניט אַקוראַט, וואָרום ברכה האָט גע'חלש'ט. און טייבעל וויל אָנהויבען דערציילען די מעשה פון אָנהויב אָן, האַקט איהר פּיני איבער און זאָגט, אַז זי ווייסט גאָרניט. אָט וועט ער דערציילען נאָך אַ מאָל פון אָנהויב ביז'ן סוף. אַלע טאָג און איטליכען באַזונדער דערציילען מיר די מעשה, ווי אַזוי מיר האָבען גע'גנב'עט די גרעניץ. אַלע די, וואָס הערען, שאָקלען מיט די קעפּ, שמוצערען מיט די ליפּען. זיי זאָגען, אַז מיר זענען גליקליכע! מיר דאַרפען בענטשען גומל!

— אחוץ געלט. געלט איז ביי זיי זייערער, ווי ביי אונז! א „גרייצער" איז ביי זיי די נשמה. פאַר א „קרוין" וועלען זיי אייך פאַרקויפען דעם טאַטען, און פאַר א „גולדען" — גאָט אליין!

אַזוי זאָגט ברכה, און טייבעל האַלט זי אונטער. אַלע דריי ווייבער, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, זענען עפּיס ניט צו־פריעדען מיט די דייטשען. איך ווייס ניט, פאַר וואָס. מיר זענען זיי דוקא געפעלען. ווען ניט אַמעריקע, וואָלט איך דאָ געוואָלט זיין אייביג און אייביג. וואו האָט איהר אַזעלכע הייזער, ווי דאָ? היינט די מענטשען? אַזעלכע גוטע מענטשען! אַלסדינג פאַר־קויפען זיי אייך! אפילו די בהמות זענען ניט די בהמות, וואָס ביי אונז. שכל, קאָן זיין, האָבען זיי ניט מעהר ווי אונזערע, נאָר זיי זעהען־אויס ליטוויש'ער. אַלסדינג האָט דאָ איין אנדער פּנים. און רעדט מיט די ווייבער, זאָגען זיי, אַז ביי אונז איז בעסער. קיין זאַך געפעלט זיי ניט, אפילו די אכסניה אויך ניט. און ניט אַזוי די אכסניה, ווי די בעלי־בתים. זיי רייסען די הויט, זאָגט ברכה. פאַר א גלעזעל וואַרעם וואַסער הייסען זיי זיך באַצאָהלען. א ביסעל זאַלץ וועלען זיי אייך נישט געבען אומזיסט. אַז מיר וועלען ניט אָפּצאָהלען פון דאַנען בייצייטענס, וועלען מיר דאַרפען געהן איבער די הייזער.

אַזוי זאָגט מיין שוועגערין ברכה. נאָר וואָס מיין שוועגערין ברכה קאָן זאָגען! למאי זי זאָגט אויף מיין ברודער אליהו, אַז ער איז א אידינע? און אויף אונזער חבר פּיני זאָגט זי, אַז עו' איז כל־בו, וואָס אין דער קאָרט. איין אנדערע אויף טייבעל'ס אָרט וואָלט איהר געגעבען א וויסטען פּעטשאַטעק. טייבעל איז אָבער, ווי די מאַמע זאָגט, א מענטש אָהן א גאַל. זי שווייגט איהר אָפּ. אַלע שווייגען איהר אָפּ. איך אויך. אויף מיר איז זי גזלן. מיך רופט זי דער „ווישקראָבעק", אָדער „מאָטעל מיט די פּיסקעס". איך האָב זיך אויסגעהאָרעוועט, זאָגט זי, אין וועג א פּאָר גוטע פּיסקעס. מיך הויבט דאָס אפילו ניט אָן צו אַרען. נאָר די מאַמע

דאָס איז דאָך באַוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט. קודם כּל האָט ער זיך ג קויפט אַ קאַפּעלישעל, ווי מע טראָגט ביי די דייטשען, און אַ פּידזשאַק אַ קורצען ביז די קניע מיט אַ נייעם שניפּס. אַנקוקען פּיני'ן אין זיינע דייטשע מלבושים דאַרף מען זיין שמאַרקער פון אייזען. לאַנג אין דין איז ער. אַ נידעריגע ראיה האָט ער. און אַז ער גערט, שפּרינגט ער. היינט די נאָז? די מאַמע זאָגט, אַז ער האָט אַ פּנים פון חוזק. מיין ברודער אליהו געפינט, אַז ער זעהט אויס ווי אַ „ווייגנער" אָדער ווי אַ „קאַטערינשטשיק". פּיני זאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואָס איז שענער: צי אַ „ווייגנער", צי אַ „קאַטערינשטשיק", צי נאָר אַ „שלעפּער"? דאָס מיינט ער טאַקי אונז. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז ער זאָל וועלען, קאָן ער זיך אויך אויסקליידען ווי אַ דייטש. ס'איז אָבער נישט קיין גרויסע קונץ, זאָגט ער, אויסברענגען געלט, טרענצלען קערבלעך. מע דאַרף, זאָגט ער, דאָס קערבעל היטען קיין אַמעריקע... זאָגט איהם פּיני: אין אַמעריקע דאַרפען מיר קיין געלט ניט. דאָרטען, זאָגט ער, זענען מיר אַליין געלט! ער רעדט איבער אונז אַזוי לאַנג, ביז מיין ברודער אליהו קויפט זיך אויך אַ קאַפּעליש מיט אַ פּידזשאַק, און מיר אייך אַ קאַפּעלישעל מיט אַ רעקעל. מיר נעהען אַלע דריי איבער די גאַסען אין רעדען דייטש. איך בין זיכער, אַז אַלע מיינען, אַז מיר זענען דייטשען. איין חסרון נאָר, וואָס אונז געהען נאָך די ווייבער. איך מיין טאַקי די מאַמע, מיין שוועגערין ברכה און פּיני'ס ווייב טייבעל. זיי טרעטען נישט אָפּ פון אונז אויף קיין ווייל. די מאַמע האָט מורא, איך זאָל צווישען די דייטשען ניט פאַרבלאָנזעט ווערען, און יענע געהען גלאַט נאָך, ווי די קעלבלעך. וואָס האָבען זיי מורא — ווייס איך ניט. מחמת מיר דרעהען זיך אַרום זאַלבעזעכסט, קוקט די גאַנצע וועלט אויף אונז. וואָס האָבען זיי ניט געזעהען?

— די גרעסטע נאַראָנים אין דער וועלט זענען דייטשען. — אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. אַ סימן, וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, גלויבען זיי אייך אויף נאמנות.

נאָמען. זי האָט אזעלכען ניט געהערט. עס בלייבט לאָנדאָן. פיני זאָגט, אז לאָנדאָן איז דאָס בעסטע. ער האָט געלייענט וויפיעל מאָל אין דער געאָגראַפיע (אזא בוך), אז לאָנדאָן איז א שאַרפע שטאָדט. היינט קומט ארויס פון דאָרטען משה מאָנטעפיאָרע, און רויטשילד, זאָגט ער, איז אויך פון לאָנדאָן.

— רויטשילד איז גאָר פון פאַריז!

אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. דאָס איז דאָך ביי זיי א כלל. וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אַנדערער פאַרקעהרט. אז דער זאָגט: טאָג, זאָגט יענער: נאַכט. דאָס הייסט, מע זאָל זיך קריגען — דאָס ניט, נאָר מע שפּאַרט זיך. זיי קאָנען זיך אמאָל אזוי אוועקשפּאַרען א שעה כסדר, ביז מע צענעמט זיי. אנומעלט האָבען זיי זיך צעאַמעפּרט איבער א דייטשעס וואָרט: „חריין“. איינער האָט געזאָגט, אז חריין איז אויף דייטש: „חראַן“. דער אַנדערער האָט געדרונגען, אז חריין דאַרף מען זאָגען אויף דייטש: „חראָן“. א שעה צוויי האָט מען זיך אוועקגעריסען, ביז ס'איז געבליבען, מע זאָל קויפען א ווערצעל חריין און מע זאָל דאָס ווייזען דעם בעל־הבית פון דער אכסניה. געבראַכט דאָס ווערצעל חריין, פרעגט מען איהם: „רב דייטש! מיר האָבען צו אייך א בקשה, נאָר איהר זאָלט אונז זאָגען דעם ריינעם אמת. ווי אזוי הייסט ביי אייך אויף אייער לשון אָט די דאָזיגע פרי — „חראַן“, אָדער „חראָן“?“ רופט זיך אָפּ דער בעל־הבית: „אויף אונזער דייטשער שפּראַכע הייסט דיעזע פרוכט ניט „חראַן“ און ניט „חראָן“, נאָר „מערעטיך“... נאַט אייך אזא משוגעת! קירע־דייטש איז א גוטער צו־להכעיס'ניק. ער קאָן אייך אמאָל געבען א זאָג א וואָרט, זאָל זיין וואָס צו הערען למשל, נעמט, אשטייגער, א זייגערעל. דאַכט זיך, וואָס קאָן שוין זיין מעהר פשוט פון א זייגערעל? הייסט דאָס ביי קירע־דייטש ניט א זייגערעל, נאָר „א האָר“. און א האָר איז ביי איהם „א האַר“. א האַר איז ביי איהם „א הער“. אהער איז ביי איהם „היר—היר“. אז מע זאָגט קירע־דייטש, זאָל מען גלויבען!

[illegible] די מאמע וויינט. און מיין ברודער אליהו האט פיינט, אז די מאמע וויינט. ער זאגט, אז זי מאכט זיך קאליע די אויגן, און מיט קאליע־אויגן לאזט מען אין אמעריקע ניט אריין.

ד.

איך קאן אייך איבערגעבן א נייעס. מיר האבן א גרוס [illegible] די גרענעץ, [illegible] אונזער חבר פיני [illegible] ער זאגט, אז [illegible] זאגט די מאמע: „ס'טייטש, און מיינע זאכן?" [illegible] א ברירה האבן מיר? [illegible] די מאמע [illegible] „גם זו לטובה". [illegible] אמעריקע [illegible]

דערהערט אזא מעשה, חאַפּט זיך אויף מיין שוועגערין ברכה מיט א פּלעסק אין די הענט.

— שוויעגער! וואָס האָב איך אייך געזאָגט? זענען די דייטשען ניט ערגער ווי די נאַכט־גזלנים אין וואלד? זענען אונזערע רוסישע חוליגאַנעס ניט קיין צדיקים אַקעגען זיי? מיר זענען דען אין בראָד? מיר זענען דאָך אין סדום!!!...

דאָס פאַרגלייכען איהם מיט די רוסישע חוליגאַנעס, ווייזט אויס, האָט דעם בעל־הבית ניט אזוי פאַרדראָסען, ווי דאָס פאַרגלייכען בראָד מיט סדום. ער איז געוואָרען אָנגעצונדען! ער האָט אונז געזאָגט, אז ס'איז זעהר רעכט, וואָס די רוסישע „חוליגאַנעס" מאַכען אויף אונז פּאָגראָמען. ער געפינט, אז ס'איז נאָך ווינציג, וואָס מע טהוט אונז. ווען ער זאָל זיין, זאָגט ער, דער רוסישער „קאַיזער", וואָלט ער „געהאַייסען", מע זאָל אונז אַלעמען „אויסקאַילען" ביז „איינעם"!

מיר דאַכט, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אז אונזער חבר פיני איז א היציגער פאַרשוין. ביז מע ריהרט איהם ניט שטאַרק אָן, קאָן ער אייך שווייגען און שווייגען. נאָר טאָמער דערלאַנגט מען איהם מיט אזא וואָרט, וואָס ער האָט פיינט, איז חיות ניט זיכער! פיני האָט זיך אויפגעחאַפּט, אויסגעצויגען זיך ווי לאַנג ער איז, צוגעגאַנגען גלייך צום בעל־הבית פון דער סטאַנציע און האָט איהם אויסגעשריען אויפ'ן קול גלייך אין פּנים אריין:

— קירע־דאַאַאַייטש!!!... א רוח אין דיין טאַאַאַטען אריין!

אמת, דער „קירע־דייטש" האָט אונזער חבר פיני'ן געקאָסט טייער. דער בעל־הבית האָט איהם פאַר'ן „קירע־דייטש" אויפגעוואָרפען צוויי שווערע, געשמאַקע פעטש, אז פונקען זענען געפלויגען. עס האָט אָבער געהאַט דעם זיבעטען חן. גאַנץ בראָד האָט זיך צונויפגעלאָפען. ס'איז געוועזן „ליהודים". איך האָב ליעב, אז ס'איז פריילין.

דעמזעלבען טאָג זענען מיר אנטלאָפען קיין לעמבערג.

ה.

האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך האָב מיך פאַררעדט וועגען די נאַרישע דייטשען מיט זייער משוגע'נער שפּראַך, און האָב פאַרגעסען, אַז מיר פאָהרען קיין אַמעריקע. דאָס הייסט, ניט גלייך קיין אַמעריקע — דערווייל פאָהרען מיר קיין לאָנדאָן. און ניט גלייך קיין לאָנדאָן, נאָר קיין לעמבערג. דאָרט, אין לעמבערג, איז פאַרהאַן, זאָגט מען, אַ קאָמיטעט פאַר עמיגראַנטען. אפשר וועלען מיר קאָנען דורכ'ן קאָמיטעט עפּיס באַהילפיג ווערען. מיט וואָס זענען מיר ערגער פון אַלע אַנדערע עמיגראַנטען? ובפרט, מיר האָבען נאָך געהאַט אַזאַ שאָדען — אונזערע אַלע פּעקלעך מיט אונזער גאַנצען בעטגעוואַנט. די מאַמע גרייט זיך שוין, ווי אַזוי זי זאָל זיי זאָגען, ווי אַזוי זי זאָל פאַר זיי וויינען. מיין ברודער אליהו בעט זיך ביי איהר: „נאָר ניט געוויינט! מע דאַרף אין זינען האָבען די אויגען. אָהן אויגען לאָזט אַמעריקע ניט אַריין"...

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און געהט אַריין צום בעל־הבית זיך צעצאָהלען פאַר דער אכסניה. אין עטליכע מינוט אַרום קומט אַריין מיין ברודער אליהו אַ טוידמער. וואָס איז? דער בעל־הבית האָט איהם אוועקגעלעגט אַ חשבון, איז איהם, זאָגט ער, פינסטער געוואָרען אין די אויגען. פאַר אַלסדינג רעכענט ער אונז געלט. פאַר לייכטער אויף ליכט־בענטשען רעכענט ער זעכס לייכטער — זעכס גרייצערס. פאַר הבדלה — פיער גרייצערס. וואָסער הבדלה? ער, דער בעל־אכסניה, האָט געמאַכט הבדלה און מיר האָבען געהערט, קומט איהם פיער גרייצערס. פרעגען מיר איהם: „וואָס עפּיס פיער?" — זאָגט ער: „ווילט איהר פינף, לאָז זיין פינף". היינט רעכענט ער אונז עפּיס אַ מין זאַך מיט'ן נאָמען „קאָמיסיאָן". וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? דאָס קומט איהם, זאָגט ער, פאַר דער טרחה, וואָס ער איז נעגאַנגען מיט אונז קויפען מלבושים.

XV

קראַקע מיט לעמבערג

XV

קראָקע מיט לעמבערג

א.

לעמבערג, זעהט איהר, איז שוין גאָר ניט דאָס, וואָס בראָד. ערשטענס, די שטאָדט אליין. ריין, ברייט, ציכטיג, שען — פאַר־נעמט איין אויג! דאָס הייסט, ס'איז פאַרהאַן אין לעמבערג אויך אַזעלכע גאַסען, ווי אין בראָד, וואָס אַז מע געהט אין מיטען זומער, דאַרף מען אָנטהון טיעפע קאַלאָשען און פאַרשטעלען די נאָז. דערפאַר אָבער איז פאַרהאַן אין מיטען שטאָדט אַ גאָרטען, וואָס אַלע מעגען דאָרטען געהן שפּאַציערען, אפילו ציעגען. אַ פרייע מדינה. שבת געהען אידען מיט שטריימלעך פראַנק און פריי אויף אַלע גאַסען, און קיינער זאָגט זיי ניט אַ וואָרט. היינט די מענ־טשען? גאָלד און זילבער! מיין מאַמע זאָגט, אַז פון בראָד ביז לעמבערג איז אַזאַ חילוק, ווי פון טאָג צו נאַכט. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז עס טהוט איהם באַנג, וואָס ביי דער גרעניץ שטעהט פריהער בראָד און נאָכדעם לעמבערג. עס וואָלט באַ־דאַרפט, זאָגט ער, זיין פאַרקעהרט. גיט איהם אונזער חבר פיני צו פאַרשטעהן, אַז דערפאַר איז לעמבערג בעסער פון בראָד, ווייל עס שטעהט ווייטער פון דער גרעניץ און נעהענטער צו אַמעריקע. זאָגט איהם אליהו: „אַ פאָלג מיך אַ גאַנג! וואו איז לעמבערג

עפּענט מען די טהיר. דאַרף מען נעהן אויף טרעפּ. אז מע קומט אַרייף טרעפט מען א סך מענטשען. צום מיינסטען, אונזערע רוסיישע, עמיגראַנטען רופט מען זיי. כמעט אַלע זענען זיי הונגעריג און אַלע האָבען קליינע זויגעדיגע קינדער. די וואָס האָבען נים סיין זויגעדיגע קינדער זענען אויך הונגעריג. מע הייסט זיי קומען מאָרגען. מאָרגען זאָגט מען זיי ווידער א מאָל, זיי זאָלען קומען מאָרגען. מיין מאמע באַקענט זיך מיט א סך ווייבער. איטליכע פון זיי האָט אויף זיך איין אנדער אומגליק. פאַרגלייכען, זאָגט זי, איהר אומליק מיט זייערע אומגליקען, קומט־אויס, אז זי איז נאָך איינע א גליקליכע! א סך פון זיי זענען אנטלאָפענע פון פּאָגראָמען. וואָס זיי דערצעהלען זיך אָן איז א גוואַלד! אַלע פאָהרען זיי קיין אמעריקע, און קיינער האָט נים מיט וואָס. א סך פון זיי האָט מען אָפּגעשיקט צוריק. אייניגע גיט מען ארבייט. אייניגע שיקט מען אָפּ קיין קראָקע. דאָרט איז, זאָגט מען, דער אמת׳ער קאָמיטעט. וואָס זשע איז דאָ? — זיי ווייסען אליין נים. מע הייסט זיי קומען מאָרגען, קומען זיי. וואו איז דער קאָמיטעט? אָט דאָס איז דאָך דער קאָמיטעט. ווער איז דער קאָמיטעט? זיי זאָלען אזוי ווּיסען פון בייז! עס קומט אריין א הויכער פאַרשוין מיט א געשטופּעלט פנים און מיט גוטע לאַכענדיגע אויגען.

— אָט דאָס איז איינער פונ׳ם קאָמיטעט. ער איז א דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר מיט די גוטע לאַכענדיגע אויגען זעצט זיך אוועק אויף א שטוהל. אַלע מינוט געהט־צו צו איהם איין אנדער עמיגראַנט און מענה׳ט עפּיס, מאַכט מיט די הענט. דער דאָקטאָר הערט איהם אויס און ענטפערט איהם, אז ער איז איין מענטש אַליין. ער קאָן גאָרנישט העלפען. פאַרהאַן, זאָגט ער, ביי אונז א קאָמיטעט פון עטליכע און דרייסיג פאַרשוין, נאָר קיינער וויל נים קומען. וואָס קאָן איך, איין מענטש אַליין, טהון?

און ואו איז אמעריקע!" זאָגט איהם פיני, אז וואָס ס'איז שייך צו שטערט, מעג ער זיך נאָך דערוויילע לערנען ביי איהם, וואָרום ער האָט געלערענט געאָגראַפיע. זאָגט איהם מיין ברודער אליהו: „אז דו האָסט געלערענט געאָגראַפיע, זאָג זשע מיר, וואו איז דער קאָמיטעט?" — „וואָסער קאָמיטעט?" — „דער עמיגראַנטען־קאָמיטעט!" — „א סמיכות־הפרשה! וואָס געהער זיך עס אָן מיט געאָגראַפיע?" — „דער וואָס ווייסט געאָגראַפיע, דער דאַרף וויסען אלסדינגג".

אזוי זאָגט צו איהם מיין ברודער אליהו, און מיר פרעגען זיך נאָך אויפ'ן קאָמיטעט. ווען מיר פרעגען, ווייסט קיינער נים. א מאָדנע שטאָדט.

— זיי ווייסען, נאָר זיי ווילען נים זאָגען!

אזוי פסק'ענט מיין שווענערין ברכה. איהר געפעלט קיין זאך נים. אויף לעמבערג האָט זי אויך א חסרון: צו ברייטע גאסען. א חסרון — די כלה איז צו שען. אונזער חבר פיני'ס ווייב טייבעל האָט איין אנדער חסרון אויף לעמבערג. דהיינו? למאי זאָגט מען ביי אונז „קראָקע מיט לעמבערג"? אז מען עסט א זויערע זאך, זאָגט מען: „ס'איז אזוי זויער, אז מע קאָן דער־זעהען קראָקע מיט לעמבערג". אָדער אז מע דערלאַנגט איינעם א גוטען פאטש, זאָגט מען, אז „ער האָט דערזעהען קראָקע מיט לעמבערג".

בקיצור, די ווייבער האָבען שוין אזא טבע. זעלטען זיי זאָל עפּיס געפעלען!...

ב.

מיר האָבען זיך שוין דערפרעגט צום קאָמיטעט. א הויכע שטוב מיט א רויטען דאך. פריהער דאַרף מען שטעהן א ביסעל אין דרויסען. דאָס הייסט, נים א ביסעל, נאָר א סך. נאָכדעם

חזן און האָט געקרענקט און געקרענקט. נאָכדעם איז ער גע־שטאָרבען, איבערגעלאָזט זי איין אלמנה מיט צוויי קינדער, איי־נעם איין עלטערען און איינס נאָך כמעט איין עופה'לע (דאָס מיינט מען מיך). האָט זי דעם עלטערען חתונה געמאכט. אריינ־געגעבען איהם אין אַ שמאַלץ־גרוב. די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבען. דער שוועהר האָט זיך געשטעלט, און דער זוהן דאַרף שטעהן צום פּריזיוו...

— מאמע, וואוהין ביזט דו פאָרפאָהרען?

אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און שטעלט זיך אוועק דער־צעהלען די אייגענע מעשה, נאָר אין איין אנדער אופן. ער הויבט אָן אזוי:

— יאָ פּריזיוו, ניט פּריזיוו — מיר פאָהרען, הייסט עס, קיין אמעריקע. דאָס הייסט, איך, און מיין מאמע, און מיין ווייב, און אַ קליין ברודערעל (דאָס מיינט מען מיך), און אָט דער יונגערמאַן (ער ווייזט אויף פּיני'ן) פאָהרט אויך, הייסט עס, מיט אונז. האָבען מיר באדארפט אריבער די גרעניץ. זענען מיר, הייסט עס, גע־קומען צו דער גרעניץ. און אזוי ווי קיין פּעסער, הייסט עס, האָבען מיר ניט, וואָרום מיר דארפען ביידע שטעהן צום פּריזיוו...

— אָט דאָ לאָז מיך! — רופט זיך אָן אונזער חבר פּיני און שטופּט אָפּ מיין ברודער אליהו און דערצעהלט די אייגענע מעשה, נאָר אַ ביסעל אַנדערש. חאָטש אליהו איז מיר אַ ברודער, פון דעסטוועגען מוז איך מודה זיין, אז פּיני רעדט אַ סך שענער פון איהם. ערשטענס, איז ביי איהם נישטאָ קיין „הייסט עס", ווי ביי מיין ברודער אליהו. היינט קען ער רוסיש זעהר גוט. אַ סך ווערטער זענען ביי איהם רוסישע, און גלאַט שענע ווערטער, מחיה'דיגע. אַ סך פון זיי פארשטעה איך ניט וואָס ער מיינט, נאָר זיי זענען שען. אָט ווי אזוי אונזער חבר פּיני האָט אָנ־געהויבען:

— איך וועל אייך געבען אין קורצען אַ ווזגליאַד אויף דער גאַנצער פּאָלאָזשעניע, וועט איהר האָבען אַ טאָטשקע זרעניע.

די עמיגראַנטען ווילען ניט וויסען, וואָס ער איז איין מענטש אַליין. זיי קאָנען דאָ מעהר ניט זיצען. זיי האָבען שוין אויפ־געגעסען פון זיך וואָס זיי האָבען געהאַט. זיי זאָגען, אָדער מע זאָל זיי געבען בילעטען קיין אמעריקע, אָדער מע זאָל זיי אָפּ־שיקען צוריק. דער דאָקטאָר טענה'ט, אַז ער קאָן זיי גאָר שיקען קיין קראָקע, אויב זיי ווילען. דאָרט איז דאָ אַ קאָמיטעט. אפשר וועט זיי יענער קאָמיטעט עפּיס קאָנען העלפען. די עמיגראַנטען הערען דאָס אויס און זאָגען, אַז זיי האָבען ניט דערוויילע פון וואַנען אַ טאָג איבערצולעבען. דער דאָקטאָר נעמט־אַרויס דאָס בייטעלע און שענקט זיי אַ מטבע. די עמיגראַנטען באַטראַכטען די מטבע און געהען אַוועק. עס קומען אָן נייע עמיגראַנטען. זיי פאַלען, זאָגען זיי, מיט'ן פּנים צו דער ערד.

— וואָס ווילט איהר? — טענה'ט נעבאַך דער דאָקטאָר.

— מיר ווילען עסען! — זאָגען די עמיגראַנטען.

— אָט האָט מען מיר געבראַכט עסען, עסט.

אַזוי זאָגט זיי דער דאָקטאָר מיט די גוטע לאַכענדיגע אויגען און ער ווייזט זיי אויפ'ן אָנבייסען, וואָס מע האָט איהם געבראַכט: קאַווע מיט ווייסע בולקעלעך. ער זאָגט, אַז ער מיינט דאָס ערנסט. ער גיט זיי אַוועק זיין אָנבייסען. וואָס זאָל ער טהון, איין מענטש אַליין? די עמיגראַנטען באַדאַנקען איהם. זיי זאָגען, אַז ניט פאַר זיך בעטען זיי, פאַר זייערע קינדער נעבאַך.

— נו, ברענגט אַהער די קינדער! — זאָגט דער דאָקטאָר און טהוט אַ וואונק צו אונז מיט זייטע גוטע לאַכענדיגע אויגען.

— וואָס ווילט איהר?

ג.

טרעט־אַרויס די מאַמע צום גוטען דאָקטאָר מיט די לאַכענ־דיגע אויגען און הויבט איהם אָן דערצעהלען אַ מעשה פונ'ם אָנ־הויב, ווי אַזוי זי האָט געהאַט אַ מאַן. דער מאַן איז געווען אַ

אנדערען, גראָבען, מסר'ען, יאַבעדען, ביז ס'האָט זיך אונטערגע־חאַפּט איינע אַ אידינע, הייסט עס, אַ לייטישע, איין עהרליכע, אַ פרומע, אַ כשר'ע, און האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אונז פאַר'ן מקח, הייסט עס, זיך אונטערגענומען אונז אַלעמען אריבערפּעקלען, פריהער אונז, און נאָכדעם די זאַכען. האָט זי אונז געגעבען, די אידינע, הייסט עס, צוויי ערלים, שומרים, הייסט עס...

— אָט אַזוי גיך? זעה נאָר! ער איז שוין פּאַרטיג מיט די ערלים.

אַזוי שפּרינגט־אַרויס מיין שווענערין ברכה, שטופּט־אָפּ מיין ברודער אליהו און דערצעהלט בעסער אַליין די מעשה. טאַקי די אייגענע מעשה, נאָר אַ ביסעל אַנדערש: ווי אַזוי די אידינע האָט אונז געהייסען געהן און געהן, ביז מיר וועלען דערזעהען אַ בערגעל. פונ'ם בערגעל זאָלען מיר זיך נעמען רעכטס און געהן און געהן, ביז מיר וועלען קומען צו נאָך אַ בערגעל. זאָלען מיר זיך פון יענעם בערגעל נעמען לינקס און געהן און געהן, ביז מיר וועלען קומען צו אַ שענקעל. זאָל אריינגעהן איינער פון אונז אין שענקעל, וועט ער טרעפען צוויי ערלים טרינקען בראָנפען. זאָל מען צוגעהן צו די ערלים און זאָגען זיי נאָר איין וואָרט „חיימאָ־וואַ", וועלען זיי שוין וויסען און וועלען אונז פיהרען איבער אַ וועלדעל. אַ גליק, וואָס איך האָב אַ טבע פון חלש'ען...

רופט זיך אָן דער דאָקטאָר:

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, מיינע ליעבע וויבער? איך האָב אויך אַ טבע פון חלש'ען. זאָגט מיר אין קורצען, וואָס ווילט איהר?

טרעט־אַרויס די מאַמע ווידער אַ מאָל, און עס קומט־פאָר צווישען איהר און צווישען דאָקטאָר אַזאַ מין געשפּרעך:

מ אַ מ ע: איהר ווילט אין קורצען? מע האָט ביי אונז צו־גענומען די זאַכען.

מיר פאַהרען קיין אַמעריקע ניט אַזוי צוליעב וואַינסקי פּאָווינ־גאָסט, ווי צוליעב סאַמאָסטאָיאַטעלנאָסט און ציוויליזאַציע, וואָרום מיר זענען דאָרט זעהר סטיעסניטעלני נישט נאָר אין פּראָגרעס, נאָר אפילו אין וואָזדוך, ווי טורגעניעוו זאָגט — און וואָווטאָריך, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען ביי אונז דער יעוורייסקי וואָפּראָס מיט די פּאָגראָמען, קאָנסטיטוציע און טאָמו פּאָדאָבנע, ווי באָקל זאָגט אין זיין היסטאָריאַ ציוויליזאַציאַ...

איין עבירה! דאָ האָבען ערשט אָנגעהויבען געהן די שענע ווערטער. אונזער חבר פּיני האָט זיך ערשט רעכט צעשאָקעלט. ער האָט זיך ערשט פאַרקאַטשעט רעדען און רעדען — צום סוף האָט איהם איבער דער דאָקטאָר סאַמע אין מיטען, טהוט אַ זופּ די קאַווע און רופט זיך אָן צו איהם מיט אַ שמייכעל:

— זאָגט: וואָס ווילט איהר?

טרעט־אַרויס ווידער מיין ברודער אליהו און מאַכט צו פּיני'ן:

— למאי זאָלסט דו האָבען אַ טבע רעדען נישט צו דער זאַך?

דאָס פאַרדריסט, אַפּנים, אונזער חבר פּיני'ן, מחמת ער טרעט־אָפּ אויף אַ זייט, פאַרטשעפּעט זיך פאַר זיינע אייגענע פּיס, און רופט זיך אָן ברוגז'ליך:

— דו רעדסט בעסער? רעד דו!

און מיין ברודער אליהו געהט־צו צום טיש און דערצעהלט נאָך אַ מאָל די מעשה בקיצור.

ד.

— זענען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרעניץ. געקומען צו דער גרעניץ, האָבען מיר אָנגעהויבען האַנדלען, הייסט עס, מיט די אַגענטען. און די אַגענטען, ווייסט איהר דאָך, זענען גרויסע ממזרים. האָבען זיי אָנגעהויבען לויפען איינער איבער'ן

פֿאָהרען קיין קראָקע, לאָז זיך אונז דאכטען, עלעהיי מיר זענען אויך עמיגראַנטען.

— אז מיר זענען אין לעמבערג, מוזען מיר שוין זיין אין קראָקע אויך. — זאָגט אונזער חבר פֿיני.

— בכדי ס'זאָל אויסקומען, אפֿנים, קראָקע מיט לעמבערג? — חאפּט אונטער זיין ווייב טייבעל.

זייט געזונט, מיר פֿאָהרען קיין קראָקע.

ד אָ ק ט אָ ר: וואָסערע זאַכען?

מ א מ ע: דאָס בעטגעוואַנט: צוויי איבערבעטען, פיער קי־שענס גרויסע, און נאָך צוויי גרויסע קישענס, און דריי קלייניטשקע ממזרים׳לעך איבערגעשאָטען.

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס איז גאָר?

מ א מ ע: און קאָלדרעס דריי, צוויי אַלטע, איינע אַ נייע. און מלבושים אַ פּאָר, און אַ פּאַטשיילע אַ זיידענע, און...

ד אָ ק ט אָ ר: נישט דאָס פרעג איך. מעהר קיין אומגליק האָט איהר ניט געהאַט?

מ א מ ע: וואָסער איין אומגליק ווילט איהר נאָך?

ד אָ ק ט אָ ר: איך מיין, וואָס פעהלט אייך?

מ א מ ע: בעטגעוואַנט.

ד אָ ק ט אָ ר: דאָס איז גאָר?

מ א מ ע: ס׳איז אייך קאַרג?

ד אָ ק ט אָ ר: און בילעטען האָט איהר? געלט האָט איהר?

מ א מ ע: נישט צו פאַרזינדיגען. מיר האָבען שיפסקאַרטען, מיר האָבען אויף בילעטען.

ד אָ ק ט אָ ר: זענט איהר דאָך, דאַנקען גאָט! איך בין אייך מקנא. לאָמיר זיך בייטען. מיינט ניט, איך שפּאַס. איך זאָג עס אייך אָהן ליצנות. נאַט אייך מיין אָנבייסען, נאַט אייך מיינע עמיגראַנטען, נאַט אייך מיין קאָמיטעט, און גיט מיר אייערע שיפס־קאַרטען מיט אייערע בילעטען, פאָהר איך אַוועק קיין אַמעריקע היינטיגען טאָג. וואָס קאָן איך דאָ טהון, איין מענטש אַליין, מיט קיין עין־הרע אַזוי פיעל אָרעמע לייט?

דער דאָקטאָר איז עפּיס — מיר ווייסען אַליין ניט וואָס! — אַזוי האָבען מיר אָפּגעפּסק׳ענט, און מיר ווילען נישט מאַכען דאָ קיין לאַנגע שהיות. מיין ברודער אליהו זאָגט: איין עבירה די הוצאות. לאָמיר בעסער פאָהרען קיין קראָקע. אַ סך עמיגראַנטען

XVI

מיט די עמיגראַנטען

XVI

מיט די עמיגראַנטען

א.

אז איהר ווילט פאָהרען קיין אַמעריקע, זאָלט איהר פאָהרען נאָר מיט עמיגראַנטען. אז איהר פאָהרט מיט עמיגראַנטען, איז אייך גוט. קומט איהר אין א שטאָדט, פארשפּאָרט איהר זוכען איין אכסניה. מע האָט אייך אָנגעגרייט איין אכסניה פון פריהער. דערויף איז דאָך געמאַכט געוואָרען א קאָמיטעט. א קאָמיטעט זעהט, אז איהר זאָלט האָבען אַלסדינג גרייט. מיר, אז מיר זענען אָנגעקומען די ערשטע נאכט קיין קראָקע, האָט מען אונז באַלד פארטריבען אין אַזא מין שטוב, אָדער א קאַמער, אָדער א שטאַל. דאָרט האָבען מיר אָפּגעוואַרט ביז אין דער פריה. אין דער פריה איז מען געקומען צו אונז פון'ם קאָמיטעט און מע האָט אונז פאר־שריבען אַלע ביי די נעמען. די מאַמע האָט אפילו ניט געוואָלט זאָגען אונזערע נעמען. זי האָט מורא געהאַט פאר'ן פּריזיוו. א קשיא אויף א מעשה? האָבען די עמיגראַנטען זי אויסגעלאַכט: וואָס געהט־אָן קירע־דייטש אונזער רוסישער פּריזיוו? נאָכדעם האָט מען אונז געבראַכט אַלעמען אויף א גרויסער אכסניה. א גאַנצע שטוב מיט א סך בעטלעך מיט אָהן א שיעור עמיגראַנטען. „עס זעהט דאָ אויס ווי ביי אונז א הקדש". אַזוי געפינט מיין

גרעניץ, ווי אַזוי די אַגענטען האָבען אונז באַפּאַלען, ווי אַזוי מיר האָבען זיך באַקענט מיט אַ אידינע, ווי אַזוי די אידינע האָט ביי אונז אויסגענאַרט די זאַכען, ווי אַזוי איהרע שומרים, צוויי ערלים, האָבען אונז פאַרפיהרט אין אַ וואַלד, געפּרעגט אונז, וויפיעל געלט מיר האָבען, און אַרויסגענומען מעסערס אויף צו קוילען. אַ גליק, וואָס אונזער ברכה האָט אַ טבע פון חלש'ען און וואָס די מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד, — האָט זיך דערהערט אַ שאָס, זענען די ערלים אַנטלאָפען און מיר זענען דערוויייל אַריבער אויף יענער זייט... אַלע הערען־אויס אונזער מעשה, שאָקלען מיט די קעפּ און שמוצערען מיט די ליפּען. איינער אַ הויכער עמיגראַנט מיט אַ בייזען קוק און מיט וואַטע אין די אויהערען טהוט אונז אַ פרעג:

— ווי אַזוי זעהט זי אויס, די אידינע? אַ פרומע, אַ כשר'ע, מיט אַ שייטעל אויפ'ן קאָפּ?

דערהערט, אַז אונזער אידינע איז אַ פרומע, אַ כשר'ע, מיט אַ שייטעל אויפ'ן קאָפּ, — טהוט דער הויכער עמיגראַנט מיט'ן בייזען קוק זיך אַ חאַפּ־אויף און אַ זאָג צו זיין ווייב, וואָס זי הייסט שרה:

— שרה! דו האָרכסט? ס'איז דאָך די אייגענע אידינע!

— אַ חלירע זאָל קומען אויף איהר און אויף אַלע אַגענטען, רבונו של עולם!

אַזוי זאָגט זיין ווייב שרה, און זי דערצעהלט אונז אויך אַ שענע מעשה, ווי אַזוי די אייגענע אידינע מיט'ן שייטעל האָט זי אָפּגענאַרט, באַנומען פון קאָפּ ביז פיס און געוואָלט אַריינרוקען זיי שיפסקאַרטען קיין אַמעריקע.

דערהערט דאָס וואָרט „שיפסקאַרטען", חאַפּט זיך אויף איין עמיגראַנט, אַ שניידער, מיט שוואַרצע אויגען און מיט אַ בלאַס פּנים, און רופט זיך אָן:

— שיפסקאַרטען? לאָזט מיך, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה פון שיפסקאַרטען!

מאמע. און מיין שוועגער׳ ברכה זאָגט: „שוועבער, לאָמיר בעסער פאָהרען ווייטער”. איך האָב אייך שוין געזאָגט אמאָל, אז די ווייבער האָבען א טבע — עס געפעלט זיי ניט קיין זאך. איוף אלסדינג מאכען זיי אייך א חסרון. אויף דער שטאָדט קראָקע האָבען זיי גלאט געוואָרפען איין אומחן פון דער עהשטער מינוט. אפילו מיין ברודער אליהו איז אויך אין כעס אויף קראָקע. קראָקע, זאָגט ער, איז ניט לעמבערג. אין לעמבערג איז חאָטש דאָ אידען, און אין קראָקע איז ניטאָ קיין אידען. דאָס הייסט, ס'איז דאָ אידען, נאָר משונה־מאָהנע אידען — אנדרוגינוסען, האלב איד האלב פליאקע, פארדרעהט די וואָנסים און „בראָשע פאני!”... אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. נאָר אונזער חבר פיני וויל איהם איבערשפארען. ער זאָגט, אז דאָ איז פארהאן מעהר „ציוויליזאציע”. איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס איז דאָס אזעלבעס „ציוויליזאציע”, וואָס אונזער חבר פיני קאָן זיך אָהן דעם ניט באגעהן?

ב.

אויף דער אכסניה, וואָס מע האָט אונז אָנגעגרייט פונ'ם קאָמיטעט, איז אויסגעצייכענט גוט. דאָס הייסט, עס איז ניט אזוי גוט, ווי פריילין. מע באקענט זיך אלע מאָל מיט נייע עמיגראַנטען. מע זיצט אינאיינעם, מען עסט אינאיינעם, מע דערצעהלט מעשיות. אך, וואָסערע שענע מעשיות! נסים ונפלאות! נסים פון פאָגראָם. נסים פונ'ם פריזיוו. נסים פון דער גרעניץ. איטליכער דערצעהלט איין אנדער מעשה פון זיין אגענט. איינער פרעגט ביי'ם אנדערען: „ווער איז געוועזען אייער אגענט ביי דער גרעניץ — א רויטער, צי א שווארצער?” ענטפערט איהם דער אנדערער: „ניט קיין רויטער, ניט קיין שווארצער, נאָר אזוי א גנב”...

געוויינטליך, דערצעהלען מיר אונזער נס אויך, ווי אזוי נאָט חאָט סיט אונז געפיהרט, ווי אזוי מיר האָבען גע'גנב'עט די

הער אַלץ פון די עמיגראַנטען, מע זאָגט: „פּאָגראָם", „פּאָגראָם", נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט. רופט זיך אָן צו מיר קאָפּעל:

— א פּאָגראָם ווייסט דו ניט? עה! ביזט דו דאָך גאָר א ניונקעלע! א פּאָגראָם איז א זאַך, וואָס איז היינט אומעטום. הויבען הויבט זיך עס אָן כמעט פון גאָרניט, און אז עס הויבט זיך אָן, ציהט זיך עס אַוועק דריי טעג...

— וואָס־זשע, זאָג איך, איז דאָס? א יאַריד?

— וואָסער יאַריד? א שענער יאַריד! מע שלאָגט פענס־טער! מע ברעכט מעבעל! מע טרענט קישענס! פעדערען פליהען, אזוי ווי שניי!

— אקעגען וואָס?

— נא דיר גאָר אקעגען וואָס! אקעגען שמערלען! א פּאָ־גראָם איז ניט נאָר אויף הייזער אַליין. א פּאָגראָם איז אויף קלייטען. מע צעשלאָגט אַלע קלייטען, און מע ווארפט ארויס פון דאָרטען די סחורה אויף דער גאַס, און מע צעטראָגט, און מע צעראַבעוועט, און מע צעשיט, און מע באַגיסט מיט נאַז, און מע צינדט־אונטער, און מע ברענט.

— געה שוין, געה!

— וואָס דען מיינסט דו? איך וועל דיר אויסטראַכטען? נאָכדעם, אז ס'איז נישטאָ שוין וואָס צו ראַבעווען, געהט מען איבער די הייזער מיט העק, מיט אייזענס און מיט שטעקענס, און פּאָליציע געהט נאָך פון הינטען. מע זינגט און מע פייפט און מע שרייט: „עי, רעביאַטאַ, בעי זשידאָוו!" און מע שלאָגט, מע הרג'עט, מע קוילעט, מע שטעכט מיט שפּיזען...

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? אידען!

— פאַר וואָס?

און דער שניידער מיט די שווארצע אויגען און מיט'ן בלאסען פנים וויל אָנהויבען דערצעהלען א מעשה פון שיפסקארטען, שטעהט־אויף נאָך איין עמיגראנט, וואָס מע רופט איהם טאָפּאָלינסקי. ער זאָגט, אז ער האָט א שענערע מעשה מיט שיפסקארטען, ווי אזוי אין שטעדטעל ביי זיי איז דאָ א קאָמפּאַניע, וואָס פאר־קויפען כלומרשט שיפסקארטען פון ליבאווע קיין אמעריקע, האָבען זיי דערטאַפּט א יונגען מאַן און האָבען ביי איהם אויסגענארט עטליכע און זעכציג קארבען און האָבען איהם ארייננערוקט עפּיס א סוכה־שער מיט א רויטען אָדלער. דער יונגערמאַן קומט קיין ליבאווע, וויל זיך זעצען אויפ'ן שיף, נעמט־ארוים און באווייזט דעם סוכה־שער, מיט'ן רויטען אָדלער. ווער? וואָס? א נעכ־טיגער טאָג! ס'איז ניט קיין שיפסקארטע, ס'איז גאָר א שיר־המעלות!

ג.

די מעשה מיט די שיפסקארטען הויבען מיר אָן ווערען נמאס. איך האָב ליעב עמיגראנטען. איך האָב מיך בעסער באקענט, אין וואַגאָן זיצענדיג, מיט א יונגעל פון די עמיגראנטען אין מיינע יאָהרען. מע רופט איהם קאָפּעל, און ער האָט א צעשפּאָלטענע ליפּ. די ליפּ איז איהם געקומען פון א פאל. ער איז געקראָכען אויף א לייטער און איז געפאלען אויף א שייט האָלץ. ער שווערט, אז ס'האָט איהם גאָר ניט וועה געטהאָן, נאָר בלוט איז געגאנגען א סך. ניט געגוג, זאָגט ער, ער האָט זיך צעשפּאָלטען די ליפּ, האָט ער נאָך געחאַפּט קלעפּ פון'ם טאטען. אָט דער הויכער, וואָס מיט'ן בייזען קוק און מיט וואטע אין די אויהערען, דאָס איז טאקי זיין טאטע. און די אידינע, וואָס מע רופט זי שרה, דאָס איז זיין מאמע. זיי זענען געווען, זאָגט ער, אמאָל גרויסע נגידים. דאָס הייסט, ניט אמאָל, טאקי אָט דאָ ניט לאנג, פאר'ן פּאָגראָם. איך פרעג איהם, ווי אזוי איז דאָס א פּאָגראָם? איך

ד.

מיר האָבען אין קראָקע נישט געמאַכט גאָר נישט ניט. אין קאָמיטעט זענען מיר ניט געווען. די עמיגראַנטען האָבען אונז געזאָגט, אז ס'איז ארויסגעוואָרפען. אז איהר קומט, זאָגען זיי, אין קאָמיטעט, הויבט זיך אָן א דולעניש. קודם פארשרייבט מען אייך די יאָהרען. נאָכדעם שיקט מען אייך אָפּ צו א דאָקטאָר, ער זאָל אייך באטראכטען. נאָכדעם הייסט מען אייך ווארטען. נאָכדעם הייסט מען אייך קומען. קומט איהר צו געהן, פרעגט מען אייך: וואָס זענט איהר געקומען? זאָגט איהר, אז מע האָט אייך געהייסען קומען, זענט איהר געקומען. הויבט מען אייך אָן זאָגען מוסר, למאי איהר פאָהרט קיין אמעריקע. פרעגט איהר: וואוהין דען זאָלען מיר פאָהרען? זאָגט מען אייך: וואו שטעהט דאָס געשריבען, אז איהר דארפט פאָהרען? דערצעהלט איהר זיי א מעשה מיט א פאָגראָם. זאָגען זיי: איהר זענט אליין שולדיג. א סימן, אָט האָט נעכטען א יונגעל פון אייערע עמיגראַנטען אוועק־גע'גנב'עט א בולקע אין מיטען מארק. זאָגט איהר: אפשר איז ער געווען הונגעריג? זאָגען זיי: אָט האָט זיך נעכטען צעשלאָגען פון אייערע עמיגראַנטען אין מיטען גאַס א מאַן מיט א ווייב, מע האָט געמוזט אראָפּברענגען זשאַנדארמען. זאָגט איהר: דאָס ווייבעל איז געווען גערעכט; זי האָט דערקענט איהר מאַן, וואָס האָט זי אַוועקגעוואָרפען אין דער היים, געוואָלט אנטלויפען קיין אמעריקע. האָט זי איהם דערזעהן דאָ אומגעריכט און האָט איהם געפּאַקט. האָט ער זיך געוואָלט אויסרייסען און אנטלויפען. האָט זי געמאַכט א גוואַלד... זאָגען זיי: למאי געהען אייערע עמיגראַנ־טען, צום מיינסטענס, אָפּגעריסען? זאָגט איהר: זיי זענען אָרעם; לאָז מען זיי געבען קליידער, וועלען זיי ניט געהן אָפּגעריסען. בקיצור, מוסר זאָגען זיי, און קיין געלט געבען זיי ניט.

אזוי קלאָגען זיך פאר אונז די עמיגראַנטען. זיי זאָגען, אז מיר זענען גליקליכע מענטשען, וואָס מיר האָבען ביז אהער ניט

— נא דיר גאָר פאר וואָס! ס'איז דאָך אַ פּאָגראָם!

— און אז אַ פּאָגראָם, איז וואָס?

— געה אַוועק, דו ביזט אַ קעלבעל! איך וויל מיט דיר ניט רעדען!

אזוי זאָגט צו מיר קאָפּעל, שטופּט מיך אָפּ פון זיך און לעגט־אריין די הענט אין די קעשענעס, ווי אַ גרויסער. מיר שטעהט ניט אָן די מעשה. סע פארדריסט מיך אויף קאָפּלען, וואָס ער האלט זיך אזוי גרויס אקעגען מיר. נאָר איך מאַך אַ שווייג. „ווארט־אויס, גדלניוק! וועסט אמאָל אָנקומען צו מיר!”... אזוי טראַכט איך מיר, און לאָז דורך עטליכע מינוט. איך געה־צו ווידער אַ מאָל צו קאָפּלען און מאַך מיט איהם אַ שמועס. שוין נישט פון פּאָגראָמען — פון אנדערע זאכען. איך פרעג איהם, צי ער קאָן רעדען אויף דייטש. צעלאַכט ער זיך: „ווער קאָן דאָס ניט קיין דייטש? דייטש איז דאָך אידיש!”...

— אזוי? אז דו קאָנסט יאָ דייטש, זאָג זשע מיר, ווי אזוי זאָגט מען חריין אויף דייטש?

צעלאַכט זיך קאָפּעל נאָך שטארקער, קוים וואָס ער קאָן אויס־רעדען אַ וואָרט.

— וואָס הייסט, ווי אזוי איז חריין? חריין איז חריין!

— אויב אזוי, זאָג איך, ווייסט דו טאַקי ניט!

— ווי אזוי זשע רעדן איז חריין?

אויף צו־להכעיס, האָב איך אליין אויך פארגעסען, ווי אזוי מע זאָגט אויף דייטש חריין. איך האָב געוואוסט, נאָר איך האָב פארגעסען. געה איך צו צו מיין ברודער אליהו און פרעג איהם: ווי אזוי איז אויף דייטש חריין? זאָגט ער: ער וועט מיר געבען אַ חריין, וועט מיר פארגעהן אין די ציינער... מיין ברודער אליהו איז, אפנים, אין כעס. אלע מאָל, ווען ער געהט צו דער קעשענע נעמען געלט, איז ער אין כעס. אונזער חבר פיני לאַכט פון איהם. זיי ווערטלען זיך. איך זוך מיר אויס איין אָרט אויף דער ערד צווישען די פּעקלעך און לעג מיך שלאָפען.

XVII

ווען איז אַ שטאָדט און גאָט איז אַ פֿאָטער

באדארפט אָנקומען צו דער לאַסקע פונ'ם קאָמיטעט. די מאַמע זאָגט: זי וואָלט איצטער אויך ניט אָנגעקומען צו זיי, ווען ניט דאָס בעטנגעוואַנט. ווען מע נאַרט ניט אויס ביי אינז די זאכען אויף דער גרעניץ, וואָלט זי איצטער געווען אַ „קייסערינע". איך דערמאַן מיך אָן דער מאַמע'ס זיידענע געלע פאַטשיילע, וואָס זי פלעגט טאַקי אויסזעהען אין איהר ווי אַ „קייסערינע". די מאַמע זאָגט אָבער, אַז קיין זאַך טהוט איהר ניט אַזוי באַנג, ווי דאָס בעטגעוואַנט. וואָס וועלען מיר טהון אין אמעריקע אָהן בעט־געוואַנט?

אזוי זאָגט די מאַמע, בריעבט די הענט און צעוויינט זיך. דערהערט מיין ברודער אליהו, צעשרייט ער זיך אויף איהר:

— שוין? דו וויינסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסען, אפנים, אַז מיר זענען שוין נאָהענט צו אמעריקע, און מע דאַרף היטען די אויגען?

מיינט איהר אודאי, אַז מיר זענען טאַקי נאָהענט צו אמע־ריקע? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! מיר דאַרפען נאָך פאָהרען און פאָהרען! וואוהין פאָהרען — ווייס איך נאָך ניט אקוראט. איך הער פון די עמיגראַנטען נעמען פון שטעדט: האַמבורג, וויען, פאַריז, לאָנדאָן, ליווערפול... אויף האַמבורג זאָגען אלע, אַז עס מעג זיך אָנצינדען היינטיגען טאָג. האַמבורג, זאָגען זיי, איז סדום. דאָרטען טרייבט מען די עמיגראַנטען אין אַ באָד אריין, ערגער ווי ארעסטאַנטען. אַזעלכע רשעים, ווי אין האַמבורג, איז נישטאָ אין ערגיץ.

אזוי זאָגען די עמיגראַנטען, און מיר קלייבען זיך דערווייל קיין וויען. דאָרטען, זאָגט מען, איז פאַרהאַן אַ קאָמיטעט, טאַקי וואָס אַ קאָמיטעט הייסט!

יאָ קאָמיטעט, ניט קאָמיטעט — איך ווייס דערווייל, אַז מיר פאָהרען קיין וויען. איהר האָט אַמאָל געהערט פון דער שטאָדט וויען? ווארט־צו אביסעל, אָט וועלען מיר קומען קיין וויען, וועל איך אייך דערצעהלען אַלסדינג, וואָס אין וויען טהוט זיך.

XVII

ווען איז אַ שטאָדט און גאָט איז אַ פאָטער

א.

— ווען איז אַ שטאָדט!

אזוי האָט גע׳פסק׳ענט מיין ברודער אליהו, און אונזער חבר פיני האָט צוגעבאָמקעט:

— נאָך אַ מין שטאָדט! פון שטאָדטענלאַנד אַ שטאָדט!

אפילו די ווייבער, וואָס זיי געפעלט נישט קיין זאך אין דער וועלט, האָבען אויך צוגעגעבען, אז ווען איז אַ שטאָדט. צוליעב דער שטאָדט ווען האָט די מאַמע ארויסגענומען די שבת׳דיגע זיידענע פאַטשיילע. מיין שוועגערין ברכה האָט זיך אויסגעפוצט, ווי צו דער חתונה. זי האָט אָנגעטהאָן איהר שבת׳דיג מלבוש און האָט אויסגעזעהען אינ׳ם פּאַריק מיט די לאַנגע באָמבעלדיגע אויהערינגלעך און מיט איהר רויט קלייענדיג פּנים, אזוי ווי אַ רויטע קאַץ אין אַ שווארצען שלייער. איהר האָט אמאָל געזעהן אַ רויטע קאַץ אין אַ שווארצען שלייער? איך האָב שוין געזעהן. אונזער שכנה פּעסי׳ס קינדער האָבען ליעב מאַכען מיט דער קאַץ אלערליי אָנשטעלען און טהעאַטער־שטיק. די קאַץ האָט ביי זיי, ווי איך האָב אייך שוין אמאָל דערצעהלט, אַ מאָרגנעם צונעמעניש:

אויך נישט געשלאָגען, נאָר מע האָט אונז געוואָלט שלאָגען. מיר זענען שיער נישט געשטאָרבען פאַר שרעק. אַ גליק, וואָס מע האָט אויסגעשאָסען פון אַ ביקס. איך האָב דאָך אייך שוין דער־צעהלט אַ מאָל, ווי אַזוי מיר האָבען גע'גנב'עט די גרעניץ. מיר האָבען עס שוין לאַנג פאַרגעסען. מיר האָבען פיינט געדענקען אַ זאַך. אמת, די ווייבער דערצעהלען נאָך היינט אויך די נסים, וואָס מיט אונז האָט געטראָפען בשעת גנב'ענען די גרעניץ. עס מישען זיך אָבער אריין די מאַנסבילען, איך מיין דאָס מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני, און לאָזען נישט, אַז די ווייבער זאָלען דער־צעהלען. זיי ווילען דאָס אַליין דערצעהלען אַ סך בעסער. אונזער חבר פיני זאָגט: ער מוז דאָס באַשרייבען אויף די גאַזעטען. ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבען דאָס צו באַשרייבען אין אַ ליעדעל. איך האָב אייך, דאַכט מיר, אַמאָל דערצעהלט, אַז פיני שרייבט ליעדלעך. דאָס ליעדעל פון דער גרעניץ הויבט זיך אָן ביי איהם אַזוי:

ראַדזיוויל איז נישט גרעסער ווי אַ געהניץ,
דאָרט גנב'עט מען די גרעניץ,
און מע ווערד באַ'גנב'עט פון קאָפּ ביז פוס,
און מע ווערד באַהאַנדעלט זעהר מיאוס;
מע גיט אַוועק וואָס מע האָט,
און מע זאָגט נאָך דאַנקען גאָט!
מען איז גליקליך, ווי די ראַבע קעז,
וואָס מען איז אַריבער אָהן אַ זעז,
און אָהן אַ קלאָפּ, און אָהן אַ שטורך,
און אָהן אַ מעסער דורך און דורך...

דאָס איז ערשט איין אָנהויב, זאָגט פיני. ווייטער געהט ביי איהם, זאָגט ער, נאָך פיעל שענער! ער האָט געמאַכט, זאָגט ער, אַ באַשרייבונג פון בראָד אויך. און פון קראָקע מיט לעמבערג אויך. און אַלסדינג אין גראַמען. פיני איז דערויף אַ מזיק.

„פייגע־לאה די גבאי׳טע״. זיי האָבען שוין אמאָל אָנגעטהאָן „פייגע־לאה די גבאי׳טע״ א יארמעלקע. עס פארשטעהט זיך, אז זיי האָבען איהר די יארמעלקע אונטערגעבונדען מיט צוויי בענדלעך און האָבען זי געלאָזט לויפען. א חוץ דעם, האָבען זיי איהר אָנ־געהאָנגען אויפ׳ן עק, אפנים, פון שענקייט וועגען, א פלעדערוויש. די יארמעלקע איז געוועזן פאר איהר, ווייזט אויס, א ביסעל צו גרויס, האָט דאָס איהר פארשטעלט די אויגען, און דעם פלעדערוויש קאָן זי נישט ליידען. האָט זיך „פייגע־לאה די גבאי׳טע״ געלאָזט לויפען משוגענערווייז, דראפען זיך אויף די גלייכע ווענט, און האָט אָנגעמאכט ביי אלע שכנים מורא׳דיגע שאָדענס. אי, האָט מען זיי דעמאָלט געקאטעוועט! מעהר פון אלע האָט געהאט ושתי, הערשעל הייסט דאָס, אָט דער, וואָס מיט דער גאָלי אויפ׳ן שטערן. א מאָרנער יונג, אָט דער ושתי! וויפיעל מע זאָל איהם נישט שלאָגען, איז דאָס ווי אין א וואנט. איך בענק נאָך איהם מעהר ווי נאָך אלעמען! עס קאָן זיין, אז מיר וועלען זיך אין גיכען זעהן מיט איהם אין אמעריקע. מיר האָבען געהאט א ידיעה, אז אונזער שכנה פעסי מיט איהר מאן משה דעם איינ־בינדער מיט דער גאנצער חאליאסטרע פאָהרען היינט קיין אמע־ריקע. פריהער האָט זי געלעגט קנויטלעך, וואָס מיר פאָהרען אין אזא ווייט לאנד, און איצט פאָהרט זי אליין אויך אהין. אלע פאָה־רען היינט קיין אמעריקע. אזוי שרייבט אונז אונזער מחותן יונה דער בעקער. ער פאָהרט אויך קיין אמעריקע. ער איז שוין אויף דער גרעניץ. נישט אויף דער גרעניץ, וואָס מיר האָבען גע׳גנב׳עט. אויף איין אנדער גרעניץ. אונזער גרעניץ טויג נישט. אויף אונ־זער גרעניץ גנב׳עט מען אוועק דאָס בעטגעוואנט. אויף אנדערע גרעניצען גנב׳עט מען אויך בעטגעוואנט, נאָר מע פאלט נישט אָן אין מיטען וואלד מיט שארפע מעסערס, ווי מען איז אָנגעפאלען אויף אונז, למשל. עמיגראנטען דערצעהלען, אז ס׳איז פאראן אזעלכע גרעניצען, וואו מ׳ע טהוט אויס נאקעט און מע נעמט־צו וואָס מ׳ע האָט. נאָר שלאָגען שלאָגט מען נישט. אונז האָט מען

ב.

וואָס טהוען מיר אין וויען? גאָרנישט. מיר שפּאַציערען איבער די גאַסען. אי, גאַסען! אי, שטיבער! איהר זאָלט זעהן פענסטער! שפּיעגלען, נישט קיין פענסטער! היינט זאַכען! צאַצקעס! מלבושים! כלים! ציערונג! כמעט ביי יעדען פענסטער שטעלען מיר זיך אוועק שאַצען, וויפיעל סע קאָן אָנטרעפען. מיר, מאַנסבילען, שאַצען, און די ווייבער ווינטשעווען זיך פאַרמאָגען חאָטש האַלב פון דעם, וואָס סע טרעפט אָן די שטאָדט וויען מיט די הייזער און מיט די געוועלבען און מיט די סחורות. צעלאַכט זיך פיני און זאָגט:

— איהר מעגט זיך ווינטשען חאָטש אַ צעהנט־חלק, איז אויך גענוג.

— וואָס אהרט דיך, אז האַלב? דו פאַרגינסט זיי נייעט?

אַזוי זאָגט צו איהם מיין ברודער אליהו און דרעהט זיך דאָס בערדעל. אין דער צייט פון אונזער נסיעה קיין אַמעריקע האָט דאָס בערדעל ביי מיין ברודער אליהו שטאַרק אַ וואַכס געטהאָן. און מאָדנע אַ וואַכס געטהאָן. עפּיס ווי אַ בעזעם. איך בין אַ בעלן געוועזן איהם געבען אַ נעם־אָראָפּ אויף פּאַפּיער. איך האָב אָנומעלטען פיני'ן אויך אָפּגעמאָהלט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער. און מיין שוועגערין ברכה האָב איך אָראָפּגעחאַפּט מיט אַ שטיקעל קרייד אויפ'ן טיש. האָב איך געחאַפּט אַ מיאוס'ען פּסק. זי אליין, ברכה הייסט עס, האָט דערזעהן און האָט זיך דערקענט ווי אין אַ שפּיעגעל. האָט זי צוגערופען מיין ברודער אליהו. האָב איך פון איהם געהאַט! ווען נישט די מאַמע, וואָלט ער מיר געמאַכט דעם טוידט. ער שלאָגט מיך אַלע מאָל, ווען ער דערזעהט מיך מאָהלען. מאָהלען האָב איך ליעב פון קינדווייז אָן. פריהער פלעג איך מאָהלען מיט שוואַרצע קויל אויף די ווייסע ווענט, האָט מען מיך געשלאָגען. נאָכדעם — מיט קרייד אויף דער טהיר, האָט מען

אלסדינג גראמט זיך ביי איהם. אפילו אויף זיין אייגען ווייב טייבעל האָט ער אויך געמאכט א ליעדעל. איך קען עס אויף אויסווענינ:

איך האָב א ווייבעל,
הייסט זי טייבעל,
גוט און שען
און מלא חן,
קיין עין־הרע זאָל נישט שאטען!
איין חסרון —
וויל נישט פאָהרען
צוריק אהיים צום טאטען...

וואָס זאָגט איהר אויף דעם ליעדעל? זאָלט איהר אָבער זעהן, ווי טייבעל בלאָזט זיך! (זי האָט א טבע פון בלאָזען זיך). מיין שוועגערין ברכה נעמט זיך אָן איהר קריוודע. זי רופט פיני'ן „שמד'ילניק". די מאמע רופט איהם „שלים־מזל". זיי קאָנען נישט ליידען, למאי ער מאכט ליעדלעך. מיין ברודער אליהו, פאַר־קעהרט, איז איהם מקנא. ער זאָגט, אז אין אמעריקע איז גראמען און ליעדער א סחורה. מיין ברודער אליהו זאָגט, אז אין אמעריקע וועט ער די סחורה פארצוקערען. מע וועט איהם אין אמעריקע, זאָגט ער, אָפּגילטען. אין אמעריקע זענען דאָ א סך בלעטער מיט א סך אידישע גאזעטען. פיני זאָגט, אז ער ווייסט אליין, אז אין אמעריקע וועט ער מאכען גוט. ער פיהלט, זאָגט ער, אז ער איז באשאפען פאר אמעריקע און אמעריקע איז באשאפען פאר איהם. ער וואָלט שוין געהרען, זאָגט ער, מיר זאָלען שוין זיצען אויפ'ן שיף און שווימען אויפ'ן ים. דערווייל זיצען מיר נאָך אויף דער טרוקעניש און זענען אין וויען.

פּיני מיינט, אַז ער האָט פּאַרריכט. צום סוף האָט ער גע־מאַכט אַ סך ערגער. די מאַמע הערט נישט אויף צו וויינען:

— אוודאי האָט מיין מאַן באַדאַרפט זיין אַ כשר'ער איד, אַ חזן, און געהן יונגערהייד פון דער וועלט, בכדי זיין מיזיניקעל זאָל זיין חלילה אַ שניידער אָדער אַ שוסטער, און נאָך אין אַמעריקע דערצו?...

— שוין? דו וויינסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסען, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען אויגען?

אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו, און די מאַמע הערט באַלד אויף צו וויינען.

ג.

וואָס איך זאָל נישט זיין אין אַמעריקע — אַבי איך זאָל שוין זיין. עס ציהט מיך אהין — סכנות. ביי זיך האָב איך אָפּגע־מאַכט, אַז אין אַמעריקע לערען איך מיך אויס דריי זאַכען: שווי־מען, שרייבען און רויכערען ציגאַרען. די אַלע דריי זאַכען קען איך איצט אויך, נאָר נישט אַזוי גוט, ווי מע קאָן עס קענען אין אַמעריקע. אויף שווימען ווייס איך, אַז איך וואָלט געוועזן אַ בריה, האָב איך נישט געהאַט וואו צו שווימען. ביי אונז אין טייך איז אוממעגליך. ביי אונז אין טייך, אַז איהר לעגט זיך אַוועק מיט'ן בויך אויף דער בלאָטע, זענען די פיס אין דרויסען. אויך מיר אַ טייך! אין אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ ים. דאָרט, אַז איהר לעגט זיך אויפ'ן וואַסער מיט אַ פּענחער, טראָגט דאָס אייך אַוועק צו אַלדי רוחות! שרייבען קען איך אויך, חאָטש קיינער האָט מיך נישט געלערענט. איך שרייב געדרוקטע אותיות פון סדור. איך שרייב אַזוי, אַז ס'איז שווער צו דערקענען. איך מאָהל, נישט איך שרייב. איך וואָלט אָבער אַ בעלן געוועזן שרייבען גיך — קאָן איך נישט. אין אַמעריקע, זאָגט מען, שרייבט מען גיך. אַלסדינג ווערד דאָרטען געטהאָן, זאָגט מען, גיך און געשווינד.

מיך אויך געשלאָגען. איצט מאָהל איך שוין מיט א בליישטיפטעל אויף פאפיער — ווייל מען מיך ווייטער שלאָגען.

— האָסט שוין ווידער גענומען זיך צו די „מענטשעלעך"?...

פאַר מאָהלען שלאָגט מען מיך נישט אזוי, ווי פאַר קנעטען. איך האָב א טבע קנעטען ווייך ברויט און מאַכען פון דעם חזירימ'־לעך. מיין ברודער אליהו אז ער דערזעהט, גיט ער מיר איבער די פינגער. אונזער חבר פיני וויל זיך איינשטעלען פאַר מיר. ער זאָגט:

— וואָס האָסט דו צו איהם? לאָז ער קנעטען, לאָז ער מאָהלען! אפשר איז איהם באַשערט זיין אמאָל א מאָהלער!

מיין ברודער אליהו דערהערט און שיט מיט ווערטער:

— וואָס? א מאָהלער? א מולגעטש? ער וועט שמירגעווען קלויסטערס? וואלגאָזשען ווענט? פליאסקען דעכער? ארומגעהן מיט פארפאטשקעטע הענט, ווי א בעל־עגלה מיט סמאָלע? לאָז ער מיר בעסער זיין א זינגערעל ביי א חזן. אז מיר וועלען קומען, אם ירצה השם, קיין אמעריקע, באשטעל איך איהם ביי א חזן. ער האָט א סאָפראנאָ־שטימע.

— פאַר וואָס נישט ביי א בעל־מלאכה? אין אמעריקע זענען אלע בעלי־מלאכות. אין אמעריקע ארבייטען אלע!

אזוי טהוט זיך אויף א מינוט א זאָג אונזער חבר פיני. חאפּט זיך ארויף אויף איהם די מאמע:

— אזוי? א בעל־מלאכה? מיינע שונאים וועלען נישט דער־לעבען, אז פּייסי דעם חזנ'ס יונגעל זאָל זיין א בעל־מלאכה!

איך זעה, אז די מאמע וויל שוין אָנהויבען וויינען. פיני וויל זיך פארענטפערען. ער זאָגט:

— א מאָדנע אידינע איהר זענט! לְמאי אָט לערנען מיר אין דער גמרא, אז דער תנא רב יוחנן איז געווען א שוסטער. דער תנא רב יצחק איז געווען א שמיעד. אָדער וואָס דארפט איהר א סך? אָט איז מיין פעטער א זייגערמאכער און מיין טאטע א מעכאניק!

היים איך? זאָג איך: מאָטעל. זאָגט ער: מאָטעל קאַפּאָטעל, דראָבעל דראָטעל, יוסף סאָטעל, ארץ קאַנאָטעל. זאָג איך: וואָס הייסט דאָס? זאָגט ער: דאָס הייסט, אַז דו ביזט אַ יאָלד, חאָטש איך אַליין היים אויך מאָטעל. אפשר ביזט דו אַ בעלן אויף אַ גובערנאַטאָר? זאָג איך: פאַר וואָס נישט? זאָגט ער: קום אַהער אַ ביסעל נעהענטער, וועל איך דיר ווייזען. בין איך צוגעגאַנגען. האָט ער מיר געוויזען. בין איך אַנידערגעפאַלען. האָט דערזעהען די מאַמע און געמאַכט אַ גוואַלד. איז געקומען צו לויפען מיין ברודער אליהו און האָט איהם געגעבען!

פון דעמאָלט אָן זענען מיר געוואָרען מיט איהם חבר. ער האָט מיך אויסגעלעהרענט, אַ חוץ דעם „גובערנאַטאָר", נאָך אַ סך זאַכען. אשטייגער, בויכרעדעריי. איהר קענט דאָס? אויסלעהר־נען איך איז אוממעגליך. דערצו דאַרף מען זיין געבאָרען. מע דאַרף האַלטען דאָס מויל צו, נישט ריהרען מיט קיין אבר, און בילען ווי אַ הונט, אָדער חרוקען ווי אַ חזיר, אַזוי, אַז אַלע זאָלען זוכען אונטער'ן טיש. איך האָב געגנוג איבערגעשראָקען אונזערע לייט. מיין שווענערין ברכה, ווייסט איהר דאָך, האָט אַ טבע פון חלש'ען. אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אונטער'ן טיש און אונטער די בעטען. איך האָב מיך אויך אָנגעבויגען זוכען דעם הונט און האָב נישט אויפגעהערט צו בילען. עס איז געווען, זאָג איך אייך, אַ ריינע קאָמעדיע! מיין ברודער אליהו האָט זיך אָבער סוף־כל־סוף געחאַפּט, אַז דאָס וואַכסט פון מיר. האָט ער מיר איינגעטיילט! פון דעמאָלט אָן האָב איך אַוועקגעוואָרפען די קונץ פון בויכרעדעריי.

ד.

מיר וואָלטען פון וויען שוין לאַנג אַוועקגעפאָהרען, ווען נישט דער „אַליאַנץ". ווער איז דאָס דער „אַליאַנץ" — קאָן איך אייך ריכטיג נישט זאָגען. איך הער נאָר, אַז מע רעדט פונ'ם „אַליאַנץ".

חאפּענדיג. מע האָט דאָרט קיין צייט נישט. אַזוי האָב איך געהערט דערצעהלען אונטערוועגנס פון די עמיגראַנטען. איך ווייס כמעט אַלסדינג, וואָס אין אַמעריקע טהוט זיך, נאָך איידער איך בין דאָרט געוועזן. דאָרט פאָהרט מען, זאָגט מען, אונטער דער ערד און מע מאַכט א לעבען. ווי אַזוי מע מאַכט דאָס — ווייס איך נאָך נישט. נאָר איך וועל דאָס גיך וויסען. איך נעם־איבער א זאַך זעהר גיך. אַז איך זעה א מענטשען איין מאָל, מאַך איך איהם נאָך מיט אַלע פּישטשעווקעס. איך האָב אַנומעלטען נאָכגעמאַכט אונזער חבר פּיני, ווי אַזוי ער געהט מיט א טענצעל, און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיגע אויגען, און ווי ער רעדט גיך, זופּט הייסע לאָקשען, האָט זיך מיין שוועגערין ברכה געהאַלטען ביי די זייטען, און די מאַמע האָט אַזש אָנגעהייבען וויינען פאַר געלעכטער. מיין ברודער אליהו אָבער האָט דאָס פיינט. ער לאָזט מיך נישט א קאָפּ אויפהויבען. א מאָדנע זאַך מיט מיין ברידער אליהו! ער האָט מיך ליעב — און שלאָגט מיך, מאַכט מיר דעם טוידט. די מאַמע דערלאָזט איהם נישט, ער זאָל מיך שלאָגען. זי זאָגט צו איהם:

— האָב פריהער אייגענע קינדער, וועסט דו זיי נאָכדעם שלאָגען...

לאָז אָבער פּרובען א פרעמדער מיך אָנריהרען מיט א פינגער, וועט ער יענעם די אויגען אַרויסנעמען. אַנומעלטען האָט איין עמיגראַנט'ס א יונגעל מיר געשטעלט א גובערנאַטאָר. איהר ווייסט, וואָס הייסט שטעלען אַ גובערנאַטאָר? אָט וועל איך אײַך אויסלערנען, ווי אַזוי: מע טהוט אַ נעץ־איין דעם גראָבען פינגער אין מויל און מע דערלאַנגט אײַך אין זייט צווישען די ריפּען און צווישען בויך, דערזעהט איהר זיך מיט'ן מלאך־המות. דאָס יונגעל, וואָס האָט מיר געשטעלט אַ גובערנאַטאָר, איז אַ יונגאַטש פון א יאָהר עלף מיט געשוואָלענע באַקען. האָט ער אַ פּאָר ידים — מעגען זיי איהם אָפּדאַרען! ער האָט זיך געוואָלט מיט מיר באַקענען, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך א פרעג געטהאָן, ווי אַזוי

געפעלט איהר נישט, וואָס אז מע קומט־צו צו א שטוב, דאַרף מען פריהער קלינגען. וואָס אהרט מיך, אז מע קלינגט? אבי מע זאָל עפענען. דער „אָליאַנץ" אָבער עפענט נישט אזוי גיך. איהר מעגט קלינגען צעזעצטערהייד — ער האָט צייט. איהר מיינט, מיר זענען די איינציגע? א חוץ אונז שטעהען דאָ נאָך עמיגראַנ־טען. זיי דאַרפען אויך צום „אָליאַנץ". די עמיגראַנטען קוקען אויף אונז, ווי מיר קלינגען. „קלינגט נאָך אביסעל, אפשר וועט מען אייך עפענען, אפשר האָט איהר מעהר גליק?"... אזוי זאָגען זיי, די עמיגראַנטען, און לאַכען. אפנים, ס'איז זיי גוט אויפ'ן הארצען. אלע מאָל קומען־צו נייע עמיגראַנטען. עס שטעהען אויף דער גאַס שוין א היבש ביסעל עמיגראַנטען: אידען און ווייבער און קליינע קינדער. איך האָב ליעב, אז ס'איז א סך מענטשען. די קליינע קינדער זאָלען נישט איבערשלאָגען מיט זייער געוויין, און די מאַמעס זאָלען זיי נישט שעלטען און פאַר־שטופען די מיילער, וואָלט דאָ געוועזען גאַנץ פריילוך. דאַנקען גאָט, מע האָט געעפענט די טהיר. אלע האָבען זיך געגעבען א לאָז־אריין אויף דערשטיקט צו ווערען. א גליק, וואָס אויף דער טהיר האָט זיך באַוויזען א נפש אָהן א היטעל, מיט א רויט פּנים און מיט א געגאָלטער מאָרדע, און האָט אונז גענומען שליידערען איינ־ציגוויז אין דרויסען ארויס, אזוי ווי די האָלעשקעס. איינע, א ווייבעל מיט א קינד, האָט ער דערלאַנגט אזא וואָרף־ארויס, אז ווען נישט איך מיט מיין ברודער אליהו, וואָלט זי געקליבען די צייהן. זי האָט זיך אזוי אויך איבערגעקעהרט דריי מאָל. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז מיר זענען אריין אלע איינציגוויז איינ־ווענינ אין שטוב אריין. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבען א חתונה — טאַטעניו! אלע ווילען רעדען פריהער. אלע קריכען גלייך צו די טישען. ביי די טישען זיצען מענטשען מיט נאַקעטע קעפּ און מיט געגאָלטע בערד און לאַכען, און רויכערען ציגאַרען. ווער פון זיי איז דער „אָליאַנץ" — ווייס איך נישט. מיין מאַמע ווייסט אויך נישט. זי שטעהט און טענה'ט צו זיי:

אַליאַנץ! אַליאַנץ! אַלע עמיגראַנטען זענען אויפ'ן „אַליאַנץ" בייז! זיי זאָגען, אַז דער „אַליאַנץ" טהוט גאָר נישט ניט. דער „אַליאַנץ", זאָגען זיי, האָט קיין רחמנות נישט אויף אַ מענטשען. דער „אַליאַנץ" האָט פיינט אַ אידען. אַלע טאָג געהען צום „אַליאַנץ" מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני. און קומען צו געהן פון דאָרטען אַלע מאָל ווי פון אַ שוויץ־באָד.

— לאָז ער זיך אָנצינדען! — זאָגט אליהו.

— לאָז ער ברענען, ווי אַ ליכט! — זאָגט פיני.

— לאָזט בעסער מיך זיך אויסשמועסען מיט'ן „אַליאַנץ"! — זאָגט די מאַמע און זי נעמט מיך פאַר אַ האַנט.

מיר געהען אַלע צום „אַליאַנץ": די מאַמע און איך, און אליהו, און פיני, און ברכה, און טייבעל. מיר שטעלט זיך פאָר דער „אַליאַנץ" מיט אַ באָרד און מיט אַ גאַרטעל און מיט אַ הויטער נאָז. פאַר וואָס עפּיס מיט אַ הויטער נאָז — ווייס איך אַליין נישט. למאי דער „ונתנה־תוקף"? דעם „ונתנה־תוקף" האָב איך דען געזעהן אמאָל? פון דעסטוועגען, מאָהלט זיך מיר אויס, אַז איך קען איהם: ער האָט בייזע גלאַנצענדיגע אויגען, טראָגט אַ ברייטען דאַשעק און האַלט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט.

אוי, זענען מיר זיך אָנגעגאַנגען! מיין שוועגערין ברכה האָט געווינטשעוועט דעם „אַליאַנץ", ס'זאָל איהם אַזוי שטעכען אין דער רעכטער זייט, ווי עס שטעכט איהר אין דער לינקער, וואָלט ער זיך נישט פאַרקליבען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר אין עק שטאָדט! קוים מיט צרות זענען מיר געקומען צום „אַליאַנץ". ער זיצט אין אַ שטוב — „אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען". נאָר אָהן אַ הויף. וויען האַלט נישט פון קיין הויפען. וויען האָט ליעב משונה־ברייטע פענסטער מיט אומגעלומפּערטע טהירען. נאָר זיי האַלטען די טהירען פאַרשלאָסען. „זיי האָבען מורא, אַפּנים, מע זאָל זיי נישט אַוועק'גנב'ענען?" אַזוי זאָגט מיין שוועגערין ברכה. טייך, זי האָט שוין געוואָרפען איין אומחן אויף וויען אויך! עס

XVIII

וואונדער פון אַנטווערפּען

— זאָגט מיר, ווער פון אייך איז דאָ דער „אַליאַנץ״? איך האָב געהאַט אַ שאָדען, דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט האָט מען ביי מיר צוגענומען אויף דער גרעניץ, און שיער נישט אומגעבראַכט מיך מיט מיינע קינדער, אָט דאָס זענען זיי, יתומים נעבאַך, מיין מאַן איז געשטאָרבען יונגערהייד, געוועזן אַ חזן כל ימיו...

און ווייטער לאָזט מען זי נישט רעדען אַ וואָרט. איינער ציהט זי ביי דער שאַל און ווייזט איהר צו דער טהיר. ער רעדט אויף אַ לשון, וואָס סע שווער צו פאַרשטעהן. די מאַמע וויל נישט אָפּטרעטען ביז זי וועט נישט באַקומען איהר רעכט. זי זאָגט:

— וואָס רעדט איהר צו מיר אויף דייטש? איהר רעדט בעסער מיט מיר אויף אונזער אייגען לשון, וועל איך אייך אויסדערצעהלען מיין ביטער הארץ... איהר זאָגט מיר נאָר, ווער פון אייך איז דאָ דער „אַליאַנץ״?...

— שווייגער! פאָלגט מיך, קומט לאָמיר געהן. דער אויבער־שטער האָט אונז אויסגעפיהרט ביז אַהער אָהן דעם „אַליאַנץ״, און אָהן דער שטאָדט וויען, וועט ער אונז ווייטער אויך מסתמא אויס־פיהרען. גאָט איז אַ פאָטער.

אזוי זאָגט מיין שווענערין ברכה צו דער מאַמע, און די מאַמע ענטפערט איהר:

— ביזט גערעכט, מיין קינד! קומט לאָמיר געהן! וויען איז אַ שטאָדט און גאָט איז אַ פאָטער...

XVIII

וואונדער פון אַנטווערפּען

א.

איהר האָט געהערט אַמאָל, אַ שטאָדט זאָל הייסען אַנטווערפּען? פאַרהאַן אַזאַ שטאָדט אויף דער וועלט, פאָהרען מיר אַהינצוצו. ווי קומען מיר קיין אַנטווערפּען? ווייל אונזער מחותן, מיין ברודער אליהו'ס שוועהר, יונה דער בעקער, פאָהרט קיין אַמעריקע אויף אַנטווערפּען. דערהערט, אַז איהר טאַטע איז אין אַנטווערפּען, האָט מיין שוועגערין ברכה געגומען שלאָגען: האַלז און נאַקען, מיר זאָלען אויך פאָהרען אויף אַנטווערפּען. פריהער האָט זי פון דער שטאָדט נישט געוואָלט הערען אפילו. דער נאָמען איז איהר נישט געפעלען. איצט האָט זי זיך פאַרליעבט אין אַנטווערפּען! אונזער חבר פיני זאָגט, אַז ער וועט זיך מוזען אָפּטיילען פון אונז. ער וויל בעסער פאָהרען פון וויען גלייך קיין לאָנדאָן. עס ציהט איהם, זאָגט ער, קיין לאָנדאָן. לאָנדאָן, זאָגט ער, שמעקט שוין מיט אַמעריקע: איינגלענדער... געלע האָר... קעסטעלדיגע הויזען... ס'איז גאָר איין אַנדער וועלט!

— פאָהר־זשע דיר געזונטערהייד צו דיינע איינגלענדער מיט די קעסטעלדיגע האָר און מיט די געלע הויזען, און מיר וועלען זיך פאָהרען קיין אַמעריקע אויף אַנטווערפּען.

זי ווייך, האָטש לעגט זי צו צו א מכה. מיט מיר „וואַיעוועט״ זי פון דער ערשטער מינוט נאָך דער חתונה. זי ווייסט, אַז איך האָב זי נישט ליעב. ערגער פון אַלסדינג איז ביי איהר, למאי איך לאָך פון איהר. עס ווייזט זיך איהר רק, אַז איך לאָך זי אוים. אַז איך קוק אויף איהר, הייסט ביי איהר, אַז איך לאַך. איך האָב אייך שוין דערצעהלט, אַז איך האָב ליעב מאָהלען, און אַז מיין ברודער אליהו שלאָגט מיך דערפאַר. האָב איך אנומעלטען אויס־געמאָהלט א פּוס. א מורא׳דיג גרויסען פּוס. מיט קרייד אויף דער ערד האָב איך איהם אויסגעמאָהלט. האָט איהר באַדאַרפט זעהן וואָס ס׳האָט זיך געטהאָן! זי, ברכה הייסט עס, האָט זיך אָנגעטשעפּעט, אַז דאָס האָב איך אויסגעמאָהלט איהר פּוס. פאַר וואָס עפּים איהר פּוס? ווייל קיינער האָט נישט אַזעלכע גרויסע פּיס, ווי ברכה. קאַלאָשען טראָגט זי נומער דרייצעהן. איהר זאָלט זעהן א פּאָר קאַלאָשען!... האָט זי מיר צוגעשטעלט א בעג־קעלע צו מיין ברודער אליהו. האָט זיך מיין ברודער אליהו איף מיר צעשריען, ווי געוויינטליך:

— מענטשעלעך? האָסט זיך שוין ווידער גענומען צו דיינע אַלטע שטיק, מאָהלען מענטשעלעך?...

שוין! פון א פּוס איז שוין ביי איהם געוואָרען א מענטש! און פון א מענטש — „מענטשעלעך״!... מע קאָן פון זיי משוגע ווערען!... איך מוז מיך מודה זיין, אַז וואָס ווייטער ווערד ביי מיר דאָס חולאת פון מאָהלען מענטשעלעך גרעסער און שטאַרקער. איך האָב דערטאַפּט א פאַרביג בליישטיפּטעל. מיר האָט דאָס אוועקגעשענקט איין עמיגראַנט׳ס א יונגעל. אָט דער אייגענער, וואָס האָט מיר באַוויזען, ווי אַזוי מע שטעלט א „גובערנאַטאָר״, און אויסגעלעהרענט מיך די קונץ פון בויכרעדערײ. איך האָב אייך שוין דערצעהלט פון איהם. ער הייסט אויך מאָטעל. רופען מיר איהם מאָטעל דער גרויסער, און מיך רופט מען מאָטעל דער קליינער. מיר זענען געוואָרען חבר גאָר אויף איין אנדער אופן! דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אוועקגעשענקט דאָס פאַרביגע בליי־

אזוי זאָגט מיין שוועגערין ברכה, און פּיני'ס ווייב טייבעל בלאָזט זיך אָן, ווי איין אינדריטשקע. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז זי האָט אַ טבע, באַלד עפּיס — בלאָזט זי זיך אָן און רעדט נישט. פרעגט ביי איהר פּיני: וואָס ביזט דו ברוגז? זאָגט זי, אַז זי האָט פיינט איינגלענדער. זאָגט צו איהר פּיני: דו קענסט זיי דען? וואו האָסט דו געזעהן איין איינגלענדער? זאָגט זי: נו, און דו, וואו האָסט דו געזעהן איין איינגלענדער?

בקיצור, עס בלייבט, אַז מיר פאָהרען אַלע קיין אמעריקע אויף אַנטוועריפּען. ביי מיר מאַכט נישט אויס, מע זאָל פאָהרען אפילו איבער האָצעפּלאָץ — אַבי קיין אמעריקע. איך און אונזער חבר פּיני — מיר ביידע רייסען זיך קיין אַמעריקע מעהר פון אַלע־מען. מיר פּיהלען, אַז אונז וועט דאָרטען זיין גוט, ווי די וועלט. פּיני האָט טענות צו מיין ברודער אליהו. ער זאָגט: מיר פאָהרען און פאָהרען — און שטעהען אויף איין אָרט. זאָגט איהם אליהו: נו, ווער האַלט דיך צו? פאָהר! לויף! פליה! זאָגט פּיני: ווי קאָן איך פליהען, אַז דיין מאַמע וויל זיך באַקענען מיט אַלע קאָמי־טעטען פון דער גאַנצער וועלט?... דערהערט די מאַמע און זאָגט צו פּיני'ן: אַז דו ביזט יאָ אַזאַ חכם, טאָ געב מיר איין עצה, ווי אַזוי זאָלען מיר קומען קיין אמעריקע אָהן בעטגעוואַנט?... דאָ בלייבט שוין פּיני אָהן לשון, און מע ווערד ווידער חבר. אונזער חבר פּיני קאָן זיך מיט אונז נישט צעשיידען. די ווייבער קאָנען אויך נישט לעבען איינע אָהן דער אַנדערער. דאָס הייסט, מע קריעגט זיך אפילו גאַנץ אָפט, מע זאָגט זיך שטעכווערטלעך. עס דערגעהט אַמאָל כמעט צו פּעטש אויך. מע בעט זיך אָבער באַלד איבער. ווען נישט די מאַמע, וואָלט מיין שוועגערין ברכה מיט פּיני'ס ווייב טייבעל קיין לאַנגע גוטפריינדשאַפט נישט אויסגע־האַלטען. עס וואָלט ביי זיי געווען אַלע טאָג צוויי שלייערס אַ גראָשען. איבערהויפּט, מיין שוועגערין. זי זאָגט אַליין אויף זיך, אַז זי איז אַ שוועבעלע. איהר אַז עס קומט אָן די שלעכטע מינוט, וועט זי אייך מאַכען מיט דער בלאַטע. אין אַ ווייל ארום ווערד

אויסגעצייכענט. אזוי ווי איך האָב ליעב. אונזער מחותן יונה דער בעקער איז נאָך נישטאָ. אונזער שכנה פעסי מיט דער חאָ־ליאסטרע — אויך נישט. זיי פאָהרען נאָך. שלעפּען זיך ערגיץ איבער דייטשלאנד. „דייטשלאנד איז סדום!״ אזוי זאָגען די עמיגראַנטען און דערצעהלען זיך אָן מורא׳דיגע מעשיות! אונזער אומגליק מיט׳ן בעטגעוואנט, וואָס מע האָט ביי אונז אוועקגע־לקח׳ענט אויף דער גרעניץ, איז א הונט אקעגען די אומגליקען, וואָס מע הערט זיך אָן פון די עמיגראַנטען. מיר האָבען זיך באַ־קענט דאָ אויף דער סטאַנציע מיט א אידינע פון מעזשביזש, דוקא נישט קיין אלמנה. זי האָט דוקא א מאן, און דוקא אין אמעריקע שוין. זי פאָהרט אָט דאָס צו איהר מאן. שוין באלד א יאָהר, אז זי שלעפּט זיך מיט צוויי קינדער. זי איז אויסגעוועזען וואו די וועלט האָט איין עק. נישטאָ איין שטאָדט, זי זאָל דאָרט נישט זיין. זי האָט זיך איבערגעקריעגט מיט אלע קאָמיטעטען. קוים מיט צרות האָט זי זיך פארשלעפּט אהער, קיין אנטווערפּען, און וויל זיך זעצען אויפ׳ן שיף, לאָזט מען זי נישט. איהר מיינט, זי האָט קאלידיגע אויגען? חלילה! געזונט און שטארק. נאָר זי איז א ביסעל געריהרט פונ׳ם זינען. דאָס הייסט, אזוי, אז איהר וועט מיט איהר רעדען, רעדט זי אלסדינג, ווי א מענטש. נאָר אמאָל טהוט זי אייך א זאָג א וואָרט, קאָן מען בלייבען אָהן א בויך לאַכענדיג. למשל, איהר פרעגט ביי איהר: וואו איז אייער מאן? זאָגט זי: אין אמעריקע. וואָס טהוט ער דאָרטען? זאָגט זי: ער איז דאָרט קייסער... זאָגט איהר דאָך איהר: ווי קאָן א איד זיין א קייסער? ענטפערט זי אייך, אז אין אמעריקע מעג מען... נו, האָט איהר עפּיס צו איהר?... נאָך א זאך האָט זי זיך אריינגענומען אין קאָפּ אריין: זי עסט נישט! אונז הייסט זי אויך נישט עסען. זי זאָגט אונז אָן, מיר זאָלען זיך נישט צוריהרען צו קיין מילכיגס, מחמת דאָס מילכיגס איז דאָ פליישיג. פרעגט ביי איהר די מאמע: נו, און דאָס פלייש? זאָגט זי: דאָס פלייש איז דאָ נישט פליישיג, נישט מילכיג, נאָר פארעווע... שיסען מיר

שטיפּטעל, האָב איך, פאָהרענדיג אין וואַגאָן, איהם אָפּגעמאָהלט אויף פּאַפּיער, אינגאַנצען זיין געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקען. איך האָב איהם באַשוואָרען, ער זאָל דאָס קיינעם נישט ווייזען, וואָרום טאָמער דערוויסט זיך מיין ברודער אליהו, וועל איך האָבען אַ וויסטען סוף. ווי מיינט איהר? אודאי האָט ער דאָס גלייך אָפּגעטראָגען צו מיין ברודער אליהו און האָט איהם געגעבען אַ טהו־אַ־ווייז דאָס געמאָהלעכטס גלייך אין פּנים אַריין.

— דאָס דאַרף זיין מאָטעל'ס אַרבייט! וואו איז ער ערגיץ, דער מוגלעטש מיט די „מענטשעלעך"?

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און זוכט מיך און קאָן מיך נישט געפינען. איך זיץ אונטער דער מאַמע'ס פּלייצעס און ווער שיער נישט דערשטיקט פאַר געלעכטער. קיין בעסערער אָרט אויף צו באַהאַלטען זיך, ווי ביי דער מאַמען, איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

ב.

דאַנקען גאָט, מיר זענען שוין אין אַנטווערפּען. מיר האָבען זיך גוט אָנגעהעצקעט, גענוג אויסגעריסען געוואָרען, אָבער מיר זענען געקומען! וואָס זאָל איך אייך זאָגען — איז דאָס אַ שטאָדט! דאָס הייסט, צו וויען קומט דאָס נישט. מע דאַרף זאָגען „להבדיל"! וואָרום וויען איז פיעל גרעסער, און אפשר שענער אויך. און מענטשען אויך מעהרער. דערפאַר איז אָבער דאָ אין אַנטווערפּען ריין, אַזוי ווי גאָלד. וואָס איז דאָס חדוש? אַז די גאַסען וואַשט מען, די טראָטואַרען פּוצט מען, און די הייזער צוואָגט מען. איך האָב אַליין געזעהן, ווי מע צוואָגט זיי און מע זייפט זיי מיט זייף. דאָס הייסט, נישט אומעדום. למשל, דאָרט, אויף די אכסניות, וואו מיר שטעהען מיט אַלע עמיגראַנטען, איז אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. דאָס הייסט: בלאָטיג, און רויכיג, און נאַס, און גליטשיג, און ענג, און אַ יאַריד מיט אַ טומעל מיט אַ האַרמידער. פריילין.

פון וואנען עס האָט זיך גענומען. אזוי האָב איך געהערט טאקי דאָ אין אנטווערפּען. פון א מיידעל האָב איך עס געהערט. גאָל־דעלע הייסט דאָס מיידעל. זי איז אין מיינע יאָהרען, אפשר עלטער פון מיר מיט א יאָהר. מיט דער גאָלדעלע איז א שענע געשיכטע. זאָל איך אייך דערצעהלען? באקענט האָב איך מיך מיט איהר אין דער „עזרה". נאָר איהר ווייסט דאָך נישט וואָס איז „עזרה". דארף מען אייך קלאָר מאכען. די „עזרה" אין אנטווערפען איז דאָס אייגענע, וואָס דער „אָליאנץ" אין וויען. געמאכט געוואָרען פון אונזערטוועגען, פאר די עמיגראנטען. דער חילוק איז, וואָס דער „אָליאנץ" איז א זכר און די „עזרה" א נקבה. איהר הערט דאָך, אז מע זאָגט דער אָליאנץ, די עזרה. דארפט איהר שוין אליין פארשטעהען דעם אונטערשיעד... הכלל, וויבאלד מיר זענען אָנגעקומען קיין אנטווערפען, זענען מיר געגאנגען גלייך אין דער „עזרה". די „עזרה" איז נישט דאָס, וואָס דער „אָליאנץ". דער „אָליאנץ" ווארפט מענטשען, אזוי ווי האָלעשקעס, און די „עזרה" טרייבט אייך נישט. איהר קאָנט קומען צו איהר ווען איהר ווילט און קאָנט זיך אויסרעדען פאר איהר דאָס הארץ וויפיעל איהר ווילט. אלסדינג, וואָס איהר רעדט, ווערד אריינגעטראָגען אין א בוך. סע זיצט א מיידעל, וואָס מע רופט זי פריילין זייטשיק, און פארשרייבט. זעהר א וואָהל מיידעל. זי האָט מיך געפרעגט, ווי אזוי איך הייס, און האָט מיר געשענקט א צוקערקע. נאָר פון דער פריילין זייטשיק וועל איך אייך דערצעהלען איין אנדערש מאָל. איצט דארף איך אייך זאָגען, ווער איז גאָלדעלע. זי איז פון קוטנע. געקומען איז זי אהער פאר־א־יאָהרען מיט איהר טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער. סוכות־צייט איז דאָס געוועזען. האָבען זיי געהאט, זאָגט זי, א יום־טוב — אויף אלע אידען געזאָגט גע־וואָרען. דאָס הייסט, קיין גליקען האָבען זיי נישט געזוכט, און קיין האָניג האָבען זיי נישט געלעקט. געוואלגערט זיך גלייך מיט אלע עמיגראנטען. נאָר דערפאר האָבען זיי געהאט שיפסקארטען ביז אמעריקע אויף דער גאנצער משפחה, און אויסגעקליידט איז

ארוים אַ געלעכטער אַלע. אַלע, אויסער די מאַמע. די מאַמע וויל נישט לאַכען. די מאַמע וויל בעסער וויינען. זי זאָגט: „אַז אָך און וועה איז צום געלעכטער!" — און זי צעוויינט זיך טאַקי.

— שוין? האָסט שוין לאַנג נישט געוויינט? דו ווילסט, אַז פון אַנטווערפּען שוין זאָל מען אונז אָפּשיקען צוריק אהיים איבער דיינע אויגען?...

אַזוי זאָגט צו איהר מיין ברודער אליהו — און ביי דער מאַמע ווערען אין איין מינוט די אויגען טרוקען. מעהר ווי אויף דער אידינע אַליין האָט די מאַמע רחמנות אויף איהרע צוויי קינדער געבאַך. איך וויים נישט, וואָס די מאַמע באַוויינט אַזוי די קינ־דער? די קינדער זענען, דאַכט זיך, גאַנץ פריילין! אַז זייער מאַמע הויבט אָן רעדען נאַרישקייטען, צעלאַכען זיי זיך. איך האָב מיך מיט זיי גיך באַקענט. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז מע שיקט זיי צוריק אהיים, נאָר זייער מוטער וויל נישט פאָהרען. זי וויל קיין אַמעריקע, צו זייער פאָטער, צום קייסער (חי־חי־חי!). נאַרט מען זי אָפּ און מע זאָגט איהר, אַז מע שיקט זי מיט דער באַהן קיין אַמעריקע (חי־חי־חי!). מע האָט איהר איינגערעדט, אַז עס געהט אַ באַהן פון דאַנען גלייך קיין אַמעריקע (חי־חי־חי!).

ג.

די חדושים, וואָס מע זעהט זיך אָן אין דעם אַנטווערפּען, איז גאָר נישט צום באַשרייבען! אַלע טאָג קומען־צו נייע פּאַרשוינען. צום מיינסטען, מיט קאַלידיגע אויגען. „טראַכאָמעס" רופט מען דאָס. אַמעריקע לאָזט נישט אריין קיין „טראַכאָמעס". איהר מעגט אייך האָבען טויזענד שלאַפקייטען, איהר קאָנט אייך זיין קרום און שטום און וואָס איהר ווילט, אַבי נישט קיין „טראַכאָמעס" אויף די אויגען. פון וואַנען נעמען זיך „טראַכאָמעס"? פון דעם, וואָס מע נעמט זיך אָן. אַמאָל מאַכט זיך, אַז מע ווייסט אַליין נישט,

זאָגט זי, מיט'ן זעלבען בלווישטיין, וואָס ער שמירט אלע איבעריגע קראנקע. ווען זי, גאָלדעלע, פארמאָגט צו קויפען איין אייגענעם בלווישטיין, וואָלט זי זיך שוין לאנג, זאָגט זי, אויסגעהיילט.

— נו, און דיינע טאטע־מאמע? — פרעג איך זי.

— זענען אין אמעריקע. זיי מאכען דאָרט א לעבען. איך האָב פון זיי בריעף. אלע חודש כמעט האָב איך פון זיי א בריוועל. נא זעה, קאָנסט לייענען? לייען מיר!

און זי נעמט־ארויס פון בוזעם א גאנצען פּאק מיט בריוולעך און גיט מיר, איך זאָל זיי איהר לייענען הויך אויף א קול. איך וואָלט דאָס איהר געוויס געטהאָן. קאָן איך אָבער נישט לייענען קיין געשריבענעס. ס'זאָל זיין געדרוקט, וואָלט איך עס געלייענט. לאכט זי פון מיר און זאָגט, אז א יונגעל איז נישט קיין מיידעל. א יונגעל דאַרף קאָנען אלץ אויף דער וועלט! איך האָב מורא, אז זי איז גערעכט. אי, וואָלט איך־א בעלן זיין קאָנען לייענען גע־שריבענעס! אי, בין איך מקנא מיין חבר מאָטעל דעם גרויסען, וואָס ער קאָן לייענען און שרייבען (איך האָב אייך שוין דער־צעהלט פון איהם)! האָט איהם גאָלדעלע געגעבען איבערלייענען די בריוולעך, וואָס מע שרייבט איהר פון אמעריקע. האָט זיי מאָטעל דער גרויסער געלייענט ווי א וואסער. די בריוולעך זענען כמעט אלע געשריבען מיט איין לשון און מיט די זעלביגע ווערטער:

„טהייערע גאָלדעלע, הארציגע גאָלדעלע, לעבען זאָלסט דו! אז מיר דערמאנען זיך דאָ, אין דעם אמעריקע, אז אונזער קינד האָט מען ארויסגעריסען פון אונזערע הענט און דו וואלגערסט זיך דאָרטען אין דער פרעמד צווישען אומבאקאנטע מענטשען, געהט אונז נישט איין דאָ דער ביסען. טאָג ווי נאכט טהוען מיר דאָ קלאָגען און וויינען אויף אונזער ליכטיגען שטערן, וואָס איז צו־גענומען געוואָרען פון אונזערע אויגען..." און אזוי ווייטער.

מאָטעל דער גרויסער לייענט און לייענט, און גאָלדעלע וויינט, ווישט זיך די אויגען. דערזעהט דאָס פריילין זייטשיק, הויבט זי אָן זיך בייזערען אויף אונז, וואָס מיר מאכען זי וויינענדיג.

מען געוועזן בנדי־מלכות. אַלע האָבען געהאַט צו צוויי העמדער און גאַנצע שיך. היינט איז זי געבליבען אינגאַנצען מיט איין העמד און אָהן שיך. ווען נישט דאָס פריילין זייטשיק, זאָגט זי, וואָלט זי גאָר געגאַנגען באָרוויס. דאָס פריילין זייטשיק האָט איהר אַוועקגעשענקט, זאָגט זי, אַ פּאָר שיך פון איהרע אייגענע פיס. נאָך גאַנץ גוטע שיך. אַזוי האָט מיר דערצעהלט גאָלדעלע און האָט מיר באַוויזען די שיך, וואָס דאָס פריילין זייטשיק האָט איהר אַוועקגעשענקט. גאַנץ שענע שיך, נאָר אַ ביסעל צו גרויס אויף איהר... בקיצור, ס'איז אַוועקגעגאַנגען די ערשטע טעג סוכות און שמחת־תורה, ס'איז געקומען די צייט, וואָס מע דאַרף זיך זעצען אויפ'ן שיף. זאָגט מען צו זיי, אַז זיי זאָלען זיך דורכגעהן צום דאָקטאָר. זענען זיי געגאַנגען צום דאָקטאָר. האָט זיי דער דאָקטאָר באַטראַכט און געפונען, אַז זיי זענען אַלע געזונט און שטאַרק און קאָנען פאָהרען קיין אַמעריקע. נאָר זי, גאָלדעלע הייסט עס, קאָן נישט פאָהרען, ווייל זי האָט „טראַכאָמעס" אויף די אויגען. פריהער האָבען זיי גאָר נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס מען עסט דאָס. ערשט שפּעטער האָבען זיי דאָס רעכט צעקיים. דאָס האָט געהייסען, אַז אַלע פאָהרען אַוועק קיין אַמעריקע, נאָר זי, גאָלדעלע, בלייבט איבער דאָ, אין אַנטווערפּען. איז געוואָרען אַ געוויין, אַ יאָמער, אַ קלאָג. די מאַמע האָט גע'חלש'ט דריי מאָל. דער טאַטע האָט געוואָלט בלייבען דאָ, האָט מען נישט געקאָנט. די גאַנצע שיפסקאַרטע וואָלט געגאַנגען פאַרלאָרען. איז געבליבען, אַז זיי פאָהרען אַוועק קיין אַמעריקע, און זי, גאָלדעלע, בלייבט איבער דאָ ביז עס וועלען זיך אויסשטעהן די „טראַכאָמעס" פון איהרע אויגען... און אָט אַזוי, שוין באַלד אַ יאָהר, אַז זי היילט זיך און האָט זיך נאָך נישט אויסגעהיילט. דאָס פריילין זייטשיק זאָגט, אַז דערפאַר היילען זיך נישט אויס איהרע אויגען, ווייל זי וויינט כסדר. נאָר זי, גאָלדעלע, זאָגט, אַז איבער איין אַנדער זאַך היילען זיך איהר נישט אויס די אויגען. איבער'ן בלווישטיין! אַלע מאָל, ווען זי קומט צום דאָקטאָר, שמירט ער איהר די אויגען,

אויף איהם רחמנות געהאַט און האָבען איהם גענומען מיט זיך און געבראַכט צו פיהרען אַהער, קיין אַנטווערפען. דאָ האָט ער זיך ד״ ישלאָגען צו דע ׃זרה״. האָט די „עזרה״ אוועקגעשריבען א בריעף קיין אַמעריקע, טאָמער וועט מען אויפזוכען זיינע עלטערען. וואַרט ער דאָס אויף איין ענטפער און אויף א שיפסקאַרטע. דאָס הייסט, אויף א האַלבע שיפסקאַרטע, מחמת ער איז נאָך א קליי־נער. דאָס הייסט, ער איז נישט אַזוי קליין, ווי ער האַלט זיך קליין. ס׳איז א סברא, אז ער איז שוין בר־מצוה, חאָטש קיין תפילין לעגט ער נישט. ער האָט נישט. זענען געוואָהר געוואָרען עמיגראַנטען, אז מענדעל איז א בר־מצוה־בחור׳על און האָט נישט קיין תפילין, איז געוואָרען א גוואַלד: פאַר וואָס זעהט מען איהם נישט קיין תפילין? זאָגט מענדעל: „פאַר וואָס זעהט מען מיר נישט קיין שטיוועל?״... רופט זיך אָן צו איהם איינער איין עמיגראַנט מיט שאַרפע אויגען: „א דו, שייגעץ! נישט גענוג מע זאָרגט זיך פאַר דיר, ביזט דו נאָך איין עזות־פנים?״... דער עמיגראַנט מיט די שאַרפע אויגען האָט אַזוי לאַנג געאַרבייט, ביז די איבעריגע עמיגראַנטען האָבען זיך צונויפגעלעגט און האָבען איהם געקויפט א פאָר תפילין. אַלסדינג איז צו קריגען אין דעם אַנטווערפען. אפשר מיינט איהר, ס׳איז נישטאָ קיין בתי־מדרשים מיט קיין שוהלען? אָהאָ, נאָך וואָסערע שוהלען! איין שוהל איז דאָ א טערקישע. איהר מיינט, דאָרטען דאַווענען טערקען? ניין! דאָרטען דאַווענען אידען, די אייגענע אידען, וואָס מיר, נאָר אויף טערקיש. דאָס הייסט, פאַרקעהרט. מע פאַרשטעהט נישט איין וואָרט! געפיהרט האָט אונז אהינצו אונזער נייער חבר מענדעל. מיר אַלע דריי, איך און מאָטעל דער גרויסער און מענדעל, זענען געוואָרען חבר. גאַנצע טעג געהען מיר אַרום איבער דער שטאָדט. דאָרט, אין בראָד, אין קראָקע מיט לעמבערג, אָדער אין וויען, פלעגט מיך די מאַמע מורא האָבען אָפּלאָזען פון זיך אויף א טריט. דאָ אין אנטווערפען האָט זי קיין מורא נישט. דאָרט, זאָגט זי, זענען סאַמע דייטשען, און דאָ, אין אַנטווערפען, זענען מיר, זאָגט זי,

און צו גאָלדעלען זאָגט זי, אז זי האָט קיין רחמנות נישט אויף זיך אַליין. זי מאַכט זיך אַ תל פון דעם איבעריגען ביסעל אויגען! ענטפערט איהר דעריויף גאָלדעלע מיט אַ געלעכטער, און טרערען גיסען זיך איהר פון די אויגען:

— אַ תל פון די אויגען מאַכט מיר דער דאָקטאָר מיט זיין בלוישטיין, ערגער ווי איך מיט מיין געוויין...

מיר געזעגענען זיך מיט גאָלדעלען, און איך זאָג איהר צו, אז מאָרגען אין דער צייט וועלען מיר זיך דאָ ווידער אַ מאָל זעהן.

— אם ירצה השם! — ענטפערט גאָלדעלע מיט אַ פרים פנים, ווי איין אַלטע. און מיר ביידע, מאָטעל דער קליינער אין מאָטעל דער גרויסער, לאָזען זיך געהן שפּאַציערען איבער אַנט־ווערפּען.

ד.

מיר, דאָס הייסט, איך מאָטעל דער קליינער, און מיין חבר מאָטעל דער גרויסער, זענען נישט אַליין. מיר האָבען דאָ נאָך אַ חבר. ער איז אַ יונגעל פון אַ יאָהר דרייצעהן און הייסט מענ־דעל. ער איז אויך פאַרבליבען אין אַנטווערפּען, פאָהרענדיג קיין אַמעריקע. נישט איבער די אויגען, נאָר איבער איין אַנדער זאַך. איהם האָט מען פאַרלוירען אויפ'ן וועג, ערגיץ אין דייטשלאַנד. אַ גאַנץ וועג, דערצעהלט ער, האָבען זיי זיך דערהאַלטען די נשמה נאָר מיט הערינג. האָט איהם געברענט אויפ'ן האַרצען. האָט ער זיך אַראָפּגעחאַפּט אויף אַ סטאַנציע חאַפּען אַ טרונק וואַסער, און איז געבליבען שטעקען אָהן אַ בילעט און אָהן אַ קאָפּיקע געלט און אָהן אַ העמד אויפ'ן לייב. און מחמת ער האָט נישט געקענט זייער שפּראַך, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שטומען. האָט מען איהם אויסגעפיהרט וואו די וועלט האָט איין עק, ביז ער האָט דערזעהן אַ פאַרטיע עמיגראַנטען, אידען. איז ער צוגעגאַנ־גען צו זיי און האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה. האָבען זיי

XIX

די כאָליאַסטרע

צווישען מענטשען, צווישען אייגענע. מע הערט רעדען א אידיש ווארט. דאס מיינט זי די עמיגראנטען. לעבען זאלען די עמי־גראנטען! צווישען עמיגראנטען פיהלען מיר זיך טאקי היימיש. ובפרט צווישען אייגענע! אט באלד וועלען מיר האבען געסט. אם ירצה השם, נאך שבת קומט אונזער מחותן, יונה דער בעקער, מיט זיין הויזגעזינד. מיר ווארטען, היינט־מארגען זאל קומען אונזער שכנה פעסי מיט איהר חאליאסטרע. אט דא וועט ערשט ווערען א שמחה. איך וועל אייך, אם ירצה השם, באשרייבען אלסדינג.

XIX

די חאַליאַסטרע

א.

איהר זענט דאָך שוין באַקאַנט מיט דער חאַליאַסטרע. דאָס איז אונזער שכנה פּעסי מיט איהר מאַן דעם איינבינדער (ער הייסט משה), מיט זייערע אַכט קינדערלעך, וואָס יעדער האָט ביי זיי, ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט, איין אַנדער צונעמעניש. דער קלענערער פון אַלע איז אין מיינע יאָהרען (נייען, דאָס צעהנ־טע). מע רופט איהם „ושתי״. דאָס הייסט, דער אמת'ער נאָמען זיינער איז הערשעל, נאָר מחמת ער האָט אַ גאָלי אויפ'ן שטערן, האָבען איהם די עלטערע אַ נאָמען געגעבען „ושתי״. איך האַלט פון „ושתי'ן״. איך האָב איהם ליעב דערפאַר, וואָס ער וויינט נישט. וויפיעל איהר זאָלט איהם נישט שלאָגען, נעמט ער צו ווי אַ שוואָם. עס נעמט איהם נישט קיין קויל. איינמאָל האָט ער צעריסען אַ פּרעמדען סדור, האָט איהם זיין טאַטע, משה דער איינבינדער, געשלאָגען מיט'ן ברעטעל, וואָס מע שניידט אויף דעם פּאַפּיער. „ושתי״ האָט נאָך דעם גוט געקרענקט צוויי טאָג כסדר. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בולקע. מע האָט שוין נישט געהאַלטען פון זיין לעבען. די מאַמע זיינע, אונזער שכנה פּעסי, האָט איהם שוין באַוויינט, און דער פאָטער

פאַרקיהלט און קראַנק געוואָרען... ווי אזוי זי האָט אַלסדינג פאַר־קויפט, אַבי ראַטעווען דעם טאַטען... ווי אַזוי דער טאַטע איז גע־שטאָרבען און זי איז געבליבען איין אלמנה מיט צוויי קינדער יתומים... איינעם האָט זי, ברוך השם, חתונה געמאַכט, אַריינגע־געבען אין אַ שמאַלץ־גרוב... די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבען... נאָכדעם, ווי אזוי מיר האָבען פאַרקויפט דאָס לעצטע שטיקעל חיות, אונזער האַלבע שטוב, און געלאָזט זיך קיין אמעריקע... נאָכדעם, ווי אַזוי מיר האָבען גע׳גנב׳עט די גרעניץ הינטער בראָד, שיער נישט גע׳הרג׳עט געוואָרען אין אַ פינסטערער נאַכט, און האָבען פאַרלאָרען דאָס גאַנצע ביסעל גוטס, דאָס בעט־געוואַנט — וואָס ווען מיר טהון איצט אָהן בעטגעוואַנט אין אַזא ווייט לאַנד?...

אזוי טענה׳ט די מאַמע פאַר דער „עזרה״, און די „עזרה״ הערט, און דאָס מיידעל, וואָס זיצט ביי׳ם טיש (פריילין זייטשיק הייסט דאָס מיידעל), פאַרשרייבט איטליכס וואָרט, וואָס די מאַמע זאָגט, אין אַ בוך אריין. די מאַמע האָט נאָך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען, רופט זיך אָן צו איהר איינער פון דער „עזרה״:

— אַלזאָ, פאָהרט איהר קיין אמעריקע?

זאָגען מיר:

— פאַרשטעהט זיך, נישט קיין יעהופעץ, קיין אמעריקע.

רופט זיך אָן צו אונז יענער, וואָס פון דער „עזרה״:

— זענט איהר שוין געוועזען ביי׳ם דאָקטאָר?

זאָגען מיר:

— וואָסער דאָקטאָר?

רופט זיך אָן צו אונז יענער, וואָס פון דער „עזרה״:

— אָט האָט איהר איין אדרעס. געהט זיך דורך, ראשית חכמה, צום דאָקטאָר, וועט ער באַטראַכטען אייערע אויגען.

דערהערט דאָס וואָרט „אויגען״, טהוט מיין ברודער אליהו אַ קוק אויף דער מאַמען און ווערד טוידט ווי די וואַנט...

וואָס האָט ער זיך אזוי דערשראָקען?...

איז אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ. אַלע האָבען געמיינט, אַז ס׳איז איין עק, אויס „ושתי״! צום סוף — גאָר נישט. אויפ׳ן דריטען טאָג האָט „ושתי״ געבעטען ברויט און געגעסען ווי נאָך אַ תענית. עסען האָבען זיי ליעב אַלע, זיי האַלטען פון דער אכילה. „די הונגעריגע טשערעדע״ — אַזוי רופט זיי די מוטער אַליין, פּעסי הייסט עס. פּעסי איז אַ אידינע זעהר אַ וואָהלע, נאָר אביסעל צו דיק. זי האָט דריי גיידערס. איך האָב זי שוין עטליכע מאָל אַראָפּגעחאַפּט אויף פּאַפּיער. האָט איינמאָל דערזעהן „ושתי״, האָט ער אַרויסגעחאַפּט ביי מיר דאָס געמאָהלעכטס און האָט דאָס באַוויזען אויף אַ ציקאַוועסט דער מאַמע זיינער. האָט זי געלאַכט. איז געוואָהר געוואָרען מיין ברודער אליהו, האָט ער מיר געוואָלט איינטיילען פאַר די „מענטשעלעך״, ווי זיין שטייגער איז. אַ גליק, וואָס פּעסי אַליין האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיר. „אַ קינד, זאָגט זי, מאַכט זיך נאַריש, נישט כדאי זיך אָפּעסען דאָס האַרץ״. לאַנג לעבען זאָל זי, פּעסי. איך האָב זי ליעב. איך האָב נאָר פיינט, אַז זי קושט זיך. אַז זי איז געקומען קיין אַנטוועריפּען, האָט זי מיך אַרומגעחאַפּט קושען, ווי איין אייגען קינד. מיט אַלעמען האָט זי זיך געקושט. מעהר פון אַלע, געוויינטליך, מיט דער מאַמע. די מאַמע אַז זי האָט זי דערזעהן, איז גלייך ווי דעם טאַטען פון יענער וועלט: זי האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז מיין ברודער אליהו איז אָנגעפאַלען אויף פּעסי׳ן, אַז איבער איהר מאַכט די מאַמע אַ תל פון די אויגען און קאָן נישט געהן צום דאָקטאָר... געהן צום דאָקטאָר — דאָס מוז יעדער, ווער עס קומט אהער קיין אַנטווערפּען. דאָס ערשטע, וואָס איינער פרעגט ביי׳ם אַנדערען, איז: „זענט איהר שוין געוועזען ביי׳ם דאָקטאָר?״... „וואָס האָט אייך געזאָגט דער דאָקטאָר?״... אפילו די „עזרה״, אַז מע קומט צו איהר צו געהן, שיקט זי באַלד אָפּ צום דאָקטאָר. אַז מיר זענען געקומען אהין דאָס ערשטע מאָל, האָט די מאַמע נאָר־וואָס געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען די מעשה: ווי אַזוי איהר מאַן איז געוועזען כל ימיו אַ חזן אין דער קצב׳ישער שוהל... ווי אַזוי ער האָט זיך

אויפ'ן וועג האָט ער זיך מיט זיי באַקענט. זיי האָבען אינאיינעם גע'גנב'עט די גרעניץ. קיין נסים ונפלאות, ווי מיט אונז האָט זיך זיי נישט געטראָפּען. הרג'ענען האָט מען זיי נישט געוואָלט, קיין בעטגעוואַנט האָט מען ביי זיי נישט צוגענומען, נאָר זיי זענען גלאַט אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרען. זיי האָבען געהאַט, זאָגען זיי, צו זינגען און צו זאָגען. זיי זענען דורכגעגאַנגען, זאָגען זיי, אַ שוויץ־באָד, אין האַמבורג. וואָס זיי דערצעהלען זיך אָן פון דעם האַמבורג! די האָר שטעלען זיך קאַפּויר! סדום איז אַ הונט אַקעגען האַמבורג! מע באַגעהט זיך דאָרטען, זאָגען זיי, מיט די עמיגראַנטען אַ סך ערגער ווי ביי אונז מיט אַרעסטאַנטען. ווען נישט אָט דער פעלדשער (ביבער), וואָלטען זיי דאָרטען אומגע־קומען. ער איז זיי געשטאַנען אין זייערע נויטען. ער, ביבער, איז אַ גרויסער עזות־פּנים. ער דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט זיך גערעכענט מיט די דייטשען, איז אַ שרעק! ער האָט זיך, זאָגט ער, אויסגעשמועסט מיט זיי דוקא אויף רוסיש. רוסיש, זאָגט ער, קאָן ער גוט. אַ סבֿ־אַ, אַז נאָך בעסער פון אונזער פּיני'ן. פּיני דרינגט, אַז אַלסדינג, וואָס דער ביבער דערצעהלט אונז, וואָלט געווען זעהר שען, ווען ס'זאָל זיין אמת. אונזער חבר פּיני האָט פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרפען איין אומחן אויף דעם פעלד־שער ביבער. ער האָט געמאַכט אויף איהם אַ ליעדעל. אַז פּיני האָט נישט ליעב אַ מענטשען, מאַכט ער אויף איהם אַ ליעדעל. אויב איהר ווילט, קאָן איך עס אייך איבערזאָגען:

אונזער פעלדשער ביבער
איז אַ גרויסער גבור
אויף דערצעהלען זאַכען.
ס'קאָן זיך אַמאָל מאַכען
(פופציג מאָל אַ טאָג),
טהוט ער זיך אַ זאָג
אַ גרויסען ליגען
פון דרך־שלום וועגען.

כ.

שוין, דאנקען גאָט. מיר זענען שוין אַלע געווען ביי'ם דאָקטאָר, נאָר די מאַמע נאָך נישט. די מאַמע וועט זיין שפּעטער. מיין ברודער אליהו האָט מורא. זי האָט די לעצטע צייט צופּיעל געוויינט... דער דאָקטאָר האָט אונז אריינגעקוקט אין די אויגען אריין און אָנגעשריבען אונז עפּיס אויף פּאַפּיער און פּאַר'חתמ'עט אין א קאָנווערט. האָבען מיר זיך תחילת זעהר דערשראָקען. מיר האָבען געמיינט, אַז דאָס האָט ער אונז פאַרשריבען א רפואה צו די אויגען. פרעגען מיר איהם: וואָס האָט ער אונז פאַרשריבען? ווייזט ער אונז מיט דער האַנט אויף דער טהיר. שטויסען מיר זיך, אַז מע הייסט אונז געהן... קומען מיר צו דער „עזרה" און ווייזען איהר דאָס געשריפטס פונ'ם דאָקטאָר. נעמט דאָס מיידעל (פריילין זייטשיק) און עפענט אויף דאָס קאָנווערטעל און לייענט־איבער און מאַכט צו אונז:

— איך קאָן אייך אָנזאָגען א בשורה: דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איהר האָט געזונטע אויגען.

אַודאי איז דאָס פאַר אונז א בשורה! וואָס טהוט מען אָבער מיט דער מאַמע? זי הערט נישט אויף צו וויינען. טענה'ן מיר מיט איהר:

— וואָס טהוסט דו? טאָמער חלילה וועט דער דאָקטאָר פּאַר־בראַקעווען דיר די אויגען?

— הערסט דו? אָט דאָס וויין איך דאָך!...

אזוי ענטפערט די מאַמע און לעגט־צו צו די אויגען א פלעס־טערעל. דאָס פלעסטערעל האָט איהר געגעבען איין עמיגראַנט א פעלדשער. ער איז זעהר נישט קיין שענער. ער האָט משונה־מאָדנע צייהן, נאָר ער בחור'ט זיך. ער טראָגט א מעשענעם זייגער מיט א זילבערנער קייט מיט א רוקער, און א גאָלדען רינגעל אויף דער האַנט. ער הייסט נישט קיין שענעם נאָמען: „ביבער!" געקומען איז ער אהער קיין אַנטווערפּען מיט דער חאַליאַסטרע.

אויף איהם קוקענדיג, קושט זיך מיט זיי דער פעלדשער אויך. פרעגען זיי: ווער איז דאָס? זאָגט ער: איך בין ביבער. שיסט־אויס פיני א געלעכטער... און די מאַמע מייַנע? די מאַמע טהוט זיך איהרם: זי וויינט!... מיין ברודער אליהו עקט זיך. ער קוקט אויף איהר און צופט זיך ביי'ם בערדעל. ער קאָן איהר אָבער איצטער גאָר נישט זאָגען: ס'איז דאָך אייגענע, נישט קיין פרעמדע, מחותנים, און פון איין שטאָדט. פאַר וואָס זאָל מען זי נישט לאָזען א ביסעל זיך אויסוויינען?...

— ווי אזוי האָט איהר גע'גנב'עט די גרעניץ און וואו האָט מען אייך באַנומען?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבען געפרעגט ביי אונזערע מחותנים. און אונזערע מחותנים האָבען פון דעם צו דער־צעהלען גאַנצע פעק! מיר קריכען אָבער נישט אין קאָפּ אריין זייערע מעשיות. איך האָב מיך פארקליבען אין א ווינקעלע מיט מיין שוועגערינ'ס א שוועסטערעל. איך האָב אייך אמאָל דער־צעהלט פון איהר. זי הייסט אַלטע און טראָגט צוויי צעפּלעך, פון אונטען צונויפגעדרעהט, ווי א בייגעל. איהר דאַרפט געדענ־קען, אז מע האָט זי מיר אמאָל גערעדט פאַר א כלה (ביי מיין ברודער אליהו אויף דער חתונה). דעמאָלט איז זי אַלט געווען נייען יאָהר. איצט איז זי שוין אַלט צעהן, דאָס עלפטע. אין איינע יאָהרען מיט גאָלדעלען, מיט דער מיידעל, וואָס איז נעבאך געבליבען זיצען אין אנטוועררפען איבער די אויגען. איך דערצעהל אַלטען פון גאָלדעלען, און פון איהרע קראַנקע אויגען נעבאך, און פון מיין חבר מאָטעל דעם גרויסען, און פון מיין חבר מענדלען, און פון דער „עזרה", און פון דעם פריילין זייטשיק, וואָס שרייבט אין א בוך, און פונ'ם דאָקטאָר, וואָס קוקט אין די אויגען. און פון וויען דערצעהל איך איהר, פונ'ם „אַליאַנץ", וואָס האָט פיינט א אידען, און פון קראָקע מיט לעמבערג דערצעהל איך איהר. און פון דער גרעניץ, ווי אזוי מיר האָבען גע'גנב'עט, און ווי אזוי מיר זענען קוים ארויס מיט'ן לעבען. איך לאָז נישט דורך קיין זאַך.

ג.

ביבער, אָט דער פעלדשער, וואָס איך דערצעהל אייך, האָט זיך אונטערגענומען צו־רעכט מאַכען דער מאַמע די אויגען. ער זאָגט, אַז קיין דאָקטאָר אין דער וועלט וועט נישט געפינען אויף זיי קיין חסרון. ערשטענס, ווייס ער די קונץ נאָך פון דער היים. ער איז אַ פעלדשער, און אַ פעלדשער איז דאָך אַ האַלבער דאָקטאָר. און חוץ לזה, איז ער געוועזען אין „דייטשלאַנד" און האָט זיך צוגעקוקט, וואָס מע טהוט מיט די עמיגראַנטען, זיי זאָלען האָבען געזונטע אויגען. ער זאָגט, אַז מע מאַכט ממש פון בלינד זעהענדיג. פרעגט איהם פיני: „אפשר פאַרקעהרט?"... ווערד ער אין כעס (ביבער איז אַ גרויסער כעסן). ער שיט־אָפּ פיני'ן מיט ווערטער. ער זאָגט, אַז ער איז צו אַ גרויסער חכם! צו קלוג פאַר אַמעריקע! אין אַמעריקע, זאָגט ער, האָט מען פיינט חיטראַקעס! אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואו מע ווייסט נישט פון קיין חכמות. אין אַמעריקע איז געזאָגט — געמיינט, געמיינט — געזאָגט. אין אַמעריקע איז אַ וואָרט אַ וואָרט. אַמעריקע איז, זאָגט ער, געבויעט אויף אמת, און אויף יושר, און אויף גערעכטיג־קייט, און אויף כבוד, און אויף עהרליכקייט, און אויף סאָוועסט, און אויף מענטשליכקייט, און אויף נאמנות, און אויף רחמנות... פרעגט איהם פיני: „און אויף וואָס נאָך?"... ווערד ביבער נאָך מעהר אין כעס! איין עבירה, וואָס מע האָט זיי איבערגעשלאָגען סאַמע אין מיטען שמועס! מען איז אונז געקומען זאָגען, אַז עמיצער פרעגט זיך נאָך אויף אונז אין דרויסען. ווער קאָן עס זיין? מיר געהען אַרויס — געסט! געסט! געסט! אונזערע מחותנים זענען געקומען! יונה דער בעקער מיט דער גאַנצער משפחה. אַ נייע חאַליאַסטרע! ווידער אַ מאָל אַ גדולה: מיין שוועגערין ברכה קושט זיך מיט טאַטע־מאַמע, מיין ברודער אליהו קושט זיך מיט זיין שוועהר און מיט די שוואָגערס. אויף איהם קוקענדיג, חאַפּט זיך פיני אויך קושען מיט אונזערע מחותנים, און

רעטאָנדרע? דערהערט, אז ס'איז שוין נישטאָ קיין רעטאָנדרע, בין איך צופריעדען. איך נעם אַלטען און גען מיט איהר שפּאַציערען. איך באווייז איהר די שטאָדט אנטווערפּען. זי ווערד נישט נתפּעל. זי האָט, זאָגט זי, געזעהן גרעסערע שטעדט. וואָס זאָגט איהר אויף איהר טאַטען? איך פיהר זי אויף די סטאַנציעס, וואו סע שטעהען עמיגראַנטען. איך מאַך זי באַקאַנט מיט מיינע חברים. אַלטע ווערד נישט נתפּעל פון קיין זאַך. זי האַלט זיך גרויס. זי איז אַ גדלנ'טע. זי איז פון תמיד אָן אזוי... שפּעטער געהען מיר אַלע אינאיינעם, אונזער חאַליאַסטרע און זייער חאַליאַסטרע, אין דער „עזרה". דאָרט באַגעגענען מיר זיך מיט אונזער שכנה פּעסי און מיט איהר חאַליאַסטרע. אויך גאָלדעלען זעהען מיר דאָרטען. גאָלדעלע וויל זיך באַקענען נעהענטער מיט אַלטען. אַלטע האַלט זיך מיט איהר פון דער ווייטען. גאָלדעלע פיהרט מיך אָפּ אויף אַ זייט און פרעגט מיך, וואָס איז מיט דעם מיידעל אזוי דער יחוס, וואָס סע שטעהט איהר נישט אָן מיט איהר צו רעדען? דערצעהל איך איהר, אז מע האָט מיר פּאַר־אַ־יאָהרען ביי מיין ברודער אויף דער חתונה געערעדט אַלטען פאַר אַ כלה. ווערד זי רויט, אזוי ווי פייער, און קערעוועט זיך אָפּ אויף אַ זייט און ווישט זיך די אויגען...

ד.

וואָס זאָגט איהר אויף דעם אומגליק, וואָס אונז האָט גע־טראָפען? מיר זענען געוועזען מיט דער מאַמע ביי'ם דאָקטאָר, ער זאָל איהר באַטראַכטען די אויגען. האָט ער איהר באַטראַכט די אויגען און נישט געזאָגט גאָרנישט. ער האָט נאָר אָנגעשריבען אַ צעטעלע און אַריינגעלעגט אין אַ קאָנווערט. האָבען מיר דעם קאָנווערט אוועקגעטראָגען צו דער „עזרה". געקומען צו דער „עזרה", האָבען מיר דאָרט נישט געטראָפען קיינעם נאָך, נאָר איין פריילין זייטשיק, אָט די, וואָס זי פאַרשרייבט אַלע עמיגראַנטען

אַלטע הערט מיך אויס מיט גרויסע אויגען. נאָכדעם דערצעהלט זי מיר, וואָס זיי האָבען געהאַט. ווי אַזוי איהר טאַטע האָט שוין לאַנג געוואָלט פאָהרען קיין אַמעריקע, האָט איהר מאַמע נישט געוואָלט. און נישט אַזוי די מאַמע, ווי די משפּחה. די משפּחה זאָגט, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען האָרעווען, און איהר מאַמע איז דערצו נישט געוואָהנט געוואָרען. איהר מאַמע האָט אַ רעטאָנדע. די רעטאָנדע האָט איהר דער טאַטע געמאַכט נאָך אין די גוטע יאָהרען, אַז זיי האָבען נאָך געהאַט אַ סך געלט. איצט, אַז ס'איז זיי געוואָרען שלעכט, און די בעלי־חובות האָבען אָנגעהויבען צו דעקוטשען, איז געבליבען, מע זאָל פאַרקויפען אַלסדינג און פאָהרען קיין אַמעריקע. אַז ס'איז געקומען צו דער רעטאָנדע, מע זאָל פאַרקויפען די רעטאָנדע, זאָגט די מאַמע: אַלסדינג וועט זי פאַר־קויפען, נאָר נישט די רעטאָנדע. פרעגט זי דער טאַטע: אויף וואָס דאַרפסט דו די רעטאָנדע? אין אַמעריקע דאַרף מען נישט קיין רעטאָנדע! זאָגט איהם די מאַמע: וואָס הייסט, אויף וואָס דאַרף איך די רעטאָנדע? וויפיעל יאָהר האָב איך, זאָגט זי, גע־בעטען גאָט, איך זאָל מיך דערשלאָגען צו אַ רעטאָנדע, קוים דער־לעבט אַ רעטאָנדע, זאָל איך איצט נעמען און פאַרקויפען די רע־טאָנדע? טאָג ווי נאַכט האָט מען געהערט ביי אונז נאָר רעטאָנדע און רעטאָנדע! די גאַנצע משפּחה (פון דער מאַמע'ס צד) זענען זיך צונויפגעקומען. מע האָט זיך געקריעגט און געזידעלט. עס האָט שוין געהאַלטען כמעט ביי צעגעהן זיך, דאָס הייסט, דער טאַטע זאָל זיך גט'ען מיט דער מאַמע, אַלץ איבער דער רעטאָנדע. ווער האָט אויסגעפיהרט? געוויינטליך, די מאַמע! מע האָט די רעטאָנדע נישט פאַרקויפט! מע האָט מיטגענומען די רעטאָנדע, איינגעפּאַקעוועט די רעטאָנדע באַזונדער אין אַ פּעקעל, און ביז מיר זענען געקומען צו דער גרעניץ איז שוין נישט געווען קיין רעטאָנדע...

אַזוי דערצעהלט מיר אַלטע, און ווייטער וויל איך שוין נישט הערען. מיר איז נאָר געגאַנגען צו וויסען, אויב ס'איז נאָך דאָ אַ

זיך. אליהו פרעגט איהם: „פיני! זאָג נאָר, וואו איז דאָס אָט דאָס קאַנאַדע? ביזט דאָך עפּיס אַמאָל געווען אַ מענטש פון געאָגראַפיע"... זאָגט איהם פיני, אַז קאַנאַדע איז אין קאַנאַדע, דאָס הייסט, נישט אין קאַנאַדע, נאָר אין אַמעריקע. דאָס הייסט, ער וויל זאָגען, אַז קאַנאַדע איז טאַקי דאָס אייגענע וואָס אַמעריקע, נאָר פאָרט נישט אַמעריקע. פרעגט איהם אליהו: „ווי קאָן דאָס זיין?" זאָגט איהם פיני: „נו, זעהסט דו דאָך!"... דערווייל דאַרף מען געהן צום שיף באַגלייטען גוטע פריינד, אונזער שכנה פּעסי מיט איהר מאַן דעם איינבינדער (משה הייסט ער) מיט איהר גאַנצער חאָליאַסטרע. וועה־וועה, וואָס סע טהוט זיך ביי'ם שיף! אידען, ווייבער, קינדער, קלומקעס, פּעקלעך, קישענס, זעק מיט בעטגעוואַנט. דער לויפט. דער שרייט. דער ווײנט. דער שוויצט. דער עסט. דער שעלט. פּלוצים הערט זיך אַ קול פון אַ ווילדע חיה, פון אַ וויזעלטיר: ה־ה־ה־ה־ה־ו־ו־ר־ו!!!...

דאָס הודעט מען פון שיף, מע זאָל זיך שוין געזעגענען. עס ווערד אַ לויפעריי מיט אַ קושעריי מיט אַ געוויין — אַ טהעאַטער און גענוג! אַלע געזעגענען זיך. מיר געזעגענען זיך אויך. אַלע קושען זיך. מיר קושען זיך אויך. מיר קושען זיך מיט דער חאָ־ליאַסטרע. די מאַמע קושט זיך מיט אונזער שכנה פּעסי. פּעסי רעדט איהר אויס דאָס הארץ, בעט, זי זאָל גאָר נישט זאָרגען, זיי וועלען זיך, אם ירצה השם, זעהען אין גיכען אין אַמעריקע... די מאַמע מאַכט מיט דער האַנט און שלינגט די טרערען... די לעצטע צייט ווײנט זי אַ סך ווינציגער, ווי פריהער. זי האָט עפּיס איינ־גענומען אַזעלכעס אויף נישט וויינען... דער גאַנצער עולם איז שוין אויפ'ן שיף. מיר זענען אין דרויסען. אַי, זענען מיר זיי מקנא! אַי, בין איך מקנא „ושתי'ן"! אַמאָל האָט ער מיר מקנא געווען. היינט בין איך איהם מקנא!... און „ושתי" שטעהט מיט אַ צעריסען מיצעל אויפ'ן שיף. ער האַלט די הענט אַרונטער און ווייזט מיר אַ צונג. דאָס הייסט, ער וויל מיר געבען אָנצוהערעניש, אַז ער פאָהרט און איך נישט. פאַרדריסט דאָס מיך זעהר, נאָר

אין בוך אריין. האָט זי מיך באַגעגענט מיט אַ געלעכטער. תמיד לאַכט זי, ווען זי זעהט מיך. אַלע מאָל גיט זי מיר איבער אַ גרוס פון גאָלדעלען און לאַכט. עפּענט זי אויף דאָס קאָנווערטעל, טהוט אַ קוק אין צעטעל אריין און הערט אויף צו לאַכען, און פאַרברעכט די הענט. פרעגט ביי איהר די מאַמע: וואָס הערט זיך? זאָגט זי: וואָס זאָל זיך הערען, מיין ליעבע אידינע? ס'איז שלעכט! דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איהר קאָנט נישט פאָהרען קיין אַמעריקע... מיין שווענערין ברכה, ווייסט איהר דאָך, האָט אַ טבע פון חלש'ען, איז זי באַלד געפאַלען חלשות. מיין ברודער אליהו איז געבליבען שטעהן אָהן אַ טראָפּען בלוט אין פּנים. די מאַמע אַליין איז געבליבען אַ פאַרשטיינערטע. זי קאָן שוין אפילו נישט וויינען... דאָס מיידעל (פריילין זייטשיק) האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך וואַסער. זי האָט אָפּגעמינטערט ברכה'ן, געטרייסט אליהו'ן, אויסגערעדט דאָס האַרץ דער מאַמע און געהייסען קומען מאָרגען. אויפ'ן וועג זאָגט איהר מיין ברודער אליהו מוסר, למאי זי האָט געוויינט די גאַנצע צייט, און ער דערמאַנט איהר, וויפיעל מאָל ער האָט איהר געזאָגט, זי זאָל נישט וויינען!... די מאַמע וויל איהם ענטפערען, האָט זי נישט קיין ווערטער... זי קוקט ארויף און בעט גאָט: „טהו מיט מיר, רבונו של עולם, אַ חסד און מיט מיינע קינדער, און נעם מיך צו פון דער וועלט!"... אונזער חבר פּיני דרינגט, אַז איננאַנצען איז דאָ שולדיג אָט דער ליגנער, אָט דער פעלדשער ביבער. אַ גאַנצען טאָג מיט אַ גאַנצע נאַכט הערט מען נישט אויף צו עסען איינס דאָס אַנדערע, ביז עס קומט מאָרגען. אויף מאָרגען געהען מיר ווידער צו דער „עזרה". גיט אונז די „עזרה" איין עצה, אַז מיר זאָלען זיך פּרובען פאָהרען איבער לאָנדאָן. אפשר וועט לאָנדאָן דורכלאָזען די מאַמע מיט איהרע פאַרוויינטע אויגען קיין אַמעריקע. אָדער אויב נישט קיין אַמעריקע, איז חאָטש קיין קאַנאַדע... וואו איז קאַנאַדע — ווייסען מיר נישט. מע זאָגט, אַז ס'איז נאָך ווייטער פון אַמעריקע... מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני האָבען דערוויייל איבער וואָס צו קריגען

XX

די חאַליאַסטרע ווערד צעקראָכען

איך נעם מיך אָן מיט הארץ און שטעל איהם אַרויס אַ פײג:
„נאַ דיר!“... דאָס הייסט אַזוי גרוים, ווי איך וואָלט איהם זאָגען:
„ושתי! אַזאַ מכה דיר און אַזאַ שטיק גאָלד מיר, ווי איך וועל אין
גיכען זיין אין אַמעריקע!“...

אָ! איהר זאָלט גאָר נישט זאָרגען — איך וועל אין גיכען
זיין אין אַמעריקע!

XX

די חאַליאַסטרע ווערד צעקראַכען

א.

וואָס א טאָג, וואָס אַ טאָג ווערד די חאַליאַסטרע עמיגראַנטען קלענער, און אַנטווערפּען ווערד א פּוסטקע. שבת מיט'ן שיף פאָהרען־אָפּ א גוזמא עמיגראַנטען, אַלע קיין אַמעריקע. מיט זיי פאָהרט אַוועק אויך מיין חבר מאָטעל, דאָס איז מאָטעל דער גרויסער, אָט דער, וואָס האָט מיך אויסגעלעהרענט שטעלען א גובערנאַטאָר, די קונץ פון בויכרעדעריי און נאָך אַזעלכע זאַכען. איך וויים נישט, וואָס האָט אין איהם דערזעהן אַזעלכעס מיין ברודער אליהו, וואָס ער האָט איהם פיינט. איך מיין, אַז דאָס וואַכסט פון ברכה'ן. מיין שוועגערין ברכה האָט א טבע זיך אונטערהערען, וואָס מע רעדט, און צוקוקען זיך, וואָס מע לאַכט. ס'איז איהר עסק, וואָס מיר לאַכען. אפשר לאַכען מיר פון אונזער פּיני'ן, אליהו'ס חבר, וואָס ער שלעפּט לעקאַך פון די קעשענעס מיט צוקערקעס און עסט? אָדער אפשר גאָר פון ביבער דעם פעלדשער, ווי אַזוי ער באַריהמט זיך פאַר דער חאַליאַסטרע עמיגראַנטען, האָקט אַזעלכע שקרים, אַז מע קאָן בלייבען אָהן א בויך לאַכענדיג?

מאָהלט אייך, איצטיגס מאָל איז זי גערעכט געווען. מיר האָבען געמאַכט א גאַנצע קאָמעדיע פון איהר מאַמע, ריוועלע די

— פאַרשטעהט זיך, להבדיל! אז איך רעד פון מיין רעטאָנדרע, פאַהרט איהר מיר אריין מיט אייער בעטנעוואַנט, מיט אייערע קישענס!

זאָגט איהר די מאמע:

— ביי מיר איז דען גנבה׳שע קישענס?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— גנבה׳שע נישט גנבה׳שע, איך בין צוקאָפּענס נישט געשטאַנען.

און ווידער א מאָל דאָס אייגענע און אָבער א מאָל דאָס אייגענע!

דאַרף מען טהעאַטער?

ב.

פאַרשטעהט זיך, אז מיר ביידע, דאָס הייסט, איך מאָטעל דער קליינער, און מיין חבר מאָטעל דער גרויסער, האָבען זיך דעם זעלבען אויפדערנאַכט אוועקגעזעצט און האָבען געמאַכט אזא מין אָנשטעל: ווייסט דו וואָס? איך וועל זיין ריוועלע די בעקערין, און דו וועסט זיין די מאמע דיינע, און לאָמיר מאַכען די אייגענע שפּיעל, וואָס זיי. נאָר וואָס דען? מיט׳ן אייגענעם לשון און מיט׳ן אייגענעם קול: איך וועל רעדען גראָב, ווי ריוועלע די בעקערין, און דו — מיט א וויינענדיג קול, ווי די מאַמע דיינע.

און ביידע מאָטלעך האָבען זיך פאַרשטעלט. איינער האָט אָנגעטהאָן א פאַריק, דער אנדערער א פאַטשיילע. צונויפגערופען חברה: מענדעל דאָס בר־מצוה־יונגעל, אונזער מחותנ׳ס טעכטערעל אלטע, גאָלדעלע מיט די קאַלי אויגען, און נאָך יונגלעך און מיידלעך פון דער חאַליאַסטרע עמיגראַנטען. און מיר האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט:

מ אָ ט ע ל ד ע ר ק ל י י נ ע ר (מיט א וויינענדיג קול):

אוי, מחותנת׳טע! ווען איך זאָל וועלען אזוי פיעל רעדען פון מיין

געקערין מיט דער רעטאָנדע. טאָג ווי נאַכט רעדט זי פֿון דער רעטאָנדע, וואָס מע האָט ביי איהר אַוועקגע׳גנב׳עט אויף דער גרעניץ, דאָס מויל מאַכט זיך איהר נישט צו!

מאָהלט אייך, אַז מיין מאַמע קאָן זיך שוין נישט איינהאַלטען און זאָגט צו איהר:

— אוי, מחותנת׳טע! ווען איך זאָל וועלען אַזוי פֿיעל רעדען פֿון מיין בעטגעוואַנט, פֿון מיינע קישענס, וואָס מע האָט ביי מיר צוגענומען אויף דער גרעניץ, ווי איהר פֿון אייער רעטאָנדע!...

זאָגט ריוועלע די בעקערין מיט איהר מאַנסבילשער שטים:

— זאָגט חאָטש להבדיל!

זאָגט איהר די מאַמע:

— ביי מיר איז דען גנבה׳שע קישענס?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— גנבה׳שע נישט גנבה׳שע, איך בין צוקאָפּענס נישט גע־שטאַנען.

זאָגט איהר די מאַמע:

— איך פֿאַרשטעה נישט, מחותנת׳טע, וואָס איז ביי אייך פֿאַר א לשון?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— וואָסער א גוט־מאָרגען, אַזאַ גוט־יאָהר.

זאָגט איהר די מאַמע:

— מחותנת׳טע! מיט וואָס האָב איך דען אָנגעריהרט אייער האָנאָר?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

— ווער זאָגט דען, אַז איהר האָט מיר אָנגעריהרט דעם האָנאָר?

זאָגט איהר די מאַמע:

— וואָס זשע זאָגט איהר „להבדיל"?

זאָגט ריוועלע די בעקערין:

טאַטען יונה דעם בעקער, מיט זייערע „בנים״, מיין מאַמע, מיין ברודער אליהו, אונזער חבר פּיני מיט זיין ווייב טייבעל, ביבער דער פעלדשער מיט די געלע צייהן און נאָך אידען און ווייבער — א גאַנצע חאַליאַסטרע! דאָס ערשטע האָט מיין שוועגערין ברכה מיר צוגעשטעלט א בענקעלע פאַר אַלעמען, אַז איך מאַך־נאָך דער גאַנצער וועלט. זי האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך אין מיר נוקם זיין. די גאַנצע וועלט האָט זיך אָבער נישט געוואָלט נוקם זיין אין מיר. פאַר מיר איז געווען גענוג מיין ברודער אליהו אליין. מיין ברודער אליהו האָט א טרוקענע האַנט מיט דאַרע פינגער. אַז ער וואַרפט אייך אויף א פּאַטש היינט פאַר־נאַכט, בלייבט ביי אייך א סימן אויף דער באַק ביז איבערמאָרגען אין דער פריה.

„מע דאַרף אָט די צוויי מאָטעלס צעשיידען!״ — אַזוי האָט גע׳פּסק׳עט ברכה, און מיין ברודער אליהו האָט מיר אָנגעזאָגט מיט׳ן הארבען וואָרט, אַז טאָמער דערזעהט ער אונז אינצווייען, מאַכט ער פון מיר א מאָצינקע! איך וואָלט וועלען זעהן, ווי אַזוי ער וועט דאָס מאַכען פון מיר א מאָצינקע? ער פאַרגעסט, אַז ס׳איז דאָ א מאַמע אויף דער וועלט, וואָס וועט גיכער לאָזען זיך ארויסנעמען די קאַלי אויגען, איידער דערלאָזען, מע זאָל פון מיר מאַכען א מאָצינקע.

ד.

מיט דער מאַמע׳ס אויגען איז נישט אין בעסטען. דאָס הייסט, נישט גוט. זעהר נישט גוט! מע זאָגט, אַז מע וועט זי נישט ארויפלאָזען אויפ׳ן שיף פאַר קיין מיליאָן אפילו. מע דאַרף אַנט־לויפען פון אַנטווערפען. אין אַנטווערפען זענען דאָקטוירים רשעים! זיי קוקען אין די אויגען אריין. ווייבאַלד זיי געפינען ביי אייך אויף די אויגען „טראַכאָמעס״, אַזוי חאַפּט זיי אוועק דער רוח. נישטאָ ביי זיי נישט קיין כבוד, נישט קיין רחמנות! מיר וועלען מוזען פאָהרען קיין אַמעריקע דורך איין אַנדער וועג.

בעטגעוואַנט אין פֿון מיינע קישענס, וואָס מע האָט ביי מיר צוגע־
נומען אויף דער גרעניץ, ווי איהר פֿון אייער רעמאַנגרע!...

מאַטעל דער גרויסער (מיט אַ גראָבער שטימע):
זאָגט חאָטש „להבדיל“.

מאַטעל דער קליינער: ביי מיר איז דען גנבה'שע
קישענס?

מאַטעל דער גרויסער: גנבה'שע נישט גנבה'שע,
איך בין ציקאַפּענס נישט געשמאָגען.

מאַטעל דער קליינער: איך פֿאַרשטעה נישט,
מחותנת'טע, וואָס איז ביי אייך פּאַר אַ לשון?

מאַטעל דער גרויסער: וואָסער אַ גימנאַזיסט,
אַזאַ גומריאַדר.

מאַטעל דער קליינער: מחותנת'טע! מיט וואָס
האָב איך אַנגעריהרט אייער האַנאָר?

מאַטעל דער גרויסער: וועה זאָגט דען, אַז איהר
האָט מיר אַנגעריהרט דעם האָנאָר?

מאַטעל דער קליינער: וואָס ושע זאָגט איהר
„להבדיל“?

מאַטעל דער גרויסער: פֿאַרשטעהט זיך, להבדיל!
אַז איך רעד פֿון מיין רעמאַנגרע, פֿאַרדט איהר מיר אַריין מיט
אייער בעטגעוואַנט!

מאַטעל דער קליינער: ביי מיר איז דען גנבה'שע
קישענס?

מאַטעל דער גרויסער: גנבה'שע נישט גנבה'שע,
איך בין צוקאַפּענס...

ג.

נעה רינט זיך, אַז אַלוראַט איפּ'ן וואָרט „ציקאַפּענס“ וועט
זיך עפֿענען די מהומה אין עס וועלען זיך באַווייזען געסט: מיין
שוועגערין ברכה מיט איהר מאַמע ריוועלע די בעקערין, מיט איהר

פּאַטער און מוטער זענען זענען אין אַמעריקע שוין העכער אַ יאָהר און זי זיצט דאָ, אין אַנטוואָרפּען, צוליעב די אויגען. דערהערט, אַז אונ־זערע מחותנים פּאָהרען־אַוועק, האָט זי געוואָלט געהן טאַנצען. וואָס איז די מעשה? זי האָט פיינט אַלטען, אָט די, וואָס מע האָט זי מיר גערעדט אַמאָל פאַר אַ כלה. זי האָט זי פיינט פאַר איהר גדלות. גאָלדעלע האָט פיינט אַ מענטשען, וואָס בלאָזט פון זיך.

— דיין כלה מיט די רויטע צעפּעלעך קאָן איך נישט אָנקוקען: זי איז אַ גדלנ׳טע!

אַזוי זאָגט צו מיר איינמאָל גאָלדעלע, און דאָס פּנים ברענט איהר ווי איין אויוועז.

— פון וואַנען האָבען זיך גענומען ביי אַלטען רויטע צעפּעלעך, אַז זי האָט גאָר שוואַרצע?

אַזוי זאָג איך צו גאָלדעלען. ווערד זי נאָך מעהר אין כעס, וויינט און זאָגט צו מיר:

— רויטע! רויטע! רויטע!...

גאָלדעלע, אַז זי איז בייז, דאַרף מען זי לאָזען צו־רוהה, ביז עס געהט איהר אָפּ דער כעס. און אַז עס געהט איהר אָפּ דער כעס — איז זי גאָלד און זילבער! מיט מיר איז זי טאַקי נאָר ווי אַ שוועס־טער. אַלסדינג דערצעהלט זי מיר: ווי אַזוי זי האָרעוועט אויף דער סטאַנציע, קעהרט די שטובען, האָרעוועט די עופות, פּאַרוויעגט די קינדער (די בעל־הבית׳טע, וואו זי שטעהט, האָט אַ צייט נישט געהאַט קיין קינדער; איצט האָט זי גאָט געבענטשט מיט אַ צווילינג). הײַנט דערצעהלט זי מיר, ווי אַזוי זי געהט צום דאָק־טאָר אַלע טאָג זיך קורירען די אויגען; ווי אַזוי דער דאָקטאָר שמירט זי מיט׳ן זעלבען בלוישטיין, וואָס ער שמירט אַלע איבעריגע קראַנקע.

— אוי, ווען גאָט העלפט מיר איין אייגענעם בלוישטיין, וואָלט איך אפשר קאָנען אַמאָל זעהן מיין טאַטע־מאַמע...

אַזוי זאָגט גאָלדעלע מיט טרערען אויף איהרע קראַנקע אויגען. עס רייסט מיר אוים אַ שטיק האַרץ. איך קאָן נישט הערען, ווי

דורך וואַסער א וועג — ווייסען מיר נאָך נישט. ס׳איז דאָ וועגען געגנוג. הלואי וואָלט נאָר געווען מיט וואָס צו פאָהרען. ס׳איז א סברא, אז ביי מיין ברודער אליהו אין קעשענע טאָגט שוין. דער גאַנצער מאַיאָנטעק פון אונזער האַלבער דירה איז ביי אונז אוועק אויף די דאָקטוירים מיט די פעלדשערעס — אַלץ צוליעב דער מאַמע׳ס אויגען. איך האָב געחאַפּט א וואָרט פון מיין ברודער אליהו און פון זיין חבר פיני: „הלואי מיר זאָלען זיך חאָטש דער־שלעפּען ביז לאָנדאָן!״... אודאי וואָלט איך בעסער וועלען גלייך קיין אמעריקע, איידער קיין לאָנדאָן. אונזער שכנה פעסי די גראָבע מיט איהר גאַנצער חאַליאַסטרע איז שוין לאַנג אין אמעריקע. זיי מאַכען שוין דאָרט א לעבען. ושתי (הערשעל מיט דער גאָלי) געהט שוין דאָרט אַרום שפּאַציערען מיט די הענט אין די קעשענעס איבער אַלע גאַסען און קנאַקט ניסלעך. אונזערע מחותנים — יונה דער בעקער, ריוועלע די בעקערין, מיט די „בנים״, מיט מיין כלה אַלטע — האָבען זיך נישט געקאָנט דערוואַרטען אויף מיין מאַמע׳ס אויגען און זענען אוועקגעפאָהרען קיין אמעריקע אָהן אונז. אוי, אוי, אוי, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטהאָן יענעם טאָג אין אַנט־ווערפען! מיר האָבען נישט געלאָזט די מאַמע, זי זאָל זיין ביי׳ם שיף, וואָרום אַז זי וועט זיך דאַרפען געזעגענען מיט די מחותנים, וועט זי וויינען און דערוויייל באַגראָבען דאָס איבעריגע ביסעל אויגען. וואָס האָבען מיר גע׳פּועל׳ט? האָט זי נאָך מעהר גע־וויינט. זי טענה׳ט, אַז מע נעמט צו ביי איהר דאָס איינציגע שטיקעל חיות — חאָטש אויסוויינען זיך די צרות, גרינגער מאַכען דאָס האַרץ!... נאָר ווער הערט זי?

ה.

ווייסט איהר, ווער ס׳איז צופריעדען מיט׳ן אָפּפאָהרען פון אונזערע מחותנים? איהר וועט קיינמאָל נישט טרעפען — גאָל־דעלע! אָט דאָס מיידעל, וואָס מיט די קאָלי אויגען, וואָס איהר

איך אַנגעשמועלט מאָל און אויהערען. היינט, אז איך דערהער דאָס וואָרט פּאָגראָם, — אנטלויף איך. איך האָב בעסער ליעב פריילינע מעשיות. איז אָבער נישטאָ ווער ס׳זאָל דערצעהלען עפּיס פריילינעס. געוועזן איין פעלדשער ביבער אַ פריילינער פאַרשוין, אפילו אַ גרויסער ליגנער, איז ער שוין אויך אין אמעריקע.

— ער האָט דאָרט שקרים אויפ׳ן פוד! — אזוי זאָגט אונזער חבר פיני.

— מ׳ע וועט איהם דאָרט לאַנג נישט לאָזען האָקען שקרים. האָב קיין מורא נישט. אין אמעריקע האָט מען פיינט אזעלכע... אין אמעריקע איז אַ ליגנער ערגער פון אַ משומד!...

אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו, און ברכה פרעגט איהם: פון וואַנען ווייסט דו? הויבט זיך אָן ביי אונז אַ חתונה: איך און פיני האַלטען מיט אליהו׳ן, טייבעל האַלט מיט ברכה׳ן. וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר.

מיר מאַנסבילען: אמעריקע איז אַ לאַנד פון גאָלע אמת!...

זיי, די ווייבער: אמעריקע איז אַ מדינה פון סאַמע ליגנערס!...

מיר מאַנסבילען: אמעריקע איז געבויט אויף אמת, יושר און רחמנות!...

זיי, די ווייבער: גנבה, גזילה, שאַרלאַטאַנעס!...

אַ גליק, וואָס סע מישט זיך אַריין די מאַמע. זי זאָגט:

— קינדערלעך, וואָס דאַרפט איהר זיך קריעגען איבער אמעריקע, אז מיר זענען נאָך אין אַנטוועדפען?

זי איז זעהר גערעכט. מיר זענען נאָך אין אַנטוועדפען. אָבער נישט אויף לאַנג. אָט־אָט פאָהרען מיר אַוועק קיין לאָנדאָן. אַלע צופאָהרען זיך פון דאַנען, אַלע עמיגראַנטען, די גאַנצע חאַליאַסטרע.

וואָס וועט זיין מיט אַנטוועדפען??!

זי רעדט פון טאַטע־מאַמע. איך קאָן נישט זעהען, ווי זי וויינט. איך זאָג צו איהר:

— ווייסט דו וואָס, גאָלדעלע? אָט פאָהר איך קיין אַמעריקע. איך וועל מאַכען דאָרט אַ לעבען, וועל איך דיר צושיקען פון דאָרט אַ בלוישטיין.

— דו נאַרסט מיך נישט אָפּ? שווער מיר ביי דיין הייליגע נאמנות.

אַזוי זאָגט צו מיר גאָלדעלע, און איך שווער איהר ביי מיין הייליגע נאמנות, אַז איך וועל זי נישט פאַרגעסען. אַז גאָט וועט מיר העלפען, איך וועל נאָר אָנהויבען מאַכען אַ לעבען אין אַמעריקע, אַזוי שיק איך איהר באַלד אַרויס אַ בלוישטיין.

ו.

איך ווייס שוין פאַר געוויס, אַז מיר פאָהרען שבת אין דער פריה קיין לאָנדאָן. מיר גרייטען זיך שוין אין וועג אַריין. מיין מאַמע מיט מיין שווענערין ברכה מיט אונזער חבר פיני'ס ווייב טייבעל געהען פון איין סטאַנציע אין דער אַנדערער זיך געזעגענען מיט דער חאַליאַסטרע עמיגראַנטען. נישט אַזוי דאָס געזעגענען, ווי אויסרעדען זיך דאָס הארץ פאַר מענטשען. וואָס לאָזט זיך אויס? מיר זענען גאָר מאָנאַרכען קעגען אַנדערע עמיגראַנטען. ס'איז פאַראַן אין דער חאַליאַסטרע אַזעלכע מאָדנע שלים־מזל'ען, וואָס זענען אונז מקנא. זייערע צרות איז גאָר נישט איבערצו־דערצעהלען. אַלע זענען געווען אין דער היים שענע בעלי־בתים. אַלע האָבען פאַרמאָגט אַלדאָס גוטס. אַלע האָבען געהאַט שטענדיג אַ טיש פאַר אָרעמע לייט. אַלע ווינטשען זיך פאַרמאָגען, וואָס מענטשען האָבען ביי זיי צוגענומען. אַלע האָבען געטהאָן די שענסטע שדוכים. היינט זענען זיי אַלע שלעפּערס. מאָדנע ברואים! מיר האָבען זיך שוין צוגעגעסען זייערע מעשיות. פריי־הער, אַז איך פלעג הערען, מע דערצעהלט פון אַ פּאָגראָם, האָב

XXI

זײַ געזונט, אנטווערפּען !

XXI

זיי געזונט, אַנטווערפּען!

א.

קיין שטאָדט האָט מיר אַזוי נישט באַנג געטהאָן אַוועקצו־וואַרפען, ווי די שטאָדט אַנטווערפּען. און נישט אַזוי די שטאָדט, ווי די מענטשען. און נישט אַזוי די מענטשען פון אַנטווערפּען, ווי די חאַליאַסטרע עמיגראַנטען. און נישט אַזוי די חאַליאַסטרע אַליין, ווי מיינע חברים און חבר'טעס. אַ סך זענען זיך צעפּאָהרען פריהער. ושתי, אַלטע, מאָטעל דער גרויסער — די זענען שוין לאַנג אין אַמעריקע, מאַכען אַלע אַ לעבען. געבליבען איז נאָר מענדעל דער בר־מצוה־בחור (ברכה האָט איהם געשענקט אַ צונעמעניש „דער לאָשעק”). און גאָלדעלע דאָס מיידעל מיט די קאַלי אויגען איז געבליבען. ווייטער קיינער נישט. וואָס וועט טהון די „עזרה”, די וואָס העלפט די עמיגראַנטען? וועמען וועט זי העלפען? עס טהוט מיר באַנג אַנטווערפּען. איך וועל בענקען נאָך אַנטווערפּען. אַ וואָהלע שטאָדט, וואָהלע מענטשען. אַלע האַנדלען מיט בריליאַנטען. אַלע טראָגען זיך אַרום מיט שטיינער. אַלע קענען די מלאכה: שניידען, קליוען, שלייפען שטיינער. וועמען איהר באַגעגענט, איז ער אָדער אַ שטיינשניידער, אָדער אַ קליווער, אָדער אַ שלייפער. אַ סך יונגלעך פון אונזער חאַליאַסטרע

ב.

אָנגעדענקען זיך אַלע ליעדלעך, וואָס פיני מאַכט, דאַרף מען האָבען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. מיין ברודער אליהו קווילעט זיך מיט איהם דערפאַר. אליהו זאָגט, טאָמער ווערד מען געוואָהר אין דער „עזרה", אַז מיר מאַכען ליעדלעך אויף אַנטוווערפען, טרייבט מען אונז אַרויס פון דאָרטען. און מיר קוקען־אַרויס אויף דער „עזרה" פאַר אונזער אוועקפאָהרען, זי זאָל אונז עפּיס העלפען. מיר געהען צו איהר אַלע טאָג. מיר זענען דאָרט היימישע מענ־טשען. דאָס מיידעל, וואָס שרייבט אין בוך, דאָס פריילין זיי־טשיק, קען אונז אַלע ביי די נעמען. מיך האָט זי ליעב, ווי אַ קינד. מיט דער מאַמע איז זי ווי אַ שוועסטער. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז אפילו ברכה זאָגט, אַז פריילין זייטשיק איז אַ גלגול פון אַ אידיש מיידעל מיט אַ אידישער נשמה. די גאַנצע חאַליאַסטרע עמיגראַנטען האָבען זיך פאַרליעבט אין איהר. און נאָר דערפאַר, וואָס זי רעדט צו זיי אויף אידיש, נישט אויף דייטש. ווייטער רעדען זיי אין אַנטוווערפען אַלע דייטש, חאָטש גיב זיי אַ קרענק! פיני זאָגט אפילו, אַז דאָס לאַנד געהער נישט צו קיין דייטשען, און די אידען וואָלטען געמעגט רעדען אידיש. נישקשה, עס וואָלט זיי גאָרנישט געשאַדט. אַלע אידען פון דער זייט גרעניץ האָבען פיינט אידיש, האָבען ליעב דייטש. אפילו די קבצנים זייערע רעדען דאָ אויך אויף דייטש. ער וועט אייך פגר'ען פון הונגער, אבי אויף דייטש! אַזוי זאָגט ברכה און טרייבט אונז אונטער, מיר זאָלען שוין פאָהרען קיין לאָנדאָן. ס'איז איהר שוין נמאס געוואָרען דאָס אַנטוווערפען מיט זייער לשון. אַז וואו מע געהט און וואו מע שטעהט, הערט מען נאָר: בריליאַנטען! דימענ־טען! אַלע טראָגען זיך אַרום מיט פולע קעשענעס, מיט גאַנצע פעק בריליאַנטען. עס זאָל זיך דאָס אפילו צוקלעפּען צו אונז אַ בריליאַנטעל! עמיצער פון זיי זאָל חאָטש וועלען פאַרלירען אַ פּאָר דימענטלעך, און איך זאָל זיי געפינען! אַזוי זאָגט ברכה,

זענען דאָ פאַרבליבען, געוואָרען שטיינשניידער. מיר זאָלען זיך אַזוי נישט רייסען קיין אַמעריקע, וואָלט מען מיך אויך אַוועקגעגעבען צו דער אַרבייט, געמאַכט פון מיר אַ שטיינשניידער. מיין ברודער אליהו'ן איז געפעלען די מלאכה. אונזער חבר פּיני'ן אויך. זיי זאָלען זיין, זאָגען זיי, אַ ביסעלע יונגער, וואָלטען זיי אַליין גענומען זיך צו דער אַרבייט — שלייפען שטיינער. ברכה לאַכט פון זיי. זי זאָגט, אַז שטיינער איז גוט צו טראָגען, נישט צו שלייפען. פּיני'ס ווייב טייבעל האַלט מיט איהר. טייבעל איז אויך אַ בעלן אויף צו אָנטהון שטיינער. זיי געהען אַלע טאָג קוקען אין די פענסטער און קאָנען זיך נישט אָפּלייבען פון די בריליאַנטען מיט די דימענטען, וואָס וואַלגערען זיך, אַזוי ווי מיסט. עס דרעהט זיך אַזש דער קאָפּ. עס שעמערירט זיי אין די אויגען. זיי זענען אויס מענטש. פּיני לאַכט פון זיי. ער זאָגט, אַז די אַלע שטיינער האָבען ביי איהם אַ פּנים פון חוזק, און די, וואָס געבען זיך אָפּ דערמיט, זעהען־אויס ביי איהם ווי משוגעים. איהר מיינט, ער האָט נישט געמאַכט אויף זיי קיין ליעדעל? אַזוי הויבט זיך אָן דאָס ליעדעל:

אַנטווערפּען איז אַ לאַנד
פון די בעסטע שטיינער,
מיליאָנערען אַלערהאַנד —
קיין אָרעמאַן נישט איינער.
דימענטען ווי מיסט,
העכער האַלב אומזיסט!
בריליאַנטען האָבען זיי אַ סך! אַ סך!
ציערונג? — פאַר דער גאַנצער וועלט!
עס פעהלט זיי נאָר איין זאַך:
— — — — — — — מזומן געלט...

און ווייטער געדענק איך נישט.

דייטש... פרענט מיך בחרם, וואָס זיי האָבען דאָרטען געערדט? אַז מיין קאָפּ איז מיר גאָר דאָרטען, אויפ'ן שיף, אויפ'ן ים, אין לאָנדאָן, אין אַמעריקע. און דאָ קומט צו לויפען גאָלדעלע אין איין אָטהעם:

— דו פאָהרסט שוין טאַקי?

— איך פאָהר.

— ווען?

— מאָרגען.

— וואוהין?

— קיין לאָנדאָן.

— און פון דאָרטען?

— קיין אַמעריקע.

— און איך בלייב דאָ מיט מיינע קאַלי אוינען, און מיין טאַטע־מאַמע — גאָט ווייסט, ווען איך וועל זיי זעהן!

אַזוי זאָגט גאָלדעלע און וויינט מיר אָפּ דעם קאָפּ. עס טהוט מיר וועה דאָס הארץ. איך וויל זי טרייסטען, האָב איך נישט קיין ווערטער. איך קוק אויף איהר און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! וואָס האָסט דו צו אָט דעם מיידעל? וואָס האָט זי דיר געטהאָן?"... איך נעם זי ביי דער האַנט. איך גלעט זי:

— וויין נישט, גאָלדעלע. אָט וועסט דו זעהן, איך וועל קומען קיין אַמעריקע און וועל מאַכען אַ לעבען, איז דאָס ערשטע — שיק איך דיר ארויס אַ בלוישטיינערנעל אויף צו שמירען די אויגען. נאָכדעם וועל איך דיר שיקען אַ שיפס־קאַרטע, אַ האַלבע שיפס־קאַרטע, ביזט דאָך נאָך נישט אַלט קיין צעהן יאָהר. וועסט דו קומען צו פאָהרען קיין אַמעריקע. דאָרט וועט אויף דיר וואַרטען אין „קעסטעל־גאַרטעל" דיין טאַטע מיט דיין מאַמע. איך וועל אויך זיין אין „קעסטעל־גאַרטעל". אַז דו וועסט צופאָהרען מיט'ן שיף קיין אַמעריקע, זאָלסט דו קוקען אין „קעסטעל־גאַרטעל" און זאָלסט מיך זוכען מיט די אויגען. איך וועל האַלטען אָט דאָס בליישטיפטעל אין די הענט — זעהסט דו? אַז דו וועסט דערזעהן

און די אויגען איהרע ברענען. איך ווייס נישט, וואָס ברכה איז אזוי פאַרקאָכט אין דימענטען מיט בריליאַנטען. איך וואָלט אייך אוועקגעגעבען אַלע שטיינער פון דער גאַנצער וועלט פאַר איין קעסטעל פארבען מיט אַ בערשטעלע אויף צו מאָהלען. איך האָב אויסגעמאָהלט אַ שיף נישט לאַנג מיט אַ שטיפטעל אויף פּאַפּיער, אַ שיף מיט אַ חאַליאַסטרע עמיגראַנטען, קעפּ אויף קעפּ. איך האָב דאָס מאָהלעכטס אוועקגעשענקט גאָלדעלען, דעם מיידעל, וואָס מיט די קאַלי אויגען. גאָלדעלע האָט דאָס געוויזען דעם פריילייין זייטשיק. יענע האָט דאָס באַוויזען אין דער „עזרה" פאַר דער גאַנצער וועלט. האָט דערזעהן אויך מיין ברודער אליהו, האָב איך געהאַט פון איהם: „מענטשעלעך! וועסט אויפהערען אַמאָל מאָה־לען מענטשעלעך, צי ניין?" מיין ברודער אליהו האָט מיך שוין לאַנג אזוי נישט געשלאָגען. איך האָב עס דערצעהלט גאָלדעלען. האָט דאָס גאָלדעלע דערצעהלט דעם פריילייין זייטשיק. האָט דאָס פריילייין זייטשיק פירגעהאַלטען מיין ברודער אליהו, פאַר וואָס ער שלאָגט מיך. זי האָט איהם באַוויזען דאָס מאָהלעכטס און האָט איבער איהם גע'טענה'ט און גע'טענה'ט. מיין ברודער אליהו האָט זי אויסגעהערט, און אז ער איז געקומען אהיים, האָב איך ערשט דעמאָלט פון איהם געהאַט. מיין ברודער אליהו זאָגט, אז ער מוז מיר ארויסשלאָגען דעם שגעון פון מאָהלען מענטשעלעך...

ג.

היינט זענען מיר געווען דאָס לעצטע מאָל ביי דער „עזרה". וואָס מיר האָבען דאָרט געטהאָן — ווייס איך נישט. מיין ברודער אליהו האָט עפּיס גע'טענה'ט. פּיני האָט געמאַכט מיט די הענט. ברכה האָט זיך ארייננעמישט אין מיטען. די מאַמע האָט גע־וויינט. די וואָס זיצען אין דער „עזרה" האָבען עפּיס גערעדט צו אונז, געוויינטליך, אויף דייטש. דריי זענען דאָרטען געזעסען, און אַלע דריי האָבען זיך פאַרהערט, ווער קאָן בעסער רעדען

ליעב זעהן, ווי מע פּאַקט זיך. אויף פּאַקען זיך איז מיין ברודער אליהו איין בריה. אַז עס קומט צו פּאַקען זיך, וואַרפט ער אַראָפּ די קאַפּאָטע און הויבט־אָן קאָמאַנדעווען: „גיט אַהער דאָס קויטיגע גרעט!... מאַמע, דעם טשייניק!... דאָס היטעלע, ברכה, דאָס היטעלע, גיכער!... די קאַלאָשען, פּיני, דו בלינדער יאַצקאָ, דו סליפּאַק איינער, דו זעהסט נישט? אָט שטעהען די קאַלאָשען ביי דיר אונטער דער נאָז!... מאָטעל, וואָס שטעהסט דו, ווי אַ לעה־מענער גולם? העלף עפּיס טהון! ער ווייסט נאָר מאָהלען מענ־טשעלעך! מענטשעלעך!...”

דאָס מיינט ער שוין מיך. איך טהו מיך אַ וואָרף און הויב אָן העלפען טראָגען און וואַרפען וואָס עס קומט מיר אין די הענט. ווערד מיין ברודער אליהו אין כעס, למאי איך וואָרף, און וויל מיך שלאָגען. שטעלט זיך איין פאַר מיר די מאַמע: „וואָס ווילסט דו האָבען פון׳ם קינד?”... געפעלט נישט ברכה׳ן, למאי די מאַמע רופט מיך „קינד”, און צעקריעגט זיך מיט דער מאַמע. דערמאַנט איהר די מאַמע, אַז איך בין אַ יתום, און וויל אָנהויבען וויינען. זאָגט איהר אליהו: וויין, וויין! וויין אויס דאָס לעצטע ביסעל אויגען!...

אָט באַלד פאַרלאָזען מיר אנטוועדפען.
זיי געזונט, אנטוועדפען!

אין אמעריקע א יונגעל מיט אט אזא בליישטיפטעל — זאלסט דו וויסען, אז דאס בין איך, מאטעל פייסים. נאכדעם, אז דו וועסט אראפ פון שיף, וועסט דו זיך צעקושען מיט דיין טאטע־מאמע. אהיים וועסט דו נישט געהן מיט זיי. דו וועסט זיי נאר איבערגעבען די זאכען דיינע און בעסער געהן אנקוקען מיט מיר אמעריקע. איך וועל דיר ווייזען גאנץ אמעריקע, מחמת איך וועל דאך שוין זיין קלאר אין דעם אויף אויסוועניג. נאכדעם וועל איך דיך ברענגען אהיים צו דיין טאטע־מאמע, וועסט דו עסען מיט זיי וועטשערע, א פרישע יויך...

גאלדעלע האט נישט געוואלט הערען ווייטער. זי איז מיר געפאלען אויפ'ן האלז און געקושט מיך. איך זי אויך.

ד.

אט די ברכה, הערט איהר, האט א טבע: וואו מע פארזייעט זי נישט, דארט וואכסט זי אויס. זי דארף אנקומען אקוראט אין דער מינוט, ווען איך געזעגען זיך מיט גאלדעלען! געזאגט האט זי מיר גארנישט. קיין האלב ווארט אפילו. זי האט נאר אויסגעצויגען מיט איהר מאנסבילשער שטים אפשר אויף דריי קלאפטער: „אז־וי־וי־וי ?..."

נאכדעם האט זי עפים מאדנע צונויפגענומען די ליפען, פארדרעהט די נאז. א הוסט האט זי אויך געטהאן בשעת מעשה: „ע־העם!" און איז אוועק גלייך צו מיין ברודער אליהו. וואס זי האט איהם געזאגט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאר, אז איך בין ארויסגעגאנגען פון דער „עזרה", האט מיר אליהו אפגעשטעקט א געשמאקען פאטש. עס האט מיר געקלונגען אין ביידע אויהערען.

— פאר וואס? — פרעגט איהם די מאמע. — פאר ווען?

— ער ווייסט שוין, פאר וואס!... — ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו, און מיר געהען אלע אויף דער סטאנציע. דארט איז א מהומה, א טארעראם. מע דארף זיך פאקען. איך האב

XXII

לאָנדאָן, פאַר וואָס ברענסט דו נישט ?

XXII

לאָנדאָן, פאַר וואָס ברענסט דו נישט?

א.

זינט איך לעב, בין איך נישט געווען אויף אזא יריד, ווי אין לאָנדאָן. נישט אין לאָנדאָן איז א יריד, נאָר לאָנדאָן אליין איז א יריד. סע קלאַפּט און סע קלינגט און סע פייפט און סע טראַסקעט, און מענטשען — מענטשען אזוי ווי מאָהן, אזוי ווי מערעשקעס! פון וואַנען נעמען זיך אזוי פיעל מענטשען, און וואוהין לויפען זיי? אפנים, זיי זענען הונגעריג, אָדער זיי האַלטען ביי אוועקפאָהרען. אניט, וואָס דאַרף מען זיך אזוי שטופּען, שלאָגען זיך מיט די עלענבויגענס, אומוואַרפען א מענטשען און טרעטען איהם מיט די פיס? איך רעד פון פיני'ן. אונזער חבר פיני, אויב איהר געדענקט, האָט א נידעריגע ראיה. דערצו האָט ער א טבע, ער האַלט דעם קאָפּ אַרויף און פּלאָנטעט מיט די פיס. א פאַרטראָגע:ע־ מלאך. דער קאָפּ פליהט ביי איהם. דעם ערשטען ברוך־הבא האָט ער געחאַפּט אויף דער באַהן. מיר זענען נאָר אַרויסגעקראָכען פון וואַגאָן, האָט זיך שוין געטראָפען איין אומגליק. דער ערשטער איז אַרויסגעפלויגען פיני. איין הויז פאַרקאַטשעט, איין זאָק אַראָפּגעלאָזט, דעם האַלזטיכעל פון יענער זייט — אזוי ווי תמיד. איך האָב נאָך פיני'ן קיינמאָל נישט געזעהען אזוי האָפּערדיג. ער האָט געברענט, ווי אויף פּאָקען. ער האָט אָנגעהויבען שיטען מיט מאָדנע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז: „לאָנדאָן! ענגלאַנד! דיזראַעלי! באָקל! היסטאָריע ציוויליזאַציע!...” עס

סכנות! ס'איז דען אַ שטאָדט? — זאָגט זי. — ס'איז ניט קיין שטאָדט, ס'איז אַ גיהנם! עס וואָלט געמעגט קומען אויף איהר אַ שרפה נאָך פאַר־אַ־יאָהרען! אזוי זאָגט ברכה, און מיין ברודער אליהו פרובט זיך פאַרענטפערען די שטאָדט, זוכען מעלות. נאָר עס העלפט איהם, ווי אַ טוידטען באַנקעס. ברכה הערט נישט אויף צו שיטען פעך און שוועבעל אויף דער שטאָדט און ווינטשעווען, זי זאָל אָפּברענען. קיין אַנדער שטראָף ווינטשט זי איהר נישט, נאָר ברענען. פיני'ס ווייב טייבעל האַלט זי אונטער. די מאַמע זאָגט: „אפשר וועט גאָט רחמנות האָבען און דאָס לאָנדאָן וועט זיין אונזער לעצט אָפּקומעניש?" נאָר מיר אין דרייען: איך און אליהו און פיני האַלטען פון לאָנדאָן איין עולם ומלואו. אונז איז דוקא געפעלען אָט דער טומעל, וואָס סע טומעלט, מיט דעם קאָכעניש, וואָס סע קאָכט.

וואָס אַהרט עס אונז, אַז סע קאָכט? לאָז קאָכען. אונז געפעלט נאָר נישט, וואָס מיר געהען אַרום אָהן אַרבייט. מיר זוכען אַ קאָמיטעט און קאָנען קאָנען נישט געפינען. ווענען מיר פרעגען, איז אָדער מע ווייסט נישט, אָדער מע וויל נישט ענטפערען. מע האָט קיין צייט נישט. מע איז פאַרטראָגען. מע לויפט! מיר מוזען אָבער האָבען אַ קאָמיטעט. מיר קאָנען זיך אָהן אַ קאָמיטעט נישט באַגעהן. נישט מחמת קיין זאַך, נאָר מחמת דעם, וואָס מיר האָבען נישט מיט וואָס צו דערשלעפּען זיך קיין אַמעריקע. מיין ברודער אליהו'ס קעשענע האָט זיך אויסגעלעדיגט. דאָס געלט, וואָס מיר האָבען אָפּגעלייזט פאַר אונזער האַלבין דירה, איז אַוועק ווי אַ רויך. פיני לאַכט פון אליהו'ן: „וואָס וועסט דו טהון מיט דער קעשענע?"... אליהו איז אין כעס. ער האָט פיינט, אַז מע טרייבט קאַטאָוועס. ער איז פונקט דער היפך פון זיין חבר פיני. ער איז אַ פאַרוויינטע נשמה. פיני רופט איהם: „דאָס פאַרזאָרגטע בעל־הבית'על"... איך האָב פיני'ן ליעב נאָר דערפאַר, וואָס ער איז תמיד פריילעך. זינט מיר זענען געקומען קיין לאָנדאָן איז ער נאָך געוואָרען פריילעכער. ער זאָגט, אַז דאָרט, אין קראָקע, לעמבערג,

איז אוממעגליך געוועזן איהם איינצושטילען. עס האָט נישט גע־דויערט קיין צוויי מינוט, איז אונזער חבר פיני שוין געלעגען אויף דער ערד, און מענטשען האָבען געשפּאַנט איבער איהם, ווי מע שפּאַנט איבער א שייט האָלץ. א גליק, וואָס זיין ווייב טייבעל האָט געמאַכט א גוואַלד: „פיני, וואו ביזט דו?" האָט זיך מיין ברודער אליהו געגעבען א וואָרף און האָט איהם אַרויסגעשלעפּט א צעקנייטשטען און איין אָפּגעבליאַקעוועטען, ווי איין אַלטען קאַפּעליש. דאָס איז געוועזן נומער איינס. דעם צווייטען פּסק האָט ער געחאַפּט דעם זעלבען טאָג אין שטאָדט, און דוקא אויף דער אידישער גאַס, וואָס מע רופט זי מיט א מאָדנעם נאָמען „ווייטשעפּעל", דאָרט וואו מע פאַרקויפט פיש און פלייש, סדורים, ציצית, עפּעל, קוואַס, טאָרט מיט צוקערלעקאַך, מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך הערינג, טליתים, לימענעס, וולוטשקע, אייער, גלעזלעך, טעפּ, קאַלאָשען, לאָקשען, בעזעמער, פייפעלעך, פעפער, שטריק — פונקט דאָס אייגענע, וואָס ביי אונז. ס'זאָל פעהלען א האָר. אפילו בלאָטע אויך, ווי ביי אונז. און שמעקען שמעקט אויך ווי ביי אונז. אמאָל נאָך ערגער. מיר האָבען זיך דערפאַרעהט, אז מיר האָבען דערזעהען דעם ווייטשעפּעל. פיני האָט זיך שוין צופיעל דערפרעהט. „באַרדיטשעוו! — האָט ער זיך צעשריגען. — גוואַלד, אידישע קינדער! מיר זענען נישט אין לאָנדאָן, מיר זענען אין באַרדיטשעוו!" אוי, האָט ער געחאַפּט א באַרדיטשעוו! איך האָב געמיינט, מע וועט איהם דאַרפען אַוועקפיהרען אין שפּיטאָל. פון דעמאָלט אָן לאָזט איהם טייבעל אליין נישט געהן איבער לאָנדאָן אפילו א טריט. איך קוק אויף דעם ווייטשעפּעל און טראַכט מיר: רבונו של עולם, אז אין לאָנדאָן איז אזוי, היינט וואָס קאָן שוין זיין אין אמעריקע?!...

רעדט־זשע אָבער מיט ברכה'ן, זאָגט זי, אז לאָנדאָן וואָלט גע־מעגט פאַרברענט ווערען נאָך איידער מיר זענען געקומען. פון דער ערשטער מינוט, וואָס מיר זענען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט מיין שווענערין ברכה געוואָרפען איין אוים־חן אויף דער שטאָדט —

היים. עס פֿעהלט מיר אוים נאָך אַ פּאָר מענטשען צו אַ מנין... דאָס בחור׳על איז שוין בר־מצוה, צי נאָך נישט?

דאָס מיינט ער מיך. מיר איז דאָס דוקא געפֿעלען, וואָס ער רופֿט מיך „בחור׳על" און מיינט, אַז איך בין שוין בר־מצוה.

ארויפֿגעדראַפּעט זיך מיט איהם אין דער פֿינסטער אויף די טרעפּ, זענען מיר אריין אין אַ פֿינסטער חדר׳על, אָנגעפּאַקט מיט קליינע פֿאַרמורזעטע קינדער און אָנגעפֿילט מיט אַ געדיכטען ריח פֿון „געפֿרייטע" פֿיש. קיין מנין איז נאָך נישט געווען. עס האָבען נאָך געפֿעהלט זיעבען. דער איד האָט אונז געבעטען זיצען, און אליין האָט ער געגעבען אַ שפּרונג אויף דער גאַס, טאָמער וועט ער חאַפּען נאָך אַ צוויי אידען. ער האָט געגעבען עטליכע שפּרונג, ביז ער האָט צונויפֿגעשלאָגען אַ מנין. איך האָב מיך דערווייל באַקענט מיט די פֿאַרמורזעטע קינדערלעך און געחאַפּט אַ קוק אין אויוועז. דאָרט האָבען זיך „געפֿרייט" פֿיש. ביי אונז אין דער היים זאָגט מען „געפּרעגעלט". דאָ דאַרף מען זאָגען „געפֿרייט". איך וויים נישט, פֿאַר וואָס? אפשר דערפֿאַר, ווייל ס׳איז אַ פֿריי לאַנד, הייסט דאָס געפֿרייטע פֿיש? אָדער דערפֿאַר, ווייל די פֿיש פֿרעהען זיך בשעת מע פּרעגעלט זיי? סאַי ווי סאַי זענען גע־פֿרייטע פֿיש גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי מיין שוועגערין ברכה מאַכט דעם אָנשטעל. ווען מע גיט מיר איצטער אַ שטיקעל גע־פֿרייטע פֿיש, וואָלט איך זיך מחיה געווען. איך מיין, אַז ברכה אליין וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט. מיר האָבען אַלע אַ גאַנ־צען טאָג כמעט געפֿאַסט. מיר לעבען שוין עטליכע טאָג מיט אַ שטיקעל הערינג און מיט רעטאַך. אין ווייטשעפּעל קריגט איהר גוטע שוואַרצע רעטאַכער. דער איד וואָלט געטהאָן אַ שכל, ווען ער בעט אונז, מיר זאָלען בלייבען מיט איהם עפּים נעמען אין מויל אריין. אפֿנים, ער הויבט נישט אָן צו פֿיהלען, אַז מיר ווילען עסען. פֿון וואַנען וויים איך דאָס? מחמת, וויבאַלד מיר האָבען אָפּגע־דאַווענט מנחה און ער האָט אָפּגעחאַפּט דעם קדיש, האָט ער אונז באַלד אָפּגעדאַנקט פֿאַר דער טרחה און האָט אונז געזאָגט, אַז מיר

בראָד, אנטוועראַפּען, וויען, מוז מען רעדען דייטש. דאָ אין לאָנדאָן איז אַ מחיה. מע קאָן רעדען אידיש, ווי אין דערהיים. דאָס הייסט: האַלב אידיש, האַלב־רוסיש.

דאָס לשון זייערס איז ערגער נאָך פון דייטש. ב־כה זאָגט, אַז דריי ענגלענדער מעגען זיין אַ כפרה פאַר איין דייטש. זי זאָגט: וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אין דער יועלט, אַז אַ גאַס זאָל הייסען ווייטשעפּעל, און געלט זאָל הייסען „אַייפּעני", „טאַ־פּעני", „טריפּעני"? ס'איז דאָ נאָך אַ וואָרט, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט, הייסט עס „פייף". מיט דעם דאָזיגען „פייף" האָט זיך געטראָפען ביי אונז אַ גאַנצע מעשה. אויב איהר ווילט, קאָן איך זי אייך דערצעהלען.

ב.

איהר ווייסט דאָך שוין, אַז מיר זוכען אַ קאָמיטעט אין לאָנ־דאָן. געפינען אין לאָנדאָן אַ קאָמיטעט — איז פונקט, ווי אין אַ וואָגען שטרוי אַ נאָדעל. נאָר ס'איז דאָך אָבער דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, געהען מיר איינמאָל אַזוי איבער'ן ווייטשעפּעל. פאַר־נאַכטליך איז דאָס געוועזען. דאָס הייסט, נישט פאַרנאַכט, נאָר בייטאָג. אין לאָנדאָן איז נישטאָ נישט קיין בייטאָג, נישט קיין אינדערפריה. אין לאָנדאָן איז שטענדיג פאַרנאַכט. באַגעגענט אונז אַ איד מיט אַ קורץ ווייטיקעל, מיט אַ טשודנעם קאַפּעליש און מיט זוכענדיגע אויגען.

— איך וואָלט געמעגט שוועהרען, אַז איהר זענט אידען...

אַזוי זאָגט צו אונז דער איד מיט'ן קורצען ווייטיקעל, און פיני ענטפערט איהם:

— קאָניעטשנאָ! נאָך וואָסערע אידען! פון אידענלאַנד!...

— ווילט איהר אפשר פאַרדיענען אַ מצוה?

אַזוי מאַכט ווידער דער איד, און פיני ענטפערט איהם:

— למשל־נאַפּרימער?

— איך האָב יאָהרצייט, און קאָן נישט אוועקגעהן פון דער־

ג.

ארויסגעגאנגען פון׳ם יאָהרצייט, איז אונז נאָכגעלאָפען דער ריח פון די געפרייטע פיש. מיר אלע האָבען געקלערט וועגען זיי, נאָר רעדען האָט קיינער נישט גערעדט פון זיי, אחוץ ברכה. זי האָט זיי אַנגעבענטשט א פולען קאָפּ. זי האָט זיי געווינטשעוועט, זיי זאָלען זיך דערווערגען, רבונו של עולם, מיט זייערע געפרייטע פיש, וואָס זיי אויר׳ען אויף א מייל. מיין מאַמע קאָן נישט ליידען:

— וואָס האָסט דו צו זיי? נעבאך עהרליכע מענטשען! זיצען אין אזא גיהנם — פון דעסטוועגען, אז עס קומט צו א יאָהר־צייט, זוכט מען א מנין...

דערויף ענטפערט איהר ברכה:

— שוויעגער! לאָזען זיי אייך ברענען אינאיינעם מיט זייערע יאָהרצייטען און מיט זייערע געפרייטע פיש! מע שטעלט־אָפּ פרעמדע מענטשען, מע רופט זיי אריין צו זיך אין שטוב אריין, — נעם געב דעם קינד א שטיקעל געפרייטע פיש חאָטש פון יוצא וועגען...

דאָס מיינט זי מיך. אָט ערשט בין איך געוועזן ביי׳ם אידען א „בר־מצוה־בחור׳על", איצט בין איך שוין געוואָרען ביי ברכה׳ן א „קינד"... גוטע יאָהרען, אז ברכה נעמט זיך אָן מיין קריוודע! אזוי טראַכט איך. מיר לאָזען זיך אלע זאלבעזעכסט צום קאָמי־טעט. איין עצה האָט אונז דער איד געגעבען, א דאנק איהם, אז מיר זאָלען נישט געהן צו־פוס — מיר זאָלען בעסער זיך אויפזעצען אויף׳ן טראַמוויי און פאָהרען גלייך. האָט אָבער דער לאָנדאָנער טראַמוויי א טבע — ער האָט פיינט זיך אָפּשטעלען. וויפיעל מע זאָל צו איהם נישט מאַכען מיט די הענט, ער טהוט זיך זיינס — ער לויפט. נאָכלויפען איהם וועט איך נישט העלפען — איהר וועט איהם נישט חאַפּען. א גליק, וואָס איינער האָט זיך אויף אונז דערבאַרעמט, און דוקא איין איינגלענדער מיט אפגעגאַלטע יואָ־

קאָנען געהן. מיין ברודער אליהו האָט אָבער געוואָלט האָבען דורך איהם א שטיקעל טובה. האָט ער געמאַכט א שמועס מיט איהם וועגען קאָמיטעט, און געחאַפּט א קוק בשעת מעשה אויף די גע־פרייטע פּיש און געגעבען א שלונג־אראָפּ. דער איד האָט מיט איין האַנט געהאַלטען ביי דער קליאַמקע פון דער טהיר, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אונז דערצעהלט פונ'ם קאָמיטעט עפּיס זעהר נישט קיין פרייליכע מעשיות. ערשטענס, האָט דער איד געזאָגט, אז עס הויבט זיך גאָר נישט אָן — גאָר נישטאָ קיין קאָמיטעט. דאָס הייסט, ס'איז דאָ א קאָמיטעט, עטליכע קאָמי־טעטען, נאָר די לאָנדאָנער קאָמיטעטען געבען נישט אזוי גיך קיין געלט. אויב איהר ווילט באַהילפיג זיין פון א לאָנדאָנער קאָמיטעט, מוזט איהר פריהער זיך גוט אָנלויפען, ברענגען פּאַפּיערען און עדות, אז איהר זענט איין עמיגראַנט און פאָהרט קיין אמעריקע. מחמת ס'איז דאָ א סך עמיגראַנטען, וואָס זאָגען נאָר, אז זיי פאָה־רען קיין אמעריקע. גאָכדעם, אז איהר ברענגט שוין אלסדינג, קאָן מען אייך פון קאָמיטעט געבען צושטייער נאָר אויף צוריק־וועגס, דאָס הייסט, איהר זאָלט פאָהרען צוריק אהיים. מחמת די לאָנדאָנער קאָמיטעטען האַלטען נישט פון אמעריקע. דערהערט אזעלכע דבורים, איז מיין ברודער אליהו באַלד געוואָרען אין כעס (איהר ווייסט דאָך, אז ער איז א כעסן). און פּיני איז דאָך אודאי אַ היציגער פּאַרשוין, האָט ער אָנגעהויבען צו פייערען אויף זיין לשון:

— קאַק מאָזשנע — ווי אזוי איז דאָס מעגליך? קאַקאָי פּאָלנע פּראַוו — ווי האָבען זיי דאָס רעכט אונז הייסען פאָהרען צוריק? קאַק אים נע סטידנאָ — ווי שעמען זיי זיך נישט אין א לאַנד פון ציוויליזאַציע?

שלאָגט איהם איבער דער איד פונ'ם מנין, האַלט אָפען די טהיר און זאָגט צו איהם:

— רעד אהער, רעד אהין! אָט האָב איך אייך געגעבען איין אדרעס פון א קאָמיטעט, פאָהרט זיך דורך אליין צום קאָמיטעט, וועט איהר זעהן, אז ס'איז אָללרייט.

און אינוועניג אין שטוב זיצען מענטשען און רויכערען ציגאַרען און זאָגען זיך איינס דאָס אנדערע: אָלרייט. דער חלוק איז, וואָס די דייטשע קאָמיטעטשיקעס טראָגען די וואָנסעס פאַרדרעהט ארויף און רעדען אויף דייטש, און די לאָנדאָנער קאָמיטעטשיקעס האָבען אָפּגעגאָלט די בערד מיט די וואָנסעס אינגאַנצען און רעדען: „אָללרייט!" א טהעאַטער מיט זיי. די מאַנסבילען געהען געגאָלט, און די ווייבער טראָגען אַלע פאַריקען אויף די קעפּ. און נישט נאָר די ווייבער — אפילו די מיידלעך טראָגען צוגעקלעפּטע האָר מיט אויסגעגרייזעלטע בוקלעס, האָבען אַלע גרויסע ציינער און זענען אזוי מיאוס, אַז סע שלאָגט צו דער גאַל. פון דעסטוועגען, לאַכען זיי פון אונז אין די אויגען, טייטען מיט די פינגער, און קוויטשען אזוי, אַז ס'איז א בזיון פאַר לייטען. צוויי מיידלעך האָבען אונז אָפּגעשטעלט אין מיטען גאַס און האָבען זיך צוגעטשעפּעט צו מיין ברודער אליהו, ער זאָל געהן אין „באַרבער־שאַפּ". פריהער האָבען מיר נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. איצט ווייסען מיר שוין: געהן אין באַרבער־שאַפּ הייסט אָפּשערען זיך און אָפּגאָלען זיך. מאָדנע ברואים. אליין געהען זיי פאַרדריפּעט ביז'ן האַלז, פרעסען אין מיטען גאַס געפּרייטע פיש, וואָס לאָזען זיך הערען פאַר א מייל, און האָבען פיינט האָר. שכורים זענען זיי אויך גאַנץ נישקשה'דיגע, נאָר זיי וואַלגערען זיך נישט אויף דער גאַס, אזוי ווי ביי אונז. מע לאָזט זיי נישט. א לאַנד איז דאָס זעהר א וואָהלס, זאָגט ברכה, נאָר עס וויל נישט ברענען.

— וואָס וועט דיר ארויסקומען, אז ס'וועט ברענען?

אזוי פרעגט ביי איהר מיין ברודער אליהו, און חאַפּט פון איהר א מיאוסען פּסק. ברכה אַז זי וויל, קאָן זי. אמאָל, מאַכט זיך, זאָל זי אייך שווייגען, נישט רעדען א וואָרט צו קיינעם, און אמאָל עפענט זיך איהר א קוואַל פון ווערטער, איז אָדער פאַרשטעלען זיך די אויהערען מיט וואַטע, אָדער לויפען אין דער וועלט אריין. איך געב אייך איבער איהרע רעד, וואָרט ביי וואָרט:

סעס (טאָמער זעהט איהר אַ מענטשען מיט געגאָלטע וואָנסעס, זאָלט איהר וויסען, אַז ס'איז איין איינגלענדער). דער איינגלענדער האָט געזעהען, אַז מיר מאַכען מיט די הענט צו די טראַמווייען, און די טראַמווייען לויפען, האָט ער אונז צוגעפיהרט צו אַ קלויסטער און האָט אונז אָנגעוויזען מיט די הענט, אַז דאָ זאָלען מיר שטעהן. כך הוה. עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט, איז אָנגעלאָפען אַ טראַמוויי און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זענען מיר אַלע אריין — איך, און מיין ברודער אליהו, און אונזער חבר פּיני, און די מאַמע, און ברכה, און טייבעל — און מיר פאָהרען. געהט־צו דער קאָנדוקטאָר און הייסט זיך, מע זאָל נעמען בילעטען. שטעלט זיך ארויס פּיני און פרעגט איהם: סקאָלקאָ־וויפּיעל? זאָגט איהם דער קאָנדוקטאָר: „פּייף". פרעגט איהם פּיני נאָך אַ מאָל: סקאָלקאָ־וויפּיעל? זאָגט איהם דער קאָנדוקטאָר ווידער אַ מאָל, שוין מיט כעס: „פּייף". דרעהט זיך אויס צו אונז פּיני און זאָגט: טשטאָ טאַקאָיע, איהר הערט? ער הייסט מיר פּייפען! געהט צו מיין ברודער אליהו און פרעגט איהם מיט די הענט: וויפּיעל קאָסט אַ פאָהר? זאָגט איהם דער קאָנדוקטאָר, שוין רעכט אין כעס: „פּייף!" צעלאַכט זיך פּיני, און אליהו רופט זיך אָן צום קאָנדוקטאָר שוין אויך מיט כעס: „פּייף אַליין!"... ווערד דער קאָנדוקטאָר מלא גזלן, טהוט אַ ציה ביי אַ שטריק, שטעלט־אָפּ דעם טראַמוויי און וואַרפט אונז אַרויס מיט אַזאַ רציחה, גלייך ווי מיר האָבען איהם געוואָלט קוילען און צונעמען זיין רייזע־טאַש מיט'ן געלט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז דאָס, וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט „געפּייפט", האָט ער דאָס געמיינט פּינף.

— נו? זאָל נישט קומען אַ שרפה אויף לאָנדאָן?

אזוי זאָגט ברכה, און מיר געהען אין קאָמיטעט אריין צו־פוס.

ד.

אין לאָנדאָנער קאָמיטעט איז פריילין, ווי אין אַלע קאָמיטעטען. אין הויף וואַלגערען זיך עמיגראַנטען, אזוי ווי מיסט,

שלום עליכם

מאָטל פייסי דעם חזנ׳ס

כתבים פון אַ יונגעל אַ יתום

צווייטעס טייל:

אין אַמעריקע

געשריבען אין יאָהר 1916

— וואָס שטעלסט דו זיך אַזוי איין פאַר דעם געבענטשטען לאָנדאָן מיט'ן שווארצען הימעל, מיט די גענאָלטע מאָרדעס, מ'ט דעם שענעם ווייטשעפּעל, מיט די געפּרייטע פּיש, מיט די אַלטע מוידען, מיט די געדרעהטע בוקלעס, מיט די פאַרדריפּעטע קליידלעך. מיט די קבצנים וואָס טרינקען דזשינדזשער־ביער, מיט די קאָנ־דוקטאָרען, וואָס הייסען פּייפּען, מיט די אידען, וואָס האָבען יאָהר־צייט און זשאַלעווען אַ טרונק וואסער? אַזאַ שטאָדט מוז ברענגען!

אַזוי זאָגט ברכה אין איין אָטהעם, ווי די עשרת בני המן, און לאָזט־אויס מיט צונויפגעלעגטע הענט:

— לאָנדאָן, פאַר וואָס ברענסט דו נישט?!...

רבונו של עולם! ווען וועלען מיר שוין זיין אין אַמעריקע???...

אינהאלט

מזל־טוב, מיר זענען שוין אין אמעריקע! 7
קריעת ים־סוף 19
אין געפענגעניש 31
א ים פון טרערען 43
מיטביידע פיס אויף דער ערד 55
אין ניו־יארק אויף דער כטריט 67
די חאליאפטרע אויף דער ארבייט 79
מיר זוכען א דזשאב 91
מיר ארבייטען אין שאפ 103
מיר סטרייקען! 115
כתרילעווקע אין ניו־יארק 127
מיר מאכען א לעבען 137
די רפואה פאר דער מכה 149
מיר קאלעקטען 159
מיר געהען אין ביזנעס 171
העללאו, לאנדסמאן! 181
מיר געהען פארגרעסערען די ביזנעס 191
מיר מופען 201
די וואסערשטוב 209

Copyright 1917 by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

I

מזל טוב, מיר זענען שוין אין אַמעריקע!

I

מזל טוב, מיר זענען שוין אין אַמעריקע!

א.

אונז קומט מזל־טוב — מיר זענען שוין אין אמעריקע. דאָס הייסט, מע זאָגט, אז מיר זענען אין אמעריקע. אמעריקע האָבען מיר נאָך ניט געזעהען, ווארום מיר זענען נאָך דערווייל אין „קעס־טעל־גארטעל". דאָס הייסט, אמאָל האָט דאָס אזוי געהייסען. היינט הייסט עס שוין מעהר ניט „קעסטעל־גארטעל", נאָר „עלים איילאנד". פאר וואָס עפּיס „עלים איילאנד"? „ווייל דאָס שטי־קעל לאנד האָט אמאָל געהערט צו איינעם אלי, איז ער געוועזען א נאָר ביז דער סטעלי". אזוי זאָגט אונזער חבר פּיני צום גראָם ווי זיין שטייגער איז. פּיני איז אין כעס אויפ'ן עלים איילאנד מיט סכנות. למאי מע פארהאלט די אָרעמע עמיגראנטען און די רייכע לאָזט מען אריין גלייך, ווי זיי קומען־אָן מיט'ן שיף. דאָס פאסט, זאָגט ער, נאָר פאר פאָני־גנב, ניט פאר אזא פרייע מדינה, ווי אמעריקע. אלע דארפען דאָ זיין גלייך. נישטאָ קיין אָרעם, נישטאָ קיין רייך. און ער הויבט־אָן שיטען מיט נעמען: קאָלומבוס, שעקספּיר, באָקל, ציוויליזאציע... ער קלויבט זיך אָנ־שרייבען אויף זיי א ליעד און אוועקגעבען זיי א גאָב, אז דער שווארצער יאָהר זאָל זיי נעמען! האָט ער ניט קיין טינט און

ווען מען האָבען מיר אין אַמעריקע? גאַנץ אמעריקא איז אונז באַקאַנט און אַלע אידען זענען אונזערע פריינד. ראשית חכמה, משה דער איינבינדער און זיין ווייב פּעסי די גראָבע — אונזערע אַ שכנה, מיט אַ גאַנצער חאַליאַסטרע קינדער. האָט זיך יעדער זיין נאָמען מיט זיין צונעמעניש. און מיר רעכענען זיי אויס אויף די פינגער: פּיני קלעצעל, וועלוועל קאָטער, מענדעל טשערנאָהוז, חיים בופלאַקס, פּייטעל פּעטעלעלע און הערשעל מיט דער גאָלי אויפ'ן שטערן, וואָס מע רופט איהם „ושתי״...

שלאָגט מען אונז איבער אין מיטען און מע זאָגט אונז: „גענוג, גענוג קליינוואַרג. עלטערע! גיט אהער עלטערע!״ געבען מיר זיי עלטערע און רעכענען זיי אויס די נעמען: יונה דער בעקער, אַ איד אַ כעסן. איז ניט איינס. זיין ווייב ריוועלע די בע־קערין, אַ אידינע מיט אַ רעטאָנדע. איז ניט צוויי. דאָס הייסט, זי האָט געהאַט אַ רעטאָנדע, האָט מען זי איוועקגע'גנב'עט אויף דער גרעניץ. דערהערט דאָס וואָרט „גרעניץ״, דערמאַנט זיך די מאַמע אָן אונזערע זאַכען, וואָס מע האָט אויך אַוועקגע'גנבה'ט אויף דער גרעניץ. הויבט זי אָן בעטען, טאָמער איז מעגליך, מע זאָל איהר קריגען די זאַכען, — און הויבט אָן צו וויינען. פאַלט אָן אויף איהר אליהו, למאי זי וויינט. זאָגט זי, אַז איצט איז זי שוין אין אַמעריקע און האָט שוין קיין מורא ניט פאַר די אויגען, מעג זי שוין, זאָגט זי, וויינען און וויינען.

ג.

ווי אַזוי מע האָט זי דורכגעלאָזט מיט די אויגען — איז טאַקי אַ נס מן השמים. למאי ווי אַזוי זענען מיר לעבען געבליבען פון דער נסיעה אויפ'ן ים? איז עס דען ניט געווען קיין נסים ונפלאות? וויפיעל מאָל האָבען מיר געזעהען מיט אונזערע אויגען דעם מלאך־המות, דעם טוידט פאַר די אויגען? וויפיעל מאָל האָבען מיר זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגענט מיט'ן לעבען?

פעדער און קיין ברעקעל פּאַפּיער. זאָגט איהם מיין ברודער אליהו, אז אויב עס געפעלט איהם ניט דאָס לאַנד, האָט ער א ברירה פאָהרען צוריק. און דאָס געדענקט איהר דאָך מסתמא פון אמאָל, אז די צוויי, פּיני און אליהו, זענען זעלטען שוה בשוה. וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר. „דער זומער מיט'ן ווינטער" — רופט זיי מיין ברודער אליהו'ס ווייב, ברכה, און חאַפּט א מיאוס'ען פּסק פון איהר מאַן, פון אליהו'ן. ער רופט זי אָן „בהמה", און „סאָטע ציעג", און נאָך אַזעלכע נעמען, וואָס ס'איז ניט כדאי איבערצו'חזר'ען. מישט זיך אַריין די מאַמע און זאָגט צו איהר שנור, אז קען רייסען זיך, טאָר א מענטש ניט זיין אין מיטען, וואָרום ער קאָן חאַפּען א דראַפּ...

ב.

וואָס טוען מיר אין עלים איילאַנד? מיר וואַרטען ביז מע וועט קומען פון שטאָדט, באַקאַנטע און פריינד, און מע וועט אונז אויסשרייבען. חאָטיש שרייבען האָט מען אונז אויסגעשריבען שוין וויפיעל מאָל. מע האָט אונז געשריבען, פאַרשריבען און אויס־געשריבען פאַר'ן אַרויפגעהן אויפ'ן שיף, און אויפ'ן שיף גופא, און איצט, ביי'ם אראָפּגעהן פון שיף. און אַלע מאָל די אייגענע חכמה: ווער זענען מיר? וואוהין פאָהרען מיר? און וועמען מיר האָבען אין אמעריקע?

דערצעהלען מיר זיי, אז ס'איז געווען א איד פּייסי דער חזן — איז ער געשטאָרבען. האָט ער איבערגעלאָזט איין אלמנה — דאָס איז די מאַמע. האָט זי א זוהן — הייסט ער אליהו. האָט ער א ווייב — הייסט זי ברכה. האָט ער א חבר — הייסט ער פּיני. האָט ער א ווייב — הייסט זי טייבעל. און איך בין דער מיזיניק — הייס איך מאָטעל. און דאָס איז מיין חבר — הייסט ער מענדעל. און ווייל ער איז א גרויסער — האָט איהם ברכה א נאָמען געגעבען לאָשאַק.

אהן גזירות און אהן פאגראמען קאנען זיי זיך ניט באגעהן. און איך האב אייך שוין לאנג געזאגט, אז איך האב עס פיינט. הויבט מען אן רעדען פון גזירות אדער פון פאגראמען, געה איך אוועק. איך נעם מיין חבר מענדעל פאר א האנד, און מיר לאזען זיך שפאציערען איבער די גאסען פון „פרינץ אלבערט”.

ה.

„פרינץ אלבערט” איז גענוג גרויס. און שען. שטיינערנע טרעפ. מעשענע פארענטשעס. שטאל און אייזען וואו מע טהוט זיך א ריהר. הייגט „מענטשען”. איך מיין די באדיענער. מע רופט זיי „סטיואַרדס”. און „נוירסעס”. הייגט מאטראסען — אזוי ווי די רוחות. לויפען ארום הין און הער. איך און מענדעל זענען זיי מקנא. מיר געבען זיך דאס ווארט, אז מיר וועלען אויסוואכסען, ווערען גרויסע, זאלען מיר זיך פארשרייבען פאר מאטראסען.

איין חסרון האט דער „פרינץ אלבערט”. מע לאזט אונז ניט אומעטום זיין. קוים ווילען מיר געבען א קוק-אריין א ביסעל ווייטער פון צווישענדעק, וואו מיר פאהרען, אזוי טרייבט מען אונז דורך. טאקי די מאטראסען גופא. גרויסע רשעים. און די פאסאזשירען אליין, פון יענע העכערע קלאסען, זענען אויך רשעים. ווארום זיי זאלען ניט זיין קיין רשעים, וואלטען זיי פארזאגט די מאטראסען, מע זאל אונז ניט מדייבען. וואס וועלען מיר זיי טהון? מיר וועלען זיי אפבייסען? מיין חבר מענדעל איז גלאט ניט צופריעדען. ער פארשטעהט ניט, צו וואס דארף מען קלאסען? ער זאגט, אז אין אמעריקע איז ניטא קיין קלאסען. טאמער גלויב איך איהם ניט, קאן איך א פרעג טהון ביי מיין ברודער אליהו. האט אבער מיין ברודער אליהו פיינט, אז מע פרעגט ביי איהם פוסטע זאכען. איך וועל שוין בעסער פרעגען ביי אונזער חבר פיני.

תחילת, אז מיר זענען ארויף אויפ'ן שיף „פרינץ אלבערט", איז דוקא געווען גוט און פיין. איך און מיין חבר מענדעל האָבען זיך געלאָזט אויסמעסטען דעם „פרינץ אלבערט" אין דער לענג און אין דער ברייט. קיינעם איז ניט געווען אזוי גוט, ווי אונז. מיר האָבען קיינמאָל ניט געהאַט אזא קווארטיר, ווי איצט. א וואסער־שטוב. א דרייגאָרענדיגע שטוב אויפ'ן וואסער. איך האָב אייך זי געהאַט שוין אמאָל אויסגעמאָהלט מיט אלע פישטשעווקעס. שטעלט אייך פאָר — איהר זיצט, ראכט זיך, אין שטוב, אָדער איהר שפּאַציערט ארום, די הענט אין די קעשענעס, און — איהר פאָהרט! איהר עסט און — איהר פאָהרט! איהר טרינקט און — איהר פאָהרט! הייגט די מענטשען, וואָס איהר זעהט זיך אָן. א וועלט מיט מענטשען. א גאַנצע שטאָדט פאָהרט מיט אייך. און מחמת אלע פאָהרען אויף איין שיף און אלע פאָהרען אין איין אָרט אריין, קיין אמעריקע — באַקענט איהר זיך מיט אלעמען און אלע באקענען זיך מיט אייך, און איהר ווערד געוואָהר אין איין טאָג אזוי פיעל זאכען, וואָס אין איין אנדער אָרט וואָלט איהר עס ניט דערגאנגען אין א יאָהר.

ד.

וועה־וועה, וויפיעל באקאנטע מיין מאמע און מיין שוועגערין ברכה מיט פיני'ס ווייב טייבעל האָבען זיך געמאַכט צווישען די ווייבער. נאָר דאָס איז געווען גאָר ניט קעגען די באַקאַנטע, וואָס מיין ברודער אליהו און זיין חבר פיני האָבען זיך געפונען צווישען די מאַנסבילען. וויפיעל מע האָט ניט גערעדט און גערעדט, האָט מען ניט געקאָנט זיך גענוג אָנרעדען. ווייבער האָבען גערעדט מעהר פון היימישע זאכען. פון זאכען, וואָס זענען שייך צו דער קיך, צו דער שפּיזארני, ווייסגרעט, קויטיג גרעט, בעטגעוואַנט, זאָקען, ציכלעך, רעטאָנדעס. און די מאַנסבילען — די האָבען גע-רעדט פון אמעריקע, פרנסה, קאָלומבוס, גזירות, פּאָגראָמען.

דאָ הויבט ערשט פּיני אָן אַרויסצושיטען זיינע שענסטע ווערטער. מישט זיך אַריין אַ איד איין עמיגראַנט, אַ ווילד-פּרעמדער:

— אַז ס'איז יאָ אַזאַ גליקליכע מדינה, ווי איהר זאָגט, וואו אַלע זענען גלייך, פון וואַנען זשע נעמען זיך דאָרטען שלעפּערס און גראַפען און בעטלערס און שררות? ממה־נפשך...

נאָר מיר לאָזען איבער פּיני'ן מיט'ן אידען מיט נאָך אידען, זיי זאָלען זיך רייסען — אַבי מיר זענען דערגאַנגען וואָס מיר דאַרפען, אַז אין אַמעריקע זענען קיין קלאַסען נישט פאַרהאַן. קומט אויס, אַז מענדעל איז גערעכט. ער זאָגט, אַז קלאַסען דאַרף מען פיינט האָבען. דאָס הייסט, אַז די פּאַסאַזשירען פון די העכערע קלאַסען דאַרף מען פיינט האָבען. פאַרשטעה איך ניט, פאַר וואָס? וואָס האָב איך צו זיי? זאָגט מענדעל: וואָס האָבען זיי זיך פאַר־שלאָסען ביי זיך אין צווייטער און אין ערשטער קלאַס צווישען די שפּיעגלען? וואָס שטעהט זיי אַזוי ניט אָן, די גרויסע פּריצים, צו זיצען מיט אונז אָט דאָ, צווישען דעק? מיר זענען דען קיין מענ־טשען ניט גלייך מיט זיי? אונזער טאָט איז דען ניט דער אייגע־נער, וואָס זייער גאָט? — דערפאַר האָט ער דערלעבט אין זיי אַ נקמה. ס'איז געקומען אַ נאַכט, וואָס די מיוחסים פון צווייטער און ערשטער קלאַס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונז, אין דריטע קלאַס, און געוואָרען גלייך מיט אונז אַלעמען.

דאָס איז געווען אין דער נאַכט פון יום-כפור, צו כל־נדרי.

ז.

מחמת דער „פּרינץ אַלבערט" איז אַרויסגעגאַנגען עשרת־ימי־תשובה, איז אונז אויסגעקומען צו פּראַווען יום־כפור אויפ'ן שיף. ערב יום-כפור האָבען מיר זיך פאַרפאַסט מיט געבראָטענע קאַר־טאָפעל — „פּעטייטעס" רופט מען עס דאָ. קיין כשר'ע קיך איז אויף „פּרינץ אַלבערט" נישט פאַרהאַן, לעבען מיר די גאַנצע צייט פון פּעטייטעס. און ברויט גיט מען אונז לרוב. און טיי און

אונזער חבר פיני האָט דוקא ליעב צו רעדען פון אזעלכע זאַכען. ער קאָן אַייך אָפּשיטען מיט רעד. און האָט איהר איהם נאָר זאַטשעפּעט מיט אַ וואָרט, איז ווי איין אָנגעדרעהטער ווע־זייגער. ער וועט ניט אַנשווייגען ווערען, ביז דאָס רעדעל וועט זיך אליין ניט אָפּשטעלען.

ז.

איך האָב געפּאַקט פיני'ן בעת ער איז געזעסען אויפ'ן דעק. ער האָט אַריינגעטהאָן זיין שפּיץ נאָז אין אַ בוך. מהמת ער איז אַ קורצזיכטיגער, לייענט ער ניט מיט די אויגען, נאָר מיט דער שפּיץ נאָז. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט.

— רב פיני, איך דאַרף אייך עפּיס פרעגען.

פיני האָט צוגענומען די נאָז פון בוך.

— וואָס'טו זאָגען, קטנתי? — קטנתי הייסט ביי איהם קליינינטשקער. אזוי רופט מיך פיני בעת ער איז אויפגעלעגט. און אויפגעלעגט איז ער כמעט אַלע מאָל. אפילו דעמאָלט, ווען ער קריעגט זיך מיט מיין ברודער אליהו. און אפילו דעמאָלט, ווען זיין טייבעל בלאָזט זיך. דערצעהל איך איהם אזוי און אזוי. צי ס'איז אמת, וואָס מע זאָגט, אז אין אמעריקע איז ניטאָ קיין קלאַסען?

האָט איהר באַדאַרפט אָנקוקען, ווי אָט דער פיני האָט זיך אָנגעצונדען און צעפלאַקערט זיך און גענומען רעדען און קייען און שפּייען און שיטען מיט פייערדיגע הויכע ווערטער: אז אמע־ריקע איז דאָס איינציגע לאַנד, זאָגט ער, פון אמת'ער פרייהייט און פון אמת'ער גלייכהייט. אין אמעריקע, זאָגט ער, קאָנסט דו זיצען אָט־אָ־דאָ־אָ, און נעבען דיר זאָל זיצען דער „פּרעזידענט", און ווייטער אביסעל זאָל זיצען אַ בעטלער, אַ שלעפּער, אַ ניקס שבניקס. און נאָך אַ ביסעל ווייטער — אַ גראַף, אַ שררה, אַ מיליאָנשטשיק! ציוויליזאַציע! פּראָגרעס! קאָלומבוס!... און

ווער שמועסט, אז זיין קליין ברודערעל, אָט דער קטנתי (דאָס מיינט מען מיך), זאָל איהם אונטערהעלפען אויף זיין סאָפּראַנאָ, וועלען מיר האָבען אַ יום־כפור, אַז גאָט און לייט וועלען אונז מקנא זיין.

וויפיעל אליהו האָט זיך ניט געבעטען, מע זאָל איהם לאָזען צו־רוה. וויפיעל ער האָט ניט געשוואָרען, אַז ער האָט זינט ער לעבט נאָך ניט געדאַווענט פאר'ן עמוד ימים־נוראים. עס האָט ניט געהאָלפען קיין שמע־ישראל. מע האָט איהם כמעט מיט געוואלד אוועקגעשטעלט פאר'ן עמוד (אַ קיילעכיג טישעל, מיט אַ ווייסען לייכאך איבערגעדעקט), און מיך האָט פּיני גענומען פאר איין אויהער: „געה, קטנתי, צו דער ארבייט!" און מיר האָבען אוועקגעלעגט פאר די פּאסאזשירען אַ כל־נדרי, וואָס זיי וועלען איהם האָבען צו געדענקען אויף דור־דורות.

ט.

ניט אזוי דער כל־נדרי, ווי די „יעלות". און ניט אזוי די „יעלות", ווי דער געוויין פון די ווייבער און פון די מאַנסבילען. פריהער האָט מען נאָר געקרעכצט, געזיפצט, געשנייצט די נעזער. דערנאָך האָט מען גענומען ווישען די אויגען. דערנאָך — ווייגען שטילערהייד. דערנאָך — ווייגען העכער און העכער, שרייען, קוויטשען און פאלען חלשות. זיי האָבען זיך דערמאָנט, אַז ערשט פאר־אַ־יאָהרען איז מען געווען איטליכער ביי זיך אין דער היים. יעדער אין זיין שול. אויף זיין פּלאַץ. ביי זיין סטענדער מיט זיין מחזור. געהערט זיין חזן. זיינע זינגערלעך. איצט איז מען נע־ונד, געיאָגט און געטריבען, ווי די שאָף, וואָס מע פיהרט צו דער שחיטה, צונויפגעפּאקט קאָפּ אויף קאָפּ. מע קאָן דעם אָטהעם ניט חאַפּען. איהר קאָנט פארשטעהן, אַז אפילו די אויסגעפּוצטע פּאסאזשירען פון די העכערע קלאסען מיט די הויכע גלאַנצענדיגע צילינדערס אויף די קעפּ האָבען זיך נישט געקאָנט איינהאלטען

צוקער אַלע טאָג. ס'איז גאָרניט אַזוי שלעכט. מע וואָלט גע־קאָנט אַ גאַנץ יאָהר אַזוי לעבען. זאָגט אָבער ברכה, מיין ברודער אליהו'ס ווייב, אַז פון פעטייטעס ווערד געשוואָלען דער בויך. נאָר וואָס זי קאָן זאָגען! ס'איז דען פאַרהאַן אַ זאַך, וואָס זאָל איהר געפעלען? אויף אַלסדינגג געפינט זי אייך אַ חסרון. למשל, איהר געפעלט ניט דער „פּרינץ אַלבערט", למאי ער קריכט. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, זאָגט זי, אַז אַ נסיעה זאָל געדויערען צעהן טעג? זאָגט מען איהר, אַז שולדיג איז ניט דאָס שיף — שולדיג איז דער ים. און אונזער חבר פיני נעמט זיך אונטער איהר געבען צו פאַרשטעהן, אַז דער ים באַטרעפט דריי מאָל אַזוי פיעל וויפיעל די יבשה, די טריקעניש. זאָגט מיין ברודער אליהו, אַז ניט דריי מאָל, נאָר צוויי מאָל אַזוי פיעל. וואָס־וואָס — נאָר געאָגראַפיע ווייסט ער בעסער. אויף דער וועלט איז פאַרהאַן, זאָגט ער, צוויי דריטעל וואַסער, איין דריטעל טריקעניש. קומט, זאָגט ער, אויס די רעכענונג, אַז ים איז צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי יבשה. זאָגט פיני: ניין, דריי מאָל. זאָגט אליהו: ניין, צוויי מאָל. „דריי מאָל!" „צוויי מאָל!" — צעקריעגט מען זיך, נאָר מע בעט זיך גיך איבער.

ח.

ווער וועט דאַוונען פאַר'ן עמוד? זאָגען כל־נדרי? פאַר־שטעהט זיך, מיין ברודער אליהו. ער איז טאַקי קיין חזן קיינמאָל ניט געוועזן. איז אָבער זיין טאַטע געוועזן אַ חזן, און אַ באַריהמטער חזן. אַ קול־נגינה האָט ער. עברי קאָן ער. וואָס דאַרף מען נאָך? און דערצו האָט שוין אונזער חבר פיני מיטגעהאָלפען, אַז מע זאָל מיין ברודער אפילו בעטען זאָגען כל־נדרי. ער האָט ארויסגע־לאָזט אַ קלאַנג איבער'ן גאַנצען שיף, איינגערוימט יעדען באַזונדער אַ סוד אויפ'ן אויהער, אַז אָט דער יונגערמאַן מיט'ן געלען בערדעל (אליהו) איז אַ מורא'דיגער בעל־מנגן. זיין דאַוונען — פּס! און

II

קריעת ים־סוף

און געווישט מיט זיידענע טיכלעך כלומרשט דעם שווייס. נאָר איך האָב גוט געזעהען טרערען ביי זיי אויף די אויגען. דער טרויער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו די סטיואַרדס און די מאַטראָסען זענען מיט דרך־ארץ געשטאַנען פון דער ווייטען און צוגעקוקט, ווי אידען האָבען זיך אַיינגעוויקעלט אין ווייסע טליתים, שטעהען אין די זאָקען און שאָקלען זיך און וויינען און יאָמערען — אפנים, ס'איז זיי גוט ביטער אויפ'ן הארצען. און מיין ברודער אליהו האָט זיך צעזונגען. און איך העלף איהם אונטער. און דאָרטען אין ווינקעל, צווישען די ווייבער, שטעהט די מאַמע אין דער יום־טוב'דיגער זיידענער פאַטשיילע, מיט'ן מחזור אין די הענט, און באָדט זיך אין טרערען.

דער מאַמע איז היינט גוט, ווי די וועלט. היינט איז איהר טאָג!

י.

אויף מאָרגען האָבען מיר זיך געפעדערט אויפצושטעהן א ביסעל פריהער, מע זאָל זיך שטעלען זאָגען „אדון-עולם" מיט'ן אלטען באַקאַנטען נוסח. ס'איז אָבער דערפון גאָרנישט ארויסגע־קומען. ס'איז געווען אוממעגליך ניט נאָר צו דאַוונען — מע האָט נישט געקאָנט שטעהן אויף די פיס. ניט געקאָנט טרעפען צום עמוד. עס איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. מיר זעהען ניט כמעט איינס דאָס אנדערע. עס איז נמאס דאָס לעבען. ס'איז שלעכט, שלעכט צום שטאַרבען. יאָ, מיר שטאַרבען.

וואָס האָט זיך געטראָפען? איצט בין איך מיעד, לאָז איך עס איבער אויף מאָרגען.

II

קריעת ים־סוף

א.

איך האָב אייך געהאַט אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון דעם פסק, וואָס מיר האָבען געחאַפּט יום־כּפּור אין דער פריה אויפ'ן שיף „פּרינץ אַלבערט". דאָס איז געווען אַ מיאוס'ער פסק. מיר'ן איהם געדענקען דאָס גאַנצע לעבען.

אָנגעהויבען האָט זיך עס פון אַ קליינינקייט. ערפּיס אַ חמאַ־דעלע, אַ שוואַרץ, אַ געדיכט וואָלקענדעל, האָט זיך נאָך פון ביי־נאַכט, באַלד נאָך כּל־נדרי, באַוויזען אויפ'ן עק הימעל. פריהער פון אַלעמען האָבען עס דערזעהען איך און מיין חבר מענדעל. וואָרום אַז אַלע אידען זענען נאָך געווען אונטען, געוויינט און גע־זאָגט תהלים נאָך כּל־נדרי, האָבען מיר, איך און מענדעל, אַרומ־געשפּאַציערט איבער'ן „פּרינץ אַלבערט". דערנאָך האָבען מיר זיך פאַרקלויבען אין אַ ווינקעלע, געזעסען און געשוויגען. עס איז געווען שטיל און וואַרעם און גוט אויפ'ן האַרצען. נאָר אביסעל אומעטיגליך. וואָס מענדעל האָט געטראַכט — ווייס איך ניט. איך האָב געטראַכט פון גאָט, וואָס זיצט אָט דאָרט, אין הימעל. ווי גרויס ער דאַרף זיין, אַז דאָס איז אַלסדינג זיינס? און וואָס

זיין רייטוואָגען. אום יום־כפור גאָר !... איין בליץ נאָכ׳ן אַנדערען באַלייכט אויף אַ רגע דעם שווארצען געדיכטען הימעל. דער „פרינץ אַלבערט” קרעכצט, שאָקעלט זיך אהין און אהער, ארויף און אראָפּ. און דער רעגען שמייסט. וואָס איז דאָס ? אַ מבול אויף דער וועלט ? האָט דאָך גאָט געשוואוירען, אז קיין מבול וועט ער שוין מעהר ניט ברענגען קיין מאָל אויף דער ערד...

— קריעת ים־סוף. — זאָגט מיין ברודער אליהו. און אונזער חבר פּיני באַמקעט־צו : „יאָ, ס׳איז קריעת ים־סוף”... דאָס ערשטע מאָל, וואָס די צוויי זאָגען ביידע איין זאַך. דאָס וואָרט „קריעת ים־סוף” האָט אויסגענומען. אַלע מאָל הויבט זיך אויף איין אנ־דער פּאַרשוין, טהוט אַ קוק אין דרויסען אַרויס און גיט־צו, אז ס׳איז קריעת ים־סוף. דערנאָך לויפט ער עפּיס מאָדנע אוועק אין אַ זייט אריין. דאָרט גיט ער אָפּ דער מאַמעס מילך, און מעהר זעהט מען איהם שוין נישט... ווער מיר דאַוונען ? וואָס מיר יום־כפור ? מע האָט שוין גאָר פאַרגעסען אפילו, וואו מען איז אין דער וועלט.

ג.

פון אונזער משפּחה האָט דעם ערשטען פּעטשאַטעק געמאַכט ברכה. זי האָט אָנגעהויבען שרייען, אַז אָט שטאַרבט זי ! דער־נאָך האָט זי גענומען שעלטען מיין ברודער אליהו. למאי ער האָט זי איינגערעדט צו פאָהרען קיין אַמעריקע. זי האָט געוואוסט פריי־הער, אז אַמעריקע איז סיביר. ערגער פון סיביר. סיביר איז גאָלד קעגען אַמעריקע !... האָט זיך די מאַמע געוואָלט אָננעמען די קריוודע פון איהר זוהן. זי האָט איהר גענומען זאָגען אביסעל מוסר, אז אַ מענטש באַדאַרף אַלס־דינג קאָנען אריבערטראָגען, וואָ־רום ס׳איז אַ גאָט׳ס זאַך. אַ סימן, סע שטעהט אין טייטש־חומש געשריבען... האָט זי אָבער נישט געקאָנט ארויסרעדען וואָס אין טייטש־חומש שטעהט געשריבען, וואָרום ס׳איז איהר מיט אַ מאָל

טראַכט ער זיך, אַז ער הערט אַזוי פיעל אידען זאָגען תהלים, ליבען איהם אין גיכען־ראַיש פאַר אירב דאָס ראַזן? די מאַמע זאָגט, אַז ער רעדט אין זעהט אַלעמען. אין אַז ער ווייסט אַלצדינג. אַפילו דאָס, וואָס איך טראַכט אין דער מינוט ביי זיך אין האַרצען. אויב אַזוי, איז ניט גוט. ווארום איך האָב גאָר־נישט געטראַכט פון אַ גוטען עפעל, פון אַ זיסער באַר אין דאַמיש פון אַ טרינק וואַסער. קאַלט וואַסער. פון די פעטייטעס ברענט איפ׳ן האַר־צען — אין טרינקען טאָר מען נישט. יום־כפור נאָך בלנתי — ווער וועט דאָס טרינקען וואַסער? מיין ברודער אליהו וועט מיך רדג׳ענען. ער וויל נאָר, איך זאָל פאַסטען ביי טאָגען ביינאַכט נאָך יום־כפור. זאָגט די מאַמע: „מיר׳ן זעהען". הערווייל זוכט זי מיך אויפ׳ן גאַנצען שיף און קאָן מיך ניט געפינען. ווייזט איהר אָן אַ מאַטראָס, אַז דאָרט, ביי׳ם באַמע שפיין, זיצען מיר, איך און מיין חבר מענדעל. שרייט זי: „מאָטעל! מאָטעל?" — „וואָס איז, מאַמע?" — „וואָס הייסט וואָס איז? שלאָפען גער! מאָרגען דאַרף מען אויפשטעהן פריה, האָסט פאַרגעסען? ס׳איז יום־טוב"... גלוסטען גלוסט זיך ניט. נאָר מע דאַרף געהן שלאָפען.

ב.

אויף מאָרגען, אַז מיר האָבען זיך אויפגעכאַפט אין דער פריה, איז שוין דער גאַנצער הימעל געווען באַלעגט. דער ים האָט זיך צעבייזערט מיט סכנות. די חוואַליעס האָבען זיך אויפגעהייבען העכער פונ׳ם שיף, געוואָרפען דעם „פרינץ אַלבערט", ווי עפּיס אַ שפּענדעל, אַ שפּיעלעכעל. די מאַטראָסען האָבען געמוזט לויפען אַהין און אַהער, ווי די פאַר׳סמ׳טע מייז. די סטיואַרדס האָבען זיך צוגעהאַלטען ביי די פאַרענטישעס. די פּאַסאַזשירען זענען גע־גאַנגען האַרט ביי די ווענט און געפאַלען כמעט אויף יעדען טריט. מיט אַ מאָל האָט געגעבען אַ גאָס אַ שלאַקס־רעגען. די רינערע האָ־בען זיך געטראָגען איינס נאָך דאָס אַנדערע. גאָט פאָהרט אויף

אויף א פערד, נאָר אַז איך שליטעל זיך מיט א שליטען אויפ'ן שניי. דער סוף איז געווען, אַז דער עמיגראַנט, די „גערויכערטע ליולקע", איז געלעגען א טוידטער אויף זיין געלעגער, און איך און מיין חבר מענדעל זענען מיר פונ'ם רעגען געוואָרען פיטש־נאַס, חאָטש אויסצודרעהען. צו אונזערע געלעגערס האָבען מיר שוין אליין נישט געקאָנט טרעפען. מע האָט אונז גענומען מחילה אונ־טער די הענט און אָפּגעפיהרט אין אונזער רוה אריין.

ה.

וויפיעל צייט דאָס קריעת ים־סוף האָט גענומען? א טאָג, צוויי און אפשר אַלע דריי — דאָס ווייס איך ניט. איך האָב שוין פארגעסען. איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז מיר האָבען זיך אויפגעחאַפּט, איז געווען א פרייד צו לעבען אויף דער וועלט. דער הימעל איז געוואָרען ריין, ווי גין־גאָלד. דאָס וואַסער — ווי א גלאָז. דער „פּרינץ אַלבערט" איז געלאָפען איין אויסגעצוואָ־גענער, איין אויסגעפּוצטער, געשניטען מיט די רעדער דאָס וואַסער, געפּינעט, געברויזט און געשפּריצט אויף אַלע זייטען. די פּאַסאַ־זשירען האָבען אויפגעלעבט. מען איז אַרוים אין דרויסען אַלע, גרוים און קליין, אויף דער וואַרעמער זון, אויף דער שענער, ליכ־טיגער וועלט. עמיצער האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז אָט באַלד וועט מען קאָנען זעהען דאָס לאַנד. איך און מיין חבר מענדעל זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבען אָנגעזאָגט אַלעמען די גוטע בשורה, אַז מע זעהט שוין דאָס לאַנד. פון דער ווייטען האָט דאָס אויסגעזעהען ווי א פּלעק, א געלע, גרויסע פליאַמע. די פליאַמע ווערד אַלע מאָל גרעסער און ברייטער. מע זעהט שוין שיפען פון דער ווייטען. אָהן א שיעור שיפען מיט הויכע, דינע זעגעל־בוימער. גיך זענען פארגעסען געוואָרען אַלע צרות. די פּאַסאַ־זשירען האָבען זיך אַלע אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג. די ווייבער האָ־בען זיך אויסגעפּוצט. מיין ברודער אליהו האָט צעקעמט די

געוואָרען נישט גוט אויף צו חלש'ען. אויף איהר קוקענדיג, האָט גענומען חלש'ען אונזער חבר פיני'ס ווייב, טייבעל. איז פיני ארוים מיט לשון: „מיט די ווייבער איז דיר נאָר א באשרייבונג, א קאָמעדיע!" — ער האָט ארייננעלעגט ביידע הענט אין די הויזענקעשענעס און פאררוקט דאָס קאַפעלישעל אויף א זייט. ער האָט געזאָגט: „שוטים! נאַראָנים! דאכט זיך, וואָס קאָן עס מיך אהרען, אז דער ים שטורעמט און דאָס שיף קאַטישעט זיך? א מענטש, א בר-דעת, גיט זיך איין עצה. בעת דאָס שיף טהוט זיך א בויג אהער, בויג איך זיך אוים אהין. און אז דאָס שיף בויגט זיך אהין, טהו איך זיך א בויג אהער. ווערד עס אָנגערופען באלאַנץ"...

און בויגענדיג זיך אהין און אהער, האָט פיני אונז באוויזען א „באלאַנץ", אז ס'איז ניט גוט געוואָרען אויך מיין ברודער אליהו, און ביידע האָבען זיי גענומען און אוועקגעגעבען וואָס זיי האָבען אמאָל געהאַט... דאָס אייגענע האָבען געטהאָן אויך די איבעריגע פאסאזשירען. מע האָט זיך קוים פארשלעפּט איטליכער צו זיין געלעגער און מען איז אנידערגעפאַלען, ווי די סנאָפּעס, און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבען דער רעכטער גיהנם פון קריעת ים־סוף...

ד.

איך און מיין חבר מענדעל האָבען זיך געהאַלטען לענגער פון אלעמען. מענדעל האָט געהאַט א סגולה פון איין עמיגראַנט, וואָס איז געפאָהרען מיט אונז אינאיינעם און האָט אונז כסדר געגעבען עצות. דער דאָזיגער עמיגראַנט איז א „געריוכערטע ליולקע". אזוי זאָגט ער אליין אויף זיך. ער איז שוין דריי מאָל געפאָהרען אויפ'ן ים קיין אמעריקע הין און צוריק. ווייסט ער א סגולה צום ים. די סגולה באשטעהט אין דעם, מע זאָל זיצען אין דרויסען אויף דער פאלובע, קוקען אין דער ברייט פונ'ם ים, ניט אין דער לענג, און ניט אין זינען האָבען, אז איך פאָהר רייטענדיג

צוריק פאַרנעמען זייערע ערטער. פריהער מיט גוטען. דערנאָך מיט בייזען. ווער עס איילט זיך ניט צו געהן, חאַפּט א סטוסאַק פון הינטען. אַלע זענען דאָ, יונג און אַלט. אידען און ווייבער און קינדער, גויים, טערקען, ציגיינער. ס'איז א דערשטיקעניש. די טיר האָט מען געשלאָסען. א קייט האָט מען אויפגעהאנגען אייך אייזערנע. מיר קאָנען זעהען נאָר דורך די פענסטער, וואָס אין דרויסען טהוט זיך. קיינמאָל האָבען מיר זיך ניט געפיהלט אזוי שלעכט, ווי אַצינד. מיר האָבען אויסגעזעהן ביי זיך אין די אויגען, ווי געפאַנגענע. „פאַר וואָס? פאַר ווען?" — אַזוי טענה'ט צו מיר מיין חבר מענדעל און די אויגען זיינע ברענען, שיסען מיט פייער...

ח.

לאָזט זיך אויס א מעשה, אז מיר זענען שוין געקומען. געקומען קיין אמעריקע. נאָר וואָס דען? די פּאַסאַזשירען פון ערשטער און צווייטער קלאַס האָט מען אראָפּגעלאָזט דורך א לאַנגען לייטער מיט אפשר הונדערט טרעפּ. נו, און וואָס וועט זיין מיט אונז? מיר זענען דאָך שוין אין אמעריקע!

— ניט פאַר אונז געדאַכט! — רופט זיך אָפּ א איד א שניידער פון הייסין. דוקא נישקשה פון א מענטשעל, נאָר א ביסעל א נודניק. ער געהט אויסגעפּוצט, טראָגט שאַרפע ברילען, האַלט פון זיך איין עולם ומלואו און האָט ליעב רעדען אויף צו־להכעיס. ער דאַרף נאָר הערען וואָס איהר זאָגט, זאָגט ער קאַפּויר. צווישען איהם און אונזער חבר פּיני זענען שוין פאַרגעקומען עטליכע סטיטשקעס. מיין ברודער אליהו האָט זיי קוים צענומען. דער שניידער האָט זיך נגעגעבען דאָס וואָרט, מעהר מיט פּיני'ן קיין וואָרט ניט רעדען. דערפאַר, וואָס פּיני האָט איהם באַלעדיגט. ער האָט איהם אָנגערופען מיט אַלע מיאוס'ע נעמען: „חייט", „שניידערוק" און „פאַלגוץ". און האָט איהם א פרעג געגעבען:

באָרד. ברכה און טייבעל האָבען זיך אויסגעשלייערט. די מאַמע האָט אָנגעטהאָן איהר שבת׳דיגע זיידענע פאַטשיילע. איך און מיין חבר מענדעל האָבען נישט געהאַט וואָס אָנצוטהון. און ס׳איז טאַקי קיין צייט אויך ניט געווען. מע האָט שוין געהאַלטען אָט־אָט ביי׳ם צופאָהרען צו דעם ברעג פון אַמעריקע. עס איז געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען און גוט אויפ׳ן האַרצען. פונקט אַזוי האָבען זיך באַדאַרפט פיהלען די אידען נאָך קריעת ים־סוף. עס האָט זיך געגלוסט זאָגען שירה.

ו.

„שלום עליכם דיר, קאָלומבוס! זיי געגריסט, דו פרייע מדינה! דו גאָלדענע, גליקליכע מלוכה!״

אַזוי האָט אונזער חבר פיני באַגריסט דאָס נייע לאַנד. ער האָט אַזש אַראָפּגעחאַפּט דעם קאַפּעלישעל, זיך איינגעבויגען און זיך פאַרנייגט. און אַזוי ווי איהר ווייסט, אַז ער האָט אַ נידעריגע ראיה, האָט ער ניט באַמערקט, אַז עס לויפט פאַרביי אַ געזונטער, פאַרשוויצטער מאַטראָס, מיט אַ רויט פאַררויכערט פנים, און האָט זיך מיט איהם צעבוצקעט פנים אל פנים. דאָס הייסט, אונזער חבר פיני׳ס שפּיץ נאָז איז אויסגעקומען דעם פאַררויכערטען מאַט־ראָס אַקוראַט צווישען די אויגען. אַ גליק, וואָס דער מאַטראָס איז בטבע אַ גוטער גוי, ניט קיין רשע. האָט ער באַטראַכט אונזער פיני׳ן מיט דער צעשלאָגענער נאָז, אַ שמייכעל געטהאָן און אַ מורקע געגעבען אונטער די וואָנסעס. אפנים, דאָס איז געווען אַ קללה אויף אַמעריקאַנער לשון.

ז.

מיט אַ מאָל איז געוואָרען אַ בהלה. דריטע־קלאַס־פּאַסאַזשירען, בעט מען, זאָלען מוחל זיין אַראָפּ אונטען אין זייערע שטייגעלעך.

אַלץ מעהרער. ער טרעט ארויף אויף דעם הייסינער שניידער, גלייך ווי ער וואָלט איהם וועלען דורס זיין. דער הייסינער שניידער שרעקט זיך איבער און רוקט זיך אָפּ. ער זאָגט:

— שאַט! זעהט נאָר! מע האָט איהם געקוילעט די קאַפּאָטע! גערעדט אויף זיין אמעריקע! איז לא פדלתי! מיר'ן עלטער ווערען מיט א פּאָר שעה, וועלען מיר קליגער ווערען...

וויפיעל האָט ער אויף זיין לעבען אָנגע׳גנבה׳ט „יתור״?... איצט, אז מע האָט אונז פארשפארט, האָט זיך דער הייסינער שניידער מיט אַ מאָל צערעדט. און דוקא מיט לשון-קודש־ווערטער:

— מה אָנו, מה חיינו — וואָס זענען מיר? ווער זענען מיר? משול כחרס הנשבר — מיר זענען געגליכען צו, להבדיל, סקאָט. סקאָט אז מע פיהרט אריין, דארף מען דאָס באַטראַכטען...

פאַלט אָן אויף איהם אונזער חבר פּיני. ער זאָגט, אז דער משל איז ניט גלייך צום נמשל. אז מע רעדט פון אַמעריקע, באַ־דאַרף מען, זאָגט ער, פריהער די הענט וואַשען. און ער הויבט אָן שיטען מיט זיינע שענע ווערטער, ווי פּיני קאָן. ער קאָן ניט הערען, אז מע רעדט אויס אַ שלעכט וואָרט אויף אַמעריקע. פאַר־ענטפערט זיך דער הייסינער שניידער. ער זאָגט, אז ער רעדט ניט פון אַמעריקע ניט גוט, ניט שלעכט. ער זאָגט דאָס נאָר אַקעגען דעם, וואָס ס׳איז אַלסדינג גוט, און שען, און פיין, נאָר ניט פאַר אונז געדאַכט... אונז וועט מען אזוי גיך ניט אַראָפּלאָזען... פּיני געהט ארויס פון די כּלים. ער שרייט:

— וואָס דען וועט מען מיט אונז טהון? מע וועט אונז איינ־זאַלצען? „מע וועט אונז ניט איינזאַלצען, — זאָגט דער הייסינער שניידער מיט גאַל און האָט הנאה — נאָר מע וועט אונז ברענגען אין אזא מין אָרט, וואָס מע רופט דאָס „עלים איילאַנד״. דאָרט וועט מען אונז פאַרשפּאַרען ווי די קעלבלעך אין אַ שטאַהל, ביז אונזערע פריינד און באַקאַנטע וועלען זיך אַמאָל דערמאַנען קומען אונז אַראָפּנעמען״...

פּיני שפּרינגט אזש אונטער: „עס איז דיר אַיין אַנטיק מיט דעם אידען! בּראָש ווייסט אייך דער דאָזיגער חייט פון אַלע שווערע הערצער! ניט אזוי אַלט, ווי געניט! אָט ווייסען מיר אויך, אז ס׳איז דאָ אַ קעסעל־גאַרדען, מיין איך אַ „עלים איילאַנד״, פון דעסטוועגען האָב איך ניט געהערט פון קיינעם, אז „עלים איילאַנד״ איז געשטעלט געוואָרען דערויף, מע זאָל האַלטען מענ־טשען אזוי ווי קעלבלעך״... וואָס ווייטער היצט זיך אונזער פּיני

III

אין געפענגניש

III

אין געפענגעניש

א.

ניט אומזיסט האָט אונזער חבר פּיני געוואָרפען איין אום־חן אויף „עליס איילאנד״, גרייט געווען מאכען דערויף א ליעד און צעקריעגט זיך מיט מיין ברודער אליהו. דעם כעס האָט ער אָבער נעהאלטען אין זיך. פּיני האָט ניט געוואָלט, אז דער הייסינער שניידער זאָל וויסען, אז ער, פּיני, איז ניט צופריעדען מיט אמע־ריקע. האָט ער זיך געמאכט הארץ. נאָר איגוועניג האָט דאָס איהם געברענט מיט סכנות. „סטייטש־סטייטש, מע זאָל נעמען מענטשען און איינשפּארען זיי, ווי סקאָט, ווי ארעסטאנטען, ווי געפאנגענע!״ — אזוי האָט ער גע׳טענה׳ט שטילערהייד מיט אליהו׳ן נאָכדעם, ווי מע האָט אונז געבראכט צו פיהרען אויף „עליס איילאנד״. קומט־אויס, אז דער הייסינער שניידער איז געווען גערעכט. ער האָט פריהער נביאות געזאָגט, אז ס׳וועט אזוי זיין. נישמעהר, ער האָט אביסעל איבערגעחאפּט די מאָס. ער האָט געזאָגט, אז מע וועט אונז איינשפּארען אין א שטאהל. צום סוף האָט מען אונז אריינגעפיהרט אין א גרויסער ליכטיגער שטוב און מע האָט אונז געגעבען עסען און טרינקען און אלסדינג אומזיסט, אָהן געלט. גוטע ליעבע מענטשען! נאָר וואָס דען? איידער מיר האָבען דערלעבט צו קומען צו דער דאָזיגער שטוב —

אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע און געשענקט מיר איין אָראַנדזש. דאָס הייסט, אַ מאַראַנץ. פאַרבליבען ביי איהם פון׳ם שיף. אויפ׳ן „פּרינץ אַלבערט״ האָט מען אונז געטיילט אַלע טאָג מאַראַנצען. אָראַנדזשעס רופט מען עס דאָרט. ווער עס האָט געוואָלט, דער האָט געגעסען. ווער ניט — דער האָט זיין מאַראַנץ באַהאַלטען, אַז קיינער זאָל ניט זעהען, ווייט אין קעשענע. איך האָב מיינע ניט באַהאַלטען. ווי אַזוי קאָן מען זעהען אַזאַ פּרי און ניט אויפעסען? — נאָר העכער פון אַלע האָט אויסגעדריקט זיין גרולה אונזער חבר פּיני. ער האָט געזאָגט צו אונז אַלע:

— נו? ווער איז קלוג? איך, צי איהר? האָב איך ניט געזאָגט, אַז דאָס האָבען שונאים אויסגעטראַכט אויף אַמעריקע, אַז מע לאָזט ניט אַריין אַ מענטשען, וואָס האָט פאַרוויינטע אויגען? מענטשען לעדיגגעהערס, ליגנערס, באַרעדערס, לשון־הרע׳ניקעס, בייזע צינגער, לײדאַקעס, פאַרכעס! זיי וועלען שוין באַלד אויסטראַכטען אויף אַמעריקע, אַז מע טרייבט צו דער שמד. וואו איז ערגיץ דער הייסינער שניידער, אַ רוח אין זיין טאַטענ׳ס ביינער אַריין?...

האָט זיך, הייסט דאָס, אונזער פּיני וויעדער איבערגעבעטען מיט אַמעריקע.

ג.

פון גרויס אימפּעט האָבען מיר זיך אין דער בהלה גאָר ניט אַרומגעקוקט, אַז פון אונזער קאָמפּאַניע פעהלט איינער. דאָס איז געוועזען מיין חבר מענדעל. די ערשטע האָט זיך אַרומגעזעהן דוקא ברכה. זי האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן און אַ פּלעסק געגעבען מיט די הענט: „וועה איז מיר — וואו איז דער לאָשאַק?״ „אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען!״ — זאָגט די מאַמע, און מיר האָבען זיך אַלע אַ וואָרף געגעבען זוכען מענדלען. און מענדעל איז ניטאָ. פאַרפאַלען, ווי אין וואַסער אַריין.

טאַטע־פּאָטער! דורך אַ לאַנגער בריק מיט טירעלעך ביי די זייטען זענען מיר דורכגעגאַנגען איינציגווייז. אויף יעדען טריט האָט אונז אָפּגעשטעלט איין אַנדער אָנשיקעניש מיט אַ קנעפּעל, באַקוקט, באַטראַכט, באַזוכט, באַטאַפּט. פריהער פון אַלסדינג האָט מען מיט אַ ווייס פּאַפּיערעל אונז איבערגעקעהרט די ברעמען אויף דער לינקער זייט, באַטראַכט די אויגען. דערנאָך די איבעריגע אברים. און יעדער באַזונדער שטעלט־אַוועק אויף איך אַ צייכען מיט עפּיס אַ קריידעל און טהוט אייך אַ ווייז מיט דער האַנט, וואוהין איהר זאָלט געהן — רעכטס אָדער לינקס. דערנאָך זענען מיר ערשט אַריינגעקומען אין יענער גרויסער שטוב, וואָס איך זאָג אייך. און ערשט דאָרט האָבען מיר זיך אָפּגעזוכט איינס דאָס אַנדערע. ביז דעמאָלט זענען מיר געווען צעטומעלט און נישט געקאָנט געפינען זיך. און צעשראָקען זענען מיר געווען, ווי די קעלבער, ווען מע פיהרט זיי צו דער שחיטה.

ב.

וואָס האָבען מיר, מיינט איהר, מורא געהאַט? די גאַנצע מורא אונזערע איז געווען — דער מאַמע'ס אויגען: וואָס וועט זיין מיט איהרע רויטע פאַרוויינטע אויגען? לאָזט זיך אויס, אַז איהר האָט מען ווינציגער פון אַלעמען געקוקט אין די אויגען אַריין.

— דאָס האָט ער זיך געמיהט, דער טאַטע אייערער, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען!... — אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע און האָט אונז אַלעמען אַרומגענומען און צעוויינט זיך אַזש פאַר פרייד. זי האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טהון פאַר וואוילטאָג. און אויך מיין ברודער אליהו איז געוואָרען גאָר איין אַנדער מענטש. אַזוי האָט ער אַ טבע, אַז בעת מע לויפט, מע פאָהרט, מען איז צעטראָגען, לאָזט ער אויס זיין גאַנץ ביטער הארץ צו מיר. עס פליהען פעטש, ווי האָלץ. און ברכה העלפט איהם אונטער מיט אַ קללה. איצט איז אויף איהם אַ נייע הויט געוואָרען. ער האָט

שניידער מאכט זיך ניט וויסענדיג. ער טהוט און דרש'ענט, גלייך ווי עמיצער פרעגט ביי איהם. ער לעגט אונז שטיינער אויפ'ן הארצען. ער רעכענט־אויס א גאנץ צעטעל פון צרות, יסורים און לייד, וואס מיר האבען נאך אויסצושטעהן. מע וועט ביי אונז, זאגט ער, פריהער נעמען די אדרייסים פון אונזערע פריינד אדער באקאנטע. דערנאך וועט מען ביי אונז נעמען, זאגט ער, געלט אויף צו קלאפען א דעפעש צו אונזערע באקאנטע און ווארטען, ביז עמיצער וועט אמאל קימען. און ערשט דעמאלט, זאגט ער, ווען יענער וועט זאגען, אז ער קען אונז און ווייסט אונז און איז ערב פאר אונז, אז מיר וועלען דא זיין גוט און פרום צו גאט און צו לייטען, וועט מען אונז, זאגט ער, ארויסלאזען פון געפענגעניש.

פארשטעהט זיך, אז אונזער חבר פיני צינדט זיך אן, ווי א שוועבעלע. ער קוקט אויף מיין ברודער אליהו און רעדט צום שניידער. ער פרעגט ביי איהם נאר איין זאך: פון וואנען איז ער דאס אזוי געניט אין די זאקאנעס פון „עלים איילאנד״? ענט־פערט איהם דער שניידער, אז ער האט זיך באקענט דא אויפ'ן שיף מיט איינעם איין עמיגראנט, וועלכער איז שוין געפאהרען קיין אמעריקע דריי מאל הין און צוריק. דאס מיינט ער, אפנים, די „גערויכערטע ליולקע״. פון איהם איז ער דאס געוואויר גע־ווארען אלע דינים און מנהגים. און ניט נאר דאס אליין. ער האט פון דער „גערויכערטער ליולקע״ געגנאישט נאך א סך, א סך זאכען, וואס זענען שייך צו אמעריקע. אזוי, אז ער פאהרט אהין שוין א פארטיגער, איין אמעריקאנער. ער ווייסט שוין אפילו, ווי אזוי צו רעדען אויף אמעריקאנער לשון. צום ביישפיעל: „טשיקען״, „קיטשען״, „שוגער״, „מיסטער״, „בוטשער״, „בריטש״. וואס דאס באדייט — וויל ער ניט זאגען. אז מיר'ן זיין אויפ'ן ארט, זאגט ער, וועלען מיר שוין אליין געוואוירע ווערען וואס דאס איז. פיני טהוט א מאך מיט דער האנט און טרעט־אפ אויף א זייט, ווי איינער רעדט: „עלעהיי א הונט בילט״...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שולדיק איז ער אַליין. מאָטי מענדעל, מײַן זון. בײַ'ם פֿאַרהער האָט ער זיך שטאַרק פֿאַרפּלאָנטערט. ערשט האָט ער זיך פֿאַרשטעלט, ווי דערמאָנט אין דיפּלאָמאַט, פֿאַר אַ שטומען. דערנאָך האָט ער מיט אַ מאָל אָנ־געהויבן צו רעדן פּראַוויזאָריש גאַנץ שטאַרק. אַז האָט ער גע־זאָגט, אַז ער איז ערשט אַלט פֿינף יאָר, און אַז אין אים איבער־געבליבן צו זאָגן, אַז ער איז שוין בר־מצווה און ער לייגט שוין תּפֿילין. און צום סוף האָט ער זיך מודה געווען און איבערגע־צײלט פֿאַר די קאָנפֿליקטער דעם גאַנצן אמת: אַז ער איז אַ פֿאַר־לירענער. דאָס הייסט, אַז בײַ'ם אַריבערגיין איבער דער גרענעץ האָבן מאַמע־טאַטע אים געלאָזט אין ריכטיק־פֿאַר־לירן, און אַז מיר האָבן אים פֿאַרלאָזט. און אַז ער קאָן נישט אַריבער דעם ים, וואָרט ער אין שטאָט בײַ זײַנע עלטערן. ווײַל ער ווייסט אַליין נישט. ער וואָלט וויסן, זאָגט ער, וואָס ער זאָגט, וואָלט ער נישט געוועזן דאָ. ער וואָלט אַליין, זאָגט ער, צו זיי געפֿאָרן. דאָס מיט אים דער גאַנצער אײַנגעשפּאַרט. מיט נאָך אײניקע ווי ער, און אַ באַזונדער חדר. אַזוי זאָגט זי־ שפּעטער אַלע אינאיינעם צוריקשיקן.

ד.

דערווײַל איז מעשה, האָבן מיר זיך אַרויסגעשטעלט אַלע פֿאַר דעם אימיגראַנטן שפּיטאָל. די מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד. זי ווײַנט דאַרפֿן אָפּגעבן דערציילונג פֿאַר אַ לעבעדיקער ייִדן. מאַמע באַוויזן זי זיך אַ מאָל דאָ מיט ווייניק מאַמע־מאַמע — וואָס וועט זי זיי זאָגן?

— ווײַסטאיר אַ קאָפּעטשקעלע — איר זאָגט נאָר מיט זיך אַליין איך ניט פֿאַרשטאַנען... — אויב זאָגט צו איר דער דירעקטאָר שטיינער. „גיבאַ הבו!" — זאָגט פּיני און כאַפּט בײַ אײנ'ן שטיינער. ער איז נישט אים אַנטלאָפֿן פֿאַר'ן גאַנגל. דער־

ו.

אויף אדרייסים לייענען איז, פארשטעהט זיך, פיני מעהר בריה פון אונז אלעמען. נעמט ער צו ביי אליהו׳ן דאס פאפיערעל, טראגט דאס צו צום שפיץ נאז און לייענט די אדרייסים מיט דעם ניגון, ווי מע לייענט תנאים אויף א קנס־מאל. פארשטעהט מען אבער ניט וואס ער זאגט. עס קומט־אויס ביי איהם יעדעס ווארט קאפויר. רייסט־ארויס ביי איהם אליהו דאס פאפיערעל מיט די אדרייסים און ניט עס איבער דעם „קנעפעל”. זאגט דאס „קנע־פעל” צוויי ווערטער: „אל־רייט. ווייסען מיר ניט וואס דאס באדייט. זאגט אונז דער הייסינער שניידער, אז ער ווייסט. די ווערטער „אל” און „רייט” איז, זאגט ער, אלץ איינס, ווי, למשל, ביי אונז די ווערטער: „מילא בקיצור”. אדער „מהכתיתי”. אדער „נו־נו”. דאס הייסט, עס וועט שוין זיין ווי געוואונשען.

דערנאך האט מען גענומען ביי אונז קליינגעלט און מע האט אוועקגעקלאפט צוויי דעפעשען. איין דעפעש צו משה דעם איינ־בינדער מיט זיין ווייב פעסי די גראבע. די אנדערע — צו יונה דעם בעקער. און אליין האבען מיר זיך דערוויילע מכבד געווען מיט א גוטען אנבייסען. דער אנבייסען איז געווען ניט אזוי פויגעלדיג. דאס ביסעל טיי, וואס מע האט דערלאנגט, האט ברכה נעזאגט, אז מע קאן עס שניידען מיט א מעסער. דערפאר האט אונז דער אנבייסען ניט געקאסט גארנישט ניט. אויף „עליס איילאנד” באקומט מען, ווי איך האב אייך שוין געזאגט, אלץ אומזיסט. איבערגעכאפט דעם הונגער, האבען מיר גענומען ווארטען אויף אונזערע פריינד און באקאנטע.

ז.

ניט אזוי גיך טהוט זיך עס אבער, ווי עס רעדט זיך. עס זענען אונז גוט די אויגען ארויס, ביז מיר האבען דערלעבט צו זעהען א באקאנטען. די ערשטע איז געקומען אונזער שכנה פעסי די גראבע

ה.

מיינט איהר, אַז עס איז ניט געווען אַלסדינג אַקוראַט, ווי דער הייסינער שניידער האָט אונז פֿירגעזאָגט? — נישט געמינערט אַ האָר! אַז מיר זענען דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנם פֿון די דאָקטוירים, האָט מען אונז אַ פֿרעג געגעבען, וועמען האָבען מיר אין אַמעריקע? שטעלט זיך אַרויבעט פֿריהער די מאַמע: „פֿרעגט בעסער, וועמען האָבען מיר דאָ ניט?" און זי איז גרייט שוין אויסצורעכענען ביי די נעמען אַלע אונזערע פֿריינד און באַקאַנטע. אַ חיות אַ קוק צו טהון אויף מיין מאַמע אַציגר, נאָך דעם, וואָס מע האָט זי דורכגעלאָזט מיט איהרע פֿאַרוויינטע אייגען. מיין מאַמע איז שוין ניט קיין יונגעטשקע, נאָר זי איז נאָך מלא חן. איך האָב שוין לאַנג ניט געזעהען, די מאַמע זאָל אַזוי שיינען, ווי זי שיינט אַציגר. לאָזט זי אָבער מיין ברודער אליהו ניט רעדען. די אדרייסים זענען, זאָגט ער, ביי איהם פֿאַרשריבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער. ווייסט ער בעסער. מישט זיך אַריין פּיני און זאָגט, אַז מע פֿרעגט נעמען, ניט קיין אַדרייסים. האַקט איהם אָפּעט ברכה און זאָגט, אַז בסך־הכל האָט ער, פּיני, הייסט עס, קיינעם ניט אין אַמעריקע. די אַלע פֿריינד און באַקאַנטע זענען אונזערע פֿריינד. ווערד פּיני אָנגעצינדען און פֿרעגט ביי איהר אַ קשיא: „מיט וואָס, למשל, איז פּעסי די גראָבע, אָדער איהר מאַן משה דער איינבינדער, אונז מער שמעלקע, ווי איהם?" ענטפֿערט איהם ברכה, אַז פּעסי'ן האָט זי אין דער ערד. אַז זי זאָגט קרובים, מיינט זי דאָס איהר טאַטע יונה דעם בעקער. לאָזט זיך אויס, אַז גערעכט איז אליהו. זיי פֿרעגען נישט אויף באַקאַנטע. זיי פֿרעגען אויף אדרייסים. און עס הויבט זיך אָן אַ חתונה מיט אדרייסים.

וואָס מע מאכט? און וואָס הערט זיך אויף דער וועלט? און ווי אזוי לעבט זיך עס אָט דאָ, אין אמעריקע? איך, למשל, געה־אוים וויסען, וואו איז ושתי? וואָס טהוט מיין שווענגערינ'ס שוועס־טערעל אלטע? (מע האָט זי מיר גערעדט אמאָל, אויב איהר גע־דענקט, פאר א כלה). און די גאנצע חאליאסטרע וואָס מאכט? נאָר געה שריי חי וקיים, אז מע קאָן ניט א ריהר טהון זיך. מע האלט אונז פארשפארט. זעהען מיר זיך דורך די גראַ־טעס, אזוי ווי ארעסטאנטען, אזוי ווי געפאנגענע, אָדער אזוי ווי חיות...

ט.

א רחמנות נעבאך אויף אונזער חבר פיני. ער קאָן אונז ניט קוקען גלייך אין די אויגען אריין. ס'איז איהם א בזיון פאר אמעריקע. איהר וואָלט געמעגט שווערען, אז ס'איז זיין אמעריקע, און ער דאַרף אָפּגעבען דערפאר דין־וחשבון. אָט פון דעמאָלט אָן האָט ער געוואָרפען איין אום־חן אויף „עלים איילאנד" און האָט צוגעטראכט דעם גראם, אז „דאָס שטיקעל לאנד געהערט צו איינעם אלי, וואָס איז א נאר ביז דער סטעלי"... און דעריבער פארדריסט עס מיין ברודער אליהו, מחמת ער הייסט דאָך אויך אלי. צע־אמפערט מען זיך און מען הויבט אָן צו קריעגען זיך. מישט ייך אריין ברכה, און דוקא פון פיני'ס צד, און זאָגט מיט א משל, ווי איהר שטייגער איז, אז „פאר א געשלאָגענעם הונט ווייזט מען ניט קיין שטעקען"... וואָס מיינט זי דערמיט?

מיט איהר מאַן משה דעם איינבינדער. דאָס הייסט, געזעהען האָבען מיר זיי ניט — מיר זיצען דאָך איינגעשפּאַרט. נאָר מע האָט אונז געלאָזט וויסען, אַז ס'איז געקומען צו אונז אַ דיקע פּרוי מיט איהר מאַן. האָבען מיר שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זיין פּעסי מיט איהר משה'ן. מע לאָזט זיי ניט צו צו אונז. מע האַלט זיי דאָרט אויפ'ן פּאַרהער. קרענקט דאָס אונז זעהר. גיט מען אונז איין עצה, מיר זאָלען אונטערשמירען די שומרים, וואָס ביי דער טיר, וועט מען אפשר זיי יאָ צולאָזען. לאָז זיין חאָטש פון דער וועיטען. זאָגט אָבער אונזער חבר פּיני, אַז אַמעריקע איז ניט „ריסעגלאַנד". אין אַמעריקע שמירט מען ניט. זאָגט דער הייסינער שניידער (אומערום איז ער דאָ), אַז די גאַנצע וועלט איז איין שטאָדט. „כסף וזהב מטהר ממזרים"... פּיני בלייבט אָהן לשון.

ח.

אוראי איז דער הייסינער שניידער געווען גערעכט. עס האָט אונז געקאָסט אַ קוואָדער (אַזאַ מטבע פון אַ פערטעל טאָלער), און מיר האָבען געזעהען דורך די גראַטעס אונזער שכנה פּעסי. דאָס רויטע פּנים איהרס מיט דעם פעטען גוידער האָבען געשוויצט. געשמייכעלט צו אונז פון דער וועיטען. די מאַמע האָט צו איהר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און ביידע האָבען געוויינט מיט טרערען. הינטער איהרע ברייטע פּלייצעס האָט אַרויסגעקוקט איהר מאַן, משה דעם איינבינדער. שוין ניט אין אַ קאַשקעט, ווי אין דער היים, נאָר אין אַ קאַפּעליש גאָר. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך באַוויזען אויך יונה דער בעקער מיט די בייזע אויגען. יונה האָט זיך ווינציג־וואָס פאַרענדערט. נאָר די באָרד — אוי־וועה! די באָרד!... זיין ווייב פון דער רעטאָנדע איז אויך געקומען. מע וויל זיך אָפּגעבען שלום־עליכם, מע וויל זיך אַרומנעמען, האַלזען זיך, קושען זיך. מע וויל זיך צעפּרעגען איינס ביי דאָס אַנדערע,

IV

אַ ים פון טרערן

IV

אַ ים פון טרערען

א.

טאָמער איז קארג די אייגענע צרות, יסורים און פיין, האָט אונז גאָט באַשערט פרעמדע צרות אויף עליס איילאַנד. טאָמער איז קארג געווען די טרערען, וואָס מיין מאַמע האָט פארגאָסען פון זינט מיין טאַטע איז געשטאָרבען און פון זינט מיר שלעפּען זיך ארום איבער דער וועלט ביז צו היינטיגען טאָג, באַדארף זי איצטער וויינען און טרערען גיסען אויף די אומגליקען, וואָס מיר זעהען זיך אָן אָט־אָ־דאָ, אויף עליס איילאַנד. אַלע מינוט שיקט איהר גאָט צו אַ נייעם חורבן. די מאַמע נעמט זיך יעדע זאַך צום הארצען. זי ברעכט די הענט. זי באהאַלט דאָס פנים און וויינט זיך אוים שטילערהייד.

— דו זינדיגסט, מאַמע! — זאָגט צו איהר מיין ברודער אליהו, און מיר דאכט זיך, אַז ער איז גערעכט. וואָס האָט זי צו וויינען? מיר שלעפּען זיך שוין מעהר ניט איבער דער וועלט, ווי מיר האָבען זיך געשלעפּט ביז אַהער. די נסיעה אויפ'ן ים זענען מיר, דאַנקען גאָט, אויך איבערגעקומען. מיר זענען שוין כמעט אין אַמעריקע. נאָך אַ שעה, נאָך צוויי שעה — און מיר זענען

ג.

צי, אשטייגער, ווי געפעלט אייך אזא געשיכטע? מיט אונז פאָהרט א אידינע, הייסט זי צביה. איז זי איין עגונה. דער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפען שוין לאַנג. האָט זי צעשיקט בריעף איבער אַלע עקען פון דער וועלט. איז איהר אָנגעקומען א ידיעה, אז איהר מאַן איז ערגיץ אין ציניצינאַטע, א שטאָדט אַזעלכע אין אמעריקע. פאָהרט זי דאָס אהין איהם צו פאַקען. האָט מען איהר געגעבען איין עצה נאָך אויפ'ן שיף, אז זי זאָל ארויסרופען גלאַט א אידען פון ניו־יאָרק, וואָס זאָל זאָגען, אז ער איז דאָס איהר מאַן, וועט מען זי ארונטערנעמען. די דאָזיגע עצה שטאַמט פון דער „נערוויכערטער ליולקע", וואָס איך האָב אייך שוין דערצעהלט וועגען איהם. דער הייסינער שניידער האָט אויך א סך מיטגע־האָלפען. די „נערוויכערטע ליולקע" האָט זיך אונטערגענומען צו שיקען איינעם א נאָהענטען פריינד, אז ער זאָל זיך ארויסגעבען פאַר איהר מאַן... ס'איז געקומען צום שפּיץ, ביי'ם פאַרהער, האָט זיך ארויסבאַוויזען, אז די גאַנצע מעשה איז א שווינדעל. דער איד איז א באַווייבטער און קעהרט זיך אזוי אָן מיט דער עגונה, ווי איהר קעהרט מיר אָן א פעטער. וועה־וועה, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטהאָן! גאַנץ עליס איילאַנד איז געגאַנגען חאָדאָראָם. אונ־זער חבר פיני האָט דערלעבט א נקמה אין דעם הייסינער שניידער. און האָטש אין הארצען איז פיני גזלן אויף עליס איילאַנד, למאי מע האָט אונז פאַרהאַלטען, נאָר ארויסבאַווייזען דאָס פאַר'ן הייסי־נער שניידער — א מכה! אדרבה, ער האָט זיך נאָך גערייצט מיט איהם:

— נו, פאָני חייט? האָב איך ניט געזאָגט פריהער, אז אמעריקע איז ניט ריסענלאַנד? אין אמעריקע געהט ניט אָן קיין שווינדעל, קיין חכמות און קיין דריידלעך? קאָלומבוס, לעבען זאָלסט דו!

פויי. נאָר ווי אזוי זאָל מען ניט וויינען, אז מע זעהט פאַר זיך אזוי פיעל אומגליקען? אזוי פיעל טרערען? א ים פון טרערען?

איבערדערצעהלען אייך אלע אומגליקען, וואָס מיר האָבען זיך אָנגעזעהען אויף עלים איילאנד, באדאַרף איך אַוועקזיצען מיט אייך א טאָג מיט א נאַכט און דערצעהלען, דערצעהלען און דערצעהלען.

ב.

אשטייגער, וואָס וועט איהר זאָגען אויף אזא מעשה? טאַטע־מאַמע און פיער קינדער זענען פאַרהאַלטען געוואָרען, ניט אהער, ניט אהין. וואָס איז די מעשה? ביי׳ם פאַרהער האָט זיך ארויס־געוויזען, אז זייערס א קינד, א מיידעל פון א יאָהר צוועלף, קאָן ניט צעהלען אויף צוריק. מע פרעגט זי: „וויפיעל ביזט דו אלט?״ זאָגט זי: „צוועלף יאָהר״. פרעגט מען זי ווידער: „וויפיעל ביזט דו אלט געוועזען פאַראַיאָהרען אין דער צייט?״ ווייסט זי ניט. זאָגט מען איהר: „צעהל פון איינס ביז צוועלף״. צעהלט זי. זאָגט מען איהר: „צעהל פון צוועלף צוריק ביז איינס״. קאָן זי ניט. ווען מע פרעגט ביי מיר אזא זאך: צעהל, — צעהל איך דאָך ווי א וואַסער: צוועלף, עלף, צעהן, נייען, אכט, זיעבען, זעכס, פינף, פיער, דריי, צוויי, איינס. א טייערע מציאה! איז גע־בליבען, אז מע קאָן דאָס מיידעל קיין אמעריקע ניט אריינלאָזען.

פרעגט זיך: וואָס וועט זיין מיט איהר טאַטע־מאַמע און מיט די איבעריגע קינדער? — צו־זעהען דעם צער פון פאָטער און מוטער און דעם רחמנות פון דעם קינד — דאַרף מען זיין פון שטיין, מע זאָל ניט צעגאַנגען ווערען. וויינט די מאַמע אויף זיי קוקענדיג, און מיין שוועגעריז ברכה און אונזער פיני׳ס ווייב טייבעל ווישען אויך די אויגען.

זיין קעצעלע. דערביי גיסט זי שוין מיט טרערן, און מיין מאמע ווישט די אויגען. לאך איך פון זיי ביידען — וואס דארף מען וויינען? און איך נעם קעצעלען אויף די הענט. און איך האדעווע זי מיט שטיקלעך עפעל און מיט אראנדזשעס, מאראנצען הייסט עס, גלייך אין מויל אריין. קעצעלע קוקט מיר אין די אויגען, לאכט צו מיר און גלעט מיך מיט איהר קליין סאמעטען הענטעל. און איך קוש איהר די קליינע ווארעמע פינגערלעך. א שאד, וואס איך האב ניט קיין קעסטעלע מיט פארב. איך וואלט אויסגע־מאהלט קעצעלען אויף פאפיער מיט איהרע געגרייזעלטע זיידענע הערעלעך, מיט איהרע בלויע שענע אויגעלעך און מיט איהר פנים׳על פון א מלאך. מיין חבר מענדעל לאכט פון מיר, וואס איך האב צו טהון מיט א קוקלע. ביי איהם איז זי א „קוקלע״!

איז זיך מיישב קעצעלע שוין נאהענט צו אמעריקע און ווערד קראנק און... עס געהט מיר איבער א פראסט איבער׳ן לייב, אז איך דערמאן זיך אין יענער צייט. א שטיק פון מיין לעבען האט אוועקגענומען ביי מיר אט דאס קינד. איך קאן גאר וועגען דעם ניט רעדען, ניט טראכטען אפילו. שלעפט מיך ניט פאר דער צונג, איך זאל אייך זאגען, וואס מע האט געטהאן מיט קעצעלען... איך וועל אייך נאר דערצעהלען דעם רחמנות פון דער יונגער מוטער, בעת מיר זענען אנגעקומען אויף עלים איילאנד. זי האט ניט געוויינט. אויף אלעמען האט זי געקוקט מיט גלעזערנע פאר־גליווערטע אויגען. וואס מע האט זי געפרעגט, האט זי ניט גע־ענטפערט. מע האט מורא, אז דאס ווייבעל איז געריהרט... מע וועט זי צוריקשיקען. מיין מאמע לעגט איין די וועלט. מיין ברודער אליהו איז אויסער זיך. ער קאן שוין ניט אריבערטראגען דער מאמע׳ס טרערן. און פיני באהאלט זיך עפים. מע זעהט איהם ניט...

האָט ער אָבער געחאַפּט א מיאוס׳ען פּסק פון מיין מאַמע. און נאָך מעהר — פון מיין ברודער אליהו׳ס ווייב ברכה. און זיין אייגען ווייב טייבעל האָט אויך צוגעלעגט א קנייטעל. די ווייבער האָבען איהם שיער די אויגען ניט אויסגעדראַפּעט, למאי ער לאַכט אָפּ פון מענטשען, וואָס עס גיסט זיך בלוט פון זיי. און ווי אויף צו־להכעיס, האָט די מאַמע זיך באַפריינדעט מיט דער עגונה, געוואָרען מיט איהר, ווי שוועסטער. איצט שיקט מען די עגונה אָפּ צוריק, און דער איד, וואָס האָט זיך ארויסגעשטעלט פאַר איהר מאַן, וועט אויך קיין האָניג ניט לעקען. דערווייל האָט מען זיי ביידען פאַרהאַלטען, און מיין מאַמע איז דערפון אויס מענטש.

ד.

א יונג ווייבעל, בלוט און מילך, פאָהרט קיין באָסטאָן צו איהר מאַן. האָט זי א קינד, א מיידעלע מיט געגרייזעלטע הערע־לעך, א בילד. הייסט עס קעצעלע. דער אמת׳ער נאָמען איהרער איז קיילע, נאָך איהר באָבע. נאָר מע האָט זי פאַרצויגען „קע־צעלע". קעצעלע איז נאָך דריי יאָהר ניט אַלט. נאָר עס לויפט ארום און רעדט און זינגט און טאַנצט. „פּרינץ אַלבערט" איז פול מיט דעם קינד. קעצעלען האָבען אַלע ליעב. מע האַלזט דאָס און מע קושט דאָס און מע נעמט דאָס איבער פון האַנט צו האַנט. קעצעלע! קעצעלע! מיט אונז איז דאָס דאָזיגע ווייבעל געוואָרען גאָר נפש אחת. זי איז ניט אָפּגעטראָטען פון דער מאַמע אויף א מינוט. זי האָט איהר אויסדערצעהלט אינגאַנצען איהר האַרץ. איבערגעלייענט אונז אַלע בריוועלעך, וואָס איהר מאַן שרייבט צו איהר. העכער דריי יאָהר אַז זיי האָבען זיך ניט געזעהען. ער קען אפילו ניט דאָס קינד. ער האָט דאָס נאָך קיינמאָל ניט גע־זעהען. ער חלומ׳ט פון דעם טאָג ווי נאַכט. ער קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי אזוי ער וועט מיט א מאָל דערזעהען זיין קינד,

פון טשודנאָוו — א יתומה, לאה איז איהר נאָמען. א שוואַרץ־חנ'עוודינגע און א צוגעלאָזטע. דעם גאַנצען וועג, וואָס מיר זענען אויפ'ן שיף, איז זי מיט אונזערע ווייבער, מיט ברכה'ן און מיט טייבלען, איין זעל, איין נשמה. דורך זיי ווערען מיר געוואוירע, אַז לאה איז אַיין עלענדע, האָט קיינעם ניט אין לאַנד. פון קלייג־ווייז־אויף ארבייט זי. זי האָט זיך צונויפגעשלאָגען אביסעל געלט און פאָהרט עס קיין אַמעריקע. זי קאָן ניט זיין מעהר אין טשוד־נאָוו. מע האָט דאָרטען גע'הרג'עט איהר טאַטען אין פאָגראָם. איהר מאַמע איז פאַר צרות געשטאָרבען. זי איז געבליבען, ווי אויפ'ן וואַסער. גוטע מענטשען האָבען זיך אויף איהר דערבאַ־רעמט, אויסגעלעהרענט ארבייטען. זי נייהט און שטעפּט און שטיקט און פּרעסט — „גאָלדענע הענט", זאָגט אויף איהר די מאַמע. אלע זענען זיכער, אַז אין אַמעריקע וועט מען לאה'ן אָפּ־גילטען פאַר איהר ארבייט. און א חתן וועט זי דאָרט קריגען — דעם בעסטען. לאה לאָזט אראָפּ די אויגען און ווערד רויט, ווי פייער... די צרה איז — זי האָט ניט קיינעם אין אַמעריקע, ווער ס'זאָל זי ארונטערנעמען. האָט זיך געפונען אויף „פרינץ אל־בערט" א בחור. לייזער באַך. ער איז א סטאָליר און פאָהרט צו זיינעם א פעטער אין שיקאַגאָ. לייזער איז מגושם. ער איז א געלער און האָט גראָבע צווייענדיגע ליפּען, נאָר איך האָב איהם ליעב פאַר זיינע ליעדער. ער זינגט אויסגעצייכענט אידישע ליע־דער. איז געבליבען: אַזוי ווי לייזער האָט ווער סע זאָל איהם ארונטערנעמען און לאה האָט קיינעם ניט, זאָל ער, לייזער באַך, זאָגען, אַז לאה קעהר איהם אָן א כלה... פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס שמד־שטיק וואַכסט פון יענעם אידען, וואָס מיר רופען „די גערוי־בערטע ליולקע". און אַזוי איז דאָס טאַקי געוועזען. ביי'ם פאַר־הער איז ער — דער חתן, זי — די כלה. דאַכט זיך, גוט? לאָזט זיך אויס, אַז אויף עליס איילאַנד געהען ניט אָן אַזעלכע שטיקלעך. וויבאלד אַז חתן־כלה, באַדאַרף זיין א חופּה. ווייִנט לאה מיט סכנות. רעדט מען איהר אויס דאָס האַרץ: „וואָס אהרט דיר,

ה.

איהר מיינט, אז נאָר אידען האָבען צרות אויף עלים איילאנד? גויים ווערען אויך ניט ווינציג אויסגעריסען. עס פאָהרט מיט אונז א גאנצע חאָפּטע איטאליענער. אלע אין סאמעטענע הויזען און מיט הילצערנע שיך אויף די פיס. אז זיי געהען, קלאַפּען זיי, ווי די פערד מיט די קאָפּיטעס. וואַיילע גויים. אויסגעצייכענטע מענטשען. נאָך מיר זענען זיי גאָר די כפרה. זיי רופען מיך מיט א מאָרנעם נאָמען: „פיקאָלאָ באמבינאָ". זיי זענען מיך מכבד מיט ניסלעך און מיט ראָזינקעס פון די סאמעטענע הויזען־קעשענעס. און איך האָב דאָס דוקא ניט פיינט. רעדען קאָן איך ניט מיט זיי. מחמת זיי פארשטעהען ניט מיין לשון, איך פארשטעה ניט זייער לשון. נאָר מיר געפעלט, ווי זיי רעדען צווישען זיך. הארט קומט אויס ביי זיי די ריש: „באָנא סעררהא!" „מיאָ־קאררהאָ!" „פררדעגאָ סיניאָררע!"...

דארף זיך טרעפען איין אומגליק. סאמע צום רעכטען שפּיץ, אז ס'איז געקומען צום פארהער, האָט זיך איינער פון דער חאָפּטע ארויסגעחאַפּט מיט א וואָרט. ער האָט דערצעהלט דעם אמת, אז זיי האָט ארויסגערופען א פּאָדריאַמשיק אויף דער ארבייט פון לאָנדאָן דורך א קאָנטראַקט ביי עפּיס א בריק. און דאָס, זאָגט מען, טאָר מען ניט אין אמעריקע. וויל מען זיי אָפּשיקען צוריק. רעדען זיי אלע אינאיינעם, מאַכען מיט די הענט און קוועטשען די ריש: „סאקררראמענטאָ!"... העלפט אָבער נישט קיין זאך. דער רחמנות אויף זיי איז זעהר גרויס. ביי עטליכע פון זיי האָב איך געזעהען טרערען אויף די אויגען.

ו.

מזל־טוב! מיר האָבען א חתונה אויף עלים איילאנד. פון וואַנען האָט זיך גענומען א חתונה? וועט איהר הערען. א מיידעל

איין עבירה, וואָס איך האָב ניט קיין בליישטיפט און קיין שטיקעל פאפיער אויף אפצומאָהלען אונזער צונויפגעפרעסטע משפחה, און אויך די אלע איבעריגע איינגעשפּאַרטע עמיגראַנטען אויף עלים איילאנד, ווי זיי זיצען יעדער אויף זיין פעקעל. מע זיפצט און מע דערצעהלט זיך אויס איינס פאר דאָס אנדערע דאָס ביטערע הארץ. אנדערע שווייגען שטיל. און אנדערע וויינען, באָדען זיך אין טרערען. אין א ים פון טרערען.

נארעלע? וועסט קומען אין שטאָדט, וועט ער דיר געבען גט, ביזט דו צוריק די לאה ווי געוועזען״... האָט זי מורא, טאָמער ניין?... נאָר ווערען אָפּגעשיקט צוריק איז בעסער? בקצור, ס׳איז א חיפּה. א טרויעריגע חופּה. אָהן כלי־זמר. נאָר מיט א רב, מיט א שמש און מיט טרערען, טרערען אָהן א שיעור. א ים פון טרערען.

ז.

גוט איז נאָר איין מענטשען. ווייסט איהר, וועמען? — דעם הייסינער שניידער. ער האָט דערלעבט א נקמה אין אונזער חבר פּיני. ווער איז צו איהם גלייך? זאָגען זאָגט ער גאָרנישט ניט. נאָר ער שפּאַנט ארום פאַרביי אונז, גלעט זיך דאָס בערדעל, קוקט אויף פּיני׳ן דורך זיינע שארפע ברילען. ביני איז אָבער קליגער פון איהם. ער האָט ארייגעשטעקט זיין שפּיץ נאָז עפּיס אין א ביכעל, זעהט כלומרשט ניט דעם שניידער. ער האָט איהם אין דער לינקער פּאה!

ח.

אביסעל אייגענע צרות, אביסעל פרעמדע יסורים פאַרשטעהרען אונז די שמחה, וואָס מיר זענען אין אמעריקע. מיר האָבען זיך אזוי פיעל אָנגעזעהען דאָ אויף דעם עלים אײלאַנד און אָנגעהערט, אז מיר זענען מיעד געוואָרען און האָבען זיך צונויפגעשלאָגען אונזער גאַנצע משפחה קאָפּ אויף קאָפּ און געקוקט אהין, אין דער גרויסער ראשיגער שטאָדט אריין, וואָס ליגט נאָך ווייט פון אונז. ווייסט איהר, ווי אזוי מיר האָבען אויסגעזעהען? מיר האָבען געחאַפּט דעם אָנבליק פון א סטאדע שעפּעלעך, וואָס שטעהען צונויפגעפּרעסט אין פעלד אין א הייסען זומער־טאָג, ניט ווייט פון די רעלסען פון א באַהן, און קוקען פאַרוואונדערט, ווי די וואגאָנעס לויפען מיט א רעש פאַרביי און ווערען פאַרשוואונדען.

V

מיט ביידע פיס אויף דער ערד

V

מיטביידע פיס אויף דער ערד

א.

אויב איהר זענט קיינמאָל ניט געפאָהרען אויפ׳ן ים, אויב איהר זענט קיינמאָל ניט געווען צעהן טעג מיט צעדן נעבט אויפ׳ן וואסער, אויב איהר זענט קיינמאָל ניט געווען געפאנגען אויף „עלים איילאנד” און האָט ניט אָנגעזעהען זיך און ניט אָנגעהערט זיך מיט צרות, יסורים און פיין, און ניט געבאָדען זיך אינ׳ם ים פון טרערען, און ניט ארויסגעקוקט, מע זאָל אייך קומען אויס־לעזען, — אויב איהר האָט דאָס אלסדינג אליין נישט פארזוכט אויף אייערע אייגענע פלייצעס, וועט איהר ניט פיהלען דעם טעם, וואָס הייסט שטעהן מיט ביידע פיס אויף דער ערד. ווען איך זאָל ניט מורא האָבען פאר מיין ברודער אליהו און ניט שעמען זיך פאר לייטען, וואָלט איך אנידערגעפאלען אויף דער ערד און וואָלט זיך איבערגעקוליעט דריי מאָל מיט׳ן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף. אזוי גוט און ליכטיג און פריילידך אויפ׳ן הארצען איז מיר געוואָרען, אז איך האָב דערפיהלט, אז איך שטעה מיט ביידע פיס אויף דער טריקעניש. איהר קאָנט פארשטעהן, אז אפילו אזא מרה־שחורה׳ניק, ווי מיין ברודער אליהו, האָט שוין אויך באקומען

וועט זיך אמאָל פאַרבענקען נאָך אונז! עס וועט זיין ביי אייך א רענדעל א איד. איהר וועט אונז רופען צוריק. נאָר א מכה וועלען מיר צו אייך פאָהרען!....

ווער ווייסט, ביז ווי לאַנג נאָך אונזער פיני וואָלט זיך אזוי געקיהלט דאָס הארץ, ווען יונה דער בעקער זאָל ניט ארויפלעגען די האַנט אויף זיינע פּלייצעס און א זאָג געבען צו איהם:

— פיני! גאָט איז מיט דיר! צו וועמען רעדסט דו? צו די שטיינער? קום! מיר וועלען פארשפעטיגען די פעררי! צי דו ווילסט דאָ בלייבען נעכטיגען אויף עלים איילאַנד?

מיר נעמען זיך צו די פּעקלעך און לאָזען זיך געהן צו דער פעררי.

ג.

עס רעדט זיך אָבער נאָר אזוי. ניט אזוי גיך זעצען מיר זיך פאָהרען. איהר האָט פארגעסען, אז מיר האָבען אויף זיך א פּעקעל — מיין חבר מענדעל. מע לאָזט דאָך איהם ניט ארויס. און אָהן איהם קאָנען מיר זיך ניט ריהרען. די מאמע זאָגט, אז זי וועט ניט קאָנען רוהיג זיין אין אמעריקע, אויב חלילה מע שיקט דעם יתום אָפּ צוריק, גאָט ווייסט וואוהין. א גליק, וואָס מיר האָבען זיך אויף עלים איילאַנד דערשלאָגען צו אזא חברה, וואָס הייסט „הכנסת אורחים". די חברה האָט אויף עלים איילאַנד איהרען א מענטשען. זעהר א גוטער מענטש און א צוגעלאָזטער. צו דעם דאָזיגען מענטשען האָט מען אונז אָנגעוויזען. פאַר איהם האָבען מיר דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, וואָס מיט דעם בחור איז געשעהען. פארשטעהט זיך, אז גערעדט האָבען אלע אינ־איינעם. האָט אונז דער מענטש אָפּגעהאַקט אין מיטען און פאָר־נעלעגט, אז מיר זאָלען צווישען זיך אויסקלויבען איינעם א רעדנער. נאָך א היבש שטיקעל צייט אין שפּאַרעניש איז געבליבען, אז רעדען זאָל דוקא ברכה, מיין ברודער אליהו׳ס ווייב. פאַר וואָס

איין אנדער פּנים. ער האָט געריבען א האַנט אָן א האַנט און א זאָג געגעבען צו אונז אַלעמען: „זענען מיר, הייסט עס, אין אַמע־ריקע?" — „מיט'ן אויבערשטענס הילף, געלויבט זאָל זיין דער נאָמען זיינער!" — זאָגט דערויף די מאַמע און טהוט א קוק אַרויף אויפ'ן הימעל. דערנאָך לעגט זי צו מיט א טיעפען זיפץ: „ווער עס לעבט, דער קומט. קומען קומט ניט נאָר דער, וואָס ליגט אין דער ערד"...

דאָס מיינט זי שוין דעם טאַטען. קיינמאָל און ערגיץ ניט פאַרגעסט זי ניט דעם טאַטען, איהר זאָלט זאָגען — אויף א מינוט.

ב.

נאָר מעהר פון אַלע און שטאַרקער פון אַלע באַוויזט־אַרויס זיין פרייד אונזער חבר פּיני. דער איז — איך האָב מורא צו זאָגען — גאָר משוגע געוואָרען, פּשוט אַראָפּ פון זינען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט'ן פּנים צום ים און, אויפגעהויבען די רעכטע האַנט אין א קולאַק, האָט ער אַוועקגעלעגט א גאַנצען מענה־לשון:

— הערט צו, איהר חמורים, רשעים, שכורים, חוליגאַנעס, פּאָגראָמשטשיקעס! דאָס האָבען מיר אייך צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר געפינען זיך אַצינד אין אַזא פרייער, גליקליכער מדינה! ווען ניט איהר מיט אייערע גזירות, רדיפות און פּאָגראָמען, וואָל־טען מיר ניט געוואוסט פון קאָלומבוסען און קאָלומבוס וואָלט ניט געוואוסט פון אונז! איהר וועט דאַרטען לאַנג וואַרטען, ביז מיר וועלען קומען צו אייך צוריק! אַזוי ווי איהר זעהט ניט אייערע אויהערען, אַזוי וועט איהר שוין ניט זעהען אונז, ווייל איהר וועט לעבען! איהר וועט זיך אַמאָל אַרומקוקען, אז איהר האָט געהאַט א פאָלק ישראל און ניט געוואוסט, ווי צו שאַנעווען דאָס דאָזיגע פאָלק! איהר וועט האָבען א ווילסטען סוף, אַזוי ווי שפּאַניע האָט געהאַט. איהר וועט וויינען, ווי די קלויסטער־הינט. איהר

מיינט איהר אפשר, אז מענדלען האָט דאָס געריה.ט? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. מיין חבר מענדעל איז אזא נפש, וואָס ווערד ניט נתפעל פון קיין זאך. און דערפאַר האָב איך איהם ליעב. דערמאָן איך מיך אָן מיין חבר מענדעל, וואָס ער איז געווען און וואָס עס איז פון איהם געוואָרען שפּעטער, העט־העט, אין א צייט אָרום — איז טאַקי גאָט'ס נסים. נאָר אזא לאַנד, ווי אמע־ריקע, קאָן מאַכען פון קליין גרויס, פון נידעריג הויך, כמעט פון טוידט לעבעדיג... נאָר מיר האלטען נאָך דערווייל פון פאָרענט, ביי דער פעררי.

ח.

די פעררי — דאָס איז אזא מין שיף, אָדער א פאראָם אזעל־כער, וואָס מע קאָן אריבערפאָהרען אויף איהם מיט פערד און וואָגען און מיט האק און פאק. די פעררי איז גענוג ברייט און לאַנג, אז איך און מיין חבר מענדעל זאָלען קאָנען זיך נעמען פאַר די הענט און שפּאַציערען אין דער לענג און אין דער ברייט. די ערשטע מינוט איז די מאַמע געווען פאַרטראָגען מיט אונזערע מחותנים און מיט אונזערע באַקאַנטע. אַלע האָבען גערעדט, זיך אויסגעפרעגט איינס ביי דאָס אנדערע וואָס סע הערט זיך. שפּע־טער אביסעל האָט זי זיך געחאַפּט, אז מיר זענען ניטאָ — ניט איך, ניט מיין חבר מענדעל. אודאי האָט זי געמאַכט א גוואַלד. זי האָט אַנדערש ניט גערעכענט, נאָר אז מיר זענען אריינגעפאַלען אין וואַסער אריין און דערטרונקען געוואָרען. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז מיר האָבען דערזעהען טרעפּ, זענען מיר אַרויף אויפ'ן צווייטען שטאָק פון דער פעררי, און פון דאָרטען האָבען מיר דער־זעהען א מורא'דיג הויכע גרויסע אייזערנע פיגור פון עפּיס א נקבה, וואָס זעהט אויס ווי איין אם... מיר האָבען קיין צייט ניט געהאַט אפילו רעכט צו באַקוקען די דאָזיגע פיגור, האָבען מיר דערהערט

עפּים ברכה? ווייל די מאַנסבילען, אליהו און פּיני, קאָנען ניט זעהען איינער דעם אַנדערען רעדען און ניט אריינפּאָהרען איהם אין מיטען. און די מאַמע רעדט דוקא גוט, נאָר אביסעל צופּיעל. דאָס הייסט, אז זי הויבט אָן צו רעדען, מוז זי אָנהויבען פון מה־טובו: ווי אזוי מיר האָבען געהאַט אַ טאַטען, האָט ער געהייסען פּייסי. און אז ער איז געווען אַ חזן. דערנאָך, ווי אזוי ער איז, ניט דאָ געדאַכט, קראַנק געוואָרען. און אזוי ווייטער און ווייטער. וויל יענער ניט אויסהערען ביז'ן סוף. און מיין שוועגערין ברכה מאַכט דאָס בקיצור. אַ וואָרט און צוויי און אַ מאָהריטש, ווי משה דער איינבינדער זאָגט.

ערשט דעמאָלט, אז ברכה האָט אין קורצע ווערטער איבער־נעגעבען מענדעל'ס געשיכטע, האָט דער מענטש פון דער חברה „הכנסת־אורחים" זיך אַ נעם געגעבען צו דער ארבייט. ער איז ערגיץ אוועקגעלאָפען, געקומען צוריק און ווידער אַוועקגעלאָפען. קוים מיט צרות, מיט לייד — מע האָט געבראַכט דעם בחור.

ד.

און אז מע האָט געבראַכט דעם בחור, מענדלען הייסט עס, האָט דער מענטש פון דער חברה „הכנסת־אורחים" איהם אָנגע־נומען פאַר איין אויהער און האָט איהם אריינגעזאָגט אַ גאַנצע דרשה: „געדענק, בחור'על, אז מיר זענען ערב פאַר דיר, אז דו וועסט זיך גוט אויפפיהרען. צוויי יאָהר דורכאיינאַנד ביזט דו אין אונזער רשות... מיר'ן אויף דיר אכטונג געבען. טאָמער פיהרסט דו זיך ניט אויף, ווי עס געהער צו זיין, שיקט מען דיך אַרויס צוריק פון וואַנען דו ביזט געקומען!"... דערנאָך האָט דער מענטש פאַרשריבען זיין נאָמען און אונזערע אַלעמענ'ס נעמען און די נעמען פון אונזערע פריינד און באַקאַנטע און זייערע אַדרייסים. און מיר זענען פריי. מיר קאָנען געהן, וואוהין מיר ווילען און טהון וואָס מיר ווילען.

— און מיר, בעקערס, האָבען זיך אונזער „יוניע". — לעגט צו יונה דער בעקער. — אונזער בעקער־יוניע איז אפשר אזוי גרויס, ווי די שניידער־יוניע.

— זאָגט האָטש להבדיל! — שלאָגט איהם איבער משה דער איינבינדער. און עס געהט אוועק א חתונה, וועלכע „יוניע" איז גרעסער.

— נאָך עטליכע מינוט, און מיר זענען אין „נעוויאָרק". — זאָגט פיני צו אליהו'ן, בכדי איבערצורייסען דעם שמועס פון די „יוניעס", וואָס האָט זיך אונז אלעמען שוין צוגעגעסען... מיר קוקען זיך איין אין דער שטאָדט, וואָס וואַכסט פאר אונזערע אויגען און באווייזט זיך אלע ווייליע נעהענטער. אך! וואָס פאר א שטאָדט! אך! וואָסערע הויכע הייזער! קלויסטערס, ניט קיין הייזער! און פענסטער! טויזענד פענסטער!... ווען איך האָב ביי זיך איצט א בליישטיפט מיט א בויגען פאפיער!

ו.

טררראך־טאררערעראך — טאך־טאך־טאך! טאך! דזין־דזין־דזין־גלין־גלאָן! הו־הא! הו־הא! הו־הא! דו־דו־דו־דו־דו! פי־יו! איי־איי־איי־איי־איי! און ווידער א מאָל — טראך־טאררערעראך־טאך־טאך־טאך! און אין מיטען הערט זיך א הייזע־ריגער קוויטש פון א פארטשעפעטען חזיר: חרו! חרו! חרו!... — אָט דאָס זענען געווען די קולות מיט די גוואלדען, וואָס מיר האָבען דערהערט אין דער ערשטער מינוט, אז מיר זענען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ביז אהער, כל זמן מיר זענען געווען אויפ'ן וואסער, זענען מיר געווען רוהיג. נאָר דאָ, ווי באלד מיר האָבען דער־פיהלט, אז מיר שטעהען טאקי מיט ביידע פיס אויף דער ערד, אין דעם רעכטען אמעריקע, אזוי איז אויף אונז אָנגעפאלען א שרעק, א טומעל מיט א בהלה...

דער מאַמע'ס קולות און דערזעהען פאַר זיך אליהו'ן. ער איז געווען אויף אונז מלא גזלן פאַר'ן דערשרעק, וואָס מיר האָבען אָנגעוואָרפען אויף זיי אַלעמען מיט אונזער פאַרפאַלען ווערע. מיר וואָלטען זיך ניט גענאַרט פון איהם. מיין ברודער אליהו וואָלט אונז פאַר אַזאַ זאַך רעכט באַצאָהלט, האָט זיך געטראָפען א גליק — מיין שוועגערין ברכה האָט זיך דערפיהלט ניט גוט און האָט ארויסגעלאָזט א קוויטש ניט מיט איהר קול: „אוי, שוועגער, ס'איז מיר שלעכט!"... און זי וויל שוין אָנהויבען איהרע שטיק, אזוי ווי אויפ'ן ים. לאַנג לעבען זאָל דער הייסינער שניידער (ער וויל גאָר פון אונז ניט אָפּשטעהן אויף א ווייל!). ער פאַלט־אָן אויף ברכה'ן און זאָגט איהר מוכר: „אַזאַ אָסאָבע, ווי איהר, קיין עין־הרע, זאָל ניט וויסען דעם חילוק פון א ים ביז א קליין טייכעל — פע, שעמען מעגט איהר זיך!"...

פאַרענטפערט זיך ברכה. זי האָט ניט געוואוסט, אז ס'איז א טייך. זי האָט געמיינט, אז מיר זענען שוין ווידער אויפ'ן ים. וואָס קומט איהר דערפאַר?... זאָגט פיני, אז איהם דאַכט זיך, אז נאָכ'ן ריח אליין קאָן מען דערקענען, וועלכעס איז ים און וועלכעס איז א טייך. א ים, זאָגט ער, שמעקט מיט פיש, און אין א טייך זענען קיין פיש ניטאָ. פרעגט איהם דער הייסינער שניידער: פון וואַנען איז געדרונגען? ענטפערט איהם פיני, אַז ער רעדט גאָר ניט צו איהם, און אז ער האָט בכלל פיינט אריינלאָזען זיך אין וכוחים מיט א שניידער. מישט זיך שוין אַריין משה דער אייג־בינדער, פעסי'ס מאַן. ער מאַכט פיני'ן איין אויסרעד, אַז ער איז איצט אין אַמעריקע, ניט אין „ריסענלאַנד". אַמעריקע, זאָגט ער, איז א לאַנד פון שניידערס. דאָ אין אמעריקע, זאָגט ער, איז א שניידער אַזאַ מיוחס, ווי ביי אונז דער שענסטער בעל־הבית, און אפשר נאָך מעהר. אין אַמעריקע, זאָגט ער, האָבען שניידערס א „יוניע". א „יוניע" איז כמעט דאָס, וואָס ביי אונז א „צעך". נאָר די היגע „יוניע", זאָגט ער, איז גאָר נישט דאָס, וואָס אונזער צעך...

ווײ. ביי אונז הייסט דאָס טראַמווײ, ביי זיי — קאַר. פּיני׳ן איז דאָס וואָרט „קאַר" בעסער געפעלען, ווי טראַמווײ. וואָרום ס׳איז קירצער. מיר האָבען אָבער לאַנג נישט באַהאַרפט וואַרטען. עס איז באַלד אָנגעקומען נאָך א קאַר, און מיר אַלע האָבען זיך אַרויפ־געקאַראַצקעט מיט די פּעקלעך אויף דער קאַר, פאַרכאַפּט אַלע לעדיגע ערטער. און מיר פאָהרען אין שטאָדט אַריין.

— דאַנקען השם יתברך — פּטור געוואָרען פון א פּריטשעפּע, פון דעם הייסינער שנייידער! — פרעהט זיך אונזער חבר פּיני, און מיין ברודער אליהו זאָגט צו איהם: „וואַרט־אויס, פרעה זיך נאָך ניט! אז מיר וועלען ווערטה זיין ביי גאָט, וועלען מיר זיך מיט איהם נאָך באַגעגענען ניט איין מאָל אין ניו־יאָרק"...

די ערשטע האָט זיך פארלוירען די מאמע. ווי א ספּאָלאָשע־טע הוהן א קוואָטשקע, וואָס ציטערט איבער איהרע היהנרעלעך, צעשפּרייט זי די פליגעל, פּיקט און קוואָקעט און הויבט אויף א געפילדער, פּונקט אזוי האָט אויסגעזעהען די מאמע מיינע. זי האָט צענומען ביידע הענט און געמאַכט א גוואלד: „מאָטעל! מענדעל! אליהו! ברכה! פּיני! טייבעל! וואו זענט איהר? אהער געהט!"...

— גאָט איז מיט אייך, שוויגער! וואָס שרייט איהר? — זאָגט צו איהר ברכה, און מיין ברודער אליהו לענט צו: „דער סוף וועט זיין, אז איבער דיין געשריי מיט דיין געפילדער וועט מען אונז ארויסשיקען צוריק פון אמעריקע!"...

— פּורים נאָכ'ן קאַלטען קוגעל! — כאַפּט איהם אינטער אונזער חבר פּיני און לענט־אריין ביידע הענט אין די קעשענעס, און דאָס קאַפּעלישעל ארויפגערירט אַרויף. — אזוי לאַנג קרענקט פאָני־גנב, ווי לאַנג מע וועט אינז שיין פון דאנען פּטיר ווערען! דו האָסט פארגעסען, אז אמעריקע איז באַשאַפען געוואָרען פון גאָט אויף שוץ און באַהעלטעניש פאַר די אַלע, וואָס ווערען געיאָגט און געפּלאָגט, געשטויסען און געטריבען פון אַלע עקען פון דער וועלט?...

דער געדראַנג פון מענטשען איז געווען זעהר גרויס. אונזער חבר פּיני האָט שיער ניט געכאַפּט דעם זעלבען פּסק, וואָס אנומעל־טען אין לאָנדאָן, ביי אינזער אריינפאָהרען אין יענער שטאָדט אריין. דאָס הייסט, נאָך א מינוט און ער וואָלט געלעגען א צע־קנייטשטער, א צעטראָטענער אויף דער גאַס. איצטיגס מאָל איז ער אָפּגעקומען נאָר מיט א סטוסאַק אין זייט אריין. גאָר אזוי שטארק איז געווען דער קלאָפּ, אז דאָס קאַפּעלישעל האָט זיך אראָפּגעגליטשט ביי איהם פון קאָפּ און, אונטערגעכאַפּט פון'ם ווינט, איז דאָס אַוועקגעפלויגען א ביסעלע אָן א זייט. דאָס האָט צוגענומען ביי אונז אומזיסט עטליכע מינוט איבעריגע צייט. מיר האָבען דעריבער פארשפּעטיגט די קאר. דאָס הייסט, דעם טראַמ־

טז

אין ניו־יאָרק אויף דער סטריט

VI

אין ניו־יאָרק אויף דער סטריט

א.

דער אריינפאָהר אין שטאָדט ניו־יאָרק איז שרעקליך. דאָס פאָהרען אליין איז נאָך ניט אזוי גוואלדיג, ווי דאָס איבערזעצען זיך פון איין וואגאָן אינ׳ם אנדערען. איהר האָט זיך נאָר־וואָס אריינגעזעצט — אהא! איהר פליהט שוין, ווי די אָדלערס, אין דער הויך, איבער א לאנגער שמאָלער בריק אויף צו דער׳הרג׳עט ווערען. ווערד דאָס אָנגערופען ביי זיי „עליוויטער". מיינט איהר, אז איהר זענט שוין פארטיג? האָט צייט אביסעל. איהר קריכט ארויסעט פונ׳ם „עליוויטער" און איהר זעצט זיך איבער אין איין אנדער וואגאָן און איהר לאָזט זיך אראָפּ דורך טרעפּ, ווי אין א קעלער אריין, און איהר לויפט אונטער דער ערד מיט אזא אימפּעט, אז עס שווינדעלט אייך אין די אויגען. דאָס ווערד שוין אָנגערופען ביי זיי „צאָבהיי". פאַר וואָס הייסט דאָס „עלי־וויטער" און דאָס „צאָבהיי"? — זאָגט מיין ברודער אליהו, אז „עליווייטער" נעמט זיך פונ׳ם וואָרט „לייטער". און „צאָבהיי" זאָגט מען ביי אונז אויך, אז מע טרייבט אָן א פּאָר אָכסען. לאכט פון איהם אונזער חבר פּיני מיט סכנות. ער זאָגט: „ס׳א משל

דיג גראָבע ליפּען. גרויסע ווייסע צייהן און ווייסע נעגעל. זיי זיצען און קייען עפּיס, מעלה־גרה׳ן, אַזוי ווי אָכסען. ערשט דער־נאָכדעם בין איך געוואוירע געוואָרען, אַז דאָס וואָס זיי קייען ווערד אָנגערופען ביי זיי „טשאָינגגאָם". דאָס איז אַזאַ מין קאָנ־פעקט פון גומילאַסטיק. מע האַלט דאָס אין מויל און מע קייעט דאָס. אַראָפּשלינגען טאָר מען דאָס ניט. יונגע באָיעס, דאָס הייסט קליינע יונגלעך, אַלטע לייט און קאַליקעס מאַכען דערפון א לעבען. אונזער חבר פּיני, אויב איהר געדענקט, איך האָב אייך אַמאָל דערצעהלט, איז בטבע א גרויסער נאַשער. ער האָט ליעב זיסע זאַכען. האָט ער זיך צוגעחאַפּט צו די דאָזיגע קאָנפעקטלעך און האָט פאַוואָלינקע איינגעשלונגען א גאַנץ שאַכטעל. דער סוף איז געווען — ער האָט זיך אָנגעמאַכט א חתונה אין מאָגען, שיער ניט אָפּגע׳סמ׳ט זיך. דאָקטוירים האָבען אויסגעפּאָמפּעט ביי איהם דורכ׳ן האַלז די טשאָינגגאָם. מע האָט איהם געראַטעוועט דאָס לעבען. נאָר איך פּאַרלויף אויף צו פריהער. מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער ערשטען אריינפאָהר אין דער שטאָדט ניו־יאָרק.

ג.

דעם גאַנצען וועג, וואָס מיר זענען געפאָהרען אויפ׳ן „עלי־וויטער" און אויפ׳ן „צאָבהיי", האָבען אונזערע לייט, די מאַנס־בילען מיט די ווייבער, געהאַלטען אין איין רעדען. איך זאָג רעדען, אָבער ס׳איז ניט אמת. ווער קאָן דאָס רעדען אויפ׳ן „עליווייטער"? אָדער אויפ׳ן „צאָבהיי"? אז דער רעש, מיט׳ן געפּילדער, מיט׳ן געראַנגערען פון די רעדער, מיט׳ן גרילצען פון די רעלסען, מיט׳ן קלינגען פון די פענסטער מאַכען אייך טויב. איהר אַליין הערט ניט אייער קול. איהר מוזט שרייען איינס צום אַנ־דערען, ווי בעת איהר רעדט צו א טויבען. אונזערע לייט זענען אַזש הייזעריג געוואָרען שרייענדיג. די מאַמע האָט עטליכע מאָל געבעטען זיך ביי פּעסי׳ן:

אקעגען א טאָרבע פּלעקער! אָכסען, זאָגט ער, קוים וואָס זיי קריכען, און דאָס פליהט!" ענטפערט איהם דערויף אליהו: „דערויף איז דאָס אמעריקע, ס'זאָל פליהען"... מיישט זיך אריין מיין שוועגערין ברכה און זאָגט, אז דאָס אייגענע אמעריקע וואָלט געווען א סך בעסער, ווען מע זאָל דאָ ניט אזוי פליהען, ווי מע פליהט. זי שווערט זיך, אז מעהר פאָהרט זי שוין ניט, איין עק! ניט מיט'ן „עליוויטער" און ניט מיט'ן „צאָבהיי" — זי זאָל וויסען גליקליך ווערען. זי וועט שוין, זאָגט זי, בעסער געהן צו־פוס, איידער אזוי משוגענערווייז פליהען הענגדום־פּענדום איבער דער המארע, אָדער לויפען אונטער דער ערד. דערביי האָט זי געזאָגט א ווערטעל: „הויב מיך ניט און וואַרף מיך ניט"... א מאָדנע אידינע מיין שוועגערין. ביי מיר וואָלט איהר, פאַרקעהרט, גע'־פועל'ט, איך זאָל ארומפאָהרען מיט'ן „עליווייטער" און מיט'ן „צאָבהיי" א גאנצען טאג מיט א גאנצע נאכט. מיין חבר מענדעל אויך דאָס אייגענע.

ב.

דאכט זיך, מיר זענען שוין אויסגעווען א וועלט. דאכט זיך, מיר האָבען זיך שוין גענוג אָנגעזעהען מיט די טראמווייען אין לעמבערג, אין קראָקע, אין וויען, אין אנטווערפּען און אין לאָנדאָן. נאָר אזא ענגשאפט מיט אזא שטופען זיך און אזא דערשטיקעניש, ווי אָט דאָ, אין דעם גיהנום, האָבען מיר אין ערגיץ ניט געזעהען! קאָפּ אויף קאָפּ. איינער ארוים, צוויי אריין. זיצען איז ניטאָ וואו. דאַרף מען שטעהן. פאלט מען אום. מוז מען זיך אָנהאלטען ביי'ם רינג. הייסט עס דאָ „הענגען אויפ'ן סטראפּ". ווערד מען פאַרקליאַקנעט. העלפט גאָט, עס ווערד ריין איין אָרט, איז פאַרהאַן דערויף א סך בעלנים. קוים מיט צרות פארחאפּט איין אָרט. איהר קוקט זיך ארום, זיצט איהר צווישען צוויי גויים. ביידע שווארצע. א ניגער מיט א ניגערטע. מגושמ'דיגע ברואים. מורא'־

ה.

— אָט דאָ באלד, נאָך איין סטיישען, סטאָפּען מיר! — רופט זיך אָן יונה דער בעקער שוין אויף אַמעריקאַנער לשון. מיר פאַר־שטעהען ניט, וואָס הייסט „סטיישען" און וואָס הייסט „סטאָפּען"? פאַרטייטשט ער אונז, אַז סטיישען הייסט אַ סטאַנציע און סטאָפּען מיינט מען אָפּשטעלען זיך, ארויסקריכען.

— מחותן! פון ווען אָן האָט איהר עס אָנגעהויבען רעדען אויפ'ן היגען לשון? — פרעגט איהם די מאַמע, און ריוועלע די בעקערין ענטפערט פאַר איהר מאַן:

— איך בין אייך ערב, מחותנת'טע, אַז אין אַ וואָך ארום וועט איהר אויך אָנהויבען רעדען אויפ'ן היגען לשון. וואָרום אַז איהר'ט ארויסקומען אין סטריט און פרעגען: וואו איז דאָ דער קצב? וועט איהר מעגען קצב'ען פון היינט ביז איבערמאָרגען, וועט אייך קיינער ניט ענטפערען.

פרעגט זי די מאַמע:

— ווי אַזוי זשע רעדן זאָל איך זאָגען?

ענטפערט שוין פעסי די גראָבע:

— איהר'ט מוזען זאָגען „דער בוטשער".

— אַזוי לאַנג קרענקען זיי! — מישט זיך אריין מיין שוועגערין ברכה. — זיי זאָלען אפילו אויפלויפען, וועל איך זיי זאָגען קצב, קצב און קצב!

ו.

מיט אַ מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. אונזער מחותן יונה דער בעקער האָט געחאַפּט די מחותנת'טע ריוועלע די בעקערין מיט מיין ברודער אליהו מיט מיין שוועגערין ברכה און האָבען זיך גע־געבען אַ לאָז צום ארויסגאַנג. האָט זיך די מאַמע אויך אויפגע־הויבען. זי האָט געוואָלט געהן באַגלייטען איהרע קינדער, זיך

— פעסיניו, נשמה׳ניו, הארצעניו, ליובעניו! לאָזט דאָס איבער אויף שפּעטער!...

מע ווערד אנשוויינגען אויף א מינוט און מע הויבט אָבער באַלד אָן ווידער א מאָל צו שרייען אויף קולי־קולות. וואָרום מען איז דאָך לעבעדיגע מענטשען, גוטע פריינד, געוועזענע שכנים. ווי אַזוי קאָן מען זיך איינהאלטען און ניט אויסרעדען זיך די הערצער? מע האָט זיך אַזאַ צייט ניט געזעהען. און צו רעדען איז דאָ אַזוי פּיעל! אַזוי פּיעל!

ד.

אָנגערעדט זיך און אָנגעשריען זיך וועגען זייטיגע זאכען, איז מען ארויף אויף א שמועס וועגען וואוהין צו פאַרפאָהרען און ביי וועמען אָפּצושטעלען זיך. נאָך א סך וכוחים און שפּאַרענישען איז געבליבען, אַז די מאַמע און איך און אונזער חבר פּיני מיט זיין טייבלען זאָלען מיר זיך אָפּשטעלען ביי אונזער שכנה פּעסי די גראָבע. און אליהו מיט זיין ווייב ברכה זאָלען פאַרפאָהרען צו זייערע שוועהר און שוויעגער, יונה דעם בעקער און ריוועלע די בעקערין. נו, און מענדעל? זאָגט פּעסי, אַז מענדלען נעמט זי צו זיך. זאָגט ריוועלע די בעקערין — ניין. ביי פּעסי׳ן, זאָגט זי, זענען, קיין עין־הרע, פאַרהאַן אָהן איהם אויך א היבש ביסעל עסערס. פאַרדריסט דאָס פּעסי׳ן. זי זאָגט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין איבעריגע צייהן אין מויל און קיין איבעריגע קינדער ביי א מוטער.

— שאַט! ווייסט איהר וואָס? לאָמיר פרעגען דעם בעל־דבר אַליין. — אַזוי זאָגט משה דער איינבינדער, פּעסי׳ס מאַן, און ער טהוט א פרעג ביי מענדלען: וואוהין וויל ער בעסער — צו איהם אָדער צום בעקער? ענטפערט איהם מענדעל, אַז ער וויל זיין דאָרטען, וואו זיין חבר מאָטעל. איך אַליין האָב אויך גאָר אַנדערש ניט געטראַכט, אַז אַזוי באַדאַרף מענדעל זאָגען.

הייזער פון צוועלף עטאַזשען. און פון צוואַנציג. און פון דרייסיג. און פון פערציג. און נאָך העכער. נאָר וועגען דעם שפּעטער. דערווייל זענען מיר מיט אונזערע פּעקלעך אויף דער סטריט. מיר האָבען נאָך אַ שטיק וועג צו געהן צופוס. דאָ הייסט עס — „וואָקען". און מיר וואָקען. פריהער וואָקט משה דער איינבינדער מיט זיינע קורצע פיס. נאָך איהם וואָקט זיין ווייב פּעסי די גראָבע. קוים וואָס די פיס טראָגען זי. אַזוי פעט און שווער איז זי. נאָך פּעסי'ן וואָקען פיני מיט זיין טייבעל. פון פיני'ס וואָקסען קאָן מען בלייבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג. פיני, אז ער וואָקט, טאַנצט ער אונטער מיט זיינע דינע לאַנגע פיס, וואָס פּאַרטשעפּען זיך איינער אין דעם אַנדערען. איין הויז אַראָפּ, דער אַנדערער אַרויף. דאָס קאַפּעלישעל אַרויפגערוקט. דאָס האַלזטיכעל אין פּצון־זייט. אַ מאָדנע פיגור, בעט זיך אויף פּאַפּיער. איך און מיין חבר מענדעל וואָקען פון הינטען, שפּעטער פון אַלעמען. מיר שטעלען זיך אָפּ כמעט ביי יעדען פענסטער. אונז איז געפעלען, וואָס די אויפשריפטען זענען אויף אידיש, און וואָס עס שטעהען אַרויסגעשטעלט אַלע אידישע זאַכען: סדורים, טלית־קטנס, יאַר־מעלקעס, מזוזות, מצות — אין מיטען דערינען, סאַמע אין אָנהויב ווינטער, מצות! משמעות, אַ אידישע שטאָדט. לאָזט מען אונז אָבער לאַנג ניט שטעהן. די מאַמע רופט אונז: „אהער געהט!" — מוז מען געהן.

ח.

ווער עס האָט ניט געזעהען די ניו־יאָרקער סטריט — דער האָט גאָר קיין שענס ניט געזעהען. וואָס געפינט איהר ניט אויף דער סטריט? אידען האַנדלען. ווייבער זיצען און שמועסען. קינדער אין די וועגעלעך שלאָפען. „קערעדזשעס" הייסען דאָ די וועגעלעך. אַלע קערעדזשעס האָבען איין פּנים. דאָ, אויף דער

געזעגענען מיט זיי. אויך פיני פון זיין זייט האָט זיך אויפגע־הויבען, געגאַנגען געזעגענען זיך מיט זיין חבר אליהו און טאַקי אין איינוועגס אָפּרעדען מיט איהם, וואו און ווען מע זאָל זיך זעהען. נאָר ווער? וואָס? ווען? איידער מע קוקט זיך אַרום איז שוין יונה דער בעקער מיט דער בעקערין מיט מיין ברודער אליהו און מיט זיין ווייב ברכה אויף יענער זייט. דער קאָנדוקטאָר האָט שוין פאַרהאַקט די טיר. דער וואַגאָן האָט זיך געגעבען א ריס. אונזער פיני, ווי ער איז געשטאַנען פאַרטראַכט און צעטומעלט, אַזוי האָט עס איהם געגעבען א שלײדער פון די פיס. אין א ווײלע אַרום איז ער שוין געלעגען ביי א שווארצער גויע (א ניגערטע) אויפ'ן שויס. האָט איהם די ניגערטע געגעבען א וואָרף פון זיך מיטביידע הענט, אַזוי, אַז ער איז איועקגעפלויגען אויף דער צווייטער זייט באַנק און דאָס קאַפּעלישעל צו דער טיר. און טאָ־מער איז קאַרג, איז נאָך געוואָרען א געלעכטער אויך. דער גאַנ־צער וואַגאָן האָט געלאַכט. איך און מיין חבר מענדעל האָבען אויך געלאַכט. האָבען מיר געחאַפּט א פּסק פון דער מאַמע און פון פיני'ס ווייב טייבעל, למאי מיר לאַכען. געהט, זייט א בריה, אדרבה, און לאַכט ניט!

ז.

אַלסדינג אויף דער וועלט האָט איין עק. געקומען א סוף צו אונזער אַריינפאָהר אין ניו־יאָרק. מיר זענען שוין אויף דער גאַס. דאָ הייסט עס „סטריט“. ווען איך זאָל ניט וויסען, אַז מיר זענען אין אַמעריקע, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז מיר זענען אין בראָד, אָדער אין לעמבערג. די אייגענע אידען, די אייגענע ווייבער, די אייגענע געוואַלדען, דאָס אייגענע מיסט, וואָס דאָרטען. נישט מעהר, דער טומעל מיט'ן האַרמידער איז דאָ א סך גרעסער. און דער רעש איז שטאַרקער, הילכיגער. אויך די מויערען זענען הע־כער. א סך העכער. זעכס עטאַזשען איז א געלעכטער. פאַרהאַן

ברודער, נישט א ברודער, — שלאָגען א קלענערען פון זיך טאָר מען ניט...

גו, געהט האָט ניט ליעב אזא לאנד!

ט.

דערווייל האָב איך מיך פארערדט און גאָר פארגעסען, אז מיר זענען שוין געקומען אהינצוצו, וואו מיר דארפען זיך אָפּ־שטעלען. דאָס הייסט, ביי אונזער שכנה פעסי די גראָבע און ביי איהר מאַן משה דעם איינבינדער. אריינגעקומען צו זיי אין שטוב, האָבען מיר נישט געטראָפען קיינעם פון דער חאליאסטרע. איך קוק זיך ארום אויף אלע זייטען. איך זוך מיט די אויגען מיין אמאָליגען חבר „ושתי”. ניטאָ ניט ושתי, ניט קיינער. וואו זענען זיי אהינגעקומען אלע? וועט איהר הערען א שענם.

סטריט, האָדעוועט מען די קליינע עופּה'לעך מיט מילך פון קליינע פלעשעלעך. גרעסערע קינדער שפּיעלען זיך. און שפּיעלען שפּיעלט מען זיך מיט טויזענדערליי שפּילערייען: מיט קנעפּלעך, מיט רעדעלעך, אין באָל, אין וועגעלעך, אין שליטעלעך און אין „סקייטס". דאָס איז אַ מין זאַך אויף פיער רעדלעך, צוגעבונדען צו די פיס, און אויף דעם רעדעלט מען. מע קאָן טויב ווערען פון דעם גע־פּילדער, וואָס די קינדער הויבען־אויף אויף דער סטריט. די סטריט געהערט צו די קינדער. קיינער וועט ניט וואַגען זיי פון דאַנען צו פּאַרטרייבען. און בכלל איז אַמעריקע אַ לאַנד, וואָס איז באַ־שאַפען געוואָרען פון די קינדערס וועגען. און דערפאַר האָב איך ליעב דאָס לאַנד. אנו, לאָז עמיצער פּרובען אָנריהרען אַ קינד מיט אַ פינגער! מיין ברודער אליהו האָט דאָס פאַרזוכט אויף זיין אייגענער הויט. ער וועט שוין פאַרזאָגען אַ צעהנטען. אַזוי איז געוועזען די מעשה:

איינמאָל בין איך מיט מענדלען געוועזען אויף דער סטריט און געשפּיעלט אין „טשעקעס". דאָס איז אַ שפּיעל מיט קייעלעכיגע הילצערנע קנעפּלעך, וואָס מע שיסט מיט זיי. איז אָנגעקומען סאַמע אין רעכטען שפּיעל מיין ברודער אליהו. והאָט ער מיך, נאָך דער אַלטער מאָדע, אָנגעחאַפּט ביי'ם אויהער מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער געוועזען גרייט מיר שענקען אַ פּאָר פיינע פּעטש. וואַכסט אויס אַ באָי, אַ „ווערגעלעץ", ווי פון אונטער דער ערד. ער לויפט־צו צו מיין ברודער און רייסט מיך אַרויס פון זיינע הענט. דערנאָך פאַרקאַטשעט ער די אַרבעל און זאָגט עפּיס צו אליהו'ן אויף אַמעריקאַנער לשון. נאָר אַזוי ווי מיין ברודער פאַר־שטעהט ניט קיין איינגעליש, נעמט דער ווערגעלעץ און טראָגט איהם אונטער אַ צוגעמאַכטען קולאַק גלייך אונטער דער נאָז. קלויבט זיך באַלד צונויף אַ רעדעל מיט מענטשען. און מיין ברודער פאַר־ענטפערט זיך פאַר זיי אויף אידיש, אַז ער קעהר מיך אָן אַ ברודער, מעג ער דעריבער מיט מיר לערנען דרך־ארץ. זאָגען אָבער די צונויפגעלאָפענע, אַז אין אַמעריקע געהען נישט אָן די זאַכען. אַ

VII

די חאַליאַסטרע אויף דער אַרבייט

VII

די חאַליאַסטרע אויף דער אַרבייט

א.

איך האָב אייך געהאַט דערצעהלט, אַז מיר זענען אריינגע־קומען צו אונזער שכנה פּעסי די גראָבע און צו איהר מאַן משה דעם איינבינדער אין ניו־יאָרק, האָבען מיר פון זייער גאַנצער חאַליאַסטרע קיינעם ניט געטראָפען אין דער היים. וואָס איז די מעשה? — די חאַליאַסטרע איז אויף דער אַרבייט. נאָר איידער איך וועל אייך געהן דערצעהלען, וואָס פאַר איין אַרבייט יעדער פון זיי האָט, באַדאַרף מען אייך פריהער באַשרייבען, ווי אַזוי אַ איד איין איינבינדער פאַרגינט זיך צו זיצען אין אַמעריקע. ער־שטענס, די שטוב. ביי אונז אין שטעדטעל וואָלט פּעסי די גראָבע גאָר מורא געהאַט אַרויסצוקלעטערען אַזוי הויך. מע געהט און מע געהט און מע געהט אפשר אויף הונדערט טרעפּ, ביז מע קומט אַריין אין אַ דירה־מלוכה. חדרים און חדרימ׳לעך אָהן אַ שיעור. דאָ הייסט עס „רומס״. אין יעדען רום — בעטלעך מיט קאָלדרעס, מיט פאָרהענגלעך אויף די פענסטער, און איין רום, וואָס מע רופט דאָס „קיטשען״. ביי אונז הייסט עס קיך. נאָר קיין אויווען איז ניטאָ. איין אייזערנע פּליטע מיט לעכער אויף צו קאָכען, און

ג.

אודאי האָט זיך אונזער מישה'ן און אונזער פּעסי'ן קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט אַזאַ גוטס, אַז זיי וועלען זיצען אין אַזאַ שטוב און האָבען רומס. אויף אַלסדינגג אַ רום. אויף צו שלאָפען אַ רום, הייסט עס „בעד־רום”. און אויף צו עסען האָבען זיי אַ באַזונדער רום, וואָס מע רופט דאָס „דיינינג־רום”. פאַר וואָס עפּיס דיינינג־רום? ברעכען זיך אליהו און פּיני די קעפּ און קאָנען ניט פאַרשטעהן. מילא בעד־רום — ווייל דאָרטען שטעהען בעטען. אָבער דיינינג־רום — וואָס איז די טייטש „דיינינג”? פאַר וואָס ניט „עס־רום”? מישט זיך אַריין מישה דער איינבינדער און זאָגט צו זיי:

— צו וואָס זאָלט איהר זיך ברעכען אומזיסט דעם מח? אַבי איך בין אַ בעל־הבית אין ניו־יאָרק, גאָט צו דאַנקען, און מיינע קינדער אַרבייטען אַלע מיט גאָט'ס הילף, און מע מאַכט אַ לעבען אין אַמעריקע...

איך באַקוק אָט דעם מישה דעם איינבינדער און טראַכט מיר: רבונו של עולם! ווי אַ מענטש בייט זיך איבער! אין דער היים האָט מען איהם גאָר ניט געהערט רעדען אפילו. אומעטום און אַלע מאָל איז געווען פּעסי. ער האָט נאָר געוואוסט מאַכען פּאַפּ און קלעפּען ספרים. און דאָ איז ער געוואָרען מיט אַ קאָפּ העכער. אַ קלייניגקייט — אַ מענטש האָט ניט קיין שום דאגות! אַלע קינדער אַרבייטען און ברענגען געלט. איך וועל אייך אויסרעכענען איטליכען ביי די נעמען, וואָס פאַר איין אַרבייט ער טהוט און וויפיעל ער פאַרדיענט. די מאַמע איז מקנא אונזער שכנה פּעסי, וואָס גאָט האָט איהר געשענקט אַזוי פיעל קינדער, קיין עין־הרע.

ד.

דער עלטערער בחור, קלעצעל האָט ער געהייסען אין דער היים. דאָ הייסט ער סעם. פאַר וואָס עפּיס סעם? — ווייס

וואַסער צאַפּט זיך דאָ פון דער וואַנט. סאָלט וואַסער און הייס וואַסער — וויפיעל איהר ווילט! איהר דאַרפט נאָר געבען א דרעה מיט׳ן קראַן — און פאַרטיג.

ב.

שפּעטער, אַז מיין ברודער אליהו און זיין ווייב ברכה זענען געקומען צו אונז געוואַוירע ווערען, וואָס מיר מאַכען, האָט איהם אונזער חבר פיני אָנגענומען פאַר א האַנט, אריינגעפיהרט אין קיטשען, באַוויזען די צוויי קראַנען מיט וואַסער און איז אַרוים מיט לשון, ווי פיני קאָן. ער האָט געזאָגט:

— וואָס זאָגסט דו עפּיס, אליהו, אויף קאָלומבוסען? מעג ניט זיין פאָני די כפרה פאַר זיין מינדסטען נאָגעל, וואָס א חוץ בראָנפען און אַ חוץ פאָגראָמען ווייסט ער ניט ווער עס האָט איהם געשלייערט?...

וועט איהם דען מיין ברודער אליהו אָפּשווייגען? רופט ער זיך אָן צו איהם, צו פיני׳ן הייסט עס: „איצטער ביזט דו שוין איגנאָנצען פאַר קאָלומבוסען. וואָס האָסט דו אָבער געזאָגט פריהער אַביסעל, אויף עלים אײלאַנד?" פאַרעגטפערט זיך פיני און זאָגט, אַז עלים אײלאַנד געהער ניט צו אמעריקע. עלים אײלאַנד, זאָגט ער, ליגט אויף דער גרעניץ צווישען אמעריקע און צווישען אויסלאַנד. זאָגט אָבער מיין ברודער אליהו, אַז עס הויבט זיך גאָרניט אָן. צעקריעגט מען זיך, ווי דער שטייגער איז ביי די צוויי חברים. ביז עס מישט זיך אריין ברכה און מאַכט צווישען זיי א שלום. זי זאָגט, אַז זיי ווייסעןביידע מעהר פון א טוידטען, און אַז דעריבער איז זייער קריעגען זיך ניט ווערטה איין אָפּגעריבענער גראָשען. נאָר איך האָב אייך אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון משה דעם איינבינדער׳ס שטוב און בין אַרויף גאָר אויף אַנדערע זאַכען. האָט קיין פּאַראיבעל ניט — מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער שכנה פּעסי די גראָבע און צו איהרע קינדער, צו דער חאַליאַסטרע.

אין די באַנדעלס געפינען זיך זעמעלעך, פּוטער, קעז, אייער, צוקער, כּילך, קרים — סמעטענע הייסט עס. מע דאַרף זיך מיט דעם דראַפּען אויף צוויי הונדערט טרעפּ אויף דעם „טאָפּ־פלאָר", דאָס הייסט, גאַנץ אויבען אונטער'ן דאַך. און דאָס באַדאַרף אָפּגע־טהאָן ווערען גיך, אין איין אָטהעם, וואָרום ער דאַרף נאָך קומען צוריק אין סטאָר צוקעהרען דאָס מיסט, אויפראַמען און טהון נאָך עפּיס איין אַרבייט ביז האַלבען טאָג. נאָך האַלבען טאָג איז ער פריי. באַקומען באַקומט ער ניט קיין סך. אינגאַנצען פופצעהן סענט אַ טאָג, אַ חוץ פרייטאָג. פרייטאָג באַקומט ער אַ גאַנצען קוואָרטער מיט אַ חלה אויף שבת.

ו.

דאָס, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט אויבען, קעהר זיך אָן מיט די גרעסערע בחורים. די קלענערע לאָזט מען דאָ ניט אַר־בייטען אין דער פריה. מחמת דאָ, אין אַמעריקע, מוזען קליינע קינדער לערנען, געהן אין סקוהל. דאָס הייסט, אין חדר אַריין. אניט — טהוט זיך חושך. און לערנען לערענט מען אומזיסט. און מען גיט אייך נאָך צו ביכער אויך. אונזער חבר פּיני, אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען אויסער זיך. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ביי אונז, אין דער היים, לאָזט מען גאָר אידישע קינדער ניט אַריין אין גימנאַזיע. און דאָ, אין אַמעריקע, שלעפּט מען אייך מיט גוואַלד. אניט — וועט איהר צאָהלען שטראָף. „צוליעב דעם אליין, זאָגט פּיני, וואָלט זיך פאָני געמעגט באַגראָבען אַ לעבעדיגער אין דער ערד אַריין!"...

נאָר אַזוי ווי אין סקוהל געהט מען נאָר אַ האַלבען טאָג, קאָן מען דעם אַנדערען האַלבען טאָג עפּיס טהון און פאַרדיענען אַ פּאָר טאָלער. טהוען זיי טאַקי אַזוי, פּעסי'ס קלענערע קינדער. איינער, אָט דער וואָס מע רופט איהם טשערנאָהוז, אַרבייט אין איין אַפּ־טייק. דאָ הייסט עס אַ „דראָג־סטאָר". ער וואַשט פלעשלעך, געהט

איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ער פֿאַרדינט שיין געלט. ער איז איינגעשטעלט אין אַ „פּייפּער־באָקס־פֿעקטאָרי". איהר ווייסט דאָך אָבער ניט מיט וואָס מען עסט דאָס, באַדאַרף מען אייך פֿאַר־טייטשען. דאָס איז אַ פֿאַבריק, וואו מע מאַכט שאַכטלען פֿון קאַרטאָן־פּאַפּיער. מיינט ניט, אַז דאָס איז אַזאַ שווערער דזשאַב (דזשאַב הייסט אַ מלאָכה). ער אַליין בכל־הכל מאַכט נאָך ניט קיין שאַכטלען. ער צעטראָגט זיי נאָר. הייסט עס דאָ אויף זייער לשון: ער „דעליווערט" זיי. דאָס הייסט, ער נעמט אין יעדער האַנט אַ באַנדעל שאַכטלען פֿון אַ צענן טוץ אין ליפֿט מיט זיי איבער די ענגע סטריטען, צווישען קאַרס און אויטאָמאָבילס. מע דאַרף אַכטונג געבען, זיי זאָלען חלילה ניט צעקוועטשט ווערען. ער באַקומט דערפֿאַר דריטהאַלבען טאַלער אַ וואָך און האָט אויף אַ „רעיז", דאָס הייסט, אויף אַ הוספה. כ'איז מעגליך, אַז מיט דער צייט זאָל ער נעמען דריי טאַלער אַ וואָך. דאָס איז דערווייל. שפּעטער אַביסעל, זאָגט איהם צו דער באָס (אַ בעל־הבית הייסט דאָ „באָס"), אַז ער וועט איהם אויסלערנען די אַרבייט, ווי אַזוי צו מאַכען די שאַכטלען. ער זאָגט צו איהם: „דו זיי נאָר אַ גוד באָי, וועסט דו זיין אָלרייט". אויף אונזער לשון הייסט עס: „זיי אַ מענטש, וועסט דו עסען אין סוכה".

ח.

דאָס צווייטע בחור'על, וואָס מע האָט איהם אַמאָל גערופֿען וועלוועל קאָטער, און הייגט הייסט ער שוין ווילי, איז אויך אַ דעליווערי־באָי, דאָס הייסט, אַ יונגעל, וואָס מע שיקט איהם. ער איז אין אַ „גראָסערי־סטאָר". ביי אונז הייסט עס אַ „באַקאַליינע קליט". דאָס איז שוין אַביסעל אַ שווערערע דזשאַב. מע דאַרף זיך פֿערטערען גאַנץ פֿריה, אַז גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך. מע דאַרף קודם אויסקאָרטירען און איינפּאַקען אַלע אָרדערס. דערנאָך צו־טראָגען די באַנדעלס צו די קונים. דאָ הייסען זיי „קאַסטאָמערס".

פּען, חאַפּט זי אַריין דערווייל אַ ראָזינקע, אָדער אַ מאַנדעל, אָדער אַ טייטעל אין מויל אַריין. דערפאַר חאַפּט ער אָבער אַליין אָפּטליך אַריין פון די זיסע זאַכען. ושתי אָדער הערדי וועט מיר ניט פאַרלייקענען. ער האָט זיך מיר מודה געווען, אַז ער האָט זיך איינמאָל אַזוי צוגעחאַפּט צו די ראָזינקעס, אַז עס האָט איהם נאָכדעם דריי טאָג וועה געטהאָן דער בויך. באַקומען באַקומט ער פאַר זיין אַרבייט גאָרניט. בלתי נאָר דאָס, וואָס עס פאַלט איהם אַריין פאַר העלפען אָפּטראָגען אַ קאָסטאָמער. קריגט ער דערפאַר אַ פּעני אָדער צוויי. און אַמאָל אַ ניקעל — פינף סענט. ביי אונז הייסט עס „נאַ טשאַי”. דאָ הייסט עס אַ „טיפּ”. דאָס ברענגט איהם אַריין ביז אַ טאָלער אַ וואָך. אין דער היים האָט ושתי קיין קאָפּיקע קיינמאָל נישט געזעהען אין חלום אפילו. סיידען פורים ביי שלח־מנות פאַנאַנדערטראָגען. איז אָבער פורים נאָר איין מאָל אין יאָהר. און דאָ איז ביי איהם פורים אַלע טאָג. אַלע טאָג פאַרדיענט ער געלט.

— קאָלומבוס! ביזט ווערטה, מע זאָל דיך אָפּגילטען! — האָט געזאָגט אונזער חבר פיני, ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי ריווינגטאָן סטריט און דערזעהען ושתי'ן ביי'ם סטענד. ער האָט איהם געגעבען צו לעזען דריי סענט פאַר באָקסערען און איין סענט ושתי'ן „נאַ טשאַיאָק”, אָדער אַ „טיפּ”, ווי עס הייסט דאָ, אין אַמעריקע.

ט.

און משה דער איינבינדער אַליין זיצט אויך ניט לעדיג. ער פאַרנעמט זיך ניט מיט איינבינדעריי, ווי אין דער היים. מחמת דאָ, אין אַמעריקע, זאָגט ער, דאַרף מען צו דער מלאָכה האָבען אַ מטמון מיט געלט אויף צו דינגען אַ סטאָר, קויפען אינסטרומענטען און האָבען באַקאַנטשאַפט. און ווידער, זאָגט ער, זיין אַ „האַנט” ביי יענעם, דאָס הייסט נעהן דיענען — איז שוין ניט די יאָהרען.

אין פֿאַסט־אָפּיס נאָך מאַרקעס. דאָ הייסט עס „סטעמפּס״ און עס פאַרקויפט זיך אין דער אפּטייק. ער באַקומט פאַר זיין אַרבייט, נאָר פאַר א האַלבען טאָג, א טאַלער מיט א קוואָדער א וואָך. „עס געהט ניט צו־פּוס״ — זאָגט משה דער איינבינדער און גערמט־צו ביי איהם דאָס געלט.

ז.

פּייטעל פעטעלעלע, דאָ הייסט ער שוין פיליפּ, געהט אויך א האַלבען טאָג אין סקוהל, און דעם אַנדערען האַלבען טאָג פעדעלט ער מיט אידישע גאַזעטען. דאָ הייסט עס „פּייפּערס״. ער לויפט ארום אויף איסט־בראָדוויי — אזא סטריט — און שרייט: „פּייפּערס, פּייפּערס!״ און רופט דערביי אויס דעם נאָמען פון יעדען פּייפּער. ער מאַכט דערפון פון פערציג ביז פופציג סענט א טאָג, און א מאָל מעהר אויך. פאַרשטעהט זיך, אז דאָס געהט אויך אוועק צום פאָטער אין טאָפּ אַריין. אַלע פאַרדיענען, און דער איינבינדער האַלט זיי אַלעמען אויס.

ח.

אַלע פאַרדיענען. אפילו מיין חבר הערשעל, דער וואָס מיט דער גולקע און וואָס מע רופט איהם דערפאַר „ושתי״. דאָ הייסט ער שוין ניט ושתי און ניט הערשעל, נאָר הערי, און לערענט אין סקוהל. דעם אנדערען האַלבען טאָג נאָך דער סקוהל שטעהט ער ביי א סטענד אין ריווינגטאָן סטריט ביי א באַקאַנטער אידינע, טאַקי פון אונזער שטעדטעל, און העלפט איהר פאַרקויפען רייז, גרויפּען, הירזש, אַרבעס, בעבלעך, ניס, ראָזינקעס, מאַנדלען, פייגען, טייטלען, באָקסערען, און זויערע אוגערקעס אויך. קיין סך אַרבייט דערביי האָט ער ניט. ער דאַרף נאָר אַכטונג געבען, מע זאָל ניט צעשלעפּען. וואָרום א אידינע, אז זי געהט־צו פרעגען אויף גרוי־

שוועך, יונה דער בעקער. און טאַמער וועט איהר זעהען טאַקי אויף דער אייגענער סטריט, אַקוראַט אַקעגען, אויך אַ אידישען אויפשריפט און אויך מיט גרויסע אותיות: בכאן פאַרקויפט מען היימישע קנישעס — זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז שוין ניט אונזער מחותן יונה דער בעקער. דאָס האָט מען שוין געמאַכט איהם אַ קאָנקורענציע. זאָלט איהר אַהינצו ניט געהן. געהן זאָלט איהר בעסער צו אונזער מחותן, צו מיין ברודער אליהו'ס שוועך. אַ סימן וועט איהר האָבען, אַז איהר וועט אַריינקומען, וועט איהר באַלד דערקענען אונזער מחותן — ער איז אַ בייזער. און אויב איהר וועט ניט דערקענען איהם, וועט איהר דערקענען זי, אונזער מחותנת'טע, ריוועלע די בעקערין. זי איז מיט אַ גוידער און טראָגט קאַרעלען. און מיין שוועגערין ברכה וועט איהר דאָך געוויס דערקענען. זי האָט גרויסע פיס. און איהר קליין שוועסטערל, אַ ראַבעטיני מיידעל מיט אַ צעפּעל, דרעהט זיך דאָרט אַרום. זי הייסט אַלטע, און מע האָט זי מיר אַמאָל געהאַט גערעדט פאַר אַ כלה. נאָר פון איהר וועלען מיר שמועסען איין אַנדערש מאָל.

האָט מען איהם געגעבען איין עצה — צווישען אידען ווערד מען ניט פאַרפאַלען, — אַז ער זאָל זיך אײַנפּילסען אַ כסענר פון ספרים, ביכער און ביבלעך אויף עסעקס סטריט, וועט ער מאַכען אַ לעבען. אונזער חבר פיני'ן איז דאָס אַזוי געפעלען, אַז ער זאָגט, ער וואָלט אויך אַ בעלן געווען האָבען אזאַ פּרנסה. און געפעלען איז דאָס איהם, זאָגט ער, דערפאַר, ווייל אַרום דעם וואָס מע נערט שמירט מען זיך. פיני האָט ליעב ספרים און ביכער, ווי אַ פיש האָט ליעב וואַסער. ער, אַז ער חאַפּט זיך צו צו אַ בוך און שמעקט אַריין דעם שפּיץ נאָז, וועט איהר איהם ניט אָפּרייסען.

י.

און אפילו אונזער מחותן, יונה דער בעקער, פאַרנעמט זיך אויך ניט מיט זיין פריהעריגער מלאָכה, דאָס הייסט, מיט בעקעריי. פאַר וואָס? אַלץ די אייגענע מעשה. אויף צו עפענען אַ בעקעריי באַדאַרף מען, זאָגט ער, דאָ האָבען ראָטשילד'ס פאַרמעגען. און אייסער דעם, באַדאַרף מען, זאָגט ער, באַלאַנגען צו דער „יוניע". און ער איז דערויף, זאָגט ער, שוין צו אַלט. און נעהן אַרבייטען ביי יענעם ניט אין אַ „יוניע" האָט ער מורא, אַז מאַמער מאַכט זיך אַ סטרייק — און דאָס איז אין אַמעריקע אַלע טאָג, — קאָן ער קריגען אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ. וואָס־זשע מיזט מען? איז דאָך שלעכט. האָט מען איהם געגעבען איין עצה, אַז קיין ברויט און קיין חלה זאָל ער טאַקי ניט באַקען. נאָר וואָס דען? — קנישעס! היימישע קנישעס. מילכיגע מיט קעז, אַדער פאַרעווע מיט קרויט. און וואָס זאָלט איהר קלעהרען — אונזער מחותן מאַכט ניט שלעכט. גאָרניט שלעכט! זיינע קנישעס האָבען אַ שם אויף דער איסט־סייד. אַז איהר'ט געהן אויף עסעקס סטריט, וועט איהר דערזעהען אָנגעשריבען אויף אַ פענסטער מיט גרויסע אותיות אויף אידיש: בכאן פאַרקויפט מען היימישע קנישעס — זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז אונזער מחותן, מיין ברודער אליהו'ס

VIII

מיר זוכען אַ דזשאָב

VIII

מיר זוכען אַ דזשאָב

א.

מע קאָן ניט באַקלאָגען זיך. מיר זענען זעהר אָנגעלעגטע געסט ביי אונזער שכנה פּעסי די גראָבע און ביי איהר מאַן משה דער איינבינדער. און עס איז אונז דאָרט גאָר ניט שלעכט. און פרייליך איז אויך געגוג. ווער שמועסט זונטאָג, דער טאָג, וואָס די חאַליאַסטרע איז פריי, — דעמאָלט איז אַ לעבען. מיר נעמען זיך צונויף אַלע, גאַנץ קליינוואַרג — און מיין חבר מענדעל אויך מיט אונז — און מיר געהען אַוועק אין טהעאַטער אריין. איך מיין דאָס די „מואווינג־פּיקטשורס". עס קאָסט אַ ניקעל אַ פּאַר־שוין, און איהר זעהט זיך אָן אַזעלכע וואונדירים, אַז דער קאָפּ דרעהט זיך אַזש! איך זאָל זיין דעם קייזער'ס אַ זוהן, אָדער דזשייקאָב שיפ'ס איין איניקעל, וואָלט איך גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט געלעגען אין די מואווינג־פּיקטשורס. איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט ארויסגעקראָכען פון דאָרטען. מיין חבר מענדעל אויך דאָס אייגענע. און ושתי, דער וואָס הייסט שוין היינט הערדי, אויך אַזוי. געהט זשע אָבער רעדט מיט מיין ברודער אליהו, זאָגט ער, אַז ס'איז אַ שטות'עריי. ס'איז גאָרניט, זאָגט ער. ס'איז

אַלע פיער געהן ארבייטען אין שאָפּ און ווערען שניידערס. דאָס הייסט, נייהען אויף דער מאַשין. דאָ רופט מען דאָס „אָפּרייטערס". זאָגט אָבער ברכה, אַז ס'איז ניט כדאי געוועזן צוליעב דער שענער מלאָכה אַוועקוואַרפען די היים, זיך אַיינשטעלען דאָס לעבען איבער'ן ים און ווערען שניידערס אויף דער עלטער. ענטפערט איהר דערויף אליהו, אַז ער ווייסט ניט וואָס איז שענער — פאַרקויפען קנישעס אויף עסעקס סטריט, אָדער ארבייטען ביי דער מאַשין? ווערד ברכה אָנגעצונדען, למאי אליהו וואַרפט איהר אויס קנישעס. זי גיט איהם אָנצוהערעניש, אַז וועז ניט איהר טאַטענ'ס קנישעס אויף עסעקס סטרט, וואָלטען זיי אַלע געשוואָלען פאַר הונגער...

ג.

אונזער חבר פיני'ן האָב איך ליעב נאָר פאַר זיין רעדען. ער, אַז ער צעהיצט זיך, איז אַ חיות צו הערען. אויסגעהערט אַלעמענ'ס טענות, האַפּט ער זיך אויף, מאַכט מיטביידע הענט און לענגט־אַוועק אַ מענה־לשון. איך געדענק איטליכס וואָרט. אָט ווי אזוי פיני האָט גערעדט:

— אָ! איהר פינסטערע, ווילדע מענטשען וואָס איהר זענט! אין אייך ליגט טיעף איינגעוואָרצעלט דער גלות פון יענעם וויסטען לאַנד פון פּאָני, ימח שמו וזכרו! אמעריקע איז אָבער ניט חזירלאַנד! אַלע מיליאָנערען און מיליאַרדערען אין אמעריקע האָבען יונגערהייד געאַרבייט שווער און ביטער. ווער אין אַ שאָפּ, און ווער אויף דער סטריט. פרעגט ביי ראָקענפעלער, קאַרנעגי, מאָרגען, וואַנדערבילד, וואָס זענען זיי געוועזן אמאָל? צי האָבען זיי ניט געקעהרט די סטריט? צי האָבען זיי ניט ארומגעטראָגען קיין פּייפּערס אויף צו פאַרקויפען? צי האָבען זיי ניט געפּוצט פרעמדע שיך פאַר אַ ניקעל? צי נעמט, למשל, דעם קעניג פון אויטאָמאָבילען, מיסטער פאָרד — פרעגט איהם, צי איז ער ניט געוועזן

פאַר קינדער. פרעגט זיך אַ קשיא: ווי באַלד אַז פּאַר קינדער, פאַר וואָס זשע רייסט זיך אַהין אונזער חבר פּיני? און זיין ווייב טייבעל? און מיין שווענגערין ברכה? האָט מיין ברודער אויף אַלסדינג אַ תּירוץ. די ווייבער, זאָגט ער, האָבען אַזוי פיעל שכל, וויפיעל די קינדער. און פּיני, זאָגט ער, רייסט זיך אַהין נאָר איהם, אליהו'ן, אויף צו להכעיס. דער שפּיין איז געווען, אַז אליהו האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער איז איינמאָל אין אַ זונטאָג אויך מיטגעגאַנגען מיט אונז. פון דעמאָלט אָן לאָזט ער ניט דורך קיין איין זונטאָג און געהט אין די מואווינג־פּיקטשורס. מיר געהען אַלע. יונג און אַלט. קליין און גרוים. אפילו פעסי און משה אין אינזערע מחותנים — אַלע, אַלע. נאָר די מאַמע געהט ניט. „איהר מאָן, זאָגט זי, וועט לינען אין דער ערד, און זי וועט געהן אין טרעיאַטער — ניט דערלעבען וועלען דאָס, זאָגט זי, איהרע שונאים!”...

ב.

עס איז ניט שלעכט ביי אונזערע שכנים. טאַקי נאָר־גאָר ניט שלעכט. עס איז אָבער ניט קיין תכלית כסדר זיין ביי יענעם אַ גאַסט. מע באַדאַרף עפּיס זעהען אַ טהועכץ, „טרייען אַ דזשאַב”. אין אַמעריקע באַדאַרף יעדער „מאַכען אַ לעבען”. אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. ער געהט־אַרום פאַרזאָרגט מעהר פון אַלע־מען. ער קומט אַלע טאָג צו אונז פון זיין שוועהר יונה דעם בעקער און זעצט זיך אָוועק מיט דער מאַמע רעדען וועגען תכלית. ברכה זיצט אויך דערביי. און אונזער חבר פּיני איז אויך דאָ. ער, פּיני, האָט פּלאַנען און פּראָיעקטען אָהן אַ שיעור. נאָר אַלע זיינע פּלאַנען טויגען אויף כפּרות. דאָס הייסט, טויגען טויגען זיי, נאָר זיי געפעלען ניט מיין ברודער אליהו. און טאָמער געפעלט עס אליהו'ן, געפעלט דאָס ניט ברכה'ן. למשל, פּיני'ן איז געקומען אַ געדאַנק, אַז ער און אליהו און ברכה און טייבעל זאָלען

ה.

זינט איך קען מיין ברודער אליהו האב איך איהם נאך קיינ־מאל ניט געזעהען אזוי לאכענדיג, ווי איצט. מיין ברודער אליהו, ווייסט איהר דאך, איז בכלל א מענטש א פארזארגטער, א מרה־שחורה'ניק. זעלטען ווען איהר זעהט איהם, ער זאל לאכען. און אפילו אז ער לאכט, איז אויך נאר מיט א האלבען מויל. איצטיגס מאל איז עפּיס אנגעפאלען אויף איהם אזא געלעכטער, אז מיין מאמע האט זיך אזש איבערגעשראקען פאר איהם. עס איז אבער טאקי געוועז פון וואס צו לאכען. מע האט באדארפט נאר א קוק טהון אויף אונזער חבר פיני'ן, ווי אזוי ער האלט די הענט אין די קעשענעס פון זיינע שמאלע הויזען, וואס קוים זיי חאפּען ארום די נייע גרויסע אמעריקאנער שיך, אויפ'ן האלז־טיכעל, וואס טייבעל מאכט איהם אלע מאל צו־רעכט, ס'זאל ליגען גלייך, און עס פאלגט ניט, חאטש געב דעם א קרענק, און אויף זיין הארט קליין אמעריקאנער קאפּעלישעל, וואס וויל ניט זיצען אויף איין ארט, און דער עיקר — אויף זיינע קורצזיכטיגע אויגען מיט זיין שפּיצעביגער נאז, וואס קוקט־אראפּ אין מויל אריין.

— רבונו של עולם! אט דאס וועט זיין אמאל א פרעזי־דענט?... זייט א בריה און לאכט ניט!

ו.

גוט אנגעלאכט זיך, רופט זיך אן מיין ברודער אליהו צו דער מאמע אזוי:

— מילא, אונז האט שוין אונזער פיני באוואהרענט. מיר געהען אלע אין שאפ און וועלען נייהען קליידלעך אויף דער מאשין. און פיני אליין איז דאך אודאי שוין א באוואהרענטער מענטש — ער וועט דאך זיין, אם ירצה השם, א פרעזודענט... וואס טהוט מען אבער מיט אונזער קליינווארג?

אמאָל א שאָפער, איין אָנטרייבער? אָדער נעמט גאָר די גרויסע מענטשען, אשטייגער, א וואשינגטאָן, א לינקאָלן, א רוזוועלט — זענען זיי דען געבוירען געוואָרען גרויסע מענטשען, פרעזידענטען? צי אפילו איצטיגער פרעזידענט ווילסאָן, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ניט געוועזן קיין מלמד?...

ד.

דאָס קאָן שוין מיין ברודער אליהו ניט פארטראָגען. ער האקט איבער אונזער חבר פיני'ן סאמע אין מיטען:

— ע, פיני, דו רעדסט שוין על ה' ועל משיחו און אויף „נגתקה"! דו פארגעס נאָר נישט, אז דערווייל איז ווילסאָן מלך...

נאָר פיני, אז ער צעהיצט זיך, איז געפעהרליך. ער לאכט זיך אוים פון מיין ברודער אליהו:

— חא־חא! מלך? וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? ניטאָ קיין מלך אין אמעריקע! א פרייע מדינה! א דעמאָקראטיטשע־סקע!...

— בקיצור, איז ניט קיין מלך, איז ער פרעזידענט, וואָס איז די נפקא־מינה? — פרובט זיך אליהו. און פיני האקט איהם אָפּ:

— ס'א גרויסע נפקא־מינה! פון מלך ביז פרעזידענט איז אזא חילוק, ווי פון „יככה" ביז „יבבה"! א מלך איז א מלך, און א פרעזידענט איז א פרעזידענט! א מלך איז בירושה, און א פרעזידענט קלויבט מען אוים. ווילען מיר — איז ווילסאָן פרעזידענט אויף נאָך פיער יאָהר, ווילען מיר ניט — איז ער צוריק א מלמד. און דאָס ווייסט דו, אז אין עטליכע יאָהר ארום קאָן איך אויך זיין א פרעזידענט?

— דו? א פרעזידענט?...

— איך — א פרעזידענט!...

— דו לערענסט זיך שרייבען? — פרעגט איהם אליהו. נאָר פיני ענטפערט איהם ניט. ער לעגט־צונויף דאָס אָנגעשריבענע און באַהאַלט עס ווייט־ווייט אין די זייט־קעשענעס פון פּידזשאַק פון ביידע זייטען, און ער זעהט אויס ווי געשוואָלען.

ח.

מיר, איך און מיין חבר מענדעל, זיצען אויך ניט לעדיג. ביז מיר וועלען אַמאָל קריגען אַ דזשאָב, העלפען מיר אויס דער חאַ־ליאַסטרע ווי ווייט מעגליך. איך העלף דעם עלטערען באָי קלעצעל, וואָס מע רופט איהם איצטער „סעם", ביי'ם צעטראָגען די פּעקלעך פון די פּייפּער־באַקסעס. און מיין חבר מענדעל רייבט זיך אַמאָל אַרום וועלוולען, וואָס היינט הייסט ער „ווילי", אין דער באַקאַ־ליינע סטאָר, און אַמאָל אַרום פּייטלען, וואָס מע רופט איהם היינט „פיליפּ", דער וואָס פּעדעלט מיט אידישע „פּייפּערס". פאַר אונ־זער ארבייט באַקומען מיר פון זיי ניט קיין שום געצאָהלט, אַ חוץ נאָר, וואָס זיי נעמען אונז זונטאָג אויף זייערע הוצאות אין טהעאַ־טער, איך מיין, אין די מואווינג־פּיקטשורס. און אַז מיר געהען אַרויס פון די מואווינג־פּיקטשורס, זענען זיי אונז מכבד מיט „מאַראָזשענע". דאָ הייסט עס „אייז־קרים", און מע עסט דאָס אָדער מיט צוויי שטיקלעך ביסקוויט, וואָס זעהט אויס ווי אַ פּורים'־דיג פּלעדעל, אָדער מע טרינקט עס מיט סאָדע־וואַסער. דערנאָך „נעמען מיר אַ וואָק", אַ שפּאַציער הייסט עס, אין פּאַרק. און פּאַרקען זענען דאָ אין ניו־יאָרק אַ סך, און אומעטום לאָזט מען אייך אַריין אומזיסט, אָהן געלט. אַמעריקע איז שוין איין מאָל אַ לאַנד! וואוהין איך וויל — אַהין געה איך, און וואָס איך וויל — דאָס טהו איך.

דאָס מיינט ער מיך און מיין חבר מענדעל. ער קאָן ניט ליידען, וואָס מיר געהען אַרום בטל. ער איז אין כעס סכנות, למאי מיר דרעהען זיך אַרום איבער דער סטריט און שפּיעלען אין „באָל״ אָדער אין „טשעקעס״ (ביי אונז הייסט עס „מיאַטש״ און „קנעפּ־לעך״). ער האָט זיך אַ פּרוּף געטהאָן מיך אָנצוּנעמען ביי׳ם אויהער, געדענקט איהר דאָך, וואָס פאַר אַ מיאוס׳ען פּסק ער האָט געחאַפּט פון אַ „ווערגעלעץ״, וואָס האָט איהם צוגעשטעלט אַ קולאַק גלייך אין נאָז אריין — ער זאָל וויסען, אַז אין אַמעריקע קאָן מען זיך „פייטען״, דאָס הייסט שלאָגען, נאָר מיט אַ גלייכען.

— וואָלט איהר שוין געהאַט אַזאַ דאגה מיט זיך, ווי איהר האָט אַ דאגה מיט די קינדער!... — רופט זיך אָן משה דער איינ־בינדער און דערמיט גיט ער אונז אָנצוהערעניש, אַז מיר זענען טאַקי זעהר וואוילע געסט, נאָר ס׳איז שוין צייט, מיר זאָלען עפּיס טהון, עפּיס אַליין פאַרדיענען אונזער שטיקעל ברויט...

ז.

היינט אונז, מיינט איהר, איז דאָס איינגענעמען צו זיצען ביי יענעם אויף לאַסקאַווע ברויט? מיין מאַמע העלפט־אויס פעסי׳ן אין קיטשען. זי באַקט און קאָכט און וואַשט און רוימט. אונזער חבר פיני׳ס ווייב טייבעל פאַרבעט די בעטען און קעהרט־אויס די רומס. פיני אַליין העלפט משה דעם איינבינדער אויפ׳ן סטענד ביי די ספרים. חאָטש דעם אמת זאָגען, איז פון פיני׳ס הילף נישטאָ אַ סך צו וואַרטען. וואָרום פיני, אַז ער דערזעהט ספרים, איז איהם ניט אָפּצורייסען. שטעקט ער אריין די נאָז אין אַ בוך — איז אַ גוטען טאָג! דאָס אַליין וואָלט נאָך אויך ניט אויסגעמאַכט. האָט ער אַ טבע — ער דראַקעט. גאָט האָט איהם צוגעשיקט אַ פאָנטאַן־פּען, וואָס די טינט געהט ניט אויס אייביג ־־־ אייביג. פּאַפּיער איז דאָ וואָלוועל, וועלוועלער פון באָרשטש, — זיצט ער און דראַקעט.

ברויט. מיר אַרבייטען שוין אין שאַפּ. דאָס הייסט, ניט איך און ניט מיין חבר מענדעל. אונז נעמט מען ניט. מיר זענען נאָך צו יונג. אין שאַפּ גערען אַרבייטען דערוויייל צוויי פון אונזער משפחה: מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני. וואָס הייסט אַרבייטען אין שאַפּ, און ווי אַזוי אַרבייט מען דאָרט? — דאָס געה איך אייך דערצעהלען.

ט.

האָב איך צייט, חאַפּ איך זיך אַראָפּ צו מיין אַמאָליגן חבר ושתי (היינט הייסט ער שוין העררי). איז אָבער זיין באָסיכע (בעל־הבית'טע) פונ'ם סטענד ניט צופרידען. זי האָט באַמערקט, אַז ושתי רוקט מיר אונטער אַמאָל אַ באַנאַנע און אַמאָל אַ פּאָר ראָזינקעס מיט מאַנדלען. „צוויי גאַשערס, זאָגט זי, קאָן איך סטענד ניט פאַרטראָגן"... גייט איך שוין מער ניט צו ושתי'ן, צו העררי'ן הייסט דאָס. איך וואַרט ביז ער קומט אויף דער נאַכט אַהיים, ברענגט ער מיר אַלע מאָל צו טראָגן עפּיס אין קעשענע אויף צו נעמען אין מויל אַריין. הערענדיק ברכה, אַז איך קיי. שטעלט זי מיר צו אַ בענקעלע פאַר מיין ברודער אליהו. פרעגט מיך אליהו, וואָס איך קיי? זאָג איך: „טשאָינגאַם". אַט דאָס. וואָס אַלע קייען אין אַמעריקע. זאָגט ברכה, אַז עס קערט זיך איהר איבער די גאַל פון דעם קייען, וואָס מע קייעט דאָ. זאָגט איהר אליהו: „עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכטען, אַז בהמות מעלה־גרה'ן"... קאָן דאָס פיני ניט ליידען, לאָזט אליהו פאַרגלייכט די אַמעריקאַנער צו בהמות. ער זאָגט:

— דו נעמסט אַ פאָלק, דאָס ערשטע, דאָס גרעסטע, דאָס קלינגסטע און דאָס פרייסטע פאָלק אין דער וועלט, און פאַרגלייכסט זיי צו, להבדיל, בהמות?!... איך וואָלט אַ בעלן געווען, וואָלטסט מיר זאָגן נאָר איין זאַך — וואָס וואָלט פון אונז געווען, ווען קאָלומבוס זאָל חלילה ניט געווען אַנטדעקן אַמעריקע?

— וואָלט עס איין אַנדערער אַנטדעקט! — ענטפערט איהם אָפּ מיין ברודער אליהו נאָר פּראָסט און ריקא ניט לאַנג געטראַכט.

י.

דאַנקען השם יתברך, איך קאָן אייך אָנזאָגן אַ בשׂורה — מיר האָבן שוין אַ דזשאָב. מיר'ן שוין ניט דאַרפן מער אַרומ־גיין פעדלען. מיר'ן שוין ניט דאַרפן אַנטרינען צו לאַסקאָות

IX

מיר אַרבייטען אין שאַפּ

IX

מיר אַרבייטען אין שאַפּ

א.

ווי אזוי מע ארבייט אין שאַפּ — קאָן איך אייך אקוראַט ניט זאָגען. וואָרום איך ווייס אַליין ניט. מע לאָזט מיך נאָך אהינצו ניט אריין. וואָרום איך בין נאָך ניט בר־מצוה. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מיין ברודער אליהו און פון אונזער חבר פּיני. אַלע אויפדערנאַכט, אַז זיי קומען אהיים פון שאַפּ, דער־צעהלען זיי אונז חדושים ונפלאות. זיי קומען אַלע מאָל אויס־געמאַטערט און הונגעריג. און מיר זעצען זיך עסען וועטשערע. דאָ הייסט עס „סאַפּער". ברכה האָט פיינט אָט דאָס וואָרט, אזוי ווי איין עהרליכער איד האָט פיינט חזיר. נאָך אַ וואָרט איז פאַר־האַן, וואָס מיין שוועגערין קאָן ניט אַריבערטראָגען. דאָס איז אַ „ווינדרע". אַ ווינדרע הייסט דאָ אַ פענסטער. זאָגט ברכה דערויף: „ווינד און וועה זאָל זיין צו זיי"... היינט קאָן זי ניט הערען, אַז מע זאָגט „סטאַקינגס". איהר וועט קיינמאָל ניט פאַלען דערויף, אַז סטאַקינגס זענען זאָקען. אָדער, אשטייגער, וואָס וועט איהר זאָגען אויפ'ן וואָרט „דישעס"? דאַכט זיך, אַז „פּאָסודע", זאָגט ברכה, איז אַ סך שענער? אָדער וואָס קאַן זיין פּשוט'ער

ג.

ווי אַזוי האָט זיך מיין ברודער אליהו אויסגעלערנט שטעפּען? — למאי ווי אַזוי איז דער דאַמסקי שניידער געוואָרען אַ מוהל? איז אליהו נעבאַך טאַקי גוט אויסגעריסען געוואָרען. מע האָט איהם געגעבען איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערנעהן מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל הין און צוריק און איז געוואָרען אָל־רייט. אויף מאָרגען האָט ער שוין געשטעפּט. מאָהלט אייך, אַז אָך און וועה איז געוועזן צום שטעפּען. נאָר גוט איז דאָס. למאי פּיני האָט דאָס אויך ניט געקאָנט באַווייזען? ניט מחמת ער האָט זיך געפוילט אַרבייטען. חס וחלילה! פּיני וועט אייך גערן אַרבייטען טאַטשקע־אַרבייט — אַבי מאַכען אַ לעבען אין אַמעריקע. איז די צרה, וואָס ער האָט אַ נידעריגע ראיה און טהוט אַלסדינג חאַפּענדיג. מע האָט איהם אויך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין, ווי מיין ברודער אליהו. מע האָט איהם אויך געגעבען איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגעהן הין און צוריק מיט דער מאַשין. האָט זיך געטראָפען מיט איהם איין אומגליק. דאָ ווערד דאָס אָנגערופען: „איין עקסידענץ". אונזער חבר פּיני האָט אין איילעניש פאַרטשעפּעט דעם פידזשאַק און האָט צונעשטעפּט דעם לינקען אַרבעל צו דער מאַשין. אַ גליק חאָטש, וואָס ניט די האַנט. וועה־זועה, וואָס מע האָט זיך אָנגעלאַכט פון איהם! חברה שניידערס האָבען אויפגעהויבען אַ הורראַ! „גרינהאָרן" האָבען זיי איהם אַ נאָמען געגעבען. גרינהאָרן איז די טייטש אַ גרינער. און אַ גרינער הייסט אַזעלכער, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּגעקומען פון דער היים און ווייסט ניט, וואו אַ טיר עפענט זיך. גרינהאָרן איז אַ בזיון. ערגער פון אַ גנב... נאָר דאָס וואָלט נאָך געוועזן, ווי זאָגט ברכה, אַ האַלבע צרה. דאַרף זיך טרעפען — אָט וועט איהר הערען וואָס.

פון א „לעפעל״ ? ניין. לוינט זיי ניט. ביי זיי קומט אויס, אז א לעפעל איז א „ספון״. ניט אומזיסט זאָגט ברכה א ווערטעל (זי האָט זיך איהרע אייגענע ווערטלעך) : „אמעריקע איז א לאַנד, סטייק איז א מאכל, פּאַרק איז א גאַפּעל און איינגעלש איז א שפּראַך״...

ב.

מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני אַרבייטען אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז איין „אָפּרייטער״. דאָס הייסט, מחילה, א שניידער. דער אַנדערער איז א „פּרעסער״. איין אָפּ־רייטער דאַרף ניט נייהען מיט די הענט. ער שטעפּט ביי דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קאָנען. עס שטעפּט זיך ניט אליין. ווי זשע קומט דאָס צו מיין ברודער אליהו, אז אונזער טאַטע, און אונזער טאַטענ׳ס טאַטע, און אונזער טאַטענ׳ס טאַטענ׳ס טאַטע איז קיינמאָל קיין שניידער ניט געווען און א מאַשין קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהען ? מיר שטאַמען, זאָגט די מאַמע, פון לויטער חזנים, רבנים און שמשים. איז דאָך שלעכט ! איז דאָס אָבער אמעריקע. אין אמעריקע איז ניטאָ א זאַך, וואָס א מענטש זאָל ניט קאָנען. אין אמעריקע לערענט מען זיך אויס. א סימן האָט איהר — למאי א רב ? זיין א רב דאַרף מען דאָך אודאי קאָנען. א רב מוז חאָטש קאָנען פּסק׳ענען שאלות. פון דעסט־וועגען זענען פאַרהאַן אין אמעריקע רבנים, דאָ הייסען זיי „רעווי־רענטען״, וואָס אין דער היים זענען זיי געווען קצבים. מיין ברודער אליהו האָט זיך דאָ באַקענט מיט א מוהל, מיט א רעווערענט, וואָס מע נעמט איהם אויף ברית׳ען. אין דער היים איז ער געווען א שניידער, און נאָך א דאַמסקי דערצו !

פרעגט איהם אליהו : „היתכן ?״...

ענטפערט ער איהם : „אמעריקע !״...

מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען. ווער איז דער לץ? ער האָט איהם גאָרניט דערקענט. ערשט, אז יענער האָט איהם אָנגערופען דעם נאָמען פונ'ם שיף „פּרינץ אַלבערט", האָט זיך פּיני דערמאַנט ווער דאָס איז. און ס'איז איהם געוואָרען, זאָגט ער, דריי לעבער אין הארצען! דאכט זיך, וואָס האָט איהם דער הייסינער שניידער געטהאָן? ער קאָן אָבער, זאָגט פּיני, זיין פּנים ניט אָנקוקען. ער זאָל וויסען, זאָגט ער, פאַרדיענען טויזענד טאָלער א שעה, וועט ער אין דעם דאָזיגען שאַפּ ניט זיין קיין מינוט אַפילו! און דערצו נאָך דער עקסידענץ מיט'ן צוגעשטעפּטען ארבעל...

ו.

בקיצור — פּיני שוין ניט זיין קיין אָפּרייטער. ער נעהט אוועק אין איין אנדער שאַפּ און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר א פּרעסער. א אונטערפּרעסער דערווייל. אז ער וועט זיך אויס-לערנען די ארבייט, וועט ער געהן העכער און העכער. ביז וואוהין?

— מע קאָן ניט וויסען. — זאָגט פּיני. — קיינער ווייסט ניט וועמענ'ס מאָרגען ס'איז. ניט קארנעגי, זאָגט ער, ניט וואַנ-דערבילד, ניט ראָקענפעלער האָבען געוואוסט, אז זיי וועלען אמאָל זיין דאָס, וואָס זיי זענען...

דערווייל ווערד נאָך פּיני גוט פאַרשוואַרצט. און אַלץ איבער זיין טבע, וואָס ער האָט ליעב אַלסדינג טהון חאַפּענדיג. און דערצו נאָך זיין נידעריגע ראיה. ער קומט אַלע טאָג אהיים א צעבריהטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט א סקאַליטשעטער נאָז. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיך ביי'ם פּרעסען אָפּגעבריהט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסעל צו זיין נאָז? זאָגט פּיני, אז זיין נאָז האָט ניט געוואוסט, ביז דאָס פּרעסעל וועט זיך מטריח זיין צו זיין נאָז. ער קאָן באַשטעהן, זאָגט ער, אז זיין נאָז זאָל געהן צום פּרעסעל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פּרעסעל? לאָזט זיך אויס, אז פּיני האָט

ד.

פונקט אין דעם שאַפּ, וואו מיין ברודער אליהו האָט געאַרבייט ביי דער מאַשין און אונזער חבר פּיני איז אויך געקומען לערנען די אַרבייט, האָט זיך געפונען אונזערער איין אַלטער באַקאַנטער און פּיני'ס אַ שונא — דער הייסינער שניידער. אויב איהר האַלט קאָפּ, זענען מיר מיט'ן הייסינער שניידער געפאָהרען אינ־איינעם אויף איין שיף, אויפ'ן „פּרינץ אַלבערט". איהר דאַרפט געדענקען מסתמא דאָס אויך, אז מיט אונזער חבר איז דער הייסינער שניידער געוועזען אויף מעסערשטעך. באַדאַרף גאָט פּיה־רען אַזוי, אז פּיני זאָל זיך מיט איהם באַגעגענען אין איין שאַפּ. און נאָך ווי אַזוי באַגעגענען! אין דעם דאָזיגען שאַפּ איז דער הייסינער שניידער אַ גאַנצער מאַכער. ער איז ניט קיין אָפּערייטער ביי דער מאַשין, נאָר אַ „קאַטער". דאָס הייסט, ער איז אַ צו־שניידער. ער שניידט־צו, און די אָפּערייטערס נייהען. איז איהם נאָך ווינציג. ער זאָגט, אז ער וועט לאַנג ניט זיין אין די ביזנעס. ער האָפּט גאָר אין גיכען ווערען אַ „דעזיינער". דאָס איז שוין גאָר אַ גרויס שטריימעל. אַ דעזיינער הייסט אַזעלכער, וואָס מאַכט פאַסאָנען. אַ דעזיינער פאַרדיענט פופציג טאָלער אַ וואָך, און פינף און זיבעציג טאָלער אַ וואָך, און הונדערט אויך! אז עס באַגליקט אַ מענטשען, ווייסט ער ניט פון וואַנען! ווי זאָגט ברכה: „איינעם ניט גאָט גאָר, דעם אַנדערען גאָרניט"...

ה.

אז פּיני איז אַריינגעקומען אין שאַפּ, קומט איהם דער הייסי־נער שניידער אַקעגען. ער שטעלט אַוועק אויף איהם די שאַרפע ברילען, ציהט־אויס פּיני'ן אַ יד און מאַכט צו איהם: „העללאָו, לאַנדסמאַן! האַו דו יו דו?"... דאָס הייסט: „שלום־עליכם, וואָס מאַכט איהר, רב קרוב?"... קוקט אויף איהם אונזער חבר פּיני

סימן האָט איהר: א קעשענע־זייגערעל קלינגט ניט, הייסט עס „וואטש". פרעג איך ביי אליהו'ן: „פאַר וואָס עפּים וואטש?" זאָגט ער: „ווי דען זאָל עס הייסען?" זאָג איך: „וואטשעל". פרעגט מיך אליהו: „פאַר וואָס עפּים „וואטשעל"?" זאָג איך: „אַז א זייגער איז א זייגערעל, דאַרף זיין וואטש א וואטשעל. עלעהיי, זאָג איך, א „באָי" איז א יונג, איז א יונגעל „באָיטשיק", און א קליין יונגעלע — א „באָיטשיקעל"... ווערד אליהו אין כעס און זאָגט מיר, אַז איך האָב זיך אויסגעלערענט פון אונזער חבר פיני זאָגען אלסדינג פאַרקעהרט. א גליק, וואָס פיני איז ניטאָ דערביי. פיני זאָל זיין, וואָלטען זיי זיך שוין צעאַמפּערט איבער'ן וואָרט „וואטש", אזוי ווי זיי האָבען זיך געאַמפּערט און שיער ניט צעשלאָגען זיך איבער'ן וואָרט „ברעקפיש" — אָנבייסען. דערפאַר, זאָגט אליהו, איז איין אָנבייסען ברעקפּיש, ווייל צום אָנבייסען עסט מען פיש, אָדער הערינג. זאָגט פיני: „ווי באַלד אַז הערינג, פאַר וואָס זשע זאָגט מען ניט: „ברעקהערינג"?" זאָגט איהם אליהו: „בהמה וואָס דו ביזט! און וואָס איז א הערינג — ניט קיין פיש?" פיהלט זיך פיני, אַז ער איז געשלאָגען, זאָגט ער: „ווייסט דו וואָס? לאָמיר פרעגען ביי איין אמעריקאַנער אידען!" און מע פוילט זיך ניט און מע שטעלט־אָפּ א געגאָלטען אידען אין מיטען גאַס (שבת איז דאָס געוועזען) און מע טהוט איהם א פרעג אויף א טשיקאַוועסט: „פּעטער! איהר זענט שוין לאַנג אין אמעריקע?" זאָגט ער: „דרייסיג יאָהר. וואָס איז דען?"... זאָגען זיי: „מיר ווילען אייך עפּים פרעגען. גיט אונז צו פאַרשטעהן, פאַר וואָס זאָגט מען ביי אייך אויף איין אָנבייסען ברעקפּיש?" קוקט זיי אָן דער איד און זאָגט צו זיי: „ווער האָט דאָס אייך געזאָגט, אַז אויף איין אָנבייסען זאָגט מען ביי אונז ברעקפּיש?" „ווי אזוי זשע דען זאָגט מען?"

— ברעקפעסט! ברעקפעסט! ברעקפעסט! — שרייט זיי אוים דריי מאָל דער איד גלייך אין פּנים אריין און איז זיי מכבד מיט'ן נאָמען „גרינע חיות"...

נאָר געזוכט א שטיקעל ארבייט, און ווייל ער האָט א נידעריגע ראיה, האָט ער זיך דעריבער אָנגעבויגען הארט צום טיש און האָט געטראָפען מיט'ן שפּיץ נאָז גלייך אויפ'ן אָנגעגליהטען פּרעסעל.

— אַ שלים־מזל אַז ער פאַלט אין שניי, טרעפט ער אויך אויף א שטיין...

איך מיין, אַז איך וועל אייך ניט דערצעהלען, ווער דאָס האָט געזאָגט, וועט איהר אויך טרעפען, אַז דאָס האָט געזאָגט ברכה. מיין שווענערין קאָן אריינזאָגען...

ז.

ברכה איז ניט צופריעדען. מיין מאמע אויך ניט. טייבעל אויך ניט. איהר האָט אַמאָל געזעהען, אַז ווייבער זאָלען זיין צופריעדען? זיי באַוויינען אונז, מאַנסבילען, וואָס מיר דארפען אַזוי האָרעווען אין אַמעריקע, בכדי צו מאַכען א לעבען. א קלייניגקייט — ארבייטען אין שאָפּ! אַז האַלב נאָך זיעבען אין דער פריה מוז מען שוין זיין אויף דער ארבייט. א שעה נעמט־צו דאָס פאָהרען אַהין. עפּיס איבערחאַפּען דארף מען. דאַוונען דארף מען דאָך אודאי. הייסט רעכענט־אויס, ווען מיר דארפען אויפשטעהן? און פאַרשפּעטיגען טאָר מען ניט קיין מינוט אפילו. וואָרום טאָמער פאַרשפּעטיגט איהר, רעכענט מען אייך אראָפּ פאַר יעדע פינף מינוט א האַלבען טאָג ארבייט. ווי אַזוי ווייסט מען דאָס, צי איהר האָט פאַרשפּעטיגט, אָדער ניין? דערויף איז דאָס אַמעריקע. אין אַמעריקע האָט יעדער שאָפּ אַזאַ מין זייגער. אַז איהר קומט אין שאָפּ, געהט איהר צו צום אַלעם ערשטען און טהוט א קוועטש דעם זייגער. ווערד דאָס אָנגערופען אויף זייער לשון: „פּאָנטשען די קלאָק". „קלאָק" איז א זייגער און נעמט זיך, זאָגט מיין ברודער אליהו, פון גלאָק. א גלאָק קלינגט און א זייגער, זאָגט ער, קלינגט אויך. אָבער נאָר א וואַנט־זייגער. א

ט.

הקיצור, די גנץ פון די פּרעסלעך פאַרהאַקט אזוי דעם קאָפּ, אז די אַרבייטער אין שאַפּ פאַלען חלשות און מוזען סטאָפּען די אַר־בייט. רעכענט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע". דאָס הייסט, אז עס קומט צום אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדיענט, ווערט א לאָך. דאָ האָט איהר פאַרשפּעטיגט פינף מינוט — אראָפּ א האַלבער טאָג. דאָ זענט איהר צו־פריה אוועקגעגאַנגען — אראָפּ א האַלבען טאָג. דאָ זענט איהר געפאַלען חלשות — פאַרפאַלען א טאָג.

ניין. מע קאָן שוין מעהר ניט אריבערטראָגען. מע וועט מוזען ארוים אין א סטרייק.

ח.

איך האָב מורא, אַז מיר וועלען זיך מיט׳ן שאַפּ ניט עלטערען. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז די אַרבייטער האָבען צרות פונ׳ם „פאָרמאַן״. יעדער שאַפּ האָט אַ פאָרמאַן — איין עלטסטען, איין אויפזעהער. און ניט נאָר איין פאָרמאַן, יעדער שטאָק האָט זיך זיין פאָרמאַן. אויף דעם שטאָק, וואו אליהו אַרבייט, איז דער פאָרמאַן אַ המן, אַ רשע מרושע. ער איז אַליין אַמאָל געווען איין אָפּרייטער. נאָר ער האָט זיך אַרויפגעאַרבייט און איז געוואָרען אַ פאָרמאַן. די אַרבייטער זאָגען, אַז ער איז ערגער פונ׳ם „באָס״. באָס איז אַ לשון־קודש־וואָרט און שטאַמט פונ׳ם וואָרט „בעל־הבית״. אַזוי זאָגט אליהו, און פּיני מוז אָפּשווייגען. וואָרום אויף לשון־קודש איז אליהו בעל־מצרא. פאָרט אַ חזנ׳ס אַ זוהן... נאָר מיר קעהרען זיך אום צום פאָרמאַן. מע האָט אַרויסנעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפּ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער. אַזוי, אַז ווען איהר זאָלט ניט קומען, וועט איהר פאַרשפּעטיגען — וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ ממזר?... און אונזער חבר פּיני דערצעהלט פון זיין שאַפּ נאָך שענערע מעשיות. זייער פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבייטער אַ קוק טהון אין אַ פּייפּער אַריין. לייענען אַ צייטונג ביי דער אַרבייט — חיות ניט זיכער! רויכערען שמועסט מען ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסרעדען צווישען זיך. ס׳איז אַזוי שטיל, זאָגט ער, אַז מע קאָן הערען אַ פליעג! אויסער דעם טראַסק מיט׳ן גראַגערען פון די מאַשינען. נאָך אַ מעלה האָט זיין שאַפּ. דאָרט ווערען די פּרעסלעך אָנגעוואַרעמט מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט גאַז, נאָר „געז״. דאָס הייסט, שטינקען שטינקט עס אַזוי ווי ביי אונז גאַז. נאָר מע טאָר ניט זאָגען גאַז. מע דאַרף זאָגען געז. אַקוראַט פאַרקעהרט. סע זאָל ביי אונז אין דער היים הייסען געז, וואָלט מען דאָ מסתמא געזאָגט גאַז.

X

מיר סטרייקען !

X

מיר סטרייקען!

א.

מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מע סטרייקט. דאָס האָט אַזאַ פּנים, ווי אַז איהר לערענט ביי אַ רבי'ן, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק, נעמט מען אָפּ ביי איהם די קינדער און מע זוכט אַיין אַנדער מלמד. דערווייל הערט איהר אויף צו געהן אין חדר. מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני האָבען אויפגעהערט צו געהן אין שאַפּ. אונזער שטוב האָט שוין גאָר אַיין אַנדער פּנים, זינט זיי זענען אין דער היים. אַזוי האָבען מיר זיי אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָך — זונטאָג. וואָרום, ווי איך האָב אייך שוין דערצעהלט, אַז מע אַרבייט אין שאַפּ, מוז מען אויפשטעהן כאור, בכדי מע זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיגען. און אַז זיי זענען געקומען אַהיים, פלעג איך שוין שלאָפען. פאַר וואָס? דערפאַר, וואָס זיי האָבען געאַרבייט „אָווערטיים". דאָס הייסט, אַז אַלע אַנדערע אַרבייטער זענען געגאַנגען אַהיים, זענען אונזערע לייט נאָך געזעסען אין שאַפּ ביי דער אַרבייט. ניט דערפאַר, וואָס מע האָט זיי געגויט פון קהל. זיי האָבען געאַרבייט אָווערטיים, בכדי זיי זאָלען מעהר פאַרדיענען. אַי, אַז ס'איז געקומען צום צאָהלען, האָט מען ביי זיי

ג.

למשל, נעמט מיין ברודער אליהו. ער אליין רעדט ניט קיין ווארט. ער געהט נאָר צו צו איטליכס רעדעל און שטעקט אריין די נאָז. אָדער ער לעגט־צו איין אויהער. בעת מעשה בייסט ער די נעגעל און איז שטארק אויפגערעגט. א פארגעניגען צו זעהען מיין ברודער, ווי ער שאָקעלט־צו מיט׳ן קאָפּ יעדען איינציגען, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אלעמען מרוצה, וואָס יענער זאָל ניט זאָגען. אָט איז צוגעקומען צו איהם א שניידער מיט א גולקע אויף איין זייט קאָפּ — פון דער לינקער זייט. דער שניידער האָט איהם אָנגענומען ביי א לאַץ און טרייסעלט איהם און רעדט אין איהם אריין, אז ס׳איז ארויסגעוואָרפען דער גאנצער טאַרעראַם. די שניידערס וועלען מיט זייער סטרייק גאָר נישט אויספיהרען. מחמת די „אסאָסיאיישאָן" פון די „מאנופעקטשורערס" איז צו שטארק פאר אונז! שאָקעלט איהם מיין ברודער צו מיט׳ן קאָפּ. און איך האָב זעהר מורא, אז מיין ברודער אליהו ווייסט אזוי, וואָס באדייט „אססאָיאיישאָן" און „מאנופעקטשורערס". ווי איך... וואָרום אָט איז צוגעגאנגען צו אליהו׳ן איין אנדער שניידער מיט א פּנים פון א קאטשקע. אז ער רעדט, פּאטשט ער מיט די ליפּען. דער שניידער האָט אָנגענומען מיין ברודער פאר א קנעפּעל און האָט לאנג איבער איהם גערעדט, געפּאטשט מיט די ליפּען. ער האָט אלע מינוט אויסגערופען: „ניין! מיר מוזען קעמפּען, אויס־קעמפּען ביז׳ן סוף!"... האָט איהם מיין ברודער אויך אויסגע־הערט און אויך צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. איין עבירה, וואָס מיין שוועגערין איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט איהם שוין עפּיס ארייגגע־זאָגט...

ד.

גאנץ אנדערש האָט אויסגעזעהען אונזער חבר פּיני. ווער עס האָט איהם ניט געזעהען און ווער עס האָט איהם ניט געהערט רעדען אויף א מיטינג, — דער האָט גאָר קיין שענס ניט געזעהע־

אפגעריסען טעג — וואס זענען זיי שולדיג? „עלעהיי, גזלנים זענען אונז באפאלען"... אזוי האט געזאגט מיין ברודער אליהו.

— עלעהיי, דו ביזט א לעקיש! — זאגט צו איהם מיין שוועגערין ברכה. ווען זי, זאגט זי, זאל ארבייטען אין א שאפ, וואלט זי זיך ניט געלאזט שפייען אין דער קאשע. זי זאגט, אז אלע פארלייט מיט אלע באסעס וואלטען ביי איהר געקייעט די ערד. און איהר מעגט איהר גלויבען. ברכה קאן!

ב.

דערפאר האט זי זיך געקיהלט דאס הארץ, אז אלע שעפער האבען ערקלעהרט א סטרייק. דאס הייסט, אלע שניידערס, ווי־פיעל ס'איז פארהאן אין ניו־יארק, האבען אוועקגעלעגט שער און אייזען און — גוד באי. וועה־וועה, וואס סע האט זיך אפגע־טהאן! אין דער היים, און אויף דער סטריט, און אין די האלס! א „האל" — איז א זאל, אדער א טהעאטער. מע קלויבט זיך צונויף אהינצוצו אלע שניידערס פון גאנץ ניו־יארק אויף א מיטינג, און מע רעדט און מע רעדט און מע רעדט. איהר הערט זיך דארט אן אזעלכע ווערטער, וואס איהר האט זיי קיינמאל ניט געהערט: „דזשענעראל סטרייק"... „יוניאן"... „ארגאניזירט"... „אכט און פערציג שטונדען"... „העכערע ווידזשעס"... „בעסערע באהאנד־לונג"... „סקעבס"... „סטרייק־ברעכערס"... „פיקעטס"... און נאך כדומה אזעלכע ווערטער, וואס איהר פארשטעהט זיי ניט. מיין חבר מענדעל זאגט, אז ער פארשטעהט זיי יא. נאר געבען מיר צו פארשטעהן קאן ער ניט. „וועסט עלטער ווערען, זאגט ער מיר, וועסט דו אליין פארשטעהן". עס קאן זיין. דערווייל קוק איך זיך צו, ווי דער עולם היצט זיך, און עס בייסען זיך מיר די הענט. עס גלוסט זיך מיר זיי אלע אראפחאפען אויף פאפיער. אויסמאהלען איטליכען באזונדער, ווי ער זעהט אויס, וואס ער טהוט, ווי אזוי ער שטעהט און ווי אזוי ער רעדט.

צאַפּען. איהר קאָנט צוהאַלטען מיט דער האַנט, פּאַרשטאָפּען מיט אַ שמאַטע — עס וועט אייך קיין זאַך ניט העלפען. ביז דאָס וואַסער וועט ניט אַרויסגעהן ביז׳ן לעצטען טראָפּען, איז איין עבירה אייער טרחה. פּיני מוז אָפּרעדען זיינס. סיידען מע זאָל איהם אַראָפּשלעפּען פון דער ביהנע. דאָ הייסט עס ניט ביהנע. דאָ הייסט עס „סטיידזש“. איצטיגס מאָל האָט מען איהם טאַקי נעמוזט אַזוי טהון. צוויי שניידער־יונגען, פּרעסערס, האָבען איהם געגומען פאַר ביידע הענט און מע האָט איהם מיט כבוד אַראָפּ־געפיהרט פון׳ם סטיידזש. דאָס האָט איהם אָבער גאָרניט גע־שטעהרט אויסצופיהרען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אויספיהרען. ער האָט דאָס איבעריגע דעררעדט, שוין געהענדיג מיט אונז אַהיים. און אַז מיר זענען געקומען אַהיים, האָט ער נאָך לאַנג גערעדט פאַר מיין מאַמען און פאַר מיין שווּעגערין ברכה און פאַר זיין ווייב טייבעל. איך און מיין חבר מענדעל זענען אויך געווען צווישען די צוהערער. און מיר דאַכט, אַז ווערליג פּיני האָט גע׳טענה׳ט, איז ער געערכט. נאָר געהט רעדט מיט ווייבער. אַז פּיני האָט זיך נוט אָנגערעדט, רופט זיך אָן מיין שווּעגערין ברכה מיט אַ משל, ווי איהר שטייגער איז:

— וואָס איז דעם אינדיק פאַר אַ חילוק, צי מע קוילעט איהם פּורים צו דער סעודה, צי פּסח צום סדר?...

טאָמער ווייסט איהר, וואָס מיינט דערמיט ברכה?...

ו.

דערווייל געהט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג. דער סטרייק איז אַ סטרייק. די אַרבייטער זענען שטאָהל און אייזען. מיטינגען מאַכט מען אַלע טאָג. און אַלע מאָל אויף אַ נייעם פּלאַץ. די מאַנופעקטשורערס, הער איך זאָגען, האַלטען זיך אויך שטאַרק. זיי ווילען ניט נאָכגעבען. זיי ווּעלען אָבער מוזען נאָכגעבען. אַזוי זאָגען אַלע. ניטאָ אַ זאַך, וואָס די אַרבייטער זאָלען ניט אויס־

איזט זיין לעבען. אונזער פיני'ס פיגור דארף איך זיין באלאנגט נאך פון מיינע פריהערדיגע מעשיות. זיינע קורצזיכטיגע אויגען מיט זיין לאנגער שפּיצעדיגער נאז, וואס קוקט אראפּ אין מויל אריין, געדענקט איהר מסתמא. זיינע לאנגע שמאלע הויזען, איין הויז אראפּ, איין הויז ארויף, און זיין שניפּס איזט דער צעשפּילע־טער מאנישקע — האט איהר אודאי אויך ניט פארגעסען. היינט זיין רעדען, זיין פינגען מיט דער נשמה און זיין שיטען פונ'ם ארבעל מיט הויכע שענע ווערטער און מיט קלינגענדיגע נעמען פון גרויסע לייט? אצינד שטעלט איך פאר, אז פיני צעהיצט זיך און רעדט פאר איין עולם פון טייזענדער מענשען, וואס ווילען איהם דוקא ניט הערען. אנגעהויבען האט ער אויש פון קאלומבוסען, ווי אזוי ער האט אנטדעקט אמעריקע, און איז באלד ארויף אויף די פאראייניגטע שטאטען, און האט זיך פארמאסטען צו רעדען און צו רעדען. האט מען איהם ניט געלאזט.

— ווער איז דער ספּיקער? — פרעגט איין שניידער ביי'ם אנדערען.

— א גרינהארן! — ענטפערט איהם יענער.

— וואס וויל ער?

— וואס באדערט ער?

— וואס האקט ער א טשייניק?

— שאראפּ! — שרייט איינער, און א סך אנדערע חאפּען איהם אונטער:

— שאראפּ!...

ה.

„שאראפּ" איז אפילו א מיאוס ווארט. די טייטש פונ'ם ווארט איז „אראפּ פונ'ם מארק!" נאר אונזער חבר פיני שרעקט זיך ניט פאר קיין ווערטער. פיני, אז ער צערעדט זיך, איז ווי א פאס וואסער, וואס מע האט אפּגעשטעקט און פארוואַרפען דעם

פרעגט איהם די מאַמע: „אַ גזלן?" זאָגט פיני: „ערגער פון אַ גזלן!" פרעגט די מאַמע: „וואָס קאָן זײַן ערגער פון אַ גזלן?" זאָגט פיני: „אַ גענגסטער איז ערגער פון אַ גזלן. וואָרום אַ גזלן איז אַ גזלן, און אַ גענגסטער איז אַ געדונגענער גזלן. דעם מענטשען האָט מען געדונגען, ער זאָל שלאָגען די סטרײַקערס. איז ער באַפאַלען אַ מײדעל אַ סטרײַקערין און האָט זיך פאַרמאָסטען זי צו שלאָגען. האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד, זענען זיך צונויפגעלאָפען מענטשען און ס'איז אַרויס אַ געשלעג... מעהר האָט מען פון פיני'ן ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען גאָרניט. ער האָט אַרומגעשפאַנט מיט זײַנע לאַנגע פיס הין און צוריק. ער האָט געפינעט מיט דער נשמה. ער האָט געשפריצט מיט פײַער. ער האָט זיך געריסען בײַ די האָר און געשאָטען מיט ווערטער און מיט נעמען:

— אײ־אײ, קאָלומבוס! אײ־אײ, וואַשינגטאָן! אײ־אײ, לינקאָלן!

דער סוף איז געווען — פיני האָט זיך אויפגעהויבען און איז אנטלאָפען!

ח.

ביז עפּיס וואָס, דערווײַל האָט דאָס אונז געטראָפען. מיך און מײַן חבר מענדעל. די מאַמע האָט זיך געשוואָרען בײַ איהר געזונט און בײַ איהר לעבען, אַז זי וועט אונז ניט אַרויסלאָזען אויף דער סטריט פאַר קײן געלט אין דער וועלט! ניט מיך, ניט מענדלען, ניט אליהו'ן, ניט ברכה'ן און ניט טײַבלען. וואָרום ווײַבאַלד אַז עס האַלט שוין, זאָגט זי, אַזוי ווײַט, אַז מע הרג'עט מענטשען אין סטריט — איז שוין עק וועלט! זי האָט אָנגעוואָרפען אויף אונז אַלעמען אַזאַ פּחד, אַז טײַבעל האָט זיך צעווײנט, ווי אַ קלײן קינד. גאָט ווײסט, וואו איהר פיני איז אַצינד!... האָט די מאַמע שוין פאַרגעסען אָן אונז און האָט גענומען אויסרעדען דאָס האַרץ נעבאַך טײַבלען: אַז מיר האָבען אַ שטאַרקען גאָט. און אַז עס וועט איהר פיני'ן גאָר ניט געשעהן. און אַז ער וועט מיט

פיהרען. ס׳איז אמעריקע! עס האלט שוין ביי׳ם לעצטען מיטעל. אז דאס וועט ניט העלפען, איז עק וועלט! אזוי זאגען אונזערע לייט. וואס איז דאס פאר א מיטעל? מיר וועלען זיך צונויפ־זאמלען אלע סטרייקער פון גאנץ ניו־יארק און מיר וועלען דורכ־געהן איבער די סטריטען מיט א מארטש. דאס הייסט, טויזענדער און טויזענדער שניידערס וועלען זיך דורכשפאציערען מיט די פאהנען איבער דער שטאדט. מיר און מיין חבר מענדעל איז דאס דוקא געפעלען. מיר וועלען זיין די ערשטע. רעדט זשע אבער מיט אזא אידינע, ווי מיין שוועגערין ברכה, זאגט זי, אז ביי איהר זעהט דאס אוים, ווי קינדער שפיעלען זיך אין סאל־דאטלעך... זי זאגט: „איין עבירה אייערע שיך”... האט איהר בארארפט אנקוקען אונזער פיני׳ן און הערען, וואס ער האט איהר געזאגט דערויף!

ז.

מיר האבען שוין געהאלטען מיט׳ן סטרייק גאנץ ווייט. איך און מיין חבר מענדעל האבען זיך שוין צוגעגרייט, ווי מע גרייט זיך צו צו דעם פערטען דזשולאי. דעמאלט איז א יום טוב אין אמעריקע. מע שיסט אויף דער סטריט מיט די פייער־קרעקערס און עס טרעפט זיך, זאגט מען, אז מע דער׳הרג׳עט א מענטשען. א קלייניגקייט — דער פערטער דזשולאי? דאס איז דאך דער טאג, וואס די פאראייניגטע שטאטען האבען זיך באפרייט פון די שונאים...

איך און מענדעל זענען שוין געווען יום־טוב׳דיג. איז אונז פארשטעהרט געווארען די שמחה. אויף קאנעל סטריט האט מען גע׳הרג׳עט א מענטשען. די ידיעה האט אונז געבראכט פיני. ער איז געווען אויפ׳ן ארט און האט געזעהען דעם גע׳הרג׳עטען. ער זאגט, אז דער מענטש האט פאהדיענט דעם טוידט. ער איז גע־ווען, זאגט ער, א גענגסטער. פרעגט איהם די מאמע: „וואס הייסט א גענגסטער? א גנב?” זאגט פיני: „ערגער פון א גנב!”

האָט אונז געבראַכט קיין אַמעריקע, וועט אונז מסתמא ניט פאַר־לאָזען. אונזער מחותן יונה דער בעקער און אונזערע גוטע פריינד פּעסי די גראָבע און איהר מאַן משה דער איינבינדער און די איבע־ריגע פריינד און גוטע פריינד קומען אַלע טאָג און טרייסטען אונז מיט גוטע ווערטער. זיי זאָגען, אַז דער הימעל איז צו דער ערד ניט געפאַלען. וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז מע מוז לעבען אין אַמעריקע נאָר פון שניידערריי? מע קאָן מאַכען אַ לעבען אָהן שניידערריי אויך. והראיה? אָט וועל איך אייך דערצעהלען, ווי אזוי מיר מאַכען אַ לעבען אין אַמעריקע.

גאָט'ס הילף קומען בשלום אהיים. און אז ער וועט זיין א מאַן צו זיין ווייב און א טאַטע צו זיינע קינדערלעך, וואָס ווע‏לען, אם ירצה שם, אמאָל זיין. ווארום דערווייל האָט נאָך טייבעל קיין קינד און קיין רינד. זי דאָקטערט זיך און האָפט, אז זי וועט נאָך אמאָל האָבען קינדער.

— און א סך קינדער! — זאָגט די מאַמע.

— אָמן הלואי! — זאָג איך און חאַפּ א פּאַטש פון מיין ברודער אליהו, איך זאָל ניט זיין קיין שייגעץ און זאָל ניט שטופען די צונג אהין, וואו מע דארף ניט...

ט.

נעלויבט איז גאָט — געקומען פּיני. און געקומען איז ער מיט א שמחה, א גדולה: דער מענטש דער געננסטער, וואָס מ'ע האָט איהם גע'הרגעט, לעבט און וועט לעבען. נאָר א קאַליקע וועט ער שוין בלייבען אויף אייביג. מע האָט איהם ניט דער־הרג'עט אויף טויטט. מע האָט איהם נאָר אזוי גוט אָנגע'הרג'עט. מע האָט איהם אויסגעזעצט איין אויג און איבערגעבראָכען א האַנט. „א מצוה — לאָז ער ניט זיין קיין געננסטער!” האָט אָבער די מאַמע אויף איהם רחמנות: „לאָז ער זיך זיין, זאָגט זי, וואָס ער איז. פאַרהאַן א גאָט אין הימעל, לאָז ער זיך, זאָגט זי, מיט איהם רעכענען. פאַר וואָס, זאָגט זי, קומט איהם, מע זאָל איהם איבער־ברעכען א האַנט און אויסזעצען איין אויג? וואָס זענען שולדיג זיין ווייב און קינדער נעבאַך, זיי זאָלען האָבען א טאַטען א קאַליקע?”...

י.

דער סטרייק האָט זיך פאַרצויגען, און מיר נעהען ארום אָהן א שטאָך אַרבייט מיין ברודער אליהו איז אויס מענטש. די מאַמע רעדט איהם אויס דאָס האַרץ. זי זאָגט, אז דער גאָט, וואָס

XI

כתרילעווקע אין ניו־יאָרק

XI

כתרילעווקע אין ניו־יאָרק

א.

איידער איך געה אייך דערצעהלען, ווי אזוי מיר מאכען א לעבען אין דעם נייעם לאנד, מוז איך אייך פריהער אויסרעכענען ביי די נעמען, ווער איז דאָ אין אמעריקע פון אונזערע פריינד און באקאנטע, ווייל נאָר זיי צו דאנקען האָבען מיר זיך ביסלעכוויז ארויפגעארבייט און אָנגעהויבען צו מאכען א לעבען. לאָזט זיך אויס, אז מיר האָבען דאָ פריינד און באקאנטע — קיין עין־הרע, קיין בייז אויג! גאנץ כתרילעווקע האָט זיך אריבערגעפּעקעלט אהער, קיין אמעריקע. נאָך אונזער אוועקפאָהרען פון דער היים איז געוואָרען, זאָגען זיי, דאָרטען א בהלה, א מהומה, א לויפעניש. עס האָט אויסגעבראָכען, זאָגען זיי, א מורא'דיגער פּאָגראָם, א שחיטה און א שרפה — גאנץ שטאָדט איז אוועק מיט'ן פייער! ווער האָט אונז געבראכט די נייעס — די מאמע. וואו ערגיץ א צרה, ווערט פריהער פון אלע געוואוירע די מאמע. פון וואנען? פון בית־המדרש. פון דער כתרילעווקער שוהל. ס'איז פאראהאן אזא שוהל אין ניו־יאָרק.

און די פּאות אונטערגעהאַקט. נאָר די באָרד טשעפּעט ער ניט. טשעפּען איהם אָבער אַנדערע די באָרד. דאָ, אין אַמעריקע, האָט מען פּיינט אַ באָרד. ערגער ווי איין עהרליכער איד האָט פּיינט חזיר. אַנומעלטען האָבען איהם דערטאַפּט אין מיטען סטריט שקצים׳לעך — „לויפּערס” הייסען זיי דאָ — און האָבען איהם נאָר געוואָלט אָפּשערען די באָרד. אַ גליק, וואָס אידען זענען אָנגעקומען און האָבען איהם אַרויסגעראַטעוועט פון די „לויפּערס” הענט. פון דעמאָלט אָן, אַז ער געהט אין סטריט, באַהאַלט ער די באָרד אינ׳ם אויבערראָק.

ג.

בערע דער שוסטער איז אויך דאָ. דאָס איז דער בערע, וואָס מיין ברודער אליהו האָט זיך געהאַט אונטערגענומען אַמאָל אַרויס־צוטרייבען ביי איהם די מייז. אויב איהר געדענקט, האָט בערע דער שוסטער ליעב צו דערצעהלען גוזמאות. אויסטראַכטען זאַכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. דאָס הייסט, ער איז אַ איד אַ ליגנער. דאָ ווערד עס אָנגערופען אַ „בלאָפער”. ער איז דאָ אויך דערזעלבער שוסטער, וואָס אין דער היים. ער דערצעהלט פון זיין שוסטעריי אַזעלכע גליקען, אַז ווען ס׳זאָל זיין חאָטש אַ דריטעל אמת, וואָלט אויך געווען גוט. ער זאָגט, אַז ער איז דאָ דער גרעסטער שוסטער אין אַמעריקע. מיט זיינע שטיוועל, זאָגט ער, טראָגט מען זיך אַרום איבער׳ן גאַנצען לאַנד. ער שווערט מיט אַזעלכע שבועות, וואָס מע מעג גלויבען אַ משומד, אַז דער פּרעזידענט אַליין האָט זיך באַשטעלט ביי איהם אַ פּאָר שטיוועל. זאָגט מיין ברודער אליהו, אַז די מעשה מיט׳ן פּרעזידענט׳ס שטי־וועל איז פּונקט אַזוי אמת, ווי די מעשה, וואָס בערע דער שוסטער האָט אונז אַמאָל געהאַט דערצעהלט, ווי אַזוי די מייז האָבען ביי איהם אויפגעגעסען אַ קאַץ... דאָ, אַז עמיצער דערצעהלט אַזעלכע מעשיות, זאָגט מען אויף איהם. אַז ער „האַקט אַ טשיינוק”. אָדער

ב.

די ערשטע וואָך, אַז מיר זענען געקומען אין שטאָדט אַריין, האָט די מאַמע קודם־כל זיך צעפּרעגט אויף אַ שוהל, וואוהין צו געהן שבת דאַווגען. זענען אין ניו־יאָרק, ברוך השם, פאַראַן שוהלען כמעט אויף יעדער סטריט. האָט אונז אונזער שכנה פּעסי אָפּגעפיהרט דעם ערשטען שבת אין שוהל אַריין. די שוהל איז טאַקי אונזער שוהל. דאָס הייסט, די אידען, וואָס דאַווגען דאָרטען, זענען אַלע פון אונזער שטעדטעל. זי הייסט מיט'ן נאָמען „כל ישראל אנשי כתרילעווקע". אָדער „די כתרילעווקער שוהל". האָבען מיר זיך דאָרט דערזעהען מיט אַ סך באַקאַנטע פון אונזער שטאָדט. טרעפט, וועמען האָבען מיר געזעהען? אַז איהר וועט זיין מיט אַבצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען. ערשטענס — דעם חזן. אונזער הערש־בער דעם חזן מיט דער גרויסער באָרד. אָט דער, וואָס איך בין ביי איהם געווען אַמאָל אַ זינגערעל, אויב איהר געדענקט, און האָב זיך אַרומגעטראָגען מיט זיין דאָבצי'ן. אַ קינד אַ קאַליקע. דאָס קינד איז געשטאָרבען נאָך דאָרטען, אין דער היים, בשעת פּאָגראָם. און הערש־בער דער חזן מיט דער חזנ'טע מיט די עלטערע קינדער זענען אַלע דאָ אין אַמעריקע און מאַכען אַ לעבען. הערש־בער איז דאָ אַ חזן און אַ מוהל און אַ מלמד אויך. דאָ הייסט דאָס ניט מלמד. דאָ הייסט דאָס „טיטשער". פאַר וואָס טיטשער? ווייל ער טיטשט די קינדער. דאָס הייסט, ער קנייפּט זיי שטילערהייד, קיינער זאָל ניט זעהען. מחמת שלאָגען אַ קינד טאָר מען דאָ ניט, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט. הערש־בער האָט, זאָגט מען, דאָ גאַנץ פיין פּרנסה. נאָר ער האָט זיך שטאַרק איבערגעאַנדערשט. דאָס הייסט, איזען איז ער דער אייגענער, וואָס געווען, נאָר ער געהט אַנדערש אָנגעטהאָן. אין דער היים ווען ער טהוט אָן אַזאַ קאַפּעליש ווי דאָ, וואָלט מען איהם נאָכגעלאָפען. די קאַפּאָטע איז ביי איהם אויך פאַרקירצט.

טלעפט ער זיך ארום דאָ איבער די סטריטען. אז ער דערזעהט מיך, אנטלויפט ער. עס שטעהט איהם נאָך היינט אויך ניט אָן צו רעדען מיט מיר. המנ׳ס גדלות! מיין חבר מענדעל זאָגט, אז ער מוז איהם מאכען בלוי דאָס אנדערע אויגעל. מענדעל האָט פיינט, אז מע נעמט זיך איבער, אָדער אז מע בלאָזט פון זיך.

ה.

שענער פון אלץ איז, וואָס מנשה דער רופא און מנשה׳כע די רופא׳טע זענען אויך דאָ. איהר געדענקט דאָך מן הסתם זייער גאָרטען מיט זייערע פערשקעס, מיט זייערע וויינשעל, מיט זייערע עפעל און מיט זייערע בארען? איז דאָס אלסדינג אוועק מיט׳ן רויך און מיט׳ן פייער. מע האָט זיי פארברענט זייער שטוב מיט זייער גאָרטען, געמאכט פון אלסדינג א״ש. איהר זאָלט זיי אָנקוקען, וואָלט איהר זיי ניט דערקענט. ביידע זענען זיי געוואָרען גרוי און אלט. ער שטופט א פושקארט מיט עפעל און מיט אָראנדזשעס, און זי פעדעלט מיט וויסאָצקי׳ס טיי. „אז אָך און וועה — זאָגט די מאמע מיינע מיט טרערען אויף די אויגען — אויף וואָס זיי זענען איבערגעקומען״...

— א שענע ריינע כפרה! — זאָגט מיין ברודער אליהו, און איך האַלט מיט איהם. א מצוה אויף מנשה׳כע די רופא׳טע. זי איז געווען א רשע׳טע. געזשאלעוועט איין אָרעמאן א פארפוילטען עפעל, וואָס איז אראָפּגעפאלען פונ׳ם בוים. זי מיינט, אז איך האָב שוין פארגעסען די מעשה, ווי אזוי מע האָט מיך אמאָל גע־פאקט ביי איהר אין גאָרטען... איך וועל עס געדענקען וויי̇ל איך וועל לעבען!

ו.

אין דער צייט, וואָס מיר האָבען זיך ארומגעשלעפּט איבער אויסלאנד, האָט מען דאָרט אין דער היים געפּאָגראָמעוועט אונזערע כתרילעווקער אידען, גערויבירט די קלייטען און געברענט די הייזער.

אז ער „בלאָפט”. מיר געפעלט בעסער די ווערטער „ער האָט א טשייניק”. עס איז מיר אזוי שטאַרק געפעלען, אז איך האָב עס אַרויסגעכאַפּט אויף פּאַפּיר. דאָס הייסט, איך האָב איינגע־מאָהלט בערע דעם שוסטער, ווי ער האַלט א האַמער. אייפּ׳ן טייש שטעהט אַ גרויסער טשייניק, און ער האָט איהם... אַלע די, וואָס האָבען געזעהען דאָס בילד, האָבער זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. אפילו מיין ברודער אליהו האָט איך געשענקט אַ האַלבען שמיכעל. ער שלאָגט מיך שוין מעהר ניט דערפאַר, וואָס איך מאַך מענ־משעלעך. ער בורטשעט נאָר און זאָגט: „אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו טהון, איז דאָס אויך איין עסק”...

ד.

וואָס דאַרפט איהר מעהר? רב יאָסי דער נגיד, וואָס אַלע האָבען זיך געוואונשען ביי איהם, חוץ זיין שאָדען, חאָטש אַ דריטע־חלק, — איז ער אויך דאָ, אין אַמעריקע. ער איז שוין אָבער אוים נגיד. וואָס איז די מעשה? איהם האָט אויסגעוועל׳הרג׳עט דער פּאָגראָם. דאָס הייסט, פּינ׳ם פּאָגראָם גופא האָט ער אַליין ניט אזוי שטאַרק געליטען. דאָס הייסט, געראַבירט האָט מען איהם. דאָס מעבעל צעבראָכען. דאָס בעטגעוואַנט צעריסען. די סחורה פון קלייט צענומען. נאָר געשלאָגען האָט מען זיי ניט. מחמת זיי זענען געלעגען אַלע אין אַ קעלער דריי טעג מיט דריי נעכט. שיער ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער. דאָס אַלערינג וואָלט געווען א האַלבע צרה. דאָס אומגליק איז געווען דאָס, וואָס אַלע זיינע בעלי־חובות האָבען איהם אָנגעזעצט. האָט ער אויך געמוזט אָנ־זעצען. ווער וואָלט זיך גערעכט, אַשטייגער, אז אַזאַ איש במוח, ווי רב יאָסי, זאָל דאַרפען אָנזעצען און אַנטלויפען פון כתרילעווקע? און מיטען ביינאַכט איז ער אַנטלאָפען. וואוהין — קיין אַמעריקע. זיין זוהנדעל הענוך מיט׳ן אוינגעל, נעדענקט איהר, ווו אזוי ער האָט געלאַכט פון מיר, וואָס איך פאָהר קיין אַמעריקע? איצט

— איהר ווייסט ביידע מעהר פון א טוידטען! — מישט זיך אריין מיין שוועגערין ברכה און שטעלט זיך איין פאר איהר מאַן.

ז.

דערווייל האָב איך מיך פאַרעדט פון זייטיגע זאכען און האָב פארגעסען, אז איך האָב גענומען אויסרעכענען, ווער פון אונזערע באקאנטע זענען דאָ, אין אמעריקע. א חוץ אונזער חבר פּיני'ס משפּחה, איז גאַנץ כתרילעווקע אצינד אין אמעריקע. און ס'איז א סברה, אז פּיני'ס משפחה קלויבט זיך אויף אהערצוצו. פּיני'ס פאָטער, הערש־לייב מעכאַניק, און זיין פעטער שניאור דער זייגער־מאַכער שרייבען צו פּיני'ן, אז זיי וואָלטען שוין לאַנג ארויסגע־פאָהרען, האָבען זיי ניט מיט וואָס. בעטען זיי, מע זאָל זיי ארויס־שיקען שיפסקארטען. קלויבען מיר איצטער א פּעני צו א פּעני. אז מיר וועלען צונויפקלויבען די ערשטע עטליכע טאָלער אויף איינצוצאָהלען איין אויפגאָב, וועלען מיר זיי ארויסשיקען שיפס־קארטען אויף אויסצוצאָהלען. און זיי וועלען מיט גאָט'ס הילף געווים אויסצאָהלען. וואָרום זיי קומען אהער ניט מיט לעדיגע הענט. הערש־לייב דער מעכאַניק שרייבט, אז ער האָט צוגעטראכט א נייעם אויוועז. אזא מין אויוועז, וואָס מע דארף צו איהם האָבען זעהר ווינציג האָלץ. כמעט גאָלע גאָר ניט. ווי אזוי? דאָס איז זיין סוד... און שניאור דער זייגערמאכער האָט אויסגעקלעהרט א זייגער, וואָס גאַנץ אמעריקע וועט לויפען קוקען אויף חדושים. וואָס זשע איז דאָס פאר א מין זייגער? וועט איהר הערען, וואָס מע שרייבט צו פּיני'ן פון דער היים.

ח.

דער זייגער אליין איז א געוועהנליכער וואנט־זייגער מיט א געוועהנליכען ציפערבלאט. נאָר וואָס דען? אז איהר קוקט זיך גוט צו צום ציפערבלאט. דערזעהט איהר אויסגעמאָהלט די זון

א סברה, אז אונזער האַלבע שטוב, וואָס מיר האָבען פאַרקויפט צו זילי דעם שניידער, איז אויך אָפּגעברענט געוואָרען, און זילי דער שניידער איז איצטערט היע. ער איז א שניידער ווי געווען. דער חילוק איז, וואָס דאָרט, אין דער היים, איז ער געווען א בעל־הבית פאַר זיך, און דאָ, אין אמעריקע, אַרבייט ער ביי יענעם. אמאָל איז ער א „אונטערפּרעסער" ביי הויזען, און אמאָל איז ער איין „אָפּרייטער" ביי דער מאַשין. ער פאַרדיענט, זאָגט ער, זיינע זיעבען־אַכט טאָלער א וואָך. עס וואָלט איהם געווען, זאָגט ער, ווינציגליך אויף צו מאַכען א לעבען, ברענגען איהם אריין זיינע קינדער — דריי קינדער האָט ער, און אַלע מיידלעך — דריי מאָל אזוי פיעל. זיי אַרבייטען ביי „שווירטס". העמדער הייסען דאָ „שווירטס". פרעג איך ביי מיין ברודער אליהו, פאַר וואָס הייסען העמדער „שווירטס"? זאָגט מיין ברודער אליהו, אז ער ווייסט ניט, פון וואָסער א שורש עס נעמט זיך דאָס וואָרט „שווירטס". זאָגט צו איהם אונזער חבר פּיני, למאי ער ווייסט ניט דעם שורש פון נאָך א סך אנדערע ווערטער? זאָגט אליהו, אז פון אנדערע ווערטער ווייסט ער יאָ דעם שורש. פרעגט איהם פּיני: „פון וואַנען זשע נעמט זיך דאָס וואָרט „בוטשער", און פאַר וואָס איז בוטשער א קצב?" זאָגט איהם אליהו: „דערפאַר, וואָס א קצב צעבוטשערט דאָס פלייש אויף שטיקלעך"... פרעגט איהם פּיני: „פון וואַנען זשע נעמט זיך עס, וואָס א שניידער הייסט דאָ „אָפּ־רייטער"?" זאָגט אליהו: „דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס... וואָס... וואָס האָסט דו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? וואָס בין איך מחויב דיר צו פאַרטייטשען אַלע ווערטער, וואָס מע זאָגט דאָ אין אמע־ריקע?"

— ששאַ! שריי ניט! מע ווערד פון דיר ניט גליקליך! — זאָגט פּיני און דרעהט זיך אויס צו מיר מיט'ן פּנים. — קום נאָר אהער, קטנתי. אז דו ווילסט וויסען עפּיס א זאַך, זאָלסט דו קיינמאָל ניט פרעגען ביי דיין ברודער אליהו, וואָרום ער ווייסט ניט.

XII

מיר מאַכען אַ לעבען

מיט דער לבנה מיט אַלע צוועלף שטערן. בייטאָג זעהט מען מעהר אַרוים די זון. און ביינאַכט — די לבנה מיט די שטערן. זענט איהר פאַרטיג? האָט צייט! אַלע מאָל, ווען דער זייגער שלאָגט־אוים צוועלף, עפענט זיך אויף פאַר אייערע אויגען אַ קליין טירעלע און עס קומט אַרוים פריהער איין אָפּיציער מיט אַ שפּאַגע. דערנאָך צוועלף סאָלדאַטען־מוזיקאַנטען. דער אָפּיציער טהוט אַ מאַך מיט דער שפּאַגע, און די צוועלף סאָלדאַטען שפּיעלען אָפּ אַ מאַרש און געהען אַוועק. מאַכט זיך צו דאָס טירעלע — און שוין! ווי מיינט איהר, קאָן מען מיט אַזאַ זייגער פאַרדיענען געלט אין אַמעריקע? אויף דעם זייגער האָט פיני'ס פעטער פאַרבראַכט היבשע עטליכע יאָהר. ער איז שוין געוועזן ביי איהם כמעט אינגאַנצען פאַרטיג. האָט מען איהם בעת פּאָגראָם צעריבען אויף שטיקלעך. נאָר עס מאַכט ניט אוים. אַבי דער שכל פון'ם זייגער איז געבליבען ביי איהם. לאָז ער נאָר קומען קיין אַמעריקע, וועט שוין זיין, ווי מע זאָגט דאָ, אָלל־רייט.

ט.

און ווי אַזוי מיר מאַכען אַ לעבען — האָב איך אייך נאָך אַלץ ניט געזאָגט. נאָר דאָס לאָז שוין זיין אויף מאָרגען.

XII

מיר מאַכען אַ לעבען

א.

דער ערשטער האָט זיך אַרויפגעשלאָגען אויף אַ וועג און גע־נומען מאַכען אַ לעבען מיין ברודער אליהו. און וועמען האָט ער צו פאַרדאַנקען? דער מאַמען. זי געהט אַלע שבת דאַווגען אין כתרילעוועקער בית־המדרש, באַגעגענט זי זיך מיט מענטשען. האָט זי זיך באַקענט מיט דער פּרעזידענטיכע, דאָס מיינט מיט דער גבאי'טע פון שוהל. וואָרום אַ גבאי אין אַ שוהל הייסט דאָ „פּרע־זידענט". די פּרעזידענטיכע איז אַ וואוילע אידינע און האַלט פון מיין מאַמע. דערפאַר, וואָס מיין מאַמע ווייסט אַלע מאָל, וואו דער חזן האַלט און וואָס דער חזן זאָגט. און די הינע ווייבער ווייסען ניט ווער עס האָט זיי געשלייערט. אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו'ס ווייב ברכה. מיין שוועגערין ברכה זאָגט, אַז די הינע ווייבער געהען אין שוהל אַריין נאָר צו באַווייזען זייערע באַרליאַנ־טען. דאָ הייסט דאָס „דיימאָנטס". און אַז זיי זענען מחילה גרויסע בהמות. אַזוי זאָגט ברכה. און אַז זיי ווייסען ניט קיין צלם פאַר קיין אלף. און אַז זיי קאָנען נאָר גוט פרעסען און רעדען לשון־הרע... האָקט איהר איבער די מאַמע און זאָגט, אַז „אָט דאָס

פארקויפער. און ניט נאָר אַ פארקויפער אַליין, נאָר טאַקי אַ „ווייטער” אויך. דאָס הייסט, אַז איינער קומט אריין און הייסט זיך דערלאַנגען הייסע קישקעלעך — דאַרף מען זיך ניט שעמען און דערלאַנגען. האָט זיך אפילו מיין ברודער די ערשטע צייט געבּרעקעלט: „סטייטש, אַ יונגערמאַן מיט אַ בערדעל, פּייסי דעם חזנ'ס אַ זוהן און יונה דעם בעקער'ס איין אײדעם, זאָל זיין אַ משרת!”... האָט איהם אונזער חבר פּיני אוועקגעגעבען אַ גאָב. „וואָס מיינסט דו? — האָט איהם פּיני געריבען די ביינער. — דו מיינסט, אַז דו ביזט אינ'ם פאַרשאָלטענעם כתרילעווקע? דו ביזט אין אמעריקע ביזט דו! אין אַמעריקע האָבען אַזעלכע פיינע מענ־טשען ווי דו, למשל, אַ קארנעגי, אַ ראָקענפעלער, אַ וואַנדערבילד, נעפּעדעלט מיט גאַזעטען, ארומגעטראָגען שוועבעלעך (דאָ הייסט עס „מעטשעס”) און געפּוצט שטיוועל אויף דער סטריט! לייען די געשיכטע פון אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פון אַ אייבראַם לינקאָלן, אָדער פון אנדערע גרויסע לייט, וועסט דו זעהען, אַז פּייסי דעם חזנ'ס זוהן מעג אָנשטעהן פארקויפען קישקעלעך”...

ד.

דאָ האָט אָבער אונזער חבר פּיני געהאַפּט אַ מיאוסען פּסק פון מיין מאַמע. וואָרום כל זמן פּיני האָט געשאָטען מיט נעמען: קארנעגי, ראָקענפעלער, וואַנדערבילד, — האָט איהר ניט געאַהרט. נאָר אַז ער האָט דערמאַנט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און אייבראַם לינקאָלן אינאיינעם מיט מיין טאַטען פּייסי דעם חזן — האָט דאָס איהר פאַרדראָסען. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען ניט וואַשינגטאָנען און ווייס ניט ווער אבֿ־הם לינקאָלן איז געוועזן. עס קאָן זעהר זיין, אַז דאָס זענען געוועזן גאַנץ לייטישע מענטשען און גאַנץ שענע אידען. נאָר זי וויל ניט, מע זאָל איהר מאַנ'ס נאָמען באַציהען אַהער קיין אמעריקע. לאָז ער זיך זיין, זאָגט זי, דאָרטען אין גן־עדן אַ גוטער מליץ פאַר איהר און פאַר אייך און פאַר כל ישראל.

אליין, טאַכטער לעבען, איז דאָך אויך לשון־הרע״... פאַרענטפערט זיך ברכה, אַז זי מעג, וואָרום זי זאָגט דאָס פאַר אייגענע, ניט פאַר פרעמדע... נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו דער פרעזידענ־טיכע און צו איהר מאַן, דעם פרעזידענט פון דער כתרילעווקער שוהל.

ב.

האָט איהר וועןן געהערט פון דער „היברו ניישאָנאַל ווארשט קאָמפּאַניע״? דאָרט פאַרקויפט מען אידישע כשר'ע קאָלבאַסעס. דאַרע קישקע, געבראָטענע צונגען און געריכערטע פליישען. אין אַלע עקען שטאָדט האָבען זיי „סטאָרס״, וואו איהר קומט אריין קויפען כשר ווארשט. אויב איהר זענט הונגעריג און האָט צייט, הייסט איהר אייך דערלאַנגען הייסע קישקעלעך, נאָר־וואָס פון דער זאַר, און איהר עסט דאָס מיט חריין, אָדער מיט זענעפט. ווי אַזוי איהר ווילט. אויב איהר זענט ניט קורץ אין געלט, קאָנט איהר זיך הייסען דערלאַנגען נאָך אַ פּאָרציע. איך און מיין חבר מענדעל האָבען אַמאָל אריינגעשטעלט דריי פּאָרציעס און האָבען געפיהלט, אַז מיר וואָלטען בייגעקומען נאָך צוויי פּאָרציעס — איז ביי אונז אָבער אויסגעגאַנגען פּאָדעס... נאָר ניט דאָס האָב איך אייך געוואָלט דערצעהלען.

ג.

וואָס איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען איז אָט וואָס. דער פרעזידענט פון אונזער שוהל איז איינער פון די בעלי־בתים אין דער „היברו ניישאָנאַל ווארשט קאָמפּאַניע״. האָט די מאַמע דורך דער פרעזידענטיכע גע'פּועל'ט ביי'ם פרעזידענט, אַז מע זאָל אריינגעמען מיין ברודער אליהו אין דער „היברו ניישאָנאַל ווארשט קאָמפּאַניע״ פאַר אַ מענטשען. דאָ הייסט עס אַ סיילעסמאַן, אַ

ניט. ער האָט איהם, זאגט ער, נאָר אַנגעזייפּט גוט דאָס גאַנצע פּנים און איז זיך דורכגעגאַנגען מיט אַ גאָל־מעסער מעהר ניט אַז צוויי מאָל, און האָט איהם געהייסען אויפשטעהן. און אַז ער איז אויפגעשטאַנען, אַזוי דערצעהלט פּיני, און האָט געגעבען אַ קוק אין שפּיעגעל, האָט ער זיך אַליין ניט דערקענט. אויף זיין פּנים איז ניט געבליבען, איהר זאָלט זאָגען, אַ סימן פון אַ באָרד, אָדער פון וואָנסעס. גלאַט, ווי אַ לאָקשענברעט. עס האָט זיך איהם, זאָגט ער, אויסגעוויזען, אַז ער שמייכעלט... וועה־וועה, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין ווייב טייבעל! זי האָט טעבאַך גע'חלש'ט צוויי מאָל און איז אַזש קראַנק געוואָרען פון צרות און פאַר בזיון. דאָס איז אָבער נאָר געוועזען די ערשטע צייט. איצט האָט זי זיך שוין צוגעוואָהנט. איהר פּיני גאָלט זיך אַלע וואָך דאָס גאַנצע פּנים און זעהט־אויס, ווי איין ערטער אַמעריקאַנער. ער רעדט שוין גאָר איינגעליש און קייעט שוין כסדר „טשואינגגאָם". ער שלינגט דאָס שוין אָבער מעהר ניט אַראָפּ... דערצו, ווען ער זאָל נאָך וועלען אַכטונג געבען, די מאַ־נישקע זאָל זיך ביי איהם ניט צעשפּילען, דאָס האַלזטיכעל זאָל זיין אויף איין אָרט, און ביידע הויזען זאָלען זיין גלייך, ניט איינער אַראָפּ, דער אַנדערער אַרויף, — וואָלט ער שוין געווען אַ גאַנצער דזשענטעלמען, אַ ספּאָרט.

ו.

פּיני זאָל ניט האָבען אויף זיך קיין דרעהקאָפּ (ער שטאַמט דאָך פון אַ משפּחה פון „קעפּמענשען"), און דער קאָפּ זיינער זאָל איהם ניט טראָגען אין די גרויסע געשעפטען, וואָס דאָ הייסט עס „ביזנעס", וואָלט ער געקאָנט מאַכען אַ לעבען. ער מאַכט אַזוי אויך אַ לעבען. נאָר דער חסרון איז, וואָס ער וואַרפט זיך אַלע מאָל אויף איין אַנדערער דזשאָב. דערפאַר האָט ער אַ מעלה, וואָס ער שעמט זיך ניט מיט קיין אַרבייט אין דער וועלט. ער

— אמן! — זאג איך, און האב א פאטש פון מיין ברודער אליהו — איך זאל ניט זיין קיין עזות־פנים.

ה.

בקיצור — מיין ברודער אליהו האט א דזשאב און מאכט א לעבען. ער פארקויפט קישקעלעך און דערלאנגט צום טיש און באקומט דערפאר, ערשטענס. פינף דאלער א וואך, און צווייטנס, צוויי מאל אין טאג עסן — איז אויך עפּיס ווערט. היינט וואס איז ווערט דאס וואס עס קומען אריין אין „סטאר” קויפען פלייש א וועלט מיט מענטשען? אלע טאג מאכט ער נייע באקאנטשאפטען מיט די פיינסטע לייט פון ניו־יארק. עס איז דא א האפענונג, אז מיין ברודער זאל געהן העכער און העכער. מחמת ער איז באַ־ליעבט פון די בעלי־בתים און זעהר בכבוד'יג ביי די קאסטאמערס. א קאסטאמער האט הנאה, אז איהם באדיענט א טאטענ'ס א קינד. ניט קיין געבוירענער משרת... איין שטיקעלע חסרון האט מיין ברודער — דאס וואס עס וואכסט איהם, ניט פאר אייך געדאכט, א באָרד. ער זאל ניט האבען קיין באָרד, וואלט ער געוועזן גאָר־גאָר אָלל־רייט. איז אָבער, ווי אויף צו־להכעיס, האט זיך זיין באָרד אין אמעריקע ביי איהם צעוואכסען אין דער ברייט און אין דער לענג. דאס הייסט, מעהר אין דער ברייט ווי אין דער לענג. זאגט איהם פיני, אז ער וואלט געמעגט דאס בערדעל, אויף אמעריקאנער לשון גערעדט, אביסעל „צופיקסען” אזוי ווי ער, פיני, האט געטהאן. ער האט זיך אריינגעחאפּט צו א שערער (דא הייסט עס א „בארבער־שאפּ”) און האט זיך אוועקגעזעצט, זאגט ער, אויפ'ן „טשער” (אזא שטוהל) און פארוואָרפען דעם קאפּ און ניט געזאגט קיין וואָרט. מחמת ער האט נאך דעמאָלט ניט געקאנט רעדען קיין איינגעלש. איז צוגעגאנגען דער שערער, דער „בארבער” הייסט עס, און האט אידם, זאגט ער, אנגענומען ביי דער נאָז — אזוי זאגט פיני — און האט נישט געטהאן גאָר־

פון זיין פענדעל. און אז דער מאַן הייסט לייזער, איז אַ רוח איהם אין טאַטען... פרעגט די וועלט אַ קשיא: וואו איז דאָ דער גראַם? איז דער תירוץ: אַ רוח איהם אין טאַטען אָהן אַ גראַם"...

ז.

איהר מיינט, אַז אונזערע ווייבער מאַכען ניט קיין לעבען? איך מיין דאָס מיין ברודער אליהו'ס ווייב ברכה און אונזער חבה פּיני'ס ווייבעל טייבעל. זיי אַרבייטען ביי „נעק־טייס" (מענערשע שניפּסען). און וועמען האָבען זיי צו פאַרדאַנקען? ווידער אַ מאָל מיין מאַמען, און ווידער אַ מאָל צוליעב דעם, וואָס זי געהט אַלע שבת אין שוהל אַריין. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיט איין אַלרייטניטשקע, אַ נגידית הייסט עס (אַ נגיד הייסט דאָ איין „אָל־רייטניק"). די דאָזיגע אָלרייטניטשקע איז אַמאָל געוועז, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ דיענסטמיידעל ביי אונז אין כתרילעווקע, טאַקי ביי רב יאָסי דעם נגיד. איהר נאָמען איז קריינדעל. מיט דער קריינדלען איז אַ גאַנצע געשיכטע, וואָס קאָן דערצעהלט ווערען אין קורצען.

ח.

ביי אונז, אין כתרילעווקע, איז אַמאָל געווען אַ קצב מיט'ן נאָמען מלך. מלך דער קצב. האָט דער מלך געהאַט אַ יונג מיט'ן נאָמען נחמיה. האָט ער זיך פאַרליעבט, אָט דער נחמיה הייסט עס, אין דער מויד, אין קריינדלען, און געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען. האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס. האָט ער זיך מיישב געווען איינמאָל, — מלך דער קצב האָט איהם געגעבען געלט, ער זאָל פאָהרען אויפ'ן יריד קויפען אַ בהמה, — האָט ער גענומען דאָס געלט, נחמיה הייסט עס, און איז אַוועק מיט דער מויד, מיט קריינדלען הייסט עס, קיין אַמעריקע. האָט דאָס איהם באַגליקט

וועט אייך טהון וואָס איהר וועט איהם הייסען, אבי מאַכען א טאָלער. קעהרען די סטריט — איז קעהרען די סטריט. שאַרען קויהלען — איז שאַרען קויהלען. פעדלען מיט גאַזעטען — איז אודאי גוט. אַמעריקע, זאָגט ער, איז א פרייע מדינה און א בזיון איז, זאָגט ער, נאָר גנבה׳נען. רערפאַר, זאָגט ער, ארבייטען דאָ אַלע און קיינער גנבה׳ט ניט. גנבה׳נען, זאָגט ער, גנבה׳נען דאָ נאָר די איטאַליענער. א געבאָרענער איין אמעריקאַנער, זאָגט ער, וועט ניט גנבה׳נען, עס מעג ליגען גאָלד. איין אַמעריקאַנער וועט אייך קיינמאָל ניט אָפּנאַרען. און קיין ליגען וועט אייך קיינמאָל איין אַמעריקאַנער ניט זאָגען. אַזוי דריינגט פּיני. ער האָט שוין אפילו געמאַכט א ליעד אויף אַמעריקע. דאָס גאַנצע ליעד געדענק איך ניט. עטליכע שורות פון דעם קאָן איך אייך זאָגען אויף אויסוועניג. אָט אַזוי הויבט זיך עס אָן ביי איהם:

„קאָלומבוס׳עס מדינה
איז א לאַנד פאַר גרינע.
דאָס איינציגע געבליבען,
וואָס א איד מאַכט דאָ א לעבען...
דאָס לאַנד איז גרויס
גאָר אָהן א סוף.
דאָ האקט מען ניט קיין טשייניק,
דאָ וויסט מען גיט פון בלאָף...״

הערנאָך זינגט זיך ביי איהם ווייטער און ווייטער, און לאָזען לאָזט ער אוים מיט אַזא מין גראַם:

„אמעריקע איז דאָס לאַנד פון יושר,
האָט א פּרעזידענט און ניט קיין קייסער״...

לאַכט פון איהם מיין ברודער אליהו. ער זאָגט, אז „יושר״ גראַמט זיך עפּיס ניט אַזוי גוט מיט „קייסער״. ענטפערט איהם פּיני מיט א משל: „אז דער מאַן הייסט מענדעל, מעג מען עסען

י.

אַקעגען וואָס זאָגט זי דאָס? — וועט איהר באַלד הערען. נאָר לאָמיר זיך אביסעל אָפּרוהען, כדי איך זאָל כח האָבען דער־צעהלען ווייטער.

און ער איז געוואָרען איין אָלרייטניק, און קריינדעל איז געוואָרען איין אָלרייטניטשקע. איצט האָבען זיי א פאבריק, דאָ הייסט עס א פעקטאָרי, פון נעק־טייס, דאָס הייסט פון האלזטיכלעך. האָט זיך געטראָפען א מעשה, די אָלרייטניטשקע, קריינדעל הייסט דאָס, האָט געהאט יאָהרצייט נאָך איהר מאמע. איז זי געקומען אין שוהל און האָט זיך צערעדט מיט דער מאַמע און זיך געלאָזט דער־קענען. דערהערט פון דער מאַמע, אז מיין טאטע איז געווען פייס־דער חזן, האָט זי זיך נאָך מעהר צוגעלאָזט צו מיין מאמע און צוגע־זאָגט אונז באהילפיג זיין מיט וואָס נאָר מעגליך. האָט איהר די מאמע געזאָגט, אז קיין הילף וויל זי ניט. זי פארלאנגט נאָר אר־בייט פאר איהרע קינדער. א וואָרט און א וואָרט — די אָלרייט־ניטשקע האָט אויסגע׳פועל׳ט ביי איהר מאן דעם אָלרייטניק, ער זאָל געבען איין אָרט ביי זיך אין דער פעקטאָרי פאר מיין שווע־גערין ברכה און פאר אונזער פיני׳ס ווייבעל טייבעל. זענען זיי א פאָר וואָכען געגאנגען אויף בראָדוויי ארבייטען אין דער פעק־טאָרי. און דערנאָך האָט די מאַמע גע׳פועל׳ט, מע זאָל זיי געבען ארבייט אהיים, ניט זיצען א גאנצען טאָג אין שאפ.

ט.

עס האָט אָבער לאנג נישט אָנגעהאלטען: כל זמן דער „סיזען" האָט זיך געהאלטען, איז מען געווען „ביזי", דאָס הייסט, מע האָט געהאט ארבייט. שפעטער, אז ס׳איז געוואָרען „סלעקטיים", דאָס הייסט, ס׳איז קיין ארבייט ניט געווען, זענען אונזערע ווייבער גע־בליבען אָהן ארבייט. מיר האָבען זיך אָבער שטארק ניט גענומען צום הארצען. וואָרום „גאָט איז א פאָטער — מיט איין האנט שטראָפט ער, מיט דער אנדערער היילט ער". אזוי זאָגט די מאמע. איך פארשטעה דאָס ניט מיט׳ן שכל: צו וואָס דארף גאָט שטראָפען און דערנאָך היילען? אמעהר, לאָז ער ניט שטראָפען, וועט ער פארשפאָרען היילען... און ווידער זאָגט די מאמע, „אז גאָט שיקט צו די רפואה פאר דער מכה"...

XIII

די רפואה פאַר דער מכה

פיני שטימט מיט איהם ניט איין. פיני געהט מיט דעם גאַנג, אז אמעריקע איז א פרייע מדינה. אז אין אמעריקע באַדאַרף אַלסדינג אַנשטעהן. און טאַמער ווילט איהר איהם איבערשפּאַרען, הויבט ער באַלד אָן מיט זיינע מיליאָנערען: „קארנעגי... וואַנדערבילד... ראָקענפעלער... פרעגט איהם אליהו:

— פון וואַנען קענסט דו זיך מיט די דאָזיגע לייט?

ענטפערט איהם פיני אָפּ:

— למאי פון וואַנען וויים איך, וואָס אין דעם רוסישען „הויף" טהוט זיך?

פרעגט איהם ווידער אליהו:

— נו־יאָ, פון וואַנען ווייסט דו דאָס?

ענטפערט איהם פיני אָפּ:

— זאָלסט לייענען אזוי פיעל ראָמאַנען, ווי איך, וואָלסט דו אפשר אויך געוואוסט...

ד.

דאָס מיינט פיני די ביכער, וואָס ער לייענט ביי אונזער משה דעם איינבינדער. זיי זענען געדרוקט אויף פּראָסט אידיש. און גראָב זענען זיי. און שווער. שווערער פון דער מאַמע'ס טייטש־חומש. משה דער איינבינדער גיט זיי אויף איבערלייענען. ער מאַכט דערפון א לעבען. וואָרום איין בוך לייענען אפשר הונדערט מענטשען. צום מיינסטען, ווייבער. ווייבער האָבען ליעב ראָמאַ־נען. מיין שוועגערין ברכה לייענט זיי אַלע שבת בייטאָג, ווי א וואַסער. מיין מאַמע און פיני'ס ווייב טייבעל האָבען ליעב צו הערען, ווי ברכה לייענט. די מאַמע ווערד באַלד אַנשלאָפען. נאָר טייבעל הערט און זיפצט. אַמאָל וויינט זי. זי האָט א ווייך האַרץ. ס'זאָל ניט זיין שבת און מע זאָל מעגען, וואָלט איך אויס־געמאָהלט מיט א פּענסעל אויף פּאַפּיער, ווי אזוי ברכה לייענט, און ווי אזוי די מאַמע שלאָפט. און ווי אזוי טייבעל וויינט...

ב.

פארהאַן אָבער אַזעלכער, וואָס איז ניט קיין אײדעלמאַן. עס מאַכט זיך אַמאָל אַ גראָבער נפש. קאָכט ער אויס דאָס וואַסער. דאָס זענען איהם די קישקעלעך ניט געגוג הײס. דאָס פעהלט איהם זענעפט. און אַז ער רעדט, זאָגט ער ניט, ווי אַ מענטש: „זײט־זשע מוחל, גיט מיר נאָך אַ פּאָרציע". נאָר ער טהוט אַ פּײף, אָדער אַ קנאַק מיט די פינגער און אַ הוק: „סעי, וועיטער! גיוו מי נאָך אַ פּאָרציע!" און מײן ברודער אליהו איז ניט געוואוינט געוואָרען, מע זאָל צו איהם אַזוי רעדען. ווערד ער אָנגעצונדען. ער ענטפערט ניט אַזאַ גראָבּיאַן. ווערד דער גראָביאַן אין כעס און שרײט נאָך העכער: „סעי, פּראָפעסאָר! קאַם היער!" ענט־פערט איהם דעמאָלט אליהו: „וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר בין איך אײך?"... ווערד יענער נאָך מעהר אין כעס און צעשרײט זיך. דערהערט דער בעל־הבית. קומט ער צו צו מײן ברודער און פרעגט איהם: „וואַט איז די מערדער וויט יו?" דאָס הײסט: וואָס טהוט זיך עס מיט דיר?... ענטפערט איהם ניט אליהו. פרעגט איהם דער בעל־הבית: „פאַר וואָס ענטפערסט דו ניט, אַז מע פרעגט דיך?" זאָגט איהם אליהו: „פרעגט מיך ווי אַ מענטש, וועל איך אײך ענטפערען". פרעגט איהם דער בעל־הבית: „ווערלכס הײסט ווי אַ מענטש?" ענטפערט איהם אליהו: „אַ מענטש רעדט אויף אידיש"... פרעגט איהם ווידער דער באָס: „און אַז איך רעד אויף אײנגעליש, בין איך אַ פּיפּערנאָטער?"... ענטפערט איהם אליהו: „עס קאָן זײן"...

— אויב אַזוי, — זאָגט צו איהם דער באָס — קריגסט דו די סעק. דאָס הײסט, דו קאָנסט מאָרגען זיצען אין דער הײם...

ג.

„דעם דריטען טאָג אַ שטיקעל ברויט, אַבי ניט פּאַרקויפען קײן קישקעלעך". אַזוי זאָגט מײן ברודער אליהו. אונזער חבר

צעבראָכען. דאָס איבעריגע האָט מען אונטערגעצונדען און פאַר־ברענט. מילא, פון אָרעמע לייט שמועסט מען ניט. אחוץ די עטליכע קישעלעך. האָבען זיי ניט געהאט וואָס צו פארלירען. זיי האָבען געדאַנקט גאָט, וואָס זיי זענען חאַטש ארויס מיט'ן לעבען. וואָרום עס זענען געווען אזעלכע, וואָס האָבען געחאַפּט קלעפּ, און אזעלכע, וואָס זענען פון די קלעפּ געשטאָרבען. אָרעמע עופה'לעך נעבאך זענען א טייל צעריסען געוואָרען פון די חוליגאַנעס און א טייל זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער. נאָר פון די רעדט מען ניט. רעדען רעדט מען פון יענע, וואָס ערשט נעכטען זענען זיי געווען נגידים, גבירים, אדירים, און היינט זענען זיי געבליבען קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, אָהן א העמד אויפ'ן לייב און אָהן א שטיקעל ברויט. אָט פון די דאָזיגע געפאַלענע, אז מע טהוט א טראַכט, — אזוי זאָגען אונזערע לייט — געהט איבער א פּראָסט איבער'ן לייב! פאר וואָס געהט ניט איבער קיין פּראָסט איבער'ן לייב, אז מע טהוט א טראַכט וועגען די אָרעמע לייט און וועגען זייערע אָרעמע עופה'לעך, וואָס זענען צעריסען געוואָרען פון די חוליגאַנעס און וואָס זענען אויסגעגאַנגען פאר הונגער? — דאָס קאָן איך ניט פארשטהן. מיין חבר מענדעל אויך ניט. ער זאָגט, אז די כתרילעווקער אידען האָבען שוין אזא טבע: איין אָרעמאַן, אז ער געהט אויס פון הונגער, איז ביי זיי גאָר ניט. און א נגיד, אז ער ווערד א קבצן — חאַפּט זיי אוועק דער רוח!...

ז.

בקיצור — צווישען אונזערע כתרילעווקער נגידים, גבירים, אדירים איז געווען איינער מיט'ן נאָמען משה־נח. אחוץ וואָס ער האָט געהאט איין אייגענע שטוב מיט א הויף, מיט א גאָרטען, איז ער גלאַט געווען א גביר. א סימן: זומער פלעגט ער ארומ־געהן אין די נאַטקעס. דאָס הייסט, אין די אונטערהויזען. און אויף די אונטערהויזען — א חאַלאַט. א איד איין אָרעמאַן וועט

נאָר מיר האָבען זיך א ביסעל פאררעדט, און מיר ווייסען נאָך אלץ ניט, ווי אזוי גאָט שיקט צו די רפואה פאר דער מכה.

ה.

פריהער — וועגען דער מכה. געווים איז דאָס א מכה, אז א יונגערמאַן, ווי מיין ברודער אליהו, געהט־ארום אָהן א שטאָך אר־בייט. ער קאָן ניט טהון דאָס, וואָס אונזער חבר פיני טהוט. פיני'ן, למשל, שטעהט אָן נעמען א לאָפּעטע ווינטער און רייניגען דעם שניי פון דער סטריט. אליהו זאָגט, אז ער וואָלט אויך גע־גאַנגען רייניגען דעם שניי, נאָר ניט אין סטריט. זאָגט צו איהם פיני: „וואָס רעדסט דו? האָסט דו געוואָלט מ'ע זאָל דיר אריינט־אָגען דיין פּאָרציע שניי אין שטוב אריין?" ברענגט דאָס אליהו'ן, וואָס פיני איז אויפגעלעגט.

— אפּנים, ס'איז דיר גוט, וואָס דו זאָגסט ווערטלעך? — טהוט איהם אליהו א זאָג און באקומט פון איהם איין ענטפער:

— שור איז מיר גוט, אז איך דערמאַן זיך, אז איך בין אין אמעריקע, ניט אין פּאָגראָמענלאַנד.

— א גרולה אויף דיין באַבען! — זאָגט אליהו, און פאר הארצוועהטיג געהט ער אוועק גאָר אין שוהל אריין, אין כתרילעווו־קער בית־המדרש. און דאָ, אין כתרילעווקער בית־המדרש, קומט די רפואה צו דער מכה. ווי אזוי? וועט איהר הערען א שענס.

ו.

מיר דאכט, איך האָב אייך שוין אמאָל דערצעהלט, אז אין דעם זומער, וואָס מיר האָבען זיך ארומגעשלעפּט איבער'ן לאָנדאָנער ווהייטשעפּעל, איז דערווייל אין דער אלטער היים, אין אונזער ליעבען כתרילעווקע, אויסגעבראָכען א כפול־שמונה'דיגער פּאָגראָם מיט א שרפה א צוגאָב. וואָס מ'ע האָט געקאָנט ראַבעווען, האָט מען געראַבעוועט. וואָס מ'ע האָט געקאָנט צעברעכען, האָט מען

צייט איז געלט. אַזוי געהט דאָ דאָס לשון. נאָר אַז איינער האָט יאָהרצייט — וואַרפט ער אַוועק אַלע ביזנעס און לויפט אין שוהל אַריין. און פון שוהל לויפט ער אַוועק אין אַ אידישען רעסטאָ־ראַנט און הייסט זיך געבען אַ כשר'ען אָנבייסען, וואָרום ער האָט יאָהרצייט. און וויבאַלד ער האָט יאָהרצייט, לעקט אָפּ דער שמש אַ ביינדעל. און ווער שמועסט אַ בר־מצוה — דעמאָלט פאַלט שוין אַריין דעם שמש גאָר אַ גראָבס. ביי אונז, אין דער אַלטער היים, אַז אַ יונגעל ווערד בר־מצוה, טהוט מען איהם אָן תפילין און ער מוז שוין געהן אַלע טאָג דאַוונען. דאָ, אין אַמעריקע, אַ בר־מצוה — איז אַ יום־טוב. מע טהוט אָן דעם בחור'על אַ טלית'על. מע רופט איהם אויף, ווי אַ חתן, צו דער תורה. ער קוויטשעט־אויס, ווי אַ יונג האָהנעכעל, די הפטורה. דערנאָך הויבט ער אויף די הענטלעך און בעלעבעטשעט עפּיס אַ דרשה, אויסגע'חזר'ט אויף אויסווענינג, און דוקא אויף איינגעלש. חס־וחלילה ניט אויף אידיש. דערנאָך געהט־צו דער ראַבינער (דאָ הייסט ער „ראַביי"), און געהט געגאַלט דאָס גאַנצע פּנים, און זעהט־אויס ווי ביי אונז אַ פּוילישער קסיאָנדז). ער לעגט אַרויף די ברייטע אַרבעל אויפ'ן בר־מצוה און בענטשט איהם „יברכך"...

ט.

קורץ, משה־נח האָט אַ גוטען דזשאַב. איין זאַך נאָר, וואָס ער מוז נעבאַך אַליין געהן צו די בעלי־בתים קאָלעקטען. דאָס הייסט, איינמאָהנען די „בעבור־שנדרס" מיט די דיוס. דאָס הייסט, דאָס חודש־געלד פון די בעלי־בתים. נו, פּאַסט דאָס פאַר אַ אידען, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען אַ נגיד, — זאָל געהן קאָלעקטען? זיין ווייב „רחבה־בירעל" האָט אַזש געוויינט פאַר מיין מאַמען, אויסגעגאָסען איהר גאַנץ ביטער הארץ פאַר איהר. זי האָט גע־זאָגט: „איהר בעגט ביר גלויבען בדאבדות, אז איטליכס באָל, וואָס בייד באד דאַרף געהן באָהרעד בעבור־שהדרס, זעהט ער זיך ביט'ד

ניט וואַגען באַווייזען זיך אין די אונטערהויזען. מסתמא, דאַרף מען רעכענען, איז ער תקיף, אַ איד אַ גביר — ווער מען הערט ער?... היינט ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז פון זיין מאַמע איז איהם געבליבען בירושה דריי קלייטען אין מיטען מאַרק. און אַ בהמה האָט ער געהאַט אַלע מאָל אַ מעלקעדיגע. די דריי קלייטען האָבען איהם געגוג אַריינגעטראָגען צום לעבען. נאָך איבער געגוג. פון דעסטוועגען האָט זיין ווייב נחמה־מירעל (מע האָט זי גערופען „דחמה־בירעל", דערפאַר וואָס זי האָט אַ פּאַרלעגטע נאָז) געשלעפּט פון דער מעלקעדיגער בהמה כמעט די גאַנצע הוצאה פון דער שטוב. און בכדי מע זאָל איהר ניט געבען קיין עין־הרע, האָט „דחבה־בירעל" ליעב געהאַט זיך קלאָגען, אַז איהר „בהבה" האָט זיך אויפגעהערט צו „בעלקען" און זי גיט ניט קיין „בילך"... נאָר כתרילעווקע נאַרט מען ניט אָפּ. אַלע האָבען געוואוסט, אַז ס'אַ ליגען — די בהמה האָט זיך ניט אויפגעהערט צו מעלקען און זי גיט מילך... היינו שטעלט אייך פאָר, אַז אַזאַ איד, ווי משה־נח, אַנטלויפט קיין אַמעריקע, אַ נאַקעטער, אַ באָרוויסער, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט, — זאָל מען אויף איהם ניט האָבען קיין רחמנות? נאָר וואָס קאָן טהון משה־נח אין אַמעריקע? ער וועט דאָך ניט געהן אַרבייטען אין אַ שאָפּ. זיינע קינדער אויך ניט. האָבען זיך די חברה „אנשי כתרילעווקע" אויף איהם אַרומגעקוקט און האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ שמש אינ'ם כתרילעווקער בית־המדרש.

ח.

אין אַמעריקע אַ שמש זאָלט איהר ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנט. אין אַמעריקע אַ שמש לעבט שענער ווי אין כתרילעווקע אַ בעל־הבית. פון יאָהרצייטען אַליין קאָן מען דאָ נתעשר ווערען. מע האַלט דאָ זעהר שטאַרק פון יאָהרצייטען. אַ גאַנץ יאָהר דאַווענט מען דאָ ניט. מע האָט קיין צייט ניט. „טיים איז מאָני" —

XIV

מיר קאָלעקטען

בל־זך־הבות..." איך האָב מורא, אַ קיינער פון אייך וועט ניט פאַרשטעהן אזא לשון. עפּים קומט דאָס אויס תרגום. מ'וז מען אייך איבערזעצען: „איהר מעגט מיר גלויבען בנאמנות, אז איט־ליכס מאָל, וואָס מיין מאַן געהט מאָהנען בעבור־שנדרס, זעהט ער זיך מיט'ן מלאך־המות"... אויסגעהערט פון נחמה־מירלען איהר ביטער הארץ, גיט איהר מיין מאַמע אַ גלייבע עצה, אז איהר משה־נח זאָל נעמען מיין ברודער אליהו פאַר אַ קאָלעקטאָר. איהם וועט דאָס זיין אַ הילף, און מיין ברודער וועט מאַכען אַ לעבען... פאַר־שטעהט זיך, אז משה־נח האָט זיך אָנגעחאַפּט אין דעם פּלאַן מיט ביידע הענט. מיין ברודער אליהו האָט זיך אפילו צום אָנהויב אַ ביסעל געקווייניקעלט. ס'איז איהם נאָך געוועזען אַ ביסעל פריקרע. איז אונזער חבר פיני איהם געקומען צו־הילף. ער האָט זיך צע־לאָזט מיט זיין לשון, ווי ער קאָן. ער האָט אָוועקגעגעבען אליהו'ן אַ רעכטע פּאַרציע:

— איך פאַרשטעה ניט, וואָס איז מיט דיר די גרויסקייט? מיט וואָס ביזט דו מעהר מיוחס פון קארנעגי, ראָקענפעלער, וואנ־דערבילד?... און — פּאַשאָל!

פיני, אז ער וויל, קאָן ער!

י.

ווער וואָלט זיך עס, אשטייגער, געריכט, אז פון אזא קליינעם דזשאב, ווי זיין אַ קאָלעקטאָר ביי אַ שמש פון אַ שוהל, זאָל זיך אויספּיקען מיט דער צייט אַ סך אַ גרעסערער דזשאב? און ניט איין דזשאב, נאָר צוויי דזשאַבען. איין דזשאב אלס קאָלעקטאָר פון אַ פוירניטשור־ביזנעס פאַר מיין ברודער אליהו. און דער אנ־דערער דזשאב אלס קאָלעקטאָר פון אַ אינשורענס קאָמפּאַני — פאַר אונזער חבר פיני. נאָר איך זעה נאָך אייערע פּנים'ער, אז איהר הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס איז אזעלכס „פוירני־טשור" און וואָס איז „אינשורענס". וואַרט מיר צו אַ ווײַלע — איך וועל אייך אלסדינג דערקלערען.

XIV

מיר קאָלעקטען

א.

דערפאַר איז גוט אין אמעריקע, וואָס אַלסדינג טראָגט מען אַריין אין שטוב אַריין. און אַלסדינג גיט מען אייך דאָ אויף אויסצאָהלען. פאַר איין טאָלער א וואָך קאָנט איהר אייך אויס־מעבלירען אייער שטוב, ווי א גראַף. דאָ זאָגט מען ניט „אויס־מעבלירען". דאָ זאָגט מען: „אויספוירנישען". וואָרום מעבעל הייסט דאָ „פוירניטשור". פון וואַנען שטאַמט דאָס וואָרט „פויר־ניטשור" — ווייס איך ניט. מיין ברודער אליהו דענקט, אז דאָס דאַרף וואַכסען פון צוויי ווערטער: „פאָרניט" — פון פאָרינט, און „טשער" — א בענקעל, א שטוהל. זאָגט אָבער אונזער חבר פיני, אז עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. ערשטענס, וואָס עפּיס פון פאָרינט, פאַר וואָס ניט פון הינטען? און פאַר וואָס עפּיס גראָד א שטוהל, פאַר וואָס ניט קיין שפּיגעל? און צווייטענס, זאָגט מען דען פאָרניטשער? מע זאָגט דאָך גאָר „פוירניטשער". און דריטענס, מע זאָגט ניט „פוירניטשער", נאָר „פוירניטשיר" — מיט א חיריק. זאָגט איהם אליהו, אז נאָר א משוגענער וועט זאָגען פוירניטשיר, מיט א חיריק. א קלאָרער מענטש וועט אַלע

— און אז שיף זאָל זיין דריי מאָל א איד, דעריבער זאָל איך זאָגען א ליגען? דו פארגעסט זיך, אליהו, צו אָפט, אז מיר זענען אין אמעריקע, און אז אמעריקע האָט פיינט בלאָף!

— אזוי פיעל מכות זאָל זיך זעצען אונזערע שונאים אויף אזא איין אָרט, וואו איך ווייס, און אזוי פיעל גוטע יאָהר זאָלען מיר אלע האָבען, וויפיעל ליגינים עס ווערד אויסגערעדט א טאָג נאָר אין ניו־יאָרק אליין, א חוץ ברוקלין און א חוץ בראָנזוויל און א חוץ די בראָנקס!

אזוי זאָגט מיין שוועגערין ברכה, און זייער שפּארען זיך נעמט א סוף.

ג.

וויבאלד, אז מע גיט פוירניטשור (נעדענקט זשע, אז מע דארף זאָגען „פוירניטשור") אויף אויסצאָהלען צו טאָלער א וואָך, דארף מען דאָך האָבען מענטשען, וואָס זאָלען ארומגעהן פון שטוב צו שטוב איינמאָהנען די טאָלערס. איז דערויף געשטעלט געוואָרען קאָלעקטאָרס, וואָס געהען ארום קאָלעקטען די טאָלערס. קאָלעק־טאָרס זענען דאָ א סך. יעדער קאָלעקטאָר האָט זיך זיין „ראוט", זיינע הייזער, וואו ער געהט־ארום קאָלעקטען. זיין ארבייט איז אָנקלאָפּען אין דער טיר. דערנאָך קומט ער אריין און זאָגט. „גוד מאָרנינג!" — דאָס הייסט: א גוט מאָרגען. דערנאָך זאָגט ער: „וועדי נייס דעי" — דאָס הייסט: זעהר א שענער טאָג!... דערנאָך גיט ער אייך ארויס א קוויטאנציע, נעמט אָפּ דעם טאָלער און זאָגט: „גוד באי". מעהר דארף ער ניט רעדען. און דאָס היטעל אראָפּנעמען איז אויך ניט נויטיג. דאָ איז עס ניט קיין מאָדע. איהר קאָנט אריינגעהן אינ'ם רייכסטען הויז אין א היטעל, און מיט די קאַלאָשען אויף די שטיוועל, און איהר קאָנט אייך בעת מעשה פּיפּקען א סיגארעט, אָדער פּייפען א ניגון, אָדער קייען אייער טשואינגגאָם. קיינער וועט אייך ניט זאָגען קיין קרום וואָרט. ס'איז אמעריקע.

מאָל זאָגען מיט א סגול — „פוירניטשער". אזוי לאַנג האָבען זיי זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט, עס האָט שוין כמעט געהאַלטען ביי פּעטש. א גליק, וואָס ברכה איז דערביי געווען, האָט זי ניט דערלאָזט. ביז ס'איז געבליבען, מע זאָל א פרעג טהון ביי איין אמת'ען אמעריקאַנער. דאָס הייסט, טאַקי ביי א אידען, נאָר ביי אזא אידען, וואָס איז ניט קיין גרינער. דאָס הייסט, אזעלכער, וואָס איז שוין דאָ אין לאַנד האָטש א יאָהר עטליכע און צוואַנציג. לאָזט זיך אויס, אז דאָס וואָרט פוירניטשער לענט זיך ניט אויס ניט מיט א חיריק און ניט מיט א סגול, נאָר מיט א מלופים. דאָס הייסט, מע דאַרף נאָר זאָגען „פוירניטשור". הייננט געהט זיימ א חכם!

ב.

קיינער קויפט דאָ ניט א זאַך פאַר מזומן געלט. סיידען אזא איד, ווי דזשייקאָב שיף. ער איז דער רייכסטער מענטש, זאָגט מען, אין אמעריקע. רייכער פון איהם איז שוין ניטאָ. אזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. און אונזער חבר פיני דרינגט, אז ניין. ער זאָגט, אז קאַרנעגי איז א סך רייכער. וואַנדערבילד — אודאי. און ראָקענפעלער — אודאי און אודאי! זאָגט אָבער אליהו: לא מיט א ספּאָדיק! יענע זענען אפשר רייכער אין ערד, אין אימע־ניעס. אָבער אין מזומן געלד — בלאָטע! — איז שיף רייכער פון זיי אלע. הויבט שוין פיני אָן ארוים פון די כלים און צעשרייט זיך אויף מיין ברודער אליהו'ן, אז ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט. וואָס ראָקענפעלער צעשענקט א יאָהר נדבות נאָר, פאַרמאָגט דאָס אפשר ניט שיף אויף זיין מאַיאָנטעק. ווערד שוין מיין ברודער אליהו אייז כעס און זאָגט אויף פיני'ן, אז ער איז א שונא־ישראל, איין אַנטיסעמיט, וואָרום אפילו ס'זאָל זיין אמת, אז ראָקענפעלער זאָל זיין רייכער פון שיפ'ען, דאַרף ער אויך זאָגען, אז שיף איז רייכער. וואָרום ראָקענפעלער איז א גוי, און שיף איז א איד. צעלאָזט זיך פיני און זאָגט:

ה.

פון דעסטוועגען שאַדט דאָס ניט אונזער חבר פיני'ן, ער זאָל מאַכען אַ לעבען. אין נאָך ווי מאַכען אַ לעבען! אונזער פיני איז אויך אַ קאָלעקטאָר. נישט ביי פוירניטשור, נאָר ביי „אינ־שורענס". ביי אונז ווערד דאָס אָנגערופען „סעקוראַנץ", אָדער „פאַרזיכערען זיך פונ'ם טוידט". דאָ פאַרזיכערען זיך אַלע. יונג און אַלט, ווייבער און קינדער, טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, זיידעס און באָבעס. און אויך נישט פאַר מזומן, נאָר אויף אויסצאָהלען. פון אַ ניקעל ביז אַ טאָלער אַ וואָך. וואָס די סומע פון די אינשורענס איז גרעסער, דאַרפט איהר אַלץ מעהר צאָהלען. פאַרהאַן הייזער אַזעלכע, וואו אַלע מענטשען, פונ'ם עלטערזיידען ביז'ן אוראייניקעל, זענען אַלע פאַרזיכערט פונ'ם טוידט. און טאָמער זענען נאָך ניט אַלע פאַרזיכערט, דאַרף דער קאָלעקטאָר זעהען דעם ניט־פאַרזיכערטען צו פאַרזיכערען. וואָס הייסט דאָס „פאַרזיכערען" און ווי אַזוי פאַרזיכערט מען אַ מענ־טשען פונ'ם טוידט — ווייס איך ניט אַקוראַט. איך ווייס נאָר, אַז מיין ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דזשאָב. ער האָט בעסער אויסגעקליבען דעם דזשאָב פון פוירניטשור. פאַר וואָס? ווייל ביי פוירניטשור קאָלעקטען דאַרף מען נאָר באַנוצען, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, די ווערטער: „גוד מאָרנינג" און „גוד באַי". און ביי אינשורענס דאַרף מען רעדען, צורעדען, פאַר־רעדען און איבעררעדען. דערויף איז מסוגל נאָר אונזער חבר פיני. ער קאָן איבעררעדען אַ וואַנט. ער קאָן מאַכען רעדענדיג אַ טוידטען.

ו.

ביי אונזער חבר פיני מאַכט ניט אויס, ווער איהר זענט און וואָס איהר זענט. פון וואָס איהר זאָלט ניט רעדען — ער מוז אַרויף אויף זיינעס. זענט איהר אַ פאַרזיכערטער — מעגט איהר

ד.

מיין ברודער אליהו איז גאנץ צופריעדען פונ׳ם דזשאב. א סך שענער, ווי שטעהן אין דער „קאָלבאַסנע“ אין פארקויפען קישקעלעך. און פארדיענען פארדיענט ער אויך א סך מעהר. זייוואסער א וואָך. אמאָל מאכט ער אכט טאָלער א וואָך. אמאָל צעהן. און אמאָל צוועלף. עס ווענדט זיך אין דער „פאגאָדע“, אינ׳ם וועטער הייסט דאָס. ביי א גוטען וועטער קאָן מען געהן צופוס. ביי א שלעכטען וועטער — מוז מען אונטערפאָהרען מיט דער קאר. קאָסט דאָס א ניקעל. נאָר אזעלכע ניקעלס געהען ניט אוועק ביי מיין ברודער קיין סך. וואָרום בטבע איז אליהו א מענטש איין איינגעהאלטענער. גאָרניט דאָס, וואָס פיני. אונזער פיני האָט שוין א סך א ברייטערע האנט. זעלטען ווען ער געהט צופוס. ער מוז, זאָגט ער, פאָהרען, וואָרום ער האָט א נידעריגע ראיה. איהם קאָן מען גרינג איבערפאָהרען. ניט אזוי נאָך צוליעב זיין קורצזיכטיגקייט, ווי צוליעב דעם, וואָס ער איז א פארטראכטע בריאה. דער קאָפּ טראָגט איהם. אין דערצו קאָן ער ניט באגעהן זיך א מינוט אָהן דעם, ער זאָל ניט ארייננקוקען אין א בוך, אָדער אין א „פייפער“. און אמאָל מאכט זיך, אז ער האלט סאמע אין מיטען שרייבען. דאָס הייסט, ער געהט־ארום אין טראכט און טראכט — ער הערט גאָרניט, וואָס מע רעדט צו איהם. דערנאָך חאפּט ער א פּענסיל אָדער א טינט־און־פען און הויבט אָן שרייבען, קאָן ער אייך באשרייבען אפשר צעהן בויגען פּאַפּיער פון אלע זייטען. וואָס ער האָט דאָרטען אָנגעשריבען און וואָס טהוט ער מיט׳ן אָנגעשריבענעם — דאָס ווייסט קיינער ניט. אפילו זיין ווייב טייבעל אויך ניט. אז מיין ברודער אליהו פרעגט איהם, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, ענטפערט ער איהם:

— מיר׳ן עלטער ווערען, וועלען מיר וויסען...

מיר זענען שוין א היבש ביסעל עלטער געוואָרען, און מיר ווייסען נאָך אלץ גאָר נישט.

— ווען איז מיר! איהר וועט דאָך אָנשיטען אַט די שטוב מיט געלד! — אַזוי זאָגט צו איהם מיין שוועגערין ברכה, און טייבעל ווערד אַזש רויט, קוקענדיג אויף איהר פיני'ן, ווי ער שלעפּט די קוואָדערס מיט די ניקעלס פון אַלע קעשענעס.

— וואָס דען מיינט איהר? — ענטפערט איהר פיני און לעגט־צונויף די קוואָדערס באַזונדער און די ניקעלס באַזונדער. — איהר מיינט, אַז קאַרנעגי, וואַנדערבילד און ראָקענפעלער זענען געבוירען געוואָרען מיט זייערע מיליאָנען?...

ח.

וואו נעם איך איצט אַ ווייסען בויגען פּאַפּיער? איך וואָלט מיט אַ שוואַרצער קויהל אָנגעוואָרפען אַזאַ מין בילד: אַ טיש. אויבען־אָן זיצט די מאַמע, צונויפגעלעגט די הענט. נעבען איהר, פון איין זייט, שטעהט ברכה. אַ הויכע, אַ לאַנגע, מיט גרויסע פיס. פון דער אַנדערער זייט — טייבעל. אַ קליינינטשקע, אַ דאַרינקע, אַ פערטעל עוף. ביידע אַרבייטען זיי. איינע נייהט, די אַנדערע שטרייפט. ביי איין עק טיש שטעהט מיין ברודער אליהו, אַ באַוואַכסענער מיט אַ באָרד. האַלט אַ באָנטש קאַרט־לעך אין איין האַנט און אַ פּעקעל פּאַפּירענע טאָלערס אין דער צווייטער האַנט. דאָס האָט ער אָנגעקאָלעקטעט היינט'ן טאָג. און ביי'ם אַנדערען עק טיש שטעהט אייננגעבויגען אונזער חבר פיני, אַ געגאָלטער, איין עכטער אַמעריקאַנער. ער שלעפּט פון ביידע קעשענעס די קוואָדערס מיט די ניקעלס. און מחמת ער האָט אַ נידעריגע ראיה, טראָגט ער צו יעדען קוואָדער מיט יעדען ניקעל גלייך צו דער נאָז. אויפ'ן טיש שטעהען שוין צוויי הויכע קופּ־קעלעך. איין קופּקעלע איז פון סאַמע קוואָדערס, דאָס אַנדערע קופּקעלע איז פון לויטער ניקעלס. און פיני איז נאָך ניט פאַרטיג. ער האָט נאָך און נאָך. דאָס קאָן מען אַרויסזעהען דורך די הויזענ־

דאָך רעדען פון פאַרזיכערונג. זענט איהר נאָך ניט פאַרזיכערט — דאַרפט איהר דאָך אודאי רעדען פון פאַרזיכערונג. און קוים לאָזט איהר זיך רעדען, וועט איהר זיך שוין פון פיני'ס הענט ניט ארויס־דרעהען. ער וועט אייך שוין פאַרזיכערען און אויב ניט אייך — איז אייער ווייב. אייער קינד. אייער זיידען. אייער שוויעגער. אייער קאָזין. אייער שכן (דאָ זאָגט מען ניט „שכן”. דאָ זאָגט מען „נעכסטדאָריגער”). דאָס הייסט, איהר פאַרזיכערט זיך, אז טאָמער שטאַרבט אייער נעכסטדאָריגער פריהער פון אייך, באַקומט איהר פון דער קאָמפּאַניע אַ שענע פּאָר הונדערט טאָלער. און דער נעכסטדאָריגער פון זיין זייט פאַרזיכערט זיך אויך. דאָס הייסט, באם חלילה איהר שטאַרבט אוועק פריהער פון איהם, באַ־קומט ער פון דער קאָמפּאַניע אַ פּאָר הונדערט טאָלער. צאָהלען צאָהלט איהר ביידע דער קאָמפּאַניע צו קוואָדער אַ וואָך. איהר זענט ניט מחייב צו געהן אין דער קאָמפּאַניע. די קאָמפּאַניע טרעפט שוין צו אייך. ניט אַליין — דורך איהר קאָלעקטאָר. פיני קומט צו אייך און קאָלעקטעט־איין אייערע קוואָדערס. ער קריגט דערפון פופצעהן פּראָצענט קאָמישאָן.

ז.

דאָס איז פאַר'ן קאָלעקטען. און אויב ער פאַרזיכערט אייך איבעראַניים, דאָס הייסט, אויב ער „שרייבט אייך אַ נייע פּאָ־ליסי” (אַזוי געהט דאָ די שפּראַך), באַקומט פיני דער איידזשענט פופצעהן מאָל אַזוי פיעל. דאָס וועט הייסען, אז טאָמער צאָהלט איהר אַ קוואָדער פּרעמיע, באַקומט דער איידזשענט פון דער קאָמפּאַניע אין איין קלאַפּ פופצעהן קוואָדערס! אַנו, רעכענט אויס, זייט מוחל, וויפיעל דאָס מאַכט?! היינט שטעלט אייך פאָר, אז טאָמער געראָט דאָס אונזער חבר פיני'ן צו שרייבען צוויי, אָדער דריי, אָדער מעהר פּאָליסים אַ טאָג, און אַלע צו קוואָדערס! דאָס איז דאָך אַ גאַנצער מאַיאָנטעק!...

מיינט איהר, אז אונזער חבר פיני איז צופריעדען מיט זיין דזשאב? אויך ניט. ביז מע קעטשט א קאָסטאָמער, זאָגט ער, קומט אָן בקריעת ים־סוף. מע רעדט איבער איהם, זאָגט ער, דריי טעג מיט דריי נעכט. מע גיט איהם צו פארשטעהן, אזא חאמולע, דעם שכל פון אינשורענס, קוים גע'פועל'ט ביי איהם איין „אפלי־קיישאָן". לאָזט זיך אוים, אז ער האָט אויפ'ן צווייטען טאָג חרטה געקראגען, אָדער דער דאָקטאָר האָט איהם „רעדזשעקטעט", דאָס הייסט, ער האָט אָנגעשריבען אויף איהם המג'ס מסירות. דער קאָסטאָמער איז איהם ניט געפעלען אין שלייער נאקעטערהייד... נאָר דאָס גרעסטע פון אלע אומגליקען און די ערגסטע פון אלע צרות ביי אינשורענס־איידזשענטס איז די „לעפס". „לעפס" הייסט, אז א קאָסטאָמער הערט אויף צו צאָהלען. דעמאָלט רע־כענט מען אָפּ דעם איידזשענט פופצעהן מאָל אזוי פיעל, וויפיעל דעם קאָסטאָמער'ס פרעמיע האָט באטראָפען. פיני זאָגט, אז ווען ניט די „לעפסעס", וואָלט ער אָנגעשיט אָט די שטוב מיט גאָלד! און אויף זיין שלים־מזל האָבען עטליכע קאָסטאָמערס מיט א מאָל, גלייך ווי מע האָט זיך אויפגערעדט, אויפגעהערט צו צאָהלען.

— לאָזען זיי ברענען אויפ'ן פייער, טאַקי די קאָסטאָמערס, מיט די אינשורענס, מיט די אגענטען, מיט די „לעפסעס" און מיט די קאָמפּאניעס! — אזוי זאָגט פיני. ער וועט שוין בעסער געהן, זאָגט ער, מיט מיין ברודער אליהו אין אייגענע ביזנעס. א פּאָר טאָלער האָבען זיי ביידע מיט גאָט'ס הילף אָפּגעשפּאָרט. זיי קאָנען שוין טהון ביזנעס.

און ס'איז געבליבען, אז מיר געהען אין ביזנעס.

קעשענעס, וואָס זענען פול. זענען נעשוואָלען. זיי ווערען אזש צעשפּאַרט...

ט.

נישטאָ קיין אייביגע זאַך אויף דער וועלט, און אַ מענטש איז קיינמאָל ניט צופריעדען מיט דעם, וואָס ער האָט. עס איז אונז נמאס געוואָרען דאָס אַרומגעהן קאָלעקטען די פרעמדע טאָלערס מיט די פרעמדע קוואָדערס און ניקעלס. בעסער קליינע בולקעלעך אייגענע, איידער גרויסע קוילעטשען פרעמדע. אַזוי זאָגט מיין שוועגערין ברכה. פריהער האָט געוואָרפען איין אום־חן אויפ׳ן קאָלעקטען מיין ברודער אליהו. עס האָבען זיך איהם צוגעגעסען די ביזנעס. און ניט אַזוי די ביזנעס, ווי די קאַסטאָמערס. אַנדערע קאַסטאָמערס האָבען אויפגעהערט צאָהלען. זיי האָבען געזאָגט: „נעמט אייך צו אייער פוירניטשור, מיר דאַרפען עס אויף כפרות"... אַנדערע האָבען געהאַט אַ טענה, למאי די בעט סקריפּעט? למאי דער שפּיעגעל באַווייזט צוויי פּנים׳ער? למאי די קאָמאָדע וויל זיך ניט עפענען און ניט פאַרמאַכען? און למאי יעדעס בענקעל וועגט דריי פונד? און אַז מע זעצט זיך אַוועק, איז ווי אויף צוויעכעס!... און אַנדערע ווידער זענען זיך מיישב און מופען גאָר אַרויס. דאָס הייסט, זיי קלויבען זיך איבער אויף איין אַנ־דער סטריט — און געה זוך זיי! נאָר ערגער פון אַלץ איז אָט וואָס: פּאַרהאַן אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אונטערגענומען צאָהלען וואָך־געלט. אַז זיי האָבען געקאָנט צאָהלען, האָבען זיי געצאָהלט. איצט קאָנען זיי שוין מעהר ניט צאָהלען. איבער וואָס? דער ברויט־געבער איז קראַנק געוואָרען. אָדער עס איז קיין אַרבייט נישטאָ. אָדער עס האָט אויסגעבראָכען אַ סטרייק. עס ווילט זיך ניט אָנווערען אַ קאַסטאָמער. וואָס טהוט מען? לענט־אוים אליהו דערוויייל פון זיין פּאַקעט. וואָס זאָלט איהר קלעהרען? ס׳איז צרות מיט צרות!...

XV

מיר גהען אין ביזנעס

XV

מיר געהען אין ביזנעס

א.

וואָס אייער הארץ גלוסט — דאָס געפינט איהר דאָ אין די פייפּערס, אין די גאזעטען הייסט דאָס. פון פויגעלמילך. זוכט איהר ארבייט — געפינט איהר דאָס אין פּייפּער. זוכט איהר „הענט", דאָס הייסט ארבייטער, — געפינט איהר זיי אין פּייפּער. זוכט איהר א חתן אָדער א כלה — געפינט איהר עס אין פּייפּער. זוכט איהר א ביזנעס — געפינט איהר עס אין פּייפּער. מיר האָבען געזוכט ביזנעס, דעריבער האָבען מיר גענומען ארייננקוקען אין פּייפּער אריין טאָג אויף טאָג, און מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף אזא מין אדווערטייזמענט: „סיגארס־סטיישיאָנערי־קענדי־סאָדע־וואסער־סטענד צו פארקויפען. אקעגען איבער א סקוהל. אורזאכע פאמיליען טראָבעל. גאראנטירט גוטע ביזנעס. קומט שנעל!"...

אויב איהר זענט נאָך א גרינער, דאָס הייסט, איהר זענט ניט לאנג אין לאנד, באדארף מען אייך פארטייטשען וואָס דאָס מיינט: דאָס איז א טישעל, וואָס מע פארקויפט דערויף סיגארעטלעך, שרייבגעצייג און צוקערקעס און סאָדע־וואסער, און א בלאט־צייטונג

ג.

די ביזנעס, וואָס מיר זענען אין זיי געגאַנגען, האָבען געהאַט אַ סך מעלות. די ערשטע מעלה איז געווען, וואָס מיין ברודער אליהו איז, אויב איהר געדענקט, נאָך פון דערהיים אַ מייסטער אויף צו מאַכען (דאָ הייסט עס מאַנופעקטשורען) אַלערליי געטראַנקען. דעריבער האָט זיך אונז געלוינט צו מאַנופעקטשורען סאָדעוואַסער און פאַרקויפען אַ גרויסע גלאָז פאַר אַ סענט. מיט סיראָפּ — צוויי סענט. דעם סיראָפּ האָבען מיר אויך אַליין געמאַכט. נאָך אַ מעלה — וואָס מיר האָבען געהאַט די ביליגסטע קענדים (קאָנפעקטען). אַ פולע זשמעני האָבען מיר געגעבען פאַר איין סענט. און אַליין האָבען מיר אויך געקאָנט סמאַצקען קענדים. אז איך זאָג „מיר", מיין איך דאָס מיך און מיין חבר מענדעל און פיני'ן. מיר אַלע דריי האָבען געהאָלפען שטעהן ביי אונזער סטענד און געבען אַ נאַש, אַז קיינער זאָל ניט זעהען. סיידען אַז ברכה איז געווען דערביי, האָט מען ניט געקאָנט נאַשען. און ווי אויף צו־להכעיס, איז ברכה געווען כמעט גאַנצע טעג ביי'ם סטענד. געהאָלפען טהון ביזנעס. אַלע האָבען מיר געהאָלפען טהון ביזנעס. אפילו טייבעל, און אפילו די מאַמע. אַ קונה, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו אונזער סטענד, האָט ער זיך אַזש דערשראָקען, דערזעהענדיג אַזאַ משפחה מיט אַזוי פיעל ביזנעסלייט. דאָס איז אָבער דוקא געווען זעהר גוט. אַ קונה האָט ליעב קריכען אַהין, וואו ס'איז ענג.

ד.

די בעסטע צייט פאַר אונזערע ביזנעס איז זומער, אין די הייסע טעג. זומער איז אין ניו־יאָרק איין אמת'ער גיהנום. דער עולם קוויקט זיך דעם גאַנצען טאָג מיט מאַראָזשענע. „אייז־קרים" הייסט עס דאָ. אויפ'ן סענדוויטש פאַרקויפט זיך עס. דאָס הייסט,

אויך. דאָס טישעל איז אָקעגען אַ שקאָלע. און פאַרקויפען פאַר־קויפט זיך עס איבער דעם, וואָס אַ מאַן דאַרף זיך גט'ען מיט אַ ווייב, אָדער איבער איין אַנדער סיבה אין דער פאַמיליע...

ב.

האָט זיך אַפילו מיין ברודער אליהו'ס ווייב ברכה אוועק־געשטעלט אַקעגען מיט איהרע טענות: ערשטענס, פון וואַנען ווייסט מען, אַז דאָס איז אמת? און צווייטענס, צו וואָס זאָלען מיר קריכען מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט אַריין? אַז מאַן און ווייב ווילען זיך גט'ען, — וואָס דאַרפען מיר זיין אין מיטען?... מיינט איהר, אַז נאָר דאָ האָט אונזער ברכה געפונען אַ טענה? ביי הונדערט אַנדערע ביזנעס האָט זי אויסגעזוכט אומעטום איין אַנדער חסרון. מיין ברודער אליהו האָט שוין לאַנג אַ מאָל געגעבען אויף איהר מיט דער האַנט. האָט ער אָבער ניט גוט אָפּגעשניטען פון איהר. זי האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז ער זאָל נאָר ניט זיין ביי זיך אַזוי גדול'דיג. אַז ער זאָל ניט מיינען, אַז דאָס, וואָס ער האָט אַראָפּגעחאַפּט דריי חלקים פון זיין באָרד, גיט איהם דאָס רעכט צו בלאָזען פון זיך... דערויף האָט איהר אליהו געענטפערט, למאי איהר טאַטע יונה דער בעקער האָט אַראָפּ־גענומען די גאַנצע באָרד?... מישט זיך אַריין אונזער חבר פיני און זאָגט: „ווייסט איהר וואָס? איך געה מיט אייך אין געוועט צוויי קעגען איינס, אַז אויב איהר וועט געפינען צווישען די הונ־דערט מיליאָן אַמעריקאַנער אַ האַלב טוץ מענטשען מיט בערד, זאָלט איהר מיך אָנרופען בלאָפער!" — „ס'אַ משל! — רופט זיך אָן די מאַמע. — דערימאַך געהען קאַטשקעס באָרוויס... רעדט שוין בעסער פון אַנדערע זאַכען"...

מיין מאַמע האָט פיינט, אַז מע רעדט פון בערד. ס'איז גענוג פאַר איהר, זאָגט זי, אַז זי האָט דערלעבט צו זעהען, אַז פּייסי דעם חזנ'ס זוהן האָט געמאַכט אַ מחק פון זיין באָרד, אַז אָך און וועה איז צו איהרע שונאים!...

ה.

שפעטער, העט־העט, אין ווייטען זומער, אז עס קומען־אויף די קאווענעס (דאָ הייסט עס „וואַטער־מעלאָן״), מאַכען מיר נאָך מעהר ביזנעס. מיר צעשניידען דעם קאַוועז אויף א סך שטיקלעך און פארקויפען צו סענט א שטיקעל. אז גאָט העלפט א געראָטע־נעם קאַוועז, מאַכט מען פון איהם גאָלד. און עס בלייבט נאָך איבער א פּאָר שטיקלעך אויפ׳ן סטענד. האָבען מיר א גוטע וועטשערע. וואָרום אָנגעשניטענע קאַוועגע טאָר מען ניט לאָזען אויף מאָרגען. ס׳וועט פון דעם ווערען דרילים. בעטען מיר גאָט, דאָס הייסט, איך און מיין חבר מענדעל און פּיני, ס׳זאָל בלייבען וואָס מעהר שטיקלעך פונ׳ם טאָג...

ו.

דאָס איז אָבער אַלץ אַזעלכע זאכען, וואָס האָבען אויף זיך א צייט, א סיזען. געהט אוועק דער זומער — איז אויס שאַמפּאַניער, אויס וואַטער־מעלאָן! דערפאַר איז סיגארעטלעך א סחורה, וואָס ווייסט ניט פון קיין סיזען. סיגארעטלעך געהען א גאַנץ קיילעכיגען יאָהר. און מיר מאַכען מיט דעם גאַנץ גוטע ביזנעס. פארהאַן אַלערליי סיגארעטען. פארהאַן צו סענט א שטיק. און פארהאַן צוויי שטיק פאַר א סענט. סיגארעטען איז אויך אַזאַ ארטיקעל, וואָס מ׳ט קאָן אמאָל א נאַש טהון, פאררויכערען א סיגארעטעל בסוד, קיינער זאָל ניט זעהען. דאָ זאָגט מען ניט רויכערען. דאָ זאָגט מען „סמוקען״. באַראַרף זיך טרעפען א מעשה — איך האָב איינמאָל אוועקגעשלעפּט א סיגארעטעל, און מיר האָבען דאָס פאררויכערט. איך און מיין חבר מענדעל. איך א ציה, ער א ציה. און עס וואָלט אָפּגעלאָפען גלאַט. איז דאָך אָבער דאָ א ברכה אויף דער וועלט. האָט זי באַראַפט דער־שמעקען, אז מיר סמוקען א סיגארעטעל. געהט זי און דערצעהלט

צוויי ביסקוויטלעך און אין מיטן אביסעל אייזקרים. און דאָס קאָסט א פעני. פאַרדינען מיר דערביי האַלב אויף האַלב. נאָר ניט דאָ שטעקט אונזער פאַרדינסט. דער גאַנצער מזל־ברכה ליגט נאָר ערגעץ אַנדערש. אין אַזאַ מין קאַלטען געטראַנק, וואָס מע רופט דאָס „סיידער”. דאָס איז א מין וואַסער־זיסליכער, אָדער זיסליך־וואַסער קוואַס מיט א שוים און עס שטשיפּעט ביי דער צונג. די, וואָס האָבן אַמאָל פאַרזוכט שאַמפּאַניער־וויין, זאָגען אַז ס'האָט א טעם פון אמת'ן שאַמפּאַניער. און חאָטש „סיידער” איז איין אַמעריקאַנער געטראַנק, פון דעסטוועגן ווער מאַניפּעק־טשירט איהם? — מיין ברודער אליהו. וואָס קאָן דען אליהו ניט? קוקט ניט דערויף, וואָס פּיני מאַכט איהם איבערצודרעהען. אונזער חבר פּיני האָט שוין עטליכע מאָל פאָרגעהאַלטען מיין ברודער אליהו, אַז זיין שאַמפּאַניער האָט נאָר איין מעלה — ער איז קאַלט. ווייטער טויג ער אויף כפּרות. קיין קאָפּ ויסקייט! ענטפערט איהם מיין ברודער אָפּ מיט א וויעדעראַנגד: ווי באַלד אַז דער שאַמפּאַניער טויג ניט, היינט וואָס זשליאָקעט ער איהם גאַנצע טעג? זאָגט איהם פּיני: „וואָס אַהרט דיך, אַז איך זשליאָקע? און וויפיעל קאָן א מענטש אָנזשליאָקען? איך זאָל זשליאָקען פון גאַנץ פריה ביז אויף דער נאַכט, ווייס איך ניט, אויב איך וועל אָנזשליאָקען אויף א ניקעל”... מישט זיך אַריין ברכה און זאָגט, אַז א ניקעל נעהמט איך ניט צופּיס. שטעלט זיך איין טייבעל פאַר איהר מאַן און זאָגט, אַז איהר פּיני איז א גלייכער שותף צו די ביזנעס, ווי אליהו, און א שותף מעג זיך דאַכט זיך, פאַרגינען אויסצוגעבן אַמאָל א ניקעל? א גליק, וואָס די מאַמע איז דערביי. זאָגט זי, מע זאָל זי גילטען, וואָלט זי פאַר איהרע זיהנער ניט געוואָלט זיך צוריהרען צו אַט דער אַמעריקאַנער־משקה, וואָס האָט א פּנים פון כאַראַוועץ און א טעם פון חלשות!... יעדער א געלעכטער, און דערווייל הערט מען אויף צו זאָגען זיך שטעכווערטלעך.

סטענד — אויך מיר א ביזנעס!... פרעגט איהם אליהו: וואָסערע זיעבען עסערס? רעכענט איהם פּיני אוים אויף די פינגער: ער און זיין טייבעל איז ניט צוויי. אליהו און זיין ברכה איז ניט פיער. די מאַמע איז ניט פינף. און ביידע קטנתים — איז ניט זיעבען. די „קטנתים" — דאָס מיינט ער מיך און מיין חבר מענדעל.

ח.

פארדריסט עס מיין מאַמען. זי שטעלט זיך איין פאַר מיר און פאַר מיין חבר מענדעל. זי זאָגט, אז מיר פארדיענען אונזער שטיקעל ברויט גאַנץ כשר. ווארום פארטאָג, איידער דער סטענד ווערד געעפענט, צעטראָגען מיר שוין דעם מאָרגען־פּייפּער צו אונזערע קאַסטאַמערס. דערנאָך געהען מיר אין סקוהל (זיא. מיר געהען שוין אין סקוהל). און אז מיר קומען פון סקוהל, העלפען מיר אַטענדען די ביזנעס. אזוי, טאַקי מיט דעם לשון, זאָגט די מאַמע. זי רעדט שוין אויך העכער האַלב אויפ'ן היגען לשון. א „קיך" און א „הוהן" זאָגט זי שוין ניט. זי זאָגט שוין א „טשיקען" און א „קיטשען". נאָר וואָס דען? ביי איהר קומט נאָך אוים פארקעהרט: א „קיך" איז ביי איהר א „טשיקען". און א „הוהן" איז ביי איהר א „קיטשען". „איך געה, זאָגט זי, אין טשיקען אויסזאַלצען די קיטשען"... לאַכט מען פון איהר. לאַכט זי אויך. „א דאגה — זאָגט זי — יאק ריידעלע טאָ ריידעלע, אבי דאָברע מיינעלע"... אנו, זייט א בריה און זעצט דאָס איבער אויף איינגעלש!...

דאָס אליהו'ן. האָט מיר מיין ברודער נעגעבן א סיגאַרעטעל — אז איך וועל דאָס געדענקען! איהם האָט שוין ניט אזוי געאהרט דאָס סיגאַרעטעל, ווי דאָס, וואָס ס'איז געווען שבת. פּייסי דעם חזנ'ס יונגעל זאָל רויכערען אום שבת — באַדאַרף מען איהם הרג'ענען! פאַר אזא זאַך האָט שוין אפילו די מאַמע צוגעגעבען, אז דער הונט איז ווערטה דעם שטעקען... פון דעמאָלט אָן סמוקען מיר שוין ניט קיין סיגאַרעטען. איך קאָן שוין גאָר אפילו דעם ריח ניט פאַרטראָגען...

ז.

אויסער סיגאַרעטען האָבען מיר אויף אונזער סטענד פּייפּערס צו פאַרקויפען. אידישע גאַזעטען און זשורנאַלען. קיין גרויסע ביזנעס מאַכען מיר ניט מיט זיי. דערפאַר האָט אָבער אונזער חבר פּיני וואָס צו לייענען. ער לאָזט ניט דורך איין פּייפּער. שטעקט ער אריין די נאָז, איז איהם שווער אָפּצורייסען. עס ציהט איהם, זאָגט ער, צו די פּייפּערס, ווי א מאַגנעט. ער האָט שטאַרק חשק אליין עפּיס אריינשרייבען אין די פּייפּערס. ער איז שוין געווען אויף איסט־בראָדוויי, דאָרט וואו די פּייפּערס דרוקען זיך, עטליכע מאָל. וואָס ער האָט דאָרטען געטהאָן — זאָגט ער ניט. איך האָב מורא, אז ער האָט געבראַכט צו טראָגען אהינצוצו א פּאָר פון זיינע לידעלעך. מחמת אז מע ברענגט דעם באָנטש מיט פּייפּערס, חאַפּט זיך צו דעם פריהער פון אלעמען אונזער חבר פּיני. ער זוכט און נישטערט אין אלע ווינקעלעך. די הענט ציטערען איהם אזש. דערנאָך חאַפּט ער זיך אויף און לאָזט זיך לויפען אויף איסט־בראָדוויי. פרעגט איהם מיין ברודער אליהו: וואָס האָט ער צו טהון אויף איסט־בראָדוויי? זאָגט איהם פּיני, אז ער זוכט א ביזנעס. פרעגט איהם אליהו: מיר טהוען דען ניט קיין ביזנעס? ענטפערט איהם פּיני: אָט דאָס הייסט אויך א ביזנעס? א גאַנצע משפחה פון זיבען עסערס אויף איין שטיקעל

XVI

העללאָ, לאַנדסמאַן !

XVI

העללאָ, לאַנדסמאַן!

א.

לויפען מיר איינמאָל פאַרטאָג, איך און מיין חבר מענדעל, מיט די פרישינקע פייפערס צו אונזערע קאָסטאָמערס. פלוצים דערפיהל איך א זעץ פון הינטען אין פלייצע און איך הער עמיצער רופט אויס:

— העללאָו, לאנדסמאַן!

דרעה איך מיך אום און טהו א קוק — ס'איז מאָטעל! „מאָטעל דער גרויסער". דאָס איז דער מאָטעל, וואָס האָט זיך ארומגעשלעפּט מיט אונז אמאָל איבער דער וועלט. אין קראָקע מיט לעמבעריג, אין וויען און אין אַנטווערפּען. אויב איהר געדענקט, האָט ער מיך אויסגעלעהרענט שטעלען א גובערנאַטאָר אין זייט אריין און איז געווען א בויכרעדער. ער איז אוועק מיט דער חאַליאסטרע אַ סך פריהער פון אונז. אז מיר האָבען זיך נאָך ארומגעבלאָנקעט איבער'ן לאָנדאָנער ווהייטשעפּעל, איז ער שוין געווען דאָ אין אַמעריקע אָללרייט. דאָס הייסט, ער האָט שוין געהאַט א דזשאַב אין א קלינינג-סטאָר, און ער האלט נאָך איצט אויך אָן דעם דזשאַב. פרעג איך איהם: „וואָס איז דאָס פאר א דזשאַב?"

שענער. זאָג איך: „ווי אזוי זשע רופט מען דיך?” זאָגט ער: „מעקס”. זאָג איך: „וויבאלד אזוי, דארף איך דאָך אויך הייסען מעקס. איך הייס דאָך אויך מאָטעל”. זאָגט ער: „שור הייסט דו מעקס”. און ער געזעגענט זיך אָפּ מיט אונז:

— גוד באַי, מעקס! גוד באַי, מייק!

און מיר רעדען־אָפּ, אז נעכסטען זונטאָג זעהען מיר זיך אין מואווינג־פּיקטשורס. מיר געבען זיך איינס דאָס אנדערע די אדרייסים און מיר צעגעהען זיך איטליכער אין זיין וועג אריין.

ג.

זונטאָג נאָך דינער געהען מיר, איך און מיין חבר מייק, וואָס האָט ניט לאַנג געהייסען מענדעל, אין מואווינג־פּיקטשורס זעהען דעם גרויסען מואווינג־סטאַר טשארלי טשאַפּלין. מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני געהען אויך מיט אונז. דעם גאַנצען וועג רעדען זיי וועגען טשארלי טשאַפּלין. וואָס פאַר א גרויסער מענטש ער איז, וויפיעל ער קריגט באַצאָהלט, און אז ער איז א איד. נאָר אזוי ווי די צוויי קאָנען זיך קיינמאָל ניט אויסגלייכען מיט די מיינונגען, וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אנדערער קאַפּויר. פרעגט מיין ברודער אליהו: מיט וואָס איז טשארלי טשאַפּלין אזוי גרויס? ענטפערט איהם פיני, אז טויזענד טאָלער א וואָך צאָהלט מען ניט גלאַט אזוי אַבי ועמען... פרעגט איהם אליהו: פון וואַנען ווייסט ער? ער האָט געצעהלט זיין געלט? זאָגט איהם פיני, אז ער האָט געלייענט אין די פּייפּערס. און פון וואַנען ווייסט מען, אז טשארלי טשאַפּלין איז א איד? זאָגט איהם פיני, אז סע שטעהט אזוי אין די פּייפּערס. פרעגט איהם ווידער אליהו: פון וואַנען ווייסען דאָס די פּייפּערס? זיי זענען געווען אויף זיין ברית? זאָגט איהם פיני: די פּייפּערס ווייסען אלץ. למאי פון וואַנען ווייסט מען, אז טשארלי טשאַפּלין איז א שטומער פון גע־בוירען? און אז ער קאָן ניט שרייבען, ניט לייענען? און אז זיין

דערקלערט ער מיר, געהענדיג, אז דאָס איז א מין קליגינג־פּעקטאָרי, וואו מען רייניגט מלבושים. דהיינו, ווי אזוי? מע נעמט א־יין, זאָגט ער, א פּאָר צעקנייטשטע תחתונים אין אזא מאַשין צווישען צוויי פּרעספּליגלען. דורך א באַזונדער אויוועלע ווערען די פּרעס־פּליגלען גוט אָנגעוואַרעמט. א מענטש טהוט א דרעה — אויסגע־פּרעסט א פּאָר הויזען!

ב.

— און וואָס איז אייער דזשאַב? — פּרעגט מאָטעל דער גרויסער ביי מיר און מיין חבר מענדעל.

— מיר דעליווערען, זאָג איך, ניוס־פּייפּערס. מיר צעטראָגען, זאָג איך, צייטונגען צו אונזערע קאַסטאָמערס, אײדער מיר געהען אין סקוהל. און אַז מיר קומען, זאָג איך, פון סקוהל, העלפען מיר אַטענדען די ביזנעס. מיר האַלטען, זאָג איך, א סטענד אויפ'ן קאָרנער, און מיר מאַכען א לעבען...

— אַהאָ! — זאָגט מאָטעל דער גרויסער. — דו רעדסט שוין נישקשה'דיג איינגעלש. וויפיעל מאַכט איהר, זאָגט ער, א וואָך, אזעלכע צוויי ביזנעסלייט, ווי איהר?

— אין דורכשניט, אַרום און אַרום, — זאָג איך — קאָנען מיר אויסשלאָגען א טאָלער א וואָך. און אַמאָל א טאָלער און א קוואָדער...

— און דאַטס אָלל? — רופט זיך אָן מאָטעל דער גרויסער מיט גדלות. — איך פאַרדיען אַליין דריי טאָלער א וואָך... וואָס איז די ניים פון דעם דאָזיגען דזשענטעלמאַן? — מאַכט מאָטעל און ווייזט אָן אויף מיין חבר. זאָג איך, אַז ער הייסט מענדעל. צעלאַכט זיך מאָטעל און זאָגט, אַז מענדעל איז פּע! וואָס פאַר א נאָמען מענדעל? „ווי אַזוי זשע דען, פרעג איך איהם, זאָל ער הייסען?“... פאַרטראַכט זיך מאָטעל אויף א ווײלע און זאָגט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט בעסער הייסען מייק, ניט מענדעל. מייק איז

— אידיאָט!

מיר אַלע דרעהען־אויס די פּנים׳ער צו דער טיר און מיר זעהען קיינעם ניט. מיר באַטראַכטען זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרוואונדערט. טהוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר פריהער אליהו, און נאָך איהם פּיני — ניטאָ קיינער ביי דער טיר. זיי קוקען אויף דער סטעלי, זיי באַזוכען אַלע ווינקעלעך — ניטאָ קיין נפש. ווער קאָן דאָס זיין? דער חברה־מאַן מאָטעל, וואָס הייסט שוין מעקס, נעמט אונז, מיך און מיין חבר מענדעל אָדער מייק, פאַר די הענט, און אַלע דריי קלעטערען מיר אַרויף אַפּסטערז. דאָרטען זאָגט ער אונז אויס דעם סוד, אַז דאָס האָט ער, מעקס, דורכ׳ן בויך אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אידיאָט". און ער חזר׳ט דאָס איבער געהענדיג נאָך אַ מאָל. און עס פעלט אָן אויף אונז ביידען אַזאַ געלעכטער, אַז קוים וואָס מיר קאָנען דערנאָך איינזיצען און זעהען די קונצען פון טשארלי טשאַפּלין.

ה.

זינט איהר לעבט האָט איהר נאָך אַזאַ פאַרשלעפּטע קרענק ניט געזעהען, ווי מאָטעל דער גרויסער, אָדער מעקס. דאַכט זיך, מע באַדאַרף ניט האָבען קיין גרעסערען קונצענמאַכער, ווי טשארלי טשאַפּלין. מאַכט איהם נאָך מעקס מיט אַלע פּישטשעווקעס. אַרויסגעהענדיג פון טהעאַטער, איז זיך מיישב מעקס און קלעפּט זיך אָן אַ פּאָר קורצע שווארצע וואָנסעלעך, ווי ביי טשארלי טשאַפּ־לין. דאָס קאַפּעלישעל האָט ער אָנגערוקט, ווי טשארלי טשאַפּלין. די פיס אויסגעדרעהט, ווי טשארלי טשאַפּלין. און דאָס גענגעלע מיט׳ן דרעהען פונ׳ם הינטען, מיט׳ן מאַכען פונ׳ם שטעקעלע — צוויי טראָפּען וואַסער טשארלי טשאַפּלין! מיין חבר מענדעל, אָדער מייק, האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען. ער האָט איהם אַרומ־געחאַפּט קושען. און אַלע מענטשען, וואָס זענען געשטאַנען ביי׳ם טהעאַטער אין דרויסען, האָבען אונז נאָכגעטייט מיט די פינגער:

טאטע איז געווען א שיכור? און אז אליין איז ער געווען אַ קלאָון אין א צירק? הערט איהם אויס אליהו און זאָגט מיט א קאלטען לונג־און־לעבער: „און אפשר איז די גאַנצע מעשה א ליגען?”... ווערד פיני אָנגעצונדען און זאָגט אויף מיין ברודער, אז ער איז א איד א נורניק... און איך האלט מיט פיני'ן. חאָטש אליהו קעהר מיר אָן א לייבליכער ברודער, נאָר א נודניק איז ער. וואָס אמת איז אמת...

ד.

מיר זענען נאָר־וואָס צוגעגאַנגען צו דער קאסע קויפען טיקעטס, דערהערען מיר א קול:

— האו דו יו דו, מעקס? האו אר יו, מייק?

דאָס איז געווען מאָטעל דער גרויסער, וואָס זיין נאָמען איז שוין ניט מאָטעל, נאָר מעקס.

— קויפט ניט קיין טיקעטס, — זאָגט אונז מעקס — איך טריט אייך היינט מיט טיקעטס... דאָס הייסט, ער נעמט אונז אויף זיינע הוצאות. און ער ציהט אַרויס פון קעשענע אַ האַלבען טאָלער און טהוט איהם אַ וואָרף דעם מיידעל, וואָס זיצט ביי'ם פענסטערעל, און הייסט זיך געבען דריי טיקעטס אַפסטע־ז, דאָס הייסט, פון אויבען, אויף דער גאַלערייע.

— ווער איז דער שלים־מזל? — פרעגט אליהו ביי אונז. דערצעהלען מיר איהם, ווער דאָס איז. באַטראַכט איהם אליהו פון אויבען ביז אראָפּ און פרעגט איהם, פאַר וואָס גיט ער איהם ניט אָפּ קיין שלום־עליכם?

— צי דו ביזט שוין געוואָרען אזוי גרויס אין אַמעריקע, אַז עס שטעהט דיר שוין ניט אָן צו ריעדען א אידיש וואָרט?...

ענטפערט איהם ניט מאָטעל דער גרויסער, דאָס הייסט מעקס, קיין וואָרט אפילו. נאָר עס דערהערט זיך א קוויטש פון דער דרויסען-טיר, ווי עמיצער וואלט אַריינגערעדט פון דער סטריט:

גנוגענט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אונז ביידען גוט אויסגע־שאָלטען, מיך און מיין חבר מייק. און נאָכדעם האָט ער גענומען אונז זאָגען מוסר. ער האָט אונז אָנגעוויזען אויף מאָטעל דעם גרויסען, דאָס הייסט — אויף מעקסען.

— נעמט אייך אַראָפּ אַ מוסר, — האָט אונז אליהו געזייפט די פּנימ'ער, — לערענט זיך פון אייערס אַ חבר... אַ בחור'על גלייך מיט אייך, פאַר וואָס לאַכט ער ניט אַזוי, ווי איהר?...

— אי־די־יאָט! — האָט זיך דערהערט ווידער אַ מאָל הינ־טער אליהו'ס פּלייצעס. אליהו האָט זיך אויסגעדרעהט צוריק. אויף איהם קוקענדיג, האָט זיך אויסגעדרעהט אונזער חבר פּיני. און מיר אַלע נאָך איהם. און מעקס האָט זיך אויך געגעבען אַ דרעה־אויס צוריק. איך און מייק זענען שיער ניט צעזעצט גע־וואָרען פאַר געלעכטער.

ח.

„אין אמעריקע רעדען די שטיינער"... אַזוי האָט זיך אויס־געדריקט אונזער חבר פּיני. ער וואָלט נאָר אַ בעלן געווען וויסען, ווער רופט מען דאָס „אידיאָט"? רופט זיך אָן מיין ברודער אליהו:

— ווער עס פרעגט, דער איז עס...

ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען, אַז פון אונטער דער ערד האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ פאַרטומפּט קול:

— איהר האָט אַ טעות, רב אליהו! ביקאָז דאָס זענט איהר אַליין טאָקי דער אי־די־אָט! —

ט.

פון דעמאָלט אָן געהט שוין מעהר ניט מיין ברודער אליהו אין די מואווינג־פּיקטשורס און וויל ניט הערען פון טשארלי טשאַפּלין.

„און געהט דער צווייטער טשאַרלי טשאַפּלין”... איהר קאָנט זיך פאַרשטעלען, אַז אפילו אזא ערנסטער מאַן, ווי מיין ברודער אליהו, האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. מיין ברודער אליהו האָט אָבער ניט לאַנג געלאַכט. אין איין מינוט איז איהם פאַר־שטעהרט געוואָרען דאָס געלעכטער. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז, וואָס פלוצים האָט זיך דערהערט א קול, ווי פון אינטער דער ערד ארויס, עפּיס ווי פון א קעלער:

— איידי־יאָט!

ו.

און אלע האָבען זיך אָנגעבויגען, אריינגעקוקט אין קעלער אריין, ווען מיר זענען פאַרביי־געגאַנגען. אַלע האָבען מיר זיך איינ־געהערט. מעקס האָט זיך אויך איינגעהערט גלייך מיט אלעמען, גלייך ווי ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען... און פּליצים האָט זיך דערהערט א קול, שוין ניט פון הינטען, נאָר פון אויבען, עפּיס ווי פונ'ם דאך אראָפּ:

— איידי־יאָט!!...

פריהער אליהו און דערנאָך אַלע האָבען פאַרריסען די קעפּ ארויף, אויפ'ן דאך. מעקס האָט אויך געקוקט ארויף. אין דאָס האָט געהאַט דעם זיבעטען חן. איך און מיין חבר מייק, וואָס האָבען געוואוסט, פון וואַנען די קולות געהען, האָבען זיך נימ געקאָנט איינהאלטען און האָבען מיט א מאָל אויסגעשאָסען א געלעכטער.

ז.

דאָס האָט שוין מיין ברודער אליהו פאַרדראָסען. ווען דאָס זאָל ניט זיין אין ניו־יאָרק אויף דער סטריט, וואָלט מיר שוין אריינגעפלייגען א פּיינע פּאָר פּעטש אין ביידע באַקען. מייגע אויהערען וואָלטען זיך אויך ניט געגאַרט. נאָר אַזוי ווי דאָס איז געווען אין מיטען ניו־יאָרק אויף דער סטריט, האָט זיך אליהו באַ־

XVII

מיר געהען פאַרגרעסערן די ביזנעס

XVII

מיר געהען פאַרגרעסערען די ביזנעס

.א

אין אמעריקע האָט מען פיינט שטעהן אויף איין אָרט. אין אמעריקע געהט מען פאָרוועררטס. דאָס הייסט, מע וואַכסט, מע ווערד וואָס א טאָג גרעסער... די ביזנעס, וואָס מיר האָבען געמאַכט אויף אונזער סטענד, האָבען ניט געטראָגען אויף אויסצוהאַלטען א משפחה פון, קיין עין-הרע, זיעבען פאַרשוין. האָבען מיר גענומען זוכען א גרעסערע ביזנעס. שוין ניט קיין סטענד, קיין טישעל הייסט דאָס. נאָר טאַקי א גאַנצע סטאָר. א קלייט הייסט דאָס. אין אמעריקע באַדאַרף מען לאַנג ניט זוכען. מע דאַרף נאָר נאָכקוקען, ווי איך האָב אייך שוין דערצעהלט, אין די פייפּערס. דאָרט געפינט איהר וואָס אייער הארץ גלוסט. טאַקי פון פויגעלמילך. דער חסרון איז, וואָס פאַר איין איינגעפיהרטע ביזנעס הייסט מען זיך גוט באַצאָהלען. א נאָמען קאָסט געלט. פאַר דער פירמע באַדאַרף מען אמאָל מעהר באַצאָהלען, ווי פאַר דער סחורה. א סימן האָט איהר, אז אפילו אונזער סטענד, וואָס האָט אונז אריינגעבראַכט קוים צעהן טאָלער א וואָך, האָבען מיר אויך פאַרקויפט פאַר גוט געלט — נאָר צוליעב דער פירמע. א

אז ס'האָט די ווערטה א מיליאָן. עס איז אַמעריקע. א פרייע מדינה.

ג.

שטאַרק אויסגעפּויקט און צעאַדווערטייזט איבער גאַנץ „ראון־טאון" מיין ברודער אליהו'ס פּסח'יגען וויין, האָט אונזער חבר פּיני אוועקגערופען מיין ברודער אויף א זייט און האָט איהם אזוי געזאָגט:

— הער זשע אויס, אליהו. איך האָב דיר אדווערטייזט דיין פּסח'יגען וויין, וואָס מע דאַרף ניט בעסער. זעה־זשע, איך זאָל ניט האָבען דורך דיר קיין בזיונות. וואָרום דו קאָנסט אָנמאַנו־פעקטשורען אזאַ וויין, ער זאָל זיין אזוי געשמאַק, ווי דיין געטראַנק אין דער אלטער היים... זאָלסט דו געדענקען, אז דאָס איז אַמעריקע, און דאָ טרינקט מען וויין, ניט קיין קוואַס...

דאָ האָט זיך מיין ברודער אליהו געפונען באַלעדיגט און האָט נישט געוואָלט ענטפערען פּיני'ן קיין וואָרט אפילו. פאַר איהם האָט שוין אָפּגעענטפערט ברכה. מיין שווענגערין האָט אָפּגעצוואָגען אונזער חבר פּיני מיט א הייסען אָקראָפּ. זי האָט זיך אָנגערופען און האָט אזוי געזאָגט:

— עמיצער, א פרעמדער, זאָל שטעהן ביי דער זייט און הערען אזעלכע ווערטער, וואָלט ער זיכער געקאָנט מיינען, אז אין אַמעריקע זענען לויטער מיוחסים און סטעקראַטען, וואָס טרינקען ניט קיין אנדער משקה, א חוץ וויין, און באָדען זיך אין האָניג און אין שמאַלץ און אין אלדאָס גוטס... לאָם איך האָבען די גליקליכע יאָהר, וויפיעל קוואָרט סאָראָוועץ און ראָסעל פון אוגערקעס עס ווערד דאָ אויסגעטרונקען א טאָג!... איך האָב אליין געזעהען מיט מיינע אויגען איין אָלרייטניטשקע פון גרענד סטריט האָט באַשטעלט איין עמער עפּעלקוואַס מיט א מאה זויערע עפּעלעך, קיסליצעס... און די ברכות זאָל איך האָבען, וואָס די קיסליצעס

גרינהאָרן האָט דאָס ביי אונז אָפּגעקויפט. ער האָט זיך אפילו ניט שטארק נאָכגעפרעגט ביי אונז, וויפיעל מיר מאכען. איהם איז געוועזען געגוג צו זעהען, אז זיעבען נפשות דרעהען זיך ארום איין סטענד און מאכען א לעבען. מסתמא איז דאָס א „ביזנעס"...

ב.

דעם סטענד האָבען מיר פארקויפט מיט דער גאנצער סחורה, מיט די בעסקעטס, מיט די כלים און אפילו מיט דער שאָו־קייס. נאָר דעם סוד, ווי אזוי מע מאנופעקטשורט סאָדע־וואסער, אלערליי סיראָפּען, און, איבערהויפּט, ווי אזוי מע מאכט דעם געטראנק, וואָס מע רופט איהם „סיידער" — דאָס האָט מיין ברודער אליהו נישט געוואָלט אויסזאָגען פאר קיין געלט ניט. ער האָט געזאָגט, אז איטליכער מאנופעקטשורט דאָס, ווי ער פארשטעהט. למאי ער מאנופעקטשורט וויין אויף פּסח? מיין ברודער אליהו'ס פּסח'יגער וויין האָט א שם אין אמעריקע. קוקט נישט דערויף, וואָס ער מאנופעקטשורט איהם ערשטע דאָס ערשטע יאָהר. אלע אונזערע באקאנטע, וואָס דאווענען מיט אונז שבת אין אונזער כתרילעווקער שוהל, האָבען אונז צוגעזאָגט, אז וויין אויף פּסח וועלען זיי ניט נעמען אין ערגיץ, נאָר ביי אונז. אונזער חבר פיני האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג און צעפּויקט איבער ניו־יאָרק, אז מיין ברודער אליהו מאנופעקטשורט פּסח'יגען וויין — מעג איהם טרינקען דער פּרעזידענט. אויף צו פּויקען איז אונזער פיני א מזיק. דאָ ווערד דאָס אָנגערופען: „אדווערטייזען". פיני זאָגט, אז דערויף, דאָס הייסט אויף אדווערטייזמענטס, שטעהט אמעריקע. איטליכער סוחר מעג לויבען זיין סחורה. יעדער ארבייטער מעג אדווערטייזען זיין מלאכה. די גאנצע וועלט מעג וויסען, אז מיין געטראנק איז זויער־עסיג. נאָר איך מעג מיר אדווערטייזען, אז ס'איז זיסער פון צוקער. איהר מעגט זיין איבערצייגט, אז מיין ארבייט איז ניט ווערטה קיין פּעני. נאָר איך קאָן עס מיר שאצען,

חסרון. מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז ס'איז איהר צו־ווייט פון ר'ער שוהל. דאָס הייסט, ס'איז אויף יענער גאַס אויך פאַרהאַן אַ שוהל. איז דאָס אָבער אַ פרעמדע שוהל. ניט אונזער כתרילעווקער שוהל. פרעגט ביי איהר אליהו, אויב אין דער שוהל איז דער אייגענער אידישער גאָט, וואָס אין יענער שוהל? ענטפערט איהם די מאַמע, אַז דער גאָט איז דער אייגענער, נאָר די אידען זענען אַנדערע. זי איז צוגעוואוינט צו די כתרילעווקער אידען. מיט כתרילעווקער אידען, זאָגט זי, דאַווענט זיך גאָר אַנדערש. זי קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, ווי אַזוי וועט זי הערען איין אַנדער בעל־תפלה, ניט אונזער הערש־בער דעם חזן?

ה.

דאָס איז דער מאַמע'ס טענות. מיין שווענערין ברכה האָט אויף די ביזנעס איין אַנדער חסרון: וואָס וועלען מיר טהון, זאָגט זי, מיט אַזוי פיעל רומס? צו וואָס דאַרפען מיר פינף רומס? האָט אונז אונזער שכנה פעסי די גראָבע געגעבען איין עצה: מיר זאָלען די איבעריגע רומס פאַרדינגען. אָפּגעבען צו אַ פּאָר קוואַרטיראַנטען מיט קעסט. דאָ ווערד דאָס אָנגערופען: „אַריינגנעמען באָרדערס". אַ „באָרדער" הייסט אַ שכן, אַ קוואַרטיראַנט. זאָגט ברכה: „נאָך דאָס פעהלט אונז. האָבען צו טהון מיט קעסט־קינדער". און טייבעל זאָגט איהר נאָך איטליכס וואָרט, ווי אַ פּאָפּוגאַי: „נאָך דאָס פעהלט אונז. האָבען צו טהון מיט קעסט־קינדער"... זאָגט פיני צו זיין ווייבעל: „טאָמער וואָלסט דו אַמאָל געזאָגט דיין אייגען וואָרט, ניט איבערקייען ברכה'ס ווערטער?"... טרעט־אַרויס ברכה און קיהלט אָפּ אונזער פיני'ן: „איטליכער איז אַ מבין אויף יענעם, ניט אויף זיך"... און טייבעל חזר'ט איבער: „איטליכער איז אַ מבין אויף יענעם, ניט אויף זיך"... רופט זיך אָן פיני צו זיין ווייב: „וואָס וואָלסט דו געטהאָן, ווען דו זאָלסט זיין אַליין?" ענטפערט איהם ברכה: „וואָלט איך — זאָלט איך,

זענען בעסער און געשמאַקער פון די היגע אָרענדזשעס מיט די גרייפּ-פרוטס, וואָס מע ווייסט אפילו ניט, ווי אַזוי מע שנײַדט דאָס און מיט וואָס מע עסט דאָס...

איך געב ניט איבער ביז'ן סוף אַלסדינג, וואָס ברכה האָט דאָ אַרויסגעזאָגט. וואָרום ברכה, אַז זי הייבט אָן צו רעדן, וועט זי אַזוי גיך ניט אנשוויגן ווערן. פּיני ווייסט עס גלייך מיט מיר. רוקט ער אָן דאָס היטעל און נעמט דעם וועג. דאָס איז די בעסטע עצה. איך טהו אויך אַזוי.

ד.

„קענדי־סיגאַר־סטיישאָנערי־סטאָר מיט פינף רומס. גרויסער באַרגיין. גוטע ביזנעס. בעסטע נאַכבאַרשאַפט. אורזאַכע סינגעל. שנעל איבערגעבען". וואָס זאָגט איהר אויף דער עברי? איאָ, ס'איז ביי אייך תרגום-לשון? מע מוז אייך פּאַרטייטשען איטליכס וואָרט באַזונדער. אַניט, וועט איהר ניט פאַרשטעהן.

דער פּשט איז אַזוי: „עס גיט זיך איבער אַ קלייט, וואו מע פאַרקויפט קאָנפעקטען, סיגאַרעטען, שרייבגעצייג, גאַזעטען און נאָך אַזעלכע זאַכען. אַ גרויסע מציאה. מאַכט גוטע געשעפטען. די בעסטע שכנים. און מחמת דער בעל־הבית איז ניט קיין באַ־ווייבטער, דעריבער גיט ער איבער דאָס געשעפט וואָס גיכער"...

דאָס האָבען מיר אַרויסגעלייענט פונ'ם פּייפּער, און מיר האָבען אַלע דערפיהלט, אַז דאָס איז פאַר אונז די ריכטיגע ביזנעס, גלייך ווי געמאָסטען. און מיר האָבען אָנגעהויבען געהן אָנקוקען די ביזנעס. פריהער זענען געגאַנגען די מאַנסבילען. דאָס הייסט, מיין ברודער אליהו, אינזער חבר פּיני און מיר אינצווייען, דאָס הייסט, איך און מיין חבר מענדעל, וואָס מע רופט איהם שוין מייק. אונז זענען די ביזנעס געפעלען. דערנאָך זענען געגאַנגען די ווייבער: די מאַמע, מיין שוועגערין ברכה און פּיני'ס ווייב טייבעל. איז זיי ניט געפעלען. איטליכע פון זיי האָט געפונען איין אַנדער

אידינע, זאָגט ער, קאָן האָבען אַזאַ מויל, ווי אונזער ברכה, איז ניט כדאי צו חתונה האָבען. שוין גלייכער, זאָגט ער, בלייבען ביז'ן טוידט א סינגעלמאַן. דאָס הייסט, א בחור.

.ז

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט. דער ביזנעסמאַן איז אויס-געגאַנגען פאַרקויפען די ביזנעס, פונקט אַזוי ווי מיר האָבען געל'־חלש'ט נאָך די ביזנעס. ובפרט, אַז אונזער סטענד האָבען מיר שוין כמעט פאַרקויפט. איך זאָג „כמעט", ווייל דער גרינהאָרן, וואָס איז געגאַנגען איבערנעמען אונזער סטענד, האָט אונז מיט גוואַלד אַריינגעשטופּט צעהן טאָלער איין אויפגאָב. דאָ הייסט עס אַ „דעפּאָזיט". מיר האָבען שוין חרטה געהאַט, וואָס מיר האָבען ביי איהם גענומען דעם דעפּאַזיט. וואָרום דער גרינהאָרן איז געהאַנגען איבער אונז דעם גאַנצען טאָג, ער האָט שוין גאָרניט געוואָלט אָפּטרעטען פון אונזער סטענד. אַ איד אַ נודניק, אַ סך אַ גרעסערער נודניק פון מיין ברודער אליהו. מיין ברודער איז גאָלד אַקעגען איהם. ער האָט זיך אונז אַזוי איינגעגעסען אין די ביינער, אַז מיר האָבען איהם געוואָרפען אין פּנים אריין זיין דעפּאַ־זיט. האָט ער אָבער ניט געוואָלט איהם נעמען צוריק. ער האָט זיך פאַרליעבט אין אונזער סטענד. ער איז געווען זיכער, אַז מיר ווערען גליקליך. „אַ גרינהאָרן בלייבט אַ גרינהאָרן!"... אַזוי זאָגט אונזער חבר פּיני.

.ח

וואָס הייסט אַ „גרינהאָרן"? — פרעגט מיך עפּיס גרינגערס! מיין חבר מייק ווייסט אויך ניט וואָס דאָס איז. מיר הערען, אַז מע זאָגט „גרינהאָרן" — זאָגען מיר אויך. איך בין אַ בעלן געווען אויף אַ טשיקאַוועסט אָפּמאָהלען דעם אידען, וואָס האָט אָפּגעהאַנ־

לעקאך — איז מקח"... און טייבעל זאָגט איהר נאָך: „וואָלט איך — זאָלט איך, לעקאך — איז מקח"... טהוט פּיני א שפּיי־ אוים „טפו!" — און געהט אוועק.

ו.

מיינט איהר, אז נאָר מיר אליין זענען געגאנגען אָנקוקען די ביזנעס? עם האָבען זיך מטריח געווען אויך אונזערע מחותנים, אונזערע פריינד און באקאנטע. קודם כל איז געגאנגען אונזער מחותן, יונה דער בעקער. דערנאָך — זיין ווייב, אונזער מחותנת'־ טע, ריוועלע די בעקערין. ביידע מיט א מאָל קאָנען זיי ניט איבערלאָזען די קנישעם אויף הפקר. מוזען זיי אלע מאָל געהן איינציגווייז. דערנאָך איז געגאנגען משה דער איינבינדער. און נאָך איהם — פּעסי די גראָבע... נאָר שא! דאָ מוז איך מיך אליין אונטערברעכען און זאָגען אויף'ן היגען לשון: „עקסקיוז מי, איך האָב געמאכט א מיסטייק". אויף אונזער מענטשליך לשון וועט דאָס הייסען: „האָט קיין פאראיבעל ניט, איך האָב געהאט א טעות". פריהער איז געגאנגען אונזער שכנה פּעסי די גראָבע, דערנאָך ערשט איז געגאנגען איהר מאַן, משה דער איינבינדער. און נאָך זיי זענען געגאנגען גלאט א פּאָר באקאנטע גוטע פריינד, וואָס דאוונען מיט אונז אין איין שוהל, דאָס הייסט, א פּאָר כתרי־ לעווקער אידען, וואָס פארשטעהען אין די ביזנעס. האָט זיי דער ביזנעסאַן ניט שען אויפגענומען. דאָס הייסט, ער האָט זיי פּשוט דורכגעטריבען. ער האָט זיי געזאָגט, אז ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אזא גרויסע משפחה! האָט דאָס מיין מאמע פאר־ דראָסען. איז זי אוועק צו איהם מיט מיין שווענערין ברכה. האָט איהם ברכה אָפּגעשפּיעלט א וויוואט, אז ער וועט זי האָבען צו געדענקען! דער סוף איז געווען, אז דער ביזנעסמאַן האָט גע־ שוואָרען ביי גאָט, אז ער גיט אויף די ביזנעס נאָר צוליעב דעם, וואָס ער געהט חתונה האָבען. איצט האָט ער שוין חרטה. אז א

XVIII

מיר מופען

דעלט ביי אונז דעם סטענד, מיט אַ ווייס קריידעל אויף די שטיינער פונ׳ם טראָטואַר. נאָר אויפ׳ן שטערן האָב איך איהם צוגעזעצט אַ לאַנגען האָרן מיט גרינע קרייד. האָט איהר באַדאַרפט הערען די געלעכטערען, וואָס זענען געווען. אַלע האָבען דערקענט אונזער גרינהאָרן און אַלע האָבען געלאַכט. אַ חוץ מיין ברודער אליהו. ער האָט ניט געלאַכט. דאָס הייסט, שלאָגען האָט ער מיך ניט געשלאָגען. נאָר ער האָט מיך געצוואונגען, איך זאָל מיט אַ נאַסער שמאַטע אָפּווישען דעם גרינהאָרן. אַניט, וועלען מיר דאַרפען צאָהלען שטראַף. פאַר יעדע זאַך צאָהלט מען דאָ שטראַף. פרובט אַ שפּיי טהון אין סטריט — וואַכסט־אויס אַ גאָראָדאָווּאָי (דאָס הייסט ער „פּאָליסמאַן“). ער נעמט אייך פאַר איין אויהער און פיהרט אייך אָפּ גלייך אין הר־גדיא אריין (דאָ הייסט עס „פּאָליס־סטיישען“). און דאָרטען שטראַפירט מען אייך אָפּ אין פינף טאָלער. זעהר שטרענג אין אַמעריקע!

ט.

קערט איהר אודאי מיינען, אַז דאָ איז אַזוי ריין און זויבער, ווי אין אַנטווערפּען, און קיינער שפּייעט ניט אויף דער סטריט? האָט איהר אַ טעות. מע שפּייעט און מע חראַקעט אויף וואָס די וועלט שטעהט. אַמעריקע — אַ פרייע מדינה. סיידען אפשר אויף דער פינפטער עוועניו. און דאָס — ניט אומעטום. נאָר דאָרט, וואו די מיליאָנערען זיצען. מיליאָנערען שפּייען ניט. שפּייען שפּייעט נאָר דער. וואָס ס׳איז איהם ניט גוט. און דעם רייכען איז דאָך גוט — וואָס וועט ער שפּייען?...

XVIII

מיר מופען

א.

אין אמעריקע איז א מנהג — מע מופט. דאָס הייסט, מע פעקעלט זיך פון איין דירה אין דער אנדערער. פון איין ביזנעס אין דער אנדערער. יעדער איינציגער מוז מופען. מופט ער ניט מיט זיין גוטען ווילען, מאכט מען איהם, ער זאָל מופען. דאָס הייסט, אז איהר צאָהלט ניט קיין דירה־געלט (דאָ הייסט עס „רענט"), גיט מען איין אויף אייך און מע װארפט אייך ארויס. ווערד דאָס אָנגערופען, אז מע האָט אייך ארויסגעמופט. דעריבער טאָרט איהר זיך ניט וואונדערען, אז מע טהוט אייך א פרעג: „ווען מופט איהר?" און אז מע פרעגט אייך, מוזט איהר ענט־פערען. פאר ניט װעלען ענטפערען האָט מיין ברודער אליהו גע־חאפט א פסק פון אונזערען א קאָסטאָמער, וואָס גיט אונז צו לייזען פאר מעטשעס (שוועבעלעך). דאָס הייסט, ער באקומט פון אונזער סטענד אלע וואָך א באקסעל מעטשעס אָהן געלט. דאָ גיט מען שוועבעלעך אומזיסט. מע דארף גאָרניט װארטען, ביז מע וועט געבען. מע געהט צו און מע נעמט אליין.

ג.

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

[אויף דעם אָרט ווערען איבערגעריסען מאָטעל פּייסי דעם חזנ'ס מעשיות פון אַמעריקע. „מיר מופען" איז געווען די לעצטע זאַך, די לעצטע שורות, וואָס שלום-עליכם האָט געשריבען עטליכע טעג פאַר זיין אַוועקגעהן פון אונז, שוין ליגענדיג אויף זיין טוידטען־בעט. ער האָט נאָך אַוועקגעשטעלט אַ גרויסען גע'כתיבה'טען אות „ג", נאָר נאָכ'ן גימל געהען אין מאַנוסקריפּט לעדיגע ווייסע בלעטלעך, אַזוי אַז דער אונבעקאַנטער „קאָסטאָמער" אָהן אַ נאָמען בלייבט אונבעקאַנט, און די אַלע ווייטעריגע בילדער און טיפען פונ'ם אידיש־אַמעריקאַנישען גהעטאָ־לעבען, וואָס האָבען גערעגט דעם שטענדיג־וואַכענדיגען דמיון פון אונזער גרויסען שילדערער אין זיינע לעצטע טעג, בלייבען פערשלאָסען און פערזיגעלט פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

וועגען דעם דאָזיגען לעצטען קאַפּיטעל פון שלום-עליכם'ס שאַפען (און אפשר אויך וועגען דעם פריהעריגען פאָר־לעצטען קאַפּיטעל פון „מאָטעל פּייסי דעם חזנ'ס אין אַמעריקא") איז אונז, זיינע הויז־מענשען, אויסגעקומען צו הערען פון איהם אַליין. דיענסטאָג דעם 9־טען מאַי, אין אָוועגד, דאָס הייסט, פיער טעג פאַר זיין טוידט, האָט מען מיך דורכ'ן טעלעפאָן אַוועקגערופען פון מיין אַרבייט און איבערגעגעבען, אַז שלום-עליכם רופט מיך, איך זאָל באַלד קומען. פון די דאָקטוירים האָב איך געוואוסט

ב.

דער קאָסטאָמער, וואָס איך דערצעהל אייך, איז א מאָדנער מענטש. עס איז כדאי, איך זאָל אייך איהם אָפּמאָהלען. ווער ער איז און וואָס ער איז — ווייסען מיר ניט. וואו ער וואָהנט און וואָס זענען זיינע ביזנעס — ווייסען מיר אויך ניט. קיין רייכער מאַן, ווייזט אויס, איז ער ניט. דאָס זעהט מען נאָך זיין אויסגעריבענעם קאָוט, וואָס ער בייט איהם קיינמאָל ניט איבער. נאָך זיין אָפּגעבאַרעטע קאַפּעלישעל און נאָך זיינע געלאַטעטע שיך. דערפאַר איז ער אָבער זעהר איין אַקוראַטנע מענטש. ער קומט־צו אַלע טאָג אין דער זעלבער שעה און צו דער זעלבער מינוט. ער נעמט דעם מאָרגען־פּייפּער, טהוט אין איהם א קוק אריין אויף דער ערשטער און אויף דער לעצטער פּיידזש, חאַפּט א קוק אויך אין דער מיט פונ׳ם פּייפּער און לעגט איהם אַוועק צוריק. קויפען האָט ער נאָך קיין איינציג מאָל ביי אונז ניט געקויפט קיין זאַך. א חוץ, וואָס ער נעמט אַלע וואָך א באַקסעלע מעטשעס אומזיסט. און א חוץ וואָס ער לייענט אַלע טאָג דעם מאָרגען־פּייפּער. האָט דאָס מיין ברודער אליהו מסתמא פאַרדראָסען. איין מאָל א חכמה, צוויי מאָל א חכמה. אָבער ניט אַלע טאָג. איז זיך מיישב אליהו איינמאָל און טהוט איהם א זאָג:

— עס קאָסט א פּעני...

דער קאָסטאָמער טהוט זיך זיינס. דאָס הייסט, ער לייענט די ערשטע און די לעצטע פּיידזש פונ׳ם מאָרגען־פּייפּער. מיין ברודער העכערט דאָס קול:

— עס קאָסט א סענט!...

דער קאָסטאָמער טהוט א קוק אין מיטען, לעגט צונויף דעם פּייפּער און לעגט איהם אַוועק אויפ׳ן זעלבען אָרט, ווי ער איז געלעגען.

מוטשען די גערדאַנקען, לאָזען ניט צו־רוה... און אָט אַזוי פּאַוואָ־
לינקע האָב איך אָנגעשריבען עטליכע קאַפּיטלעך פון מאָטלען״...

און די עטוואָס מיעדע, הימעל־קאָלירטע אויגען, וואָס האָבען די לעצטע טעג אָפּגעגעבען מיט אַ מאָדנע בלויקייט, אַ ריינע, אַ ווייטע, ווי די בלויקייט פון הימעל, האָבען דערביי אויפגעשטראַהלט מיט אַ קינדיש־קינסטלערישער בעגייסטערונג.

דאָס זענען געווען די לעצטע שורות פון שלום־עליכם׳ס שאַפען און דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט וועגען זיין שרייבען. אויף מאָרגען איז זיין לאַגע געוואָרען ערנסט, די דאָקטוירים האָבען זיך פערלאָרען, און דאָס אומגליק איז אויסגעוואַכסען נאָהענט, ווי אַ חמאַרע...

דאָס לעצטע מאַנוסקריפּט „מיר מופען״, האָטש ס׳איז גע־שריבען מיט שלום־עליכם׳ס כאַראַקטעריסטישער פיינער און קלאָ־רער האַנדשריפט, איז דאָך צו דערקענען, אַז ס׳איז געשריבען גע־וואָרען שוין ניט מיט אַ געזונדער לייכטער האַנד. די אותיות זענען עטוואָס געצוקט און געקרימט, געהען ניט אומעדום גלייך, נאָר דאָ גרעסער און דאָ קלענער, און זענען שוין ניט אַזוי פּערעלדיג און געטאָקט, ווי דער בעריהמטער געטאָקטער פּערעל־כתב פון שלום־עליכם. עס איז אויך כמעט נישט צו בעמערקען אין דעם דאָזיגען לעצטען כתב־יד קיין אויסגעמעקטע און פון־אויבען צוגע־שריבענע שורות, אַזוי ווי ס׳איז תמיד געווען די געוואָהנהייט פון שלום־עליכם שטאַרק צו בעאַרבייטען און צו שלייפען זיינע ווערק. די עטליכע קליינע קאַפּיטלעך זענען, אַפּנים, געשריבען געוואָרען פון דער ערשטער האַנד און האָבען עטליכע טעג געוואַרט אויף זייער מייסטער, ער זאָל זיי בעפּוצען אויף זיין שטייגער — און האָבען זיך ניט דערוואַרט...

אָנמערקונג פון י. ד. בערקאָוויטש.]

און בין געווען זיכער, אַז דעם קראַנקען׳ס לאַנגע איז נ י ט ערנסט און אַז עס דאַרף נאָר נעמען עטליכע טעג ביז ער וועט געזונט ווערען. און דאָך האָט מיך דעם גאַנצען וועג, פון דער „איסט סייד" ביז בראָנקס, גערדריקט אַ מאָדנער שווערער אַנגסט. איך האָב זיך בערוהיגט ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב דערזעהען דאָס פענסטער פון שלום־עליכם׳ס צימער, פון וועלכען עס האָט זיך נעגאָסען אַ שטילער רוהיגער שיין.

איך האָב געטראָפען שלום־עליכם׳ן אויפ׳ן בעט דוקא מונטער און עטוואָס אויפגעלעבט. מע האָט איהם געהאַט איינגעגעבען נאַהרונג אויף אַ קינסטליכען אופן, ווייל די דאָקטוירים האָבען גע־גלויבט, אַז דאָס איז ביי איהם אַ נערוועזע מאָגען־קראַנקהייט. מיט עטליכע שעה צוריק, נאָכמיטאָג, בין איך געווען ביי איהם אין צימער, נאָר איצט האָט ער געזאָגט, אַז איהם דאַכט זיך, אַז ער האָט מיך ניט געזעהען שוין עטליכע טעג. מיט אַ שוואַכען שמייכעל אויפ׳ן אויסגעמוטשעטען געזיכט האָט ער דערצעהלט, וואָס פאַר אַ וואונדערליכע ווירקונג די קינסטליכע נאַהרונג האָט אויף איהם געמאַכט — עס האָבען זיך איהם ממש געעפענט די אויגען און ער זעהט פאַר זיך די ליכטיגע וועלט. צווישען אַנדע־רעס האָט ער מיך געפרעגט, צי מע ווייסט אין דער רעדאַקציע פון דער „וואַרהייט" (וואו ער האָט די לעצטע צייט געשריבען), אַז ער איז קראַנק, און האָט אונז דערצעהלט, אַז היינטיגע נאַכט (דאָס הייסט, די נאַכט פון מאָנטאָג אקעגען דיענסטאָג) האָט ער געשריבען, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע יסורים, וואָס האָבען איהם נישט אָפּגעלאָזט אַ מינוט ניט. „איך ליג אַזוי און ליג אַ גאַנצע נאַכט, — האָט ער דערצעהלט, דערביי שווער געחאַפּט דעם אָטהעם — שלאָפען קאָן איך ניט, די געדאַנקען טראָגען... וואָס זשע איז דער תכלית אַזוי צו ליגען? זאָג איך צו דער מאַמע: וואָס וועל איך דאָ אויסליגען? ביז טאָג איז נאָך ווייט... אַמעהר, גיב אַהער די פּען און די פּאַפּקע מיט׳ן פּאַפּיער, וועל איך חאָטש שרייבען. שרייבען איז מיר אַ סך גרינגער, וואָרום סאַי ווי סאַי

די וואַסערשטוב

[דער ערשטער וואַריאַנט פון דעם קאַפּיטעל „מזל־טוב, מיר זענען שוין אין אַמעריקע!“]

געשריבען אין יאָהר 1914.

די וואַסערשטוב

א.

א מורא׳דיג גרויסע שטוב, אַזוי גרויס כמעט ווי ביי אונז צעהן שטיבער, אָדער אפשר נאָך מעהר.

און ווייס איז זי, די שטוב, ווייס ווי מילך, מיט קליינינקע פענסטערלעך אַ סך. די פענסטערלעך זענען קיילעכיג, פון ריינעם קרישטאָל און מיט רויטען באַצוויקעלט.

און קוימענס האָט די שטוב צוויי גרויסע, הויכע, ברייטע, שוואַרצע קוימענס, וואָס פייפען אַזוי שטאַרק, אַז פון איין פייף אַ גוטען קאָנט איהר פאַלען חלשות.

און שטעהן שטעהט די שטוב אויפ׳ן וואַסער. אַ וואַסער־שטוב.

דאָס הייסט, ניט זי שטעהט, נאָר זי געהט. גיך־גיך געהט זי — זי לויפט כמעט. זי שניידט די חוואַליעס אויף צווייען און גליטשט זיך, גליטשט זיך אויפ׳ן וואַסער. זי הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ — און מיר פאָהרען, מיר פאָהרען קיין אַמעריקע!

ניט מיר אַליין פאָהרען קיין אַמעריקע — מיט אונז פאָהרען נאָך אַ סך, אַ סך אידען און ווייבער, מיט קינדער און אָהן קינדער.

וואָס האָט זי צו איהם? ווייל ער איז, זאָגט זי, דער גאַנ־צער חייב. ווען ניט ער, וואָלטען מיר איצטער, זאָגט זי, גע־זעסען אין דער היים, ווי אַלע אידען, און וואָלטען זיך ניט גע־שלעפּט איבער ימים און מדבריות און וויסטעגישען.

ער, פּיני הייסט עס, האָט אַרויפגעפיהרט, זאָגט זי, מיין ברודער אליהו אויף אַ גליטש — מיר זאָלען פּאַרקויפען אונזער האַלבע שטוב און פאָהרען קיין „מאַלעריקע".

ג.

„מאַלעריקע" — אַזוי רופט דאָס אָן מיין שוועגערין ברכה אַלע מאָל, ווען ז איז אין כעס.

און אין כעס איז זי אָפט. כמעט ניטאָ דער טאָג, וואָס ברכה זאָל ניט זיין אין כעס.

אַ גליק, וואָס מיין ברודער אליהו הערט זי, ווי דעם קאָטער. און אונזער חבר פּיני — דער לאַכט זיך גאָר אויס פון איהר באַבע. איהר געדענקט דאָך מסתמא אונזער חבר פּיני? איהם אַז מע דערעסט זיך שטאַרק, מאַכט ער אייך באַלד אויף יענעם אַ ליעדעל — און טהו איהם עפּיס!

אַנומעלטען האָט ער געמאַט אויף איהר, טאַקי אויף מיין שוועגערין, הייסט עס, אַ ליעדעל — איז זי שיער ניט צעזעצט געוואָרען פאַר בזיון.

אָט אַזוי הויבט זיך אָן דאָס ליעדעל:

איך האָב אַ חבר מוהרר אלי —
באַשערט אַ מענטשען אַ הצלחה! —
האָט ער אַ ווייב — ביז דער סטעלי,
אַ שלאַק פּורעניות מרת ברכה,
קיין עין־הרע ניט, אַ גראָבע,
און אַ ברייטע, איין אָסאָבע...

און אַלע אין איין שטאָדט אַריין. איך ווייס אפילו, ווי אַזוי זי הייסט. „נעיאָרק“ הייסט די שטאָדט. אַ גרויסע שטאָדט! נאָך גרעסער פון וויען. און אַ אידישע שטאָדט. אַ שטאָדט פון סאַמע אידען. און רעדען רעדט מען דאָרט, ווי מע רעדט ביי אונז. ווי אַלע מענטשען רעדען.

מע רעדט אויף אידיש.

— דאַנקען און לויבען יאָשקע דעם טויבען! מע'ט פאַר־שפּאָרען זיך ברעכען די צונג, ווי מע האָט זיך געבראָכען אין בראָד, אין קראָקע מיט לעמבעריג, אין וויען און אין אַנטווערפּען און אינ'ם שענעם לאָנדאָן, וואָס וואָלט שוין לאַנג געמעגט ברע־נען אויפ'ן פייער, ובפרט איצט, אַז מיר זעגען שוין דאָרט נישטאָ.

אַזוי זאָגט ברכה, מיין ברודער אליהו'ס ווייב, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָרפען איין אוס־חן אויף אַלע שטעדט, און מעהר ווי אַלץ — אויף לאָנדאָן.

ב.

איצט ווייס איך פאַר געוויס, אַז מיר פאָהרען קיין אַמעריקע. אפילו ברכה, מיין ברודער אליהו'ס ווייב, איז מודה, אַז מיר פאָהרען קיין אַמעריקע. ביז אַהער האָט זי אַלץ ניט געוואָלט גלויבען: „מיר פאָהרען און פאָהרען — און שטעהען אויף איין אָרט“.

נאָר איהר מיינט, אַז איצט איז זי שוין צופריעדען? ווער — וואָס! ברכה איז קיינמאָל ניט צופריעדען. זי וויל נאָר וויסען איין זאַך: ווער איז דער שלים־מזל, וואָס האָט דאָס אויסגע־טראַכט אָט די דאָזיגע מדינה?

— עס וואָלט איהם געמעגט — זאָגט זי — אַרויסוואַרפען און פיני'ן אַריינוואַרפען!

דאָס מיינט זי אונזער חבר פּיני'ן, וואָס פאָהרט מיט אונז קיין אַמעריקע.

די וואָנסעס. נאָר איך האָב עס צעריסען — אליהו זאָל ניט דערזעהן. ער האָט פיינט מענטשעלעך.

אליהו זאָגט, אז אַ קאַפּיטאַן דאַרף קענען שווימען, ווי אַ פיש. און אונזער חבר פיני לאַכט פון איהם. פיני זאָגט, אז אַ קאַפּי־טאַן דאַרף ניט קענען שווימען. שווימען דאַרפען נאָר מאַטראָ־סען. אַ קאַפּיטאַן, זאָגט פיני, באַדאַרף נאָר זיין קלאָר אין דער געאָגראַפיע, ווי אַ איד אין אשרי. איהם דאַרף זיין, זאָגט ער, קלאָר דער ים, אַזוי ווי אונז די יבשה. ער איז מחויב, זאָגט ער צו וויסען, וויפיעל דער ים האַלט אין דער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיעף. זאָגט איהם מיין ברודער אליהו: „מילא, די לענג און די ברייט — קאָן מען נאָך ווי עס איז אויס־מעסטען מיט איין אַרשין. וואָס וועסט דו אָבער טהון מיט דער טיעף?" זאָגט איהם פיני: „ביזט אַ בהמה!" זאָגט איהם אליהו: „ביזט אַליין אַ פערד. למאי זידעלסט דו זיך?" זאָגט איהם פיני: „ווי אַזוי זאָל איך דיך ניט זידלען, אַז דו הויבסט ניט אָן צו וויסען, זאָגט ער, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך. אָט נעם, זאָגט ער, למשל, די שטערען אין הימעל. נו, ווייסט מען ניט וויפיעל שטערען ס'איז פאַרהאַן? און מע קאָן דען ניט, זאָגט ער, אויסרעכענען אַלע ביי די נעמען?" זאָגט איהם אליהו: „איכ'ל דיר זאָגען דעם אמת — איך בין אויפ'ן הימעל נאָך קיינמאָל ניט געוועזען, און אויפ'ן ים פאָהר איך און זעה אַרויס, אַז ער האָט קיין גרונט ניט". זאָגט איהם פיני: „נאַרעלע, נישט נאָר אַ גרונט, מע קאָן דיר אויסרעכענען אפילו וויפיעל טראָפּען וואַסער געפינט זיך אין ים אַרום און אַרום". פרעגט איהם אליהו שוין מיט אַ געלעכטער: „ב'וואָלט געוואָלט וויסען, ווי אַזוי דו וועסט עס אויסרעכענען? סיידען אפשר דיין פעטער דער זייגערמאַכער וועט דיר אונטערהעלפען"...

פאַרדריסט עס שוין פיני'ן, נאָר ער מאַכט זיך ניט וויסענ־דיג. פאַר איהם שטעלט זיך איין זיין ווייבל טייבעלע. איהר קענט זי. איך האָב שוין וויפיעל מאָל געדעדט פון איהר. איך האָב

ווייטער געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז ברכה איז אַזש געוועזן בלוי פאַר כעס. דעם כעס האָט זי אויסגעלאָזט צי מיין ברודער אליהו.

דערנאָך האָט זי זיך געוואָלט נוקם זיין אין מיר. האָט זיך די מאַמע אָנגענומען מיין קריוודע. האָט איהר ברכה געזאָגט אַ גראָב וואָרט, אויסגעוואָרפען דעם טאַטען דעם חזן. האָט זיך די מאַמע צעוויינט. האָט זיך אליהו צעשריגען אויף איהר, אַז זי מאַכט אונז אומגליקליך. מיר זענען נאָך ניט פאַרטיג, זאָגט ער! וואָרום אַז מיר וועלען אַריינקומען קיין אַמעריקע בשלום, וועלען מיר ערשט דערמאָלט באַדאַרפען, זאָגט ער, נאָך אַ מאָל באַווייזען, אַז מיר האָבען, זאָגט ער, געזונטע אויגען.

נאָר איך האָב מיך אַ ביסעל פאַררעדט און האָב שיער פאַרגעסען, אַז איך האָב אייך נאָך גאָרניט דערצעהלט וועגען דער וואסערשטוב.

ד.

אַך, ווי שען דאָס איז! אַך, ווי גרויס! און אַך, ווי גוט מיר איז!

אַ קייסער, זאָגט מען, איז גוט. מיר — איז בעסער. דאָ בין איך בעל־הבית.

איך און דער קאַפּיטאַן. אַ מענטש אַ גבור. גאָלדענע קנעפּ מיט גאָלדענע „פּאַלעטען", און וואָנסעס מורא'דיגע, גראָבע, גרעבער ווי בערד. אין מיטען אויסגעגאָלט. אויגען — מחיה'דיגע. זיי שמייכלען ביי איהם שטענדיג. אפילו דעמאָלט, ווען ער בייזערט זיך. אַ דימענט פון אַ קאַפּיטאַן! איך האָב איהם ליעב — סכנות! איך האָב איהם אָפּגעמאָהלט מיט אַ בלייערעל אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער, ווי ער שטעהט און געהט. אפילו מיט

אהער — לויפען זיי אהער. מע הייסט זיי לויפען אהין — לויפען זיי אהין. מע זאָל זיי הייסען שפרינגען אין וואסער — וואָלטען זיי אויך געשפרונגען אין וואסער.

איהר האָט באַדאַרפט זעהן זייער ארבייט גאָר אין אָנהויב, ביי'ם ברעג, איידער די וואַסערשטוב האָט געריהרט פון אָרט. וועה־וועה! ווי די רוחות, ווי די מלאכי־חבלה — אזוי האָבען זיי געאַרבייט.

קודם כל האָבען מיר באַדאַרפט דורכלאָזען די זאַכען. אַלע־מענ'ס פעקלעך, אַלעמענ'ס קאַסטענס און אַלעמענ'ס בעטגעוואַנט. „באַגאַזש" ווערד עס אָנגערופען. אפשר צעהנטויזענד שטיק באַ־גאַזש. און אפשר מעהר.

און דאָס אַלסדינגג האָט מען באַדאַרפט אַרויפפעקלען ארויף אויפ'ן שיף. אַ גוטע ארבייט! איהר מיינט, מיט די הענט? חס וחלילה! וואו וועט איהר נעמען אזוי פיעל הענט? ס'איז פאַרהאַן אַ בעסערע עצה.

איין עלעפאַנט האָט איהר אַמאָל געזעהן? איין עלעפאַנט מיט אַ לאַנגען סנאָבעל? נו, איז פאַרהאַן אזא מאַשין, אַ גרויסע מאַשין, וואָס האַפּט דעם אָפּבליק פון איין עלעפאַנט מיט אַ לאַנ־גען סנאָבעל. אָט הויבט זיך אויף דער סנאָבעל, דרעהט זיך כלומרשט שלעפעריג אויף אַ זייט, לאָזט זיך אַראָפּ פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע. און אז ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, טהוט ער מיט אַ מאָל אַ חאַפּ־אויף צעהן־צוואַנציג־דרייסיג קאַסטענס און קעסטלעך, דרעהט זיך אויס צוריק אַרויף און לאָזט זיי אַראָפּ אויפ'ן שיף.

דערנאָך נאָך אַ מאָל זיך אויפגעהויבען, נאָך אַ מאָל זיך אויסגעדרעהט, אַ חאַפּ די קאַסטענס מיט די קעסטלעך, און ווידער אויפ'ן שיף.

אָט אזוי האָבען מיר ביסלעכווייז אריבערגעפעקלט דעם גאַנצען באַגאַזש. מיר ביידע, איך און דער קאַפּיטאַן, זענען ניט אָפּגעטראָטען ביז'ן סוף.

זי ליעב. זי איז אַ קליינינטשקע און אַ שטילינקע. נאָר זי האָט אַ טבע — טאָמער ריהרט מען אָן איהר פּיני'ן, איז חושך! האָט זי אָפּגעשפּיעלט מיין ברודער אליהו'ן אַ וויוואַט!

זי האָט איהם ניט געזאָגט גאָרניט. זי האָט איהם נאָר אַ פרעג געגעבען: „מיט וואָס איז אַ בייגעל־בעקער שענער פון אַ זייגערמאַכער?"

דאָס איז געווען אַ שטאָך אונז אַלעמען אויף אונזער מחותן יונה דעם בעקער.

אודאי האָט דאָס אָנגעריהרט ברכה'ן מעהר ווי אונז אַלעמען. יונה דער בעקער — דאָס איז דאָך איהר טאַטע, וועט זי שווייגען? אַ גליק, וואָס די מאַמע איז דערביי געזעסען, האָט זי זיי קוים־קוים צענומען!

נאָר איך האָב מיך שוין ווידער פאַררעדט און פאַרגעסען, אַז מיר האַלטען ביי דער וואַסערשטוב.

ח.

גוט איז נאָר אונז! מיר און דעם קאַפּיטאַן. מיר ביידע האָבען צו שאַפען דאָ אויף אַלסדינג. ער, דער קאַפּיטאַן, הייסט עס, דאָרט אויבען ביי די קוימענס, און איך, מאָטעל פּייסי דעם חזנ'ס יונגעל, דאָ אויפ'ן צווישענדעק.

אויף אונז ביידען שטעהט די גאַנצע וואַסערשטוב. די שטוב מיט איהרע אַלע קליינע שטיבעלעך מיט דער גאַנצער מאַשי־נעריע, וואָס קלאַפּט און טראַסקעט און הוידעט און פּייפט און קרעכצעט.

איטליכער האָט זיך זיין אַרבייט. דער קאַפּיטאַן אויבען טהוט גאָרניט. ער שטעהט נאָר און רעדט דורך אַ רעהר צו די מאַטראָסען. און די מאַטראָסען — אָנגעטהאָן אין לאַמפּאַסענ־דיגע לייבלעך מיט קיילעכיגע היטעלעך — פּיניען מיט דער נשמה. וואָס מע הייסט זיי, דאָס טהוען זיי. מע הייסט זיי לויפען

מענטשען און מיט אַלע זאַכען הויבט זיך ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ, און מיר פאָהרען, מיר פאָהרען — קיין אַמעריקע!

האָב איך אָבער פיינט זיצען לעדיג. שטעה איך אויף און לאָז מיך באַטראַכטען די וואַסערשטוב פון אַלע זייטען. זעה איך מענטשען, אין רויטע זשילעטען אָנגעטהאָן און מיט גאָלדענע קנעפּ.

די דאָזיגע מענטשען זענען געשטעלט געוואָרען אויף צו באַדיענען אונז. זיי הייסען דאָ א מאָדנעם נאָמען. „סטיו־ווארטס" רופט מען זיי. און זייער עובדה איז: זיי טראָגען ארום אין גרויסע בעקענס כל'ערליי מינים עסענוואַרג און פלעשלעך מיט משקה און סיפאָנעס מיט זעלצערוואַסער און מיט לימענאַדע.

איך האָב ליעב לימענאַדע דאָס חיות! אין לאָנדאָן האָב איך מיך באַקענט מיט דער דאָזיגער משקה. דאָרטען רופט מען דאָס „לעמאָנעייד". האָט זיי מיין שוועגערין ברכה אויסגעלאַכט מיט זייער לשון. אז פייף איז ביי זיי פינף, א קאָפּיקע איז א פעני, טיימעס איז צייט און לימענאַדע איז גאָר „לעמאָנעייד" — מעג עס ניט ברענען אויפ'ן פייער?

אזוי זאָגט ברכה. און איך זאָג: לאָז זיין לימענאַדע, לאָז זיין לעמאָנעייד, אבי ס'איז גוט. ס'איז זיס און סע שטשיפּעלט ביי דער צונג.

איין חסרון האָט עס — מע באַדאַרף דערפאַר צאָהלען. און צאָהלען איז מיין ברודער אליהו (ער איז דאָך דער קאַסירער) קיין בעלן ניט. ער זאָגט, אז א שיפסקאַרטע איז שוין מיט אַלעמען. מיט עסען און מיט טרינקען און מיט אַלסדינג.

אך, וואָס פאַר א עסען, וואָס פאַר א טרינקען מע גיט אונז דאָ! דריי מאָל א טאָג. פיער מאָל א טאָג. פינף מאָל א טאָג. עס האָט גאָר קיין שיעור ניט. און צום מיינסטען עסען מיר דאָ „פּעטעיטעס".

דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבען ביי אונז די רעכטע ארבייט. גיעה ריהר אזא מאכינע פונ'ם אָרט! אי־אי, וואָס מיר האָבען צעארבייט! דער קאפּיטאַן איז ניט אָפּגעטראָטען פונ'ם טרייבעל. די מאַטראָסען זענען ארומגעלאָפען ווי די משוגעים. און איך בין אויפ'ן צווישענדעק. די הענט האָלט איך אין די קעשענעס און געב אכטונג אויף דער ארבייט, ווי די וואַסער־שטוב ריהרט וואָס ווייטער אלץ שטארקער און אלץ גיכער. און איך קוק אראָפּ אין ים אריין, און איך מיין, אז מיין ברודער אליהו איז גערעכט:

דער ים האָט ניט קיין גרונט!

ו.

זינט איך לעב האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַזוי פיעל מענטשען, איך מיין, אַזוי פיעל אידען, ווי דאָ, ביי אונז אין וואַסערשטוב, אויפ'ן צווישענדעק.

— קיין עין־הרע! קיין בייז אויג! — זאָגט די מאמע און טרערען שטעהען איהר אין די אויגען.

אַ סך פון זיי האָבען מיך דערקענט. און אַ סך האָב איך דערקענט. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב זיי גע־זעהן — איך געדענק שוין ניט וואו: צי אין קראָקע, צי אין לעמבעריג? צי אין וויען ביי דעם „אָליאַנץ", צי אין אַנטווערפּען ביי דער „עזרה"? מע באַדאַרף אַ פרעג טהון ביי דער מאמע. זי קער וויסען. נאָר איך וועל נאָך צייט האָבען שפּעטער. דער־ווייל דארף מען פּאָהרען. האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף אַיין אייזערנער טומבע רייטענדיג און קוק גאָר אין הימעל אריין.

איך וויים ניט, צי איז דאָס הימעל, צי איז דאָס וואַסער? אָט איז עס, דאכט זיך, הימעל, און אָט איז דאָס וואַסער, און אָט איז דאָס שוין ווידער הימעל. און די וואַסערשטוב מיט אַלע

זיך דעם טוידט. מיין ברודער אליהו איז געלעגען מיט'ן פּנים אַראָפּ אין געוויינט, ווי אַ קליין קינד. ברכה, זיין ווייב, האָט אַזש אויפגעהערט צו שילטען זיך. ס'איז איהר פאַרגאַנגען אַזעלכס, אַז זי האָט שוין גאָר פאַרגעסען, וואוהין זי פאָהרט און וואו זי איז אין דער וועלט. די גרינע גאַל האָט זי אוועקגע־געבען!...

נאָר איין פּיני האָט זיך געהאַלטען ווי אַ קאָזאַק. ער איז אַרומגעלאָפען, די הענט אין די קעשענעס. געקוקט דורך די ברילען אַרויף. איין הויז אַראָפּ, איין הויז פאַרקאַטשעט. דאָס האַלזטיכעל איז פאַרפאָהרען וויים איך וואוהין. ער האָט אַרומ־געשפּאַנט הין און צוריק איבער'ן צווישענדעק און האָט געמאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, געדעדט, געשאָטען מיט ווערטער: בהמות! פערד! אָכסען! ווייסען ניט, אַז ס'איז דאָ אַ „זאַקאָן פריראָדע"! אַז וויבאַלד עס וואַרפט מיך אַהער — דאַרף איך מיך נעמען אַהין. און אַז עס וואַרפט מיך אַהין — דאַרף איך מיך נעמען אַהער. דאָס איז דאָך אַ זאַקאָן פריראָדע!...

אַ מחיה אָנצוקוקען אונזער חבר פּיני'ן בעת ער קאָכט זיך. איך זאָל ניט מורא האָבען פאַר מיין ברודער אליהו, און ס'זאָל מיר אַזוי ניט וועה טהון דער קאָפּ, וואָלט איך איהם אַראָפּגע־האַפּט מיט'ן בלייערעל אויף פּאַפּיער מיט די הייזען און מיט די ברילען, ווי ער שפּאַנט אַרום און שרייט „זאַקאָן פריראָדע". עס וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט.

פּיני האָט אַזוי לאַנג גע'טענה'ט „זאַקאָן פריראָדע", ביז ער האָט געמוזט אָפּטרעטען אויף אַ זייט. אָנגעבויגען זיך און באַוויזען דעם אייגענעם „זאַקאָן פריראָדע", וואָס אַלע...

דערנאָך, אַז ס'איז געוואָרען שטילער, אוים שטורעמווינט, און די זון האָט זיך באַוויזען — האָבען אַלע אויפגעלעבט. און פּיני אויך בתוכם.

ער האָט שוין מעהר ניט גערעדט פון „זאַקאָן פריראָדע".

איך זעה אָבער, איהר ווייסט ניט, וואָס הייסט עס „פּעטעי־טעס". וואָס איז דאָס? און מיט וואָס עסט מען דאָס?

עסען עסט מען דאָס מיט ברויט און מיט געבראָטענעם הע־רינג, און אַ טעם האָט דאָס פון קארטאָפלעס.

דאָס הייסט, ס'איז טאַקי אונזערע קארטאָפּלעך, נאָר דאָ הייסט עס „פּעטעיטעס".

מיין שוועגערין ברכה זאָגט אפילו, זי זאָל האָבען די ברכות, וואָס אונזערע קארטאָפּלעס זענען בעסער און זיסער אין געשמאַ־קער. נאָר ווער האָרכט זי, וואָס זי זאָגט? אפנים, ס'איז דען פאַרהאַן אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל איהר געפעלען?

איך האָב מורא, אַז זי וועט קומען קיין אמעריקע, זאָל איהר אמעריקע חלילה אויך ניט געפעלען.

וואָס דאַרפט איהר מעהר — אַז אפילו די וואַסערשטוב, וואָס מיר פאָהרען אויף איהר, זאָגט זי אויף איהר אויך אַ חסרון. איך זאָל האָבען די ברכות, זאָגט זי, וואָס ביי אונזער לייזער'ען אין בויד איז בעסער! דאָרטען, זאָגט זי, אַז מע פאָהרט, פאָהרט מען. און דאָ שלעפּט מען זיך און מע שלעפּט זיך און סע גייט ארויס די נשמה. דער מאַמע'ס מילך, זאָגט זי, האָב איך זיי שוין אוועקגעגעבען!...

ז.

דאָס מיינט זי די קרענק, וואָס מיר האָבען געקרענקט דעם ערשטען טאָג פון אונזער נסיעה אויפ'ן ים. ס'איז געווען אַ שטורעמווינט און ס'האָט געוואָרפען אונזער וואַסערשטוב העכער הייזער. איז אונז אַלעמען געוואָרען נישט גוט אויף צו חלש'ען. אַ סך האָבען טאַקי גע'חלש'ט. ערגער ווי גע'חלש'ט. געווען כמעט ווי געשטאָרבענע. טייבעל, פיני'ס ווייב, האָט מען גע־ראַטעוועט מיט הייסע האַנטיכער. די מאַמע האָט געבעטען אויף

מאָהלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אזוי! וויפיעל מאָל האָט ער מיר צוגעזאָגט, נאָך אין לעמבעריג און אין וויען און אין אנט־ווערפּען און אין לאָנדאָן, אז ער מאַכט מיך פאַר א קאַליקע? דאָס זאָגט ער נאָר אַזוי בעת ער איז אין כעס. דעמאָלט פלעגט ער זיין כמעט כסדר אין כעס. איצט שוין ניט. איצט איז ער מיט א מאָל געוואָרען ווייך, ווי פּוטער. איך ווייס אפילו פאַר וואָס. ער האָט אַליין מורא געהאט פאַר דער מאַמע'ס אויגען. טאָמער לאָזט מען זי ניט אַרויף אויפ'ן שיף — וועלען מיר ניט קאָנען פאָהרען קיין אמעריקע.

האָט גאָט געטהאָן א נס — מע האָט דער מאַמען דורכגע־לאָזט. מע האָט איהר אפילו קיין קוק נישט געטהאָן אין די אויגען אריין. פאַרקעהרט — מע האָט זי נאָך אונטערגעשטופּט, זי זאָל שוין גיכער אַרויפגעהן אויפ'ן שיף מיט איהרע פּעקלעך. פאַר פרייד האָט זי זיך דערנאָכדעם אַזש צעוויינט. האָט איהר מיין ברודער אליהו נאָכדעם פירגעהאַלטען: נו? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? האָסט דו באַראַפּט פאַרגיסען אזוי פיעל טרערען? ענטפערט איהם די מאַמע און ווישט זיך די אויגען:

— פון וואַנען ווייסט דו, אז דאָס האָבען נישט געמאַכט מיינע טרערען?

און זי וויינט שוין ווידער!

ווערד מיין ברודער אליהו אויסער זיך. ער בייסט זיך די פינגער און רעדט צו איהר שטיל, און מעהר אויף לשון־קודש, בכדי די מאַטראָסען מיט די „סטיו־וואַרטס" זאָלען ניט פאַר־שטעהן:

— וויש אויס די עינים, וואָרום איידער מיר הלכ'ענען אריין אין דער מדינה, קאָן מען אונז נאָך דריי מאָל זאָגען השיבנו נאַזאַד...

קאָן דאָך אָבער ברכה קיין עולה ניט ליידען. זאָגט זי צו איהם:

— ביים דיר אָפּ די צונג!

ח.

אבי איך האָב געמיינט, אז נאָר ביי אונז אין צווישענדעק איז א וועלט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז אהוץ אונז, עמיגראנ־טען, פאָהרען אויף דער וואסערשטוב נאָך א כך, א סך מענטשען. צום מיינסטען פריצים, שררות, אָפיצירען, גענעראלען. און רייכע אידען. מיליאָנשטשיקעס!

פון זייערטוועגען איז פאראַן ביי אונז אין וואסערשטוב באזונדערע שטיבלעך. „קעבקעס" הייסען דאָ די דאָזיגע שטיב־לעך. איטליכער אין א באזונדער שטיבעלע.

א רחמנות — זיי קאָנען ניט זיצען אלע אינאיינעם, ווי מיר, עמיגראנטען, אויפ׳ן צווישענדעק. זיי, אז זיי ווילען זיך זעהן איינס מיט דאָס אנדערע, מוזען זיי ארויסקריכען פון זייערע נאָרעס און ארויפדראפּען זיך העט־העט אויף טרעפּ ארויף. און דאָרט איז פאראַן אזא זאל, וואו מע געהט זיך צונויף אלע מיליאָנשטשיקעס אינאיינעם און מע רעדט און מע שמועסט און מע עסט.

איך וואָלט א בעלן געווען וויסען, וואָס עסען זיי? אויך „פעטעיטעס" מיט געבראָטענעם הערינג?

איך וואָלט גלאט א בעלן געווען א קוק טהון, וואָס טהוט זיך דאָרטען. איך בין דאָרטען נאָך נישט געווען, נאָר איך וועל זיין, איך וועל געוויס זיין.

איך וואָלט שוין לאנג געווען דאָרטען — לאָזט מען מיך ניט.

א ביסעל לאָזט ניט די מאמע — זי האָט ביי מיר גענומען א האַנט תקיעת־כף באלד ווי מיר זענען ארויף אויפ׳ן שיף, אז איך וועל ניט אָפּטרעטען פון איהר אויף א האָר. און א ביסעל לאָזט מיך ניט מיין ברודער אליהו. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אז טאָמער וועל איך זיך דערוועגען ערגיץ געהן אָהן זיין וויסען, בלייב איך אָהן איין אויהער. דאָס הייסט, איין אויהער וועט ער מיר אָפּ־רייסען, דעם אנדערען וועט ער מיר איבערלאָזען.

דערזעהן א באקאנטען אידען, פון איין שטאדט, האבען מיר זיך אלע א לאז געגעבען צו איהם:

— רב נחמן! ס'איז איהר?

— ווער דען?

— איהר אויך דא?

— פאר וואס ניט?

— אויך קיין אמעריקע?

— איך בין דען קיין איד ניט?

— וואוהין — קיין נעיארק?

— וואוהין דען?

און ס'איז אוועק ביי זיי א שמועס פון דער היים און פון דער נסיעה, און פון דער גע'גנב'עטער גרעניץ, און פונ'ם קאמי־טעט, און פונ'ם אויגען־דאקטאר, און דער עיקר פון אונזער שטאדט און פון איהרע מענטשען — טויזענטער, טויזענטער באקאנטע. וואס מאכט דער? וואס מאכט יענער? ווער איז געבליבען אין דער היים און ווער איז ארויסגעפאהרען קיין אמעריקע?

לאזט זיך אויס, אז ארויסגעפאהרען זענען אהין כמעט אלע. אך, ווי פרייליך עס דארף איצט זיין אין אמעריקע! מיר'ן קומען צו פאהרען, וועלען מיר טרעפען טויזענטער באקאנטע — די גאנצע שטאדט! און אונזער שכנ'טע פעסי די גראבע, מיט איהר מאן משה דעם איינבינדער, מיט איהר גאנצער חאליאסטרע, און מיין חבר הערשעל, אט דער, וואס מע רופט איהם „ושתי". אלע וועלען אונז פאהרען אקעגען. אלע וועלען אונז אפגעבען שלום־עליכם. ס'וועט אונז זיין גוט און וואויל און פרייליך.

ווי דערלעבט מען דאס שוין! וויפיעל דארף עס נאך גע־דויערען? וויפיעל טעג הארפען מיר נאך זיין דא, אין דער וואסערשטוב?

ווען פרעגט מען? מיין ברודער אליהו'ן? — האט ער פיינט, אז מע דולט איהם מיט אזעלכע זאכען. ער קאן אייך אראפלאזען א פאטש, אז איהר זאלט זיך באוואשען!

זאָגט איהר אליהו:

— פּרה אדומה.

פרעגט איהם ברכה:

— וואָס הייסט דאָס?

מישט זיך שוין אריין אונזער חבר פּיני און פאַרטייטשט איהר די ווערטער „פּרה אדומה”:

— אז דער מאַן איז אַ פּרא אָדם, איז דאָס ווייב אַ פּרה אדומה.

ענטפערט איהם אָפּ ברכה:

— מע דאַרף ניט האָבען קיין גרעסערען פּרא אָדם, ווי דו ביזט.

פאַרדריסט עס פּיני'ס ווייב, טייבלען, און זי טהוט אַ זאָג גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין:

— גאָט האָט ניט געהאַט וואָס צו טהון, איז ער געגאַנגען און האָט דעם גאַנצען שכל מיט דער גאַנצער חכמה אוועקגעשענקט צו יונה דעם בעקער מיט זיינע קינדער.

מאָהלט אייך, טייבעל וואָלט זיך ניט געגאַרט פון מיין שוועגערין ברכה פאַר אַזאַ שטאָכוואָרט. האָט זיך געטראָפען אַ נס. ווער איהר הערען, וואָס אין אַ וואַסערשטוב קאָן זיך פאַרלויפען.

ט.

אזוי ווי מיר זיצען און שמועסען זיך אויס, וואַכסט־אויס, ווי פון'ם ים אַרויס — טרעפט ווער? — נחמן דער סטאָלער.

איהר דאַרפט איהם געדענקען. דאָס איז דאָך טאַקי דער נחמן מיט'ן רויטען נאָגעל פון לאַק, וואָס האָט געהאַט אוועקגעקויפט ביי אונז אַמאָל די גלעזערנע שאַפע, בעת דער טאַטע, עליו השלום, איז געלעגען קראַנק און ס'איז ניט געווען, מיט וואָס איהם צו ראַטעווען.

נחמן איז געקומען דעמאָלט מיט זיינע צוויי בנים, קאָפּעל און מענדעל, אַרויסגעטראָגען די שאַפע און צעבראָכען דאָס גלאָז.

„אידען, ראַטעוועט!״ ברענט זי ווי אַ ליכט. געוואָרען שוואַרץ, ווי אַ האָלעוועשקע. דריי טעג מיט דריי נעכט געמוטשעט זיך און ערשט אויפ׳ן פערטען טאָג געשטאָרבען.

י.

— ברוך דיין אמת! ווער בעט אייך איהר זאָלט דער־צעהלען אזעלכע מעשיות, בכדי מיין מאַמע זאָל האָבען וואָס צו באַוויינען און אויסוויינען דאָס לעצטע ביסעל אויגען?

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און פאַלט־אָן אויפ׳ן סטאָלער. פאַרענטפערט זיך דער סטאָלער, אַז ערשטענס, וועלען מיר אַלע שטאַרבען. קיינער וועט זיך פונ׳ם מלאך־המות ניט אויס־דרעהען, ניט אויסקויפען און ניט אויסבאַהאַלטען זיך. און וועמען דער טוידט איז באַשערט, וועט ער איהם אפילו אין אמעריקע אויך טרעפען, ווי מיר האָבען געזאָגט היינטיגען ראש־השנה אינ׳ם ונתנה־תוקף: מי באש ומי במים...

שלאָגט איהם איבער מיין ברודער אליהו:

— איהר זענט דען געוואָרען אַ מגיד, וואָס איהר האָט זיך אָוועקגעשטעלט זאָגען מוסר? איהר זענט, דאַכט זיך, געוועזען אַמאָל אַ איד אַ סטאָלער.

— געוועזען אין דער היים אַ סטאָלער, און מיט סטאָלעריי וועל איך זיך פאַרנעמען אין אמעריקע.

— וואָס זשע האָט איהר זיך דערמאַנט פּלוצים אינ׳ם ונתנה־תוקף?

— וואָס הייסט? ס׳איז דאָך עפּיס היינט עשרת־ימי־תשובה אויף דער גאַנצער וועלט!...

שאַט! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז מיר האָבען זיך אויפ־געזעצט אויפ׳ן שיף באַלד נאָך ראש־השנה, און אַז מיר האָבען איצט עשרת־ימי־תשובה! אויב אַזוי, האָבען מיר דאָך באַלד יום־כפור.

פרעגען ביי אונזער חבר פיני׳ן? — האָט ער אַ טבע: אָדער ער ענטפערט אייך מיט אַ שנעל אין ליפּ, אָדער מיט אַ ווערטעל:

— אז דו וועסט אַלסדינג וויסען, וועסט דו גיך אַלט ווערען.

אָדער:

— מ׳עט אזוי לאַנג פאָהרען און פאָהרען, ביז מ׳עט קומען צו פאָהרען.

אָדער:

— זייַ רוהיג. מ׳עט דיר שיקען זאָגען דורכ׳ן שילאַטען־שמש.

אָדער גאָר:

— וויש אָפּ די נאָז...

איכ׳ל בעסער פרעגען ביי דער מאַמען.

געה איך צו צו דער מאַמען — וויינט זי! וואָס איז די מעשה? — נחמן דער סטאָלער האָט איהר דערצעהלט, אַז ענטעל איז געשטאָרבען.

דאָס איז אונזערע אַ שכנה, און טאַקי אַ שטיקעל אייגענע. מחותנ׳עשאַפט.

אונזער מחותן יונה דער בעקער האָט געהאַט אַ שוועסטער, איטע־מייטע. זי איז שוין לאַנג אויף דער אמת׳ער וועלט. איז דאָס איהרע אַ שנור. אַ געוועזענע שנור. זי האָט מיט איהר מאַן געהאַט גע׳גט זיך און נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט. דוקא פאַר איין אַלמן, און דוקא גוט געטראָפען. אָהן קינדער. דאַרף זיך טרעפען איין אומגליק: זי צינדט אָן אַ לעמפּעל, פּלאַצט דאָס גלעזעל. חאַפּט דער רוח דאָס גלעזעל. ניין! שרעקט זי זיך איבער און לאָזט־אַרויס דאָס לעמפּעל. גיסט זיך אויס דער קאַרעסין. צינדט זיך אָן אויף איהר דאָס קליידעל און הויבט אָן ברענען. נעם זשע און וואַרף אַראָפּ דאָס קליידעל — ניין! לויפט זי אַרויס אין דרויסען און מאַכט אַ גוואַלד, צעלאָזט זיך דאָס קליידעל און עס צעבלאָזט זיך דאָס פייער נאָך שטאַרקער. וויל מען זי ראַטעווען — לאָזט זי זיך ניט. לויפט און שרייט:

ניט שוין זשע וועלען מיר האלטען יום־כפור אָט דאָ, אין דער וואסערשטוב? אָט דאָ וועלען מיר שלאָגען כפרות? אָט דאָ וועלען מיר זיך פארפאסטען און אָפּפאסטען? אָט דאָ וועלען מיר דאַווענען? זיך שלאָגען על־חטא? און וואו וועלען מיר נעמען א חזן? איין עמוד? א ספר־תורה? און א שופר אויפ׳ן לעצטען בלאָז? און חלש־טראָפּענס? און נאָך און נאָך א סך אזעלכע זאכען, וואָס מע קאָן זיך אָהן דעם יום־כפור ניט באגעהן?

אין וואסערשטוב יום־כפור?

יום־כפור אויפ׳ן וואסער?!...

42
(3)
1225 8-3M

WITHDRAWN
From Toronto Public Library

[redacted]
3 1385 02829 9830

DATE DUE
31AU93
DATE DUE
29AU95
DUE

SHOLEM ALEICHEM, 1859-1916.
OYSGEVEILTE VERK